STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06300

*Copyright in this work is held by
Fundación IWO Buenos Aires, Argentina.
The Yiddish Book Center is grateful to the
copyright holders for permission to
include this work in the
Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# OYSGEKLIBENE SHRIFTN

David Bergelson

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06300-2

D:\YIDDISH\Titles\9780657063009T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דוד בערגעלסאָן

# אויסגעקליבענע שריפטן

★

יוסף ליפשיץ־פאָנד
פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ

PARA USO PERSONAL
SIN FINES [illegible]

**David Bergelson — Oisgeklibene Shriftn**

---

**David Berguelson — Novelas y Drama**

Copyright 1971, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

---

Este libro se terminó de imprimir el día 5 de enero de 1971, en los Tall. Gráficos "Zlotopioro S.A.C.I.F.", Sarmiento 3149, Bs. Aires

דוד בערגעלסאָן

# אויסגעקליבענע שריפטן

ראָמאַן, דערציילונגען, דראַמע

פֿראַגמענטן פֿון פֿאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

44סטער באַנד פֿון ציקל
מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור
אַרויסגעגעבן פון
י ו ס ף  ל י פ ֿ ש י ץ ־ פ ֿ אַ נ ד
פֿון דער
ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ
אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור
יעקבֿ־יהושע לערמאַן

טיראַזש 1.500 עקזעמפּליאַרן

יאָר ה׳תשל״א — 1971
ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

# תּוכן

זײַט

ביאָגראַפֿישע שטריכן — 6
פּאָרטרעט — 7
דוד בערגעלסאָנס ווערק אין בוכפֿאָרעם — 9

פֿאָרבאַמערקונגען — 10

שמואל ראָזשאַנסקי — **דוד בערגעלסאָן, דער העלד און קרבן פֿון שאָטנשפּיל** — 11

דער טויבער — 19
אָפּגאַנג — 51
פֿון „בירעבידזשאַנער“ — 249
גראָד זי — 265
פּרינץ ראובני — 279

צו דער כאַראַקטעריסטיק — 291
א. ווײַטער — **דוד בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל“** — 292
נחמן מײַזיל — **דוד בערגעלסאָן פֿון „וואָקזאַל“ ביז „אָפּגאַנג“** 294
ש. ניגער — **די רעוואָלוציע אין מיניאַטור** — 299
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — **פֿון „דאָס פּוילישע יִנגל“ ביז „פּענעק“** 304
דוד בערגעלסאָן — **די מלחמה און די ייִדיש־סאָוויעטישע ליטעראַטור** — 307
יצחק באַשעוויס — **דוד בערגעלסאָנס אָנהייב און סוף** — 311
י. גיל — **דוד בערגעלסאָן אין זײַן סאָוויעטישן פּעריאָד** — 315
חיים שאָשקעס — **בײַ דוד בערגעלסאָנס אַלמנה אין מאָסקווע** 316

בילד: שלמה מיכאָעלס **אין דער ראָלע פֿון דוד בערגעלסאָנס** דער טויבער — 50

# ביאָגראַפֿישע שטריכן

דוד בערגעלסאָן, וועלכער איז אין די לעצטע 26 יאָר פון זײַן לעבן געווען אַ געשווירענער סאָוויעטישער שרײַבער, דער ראש־המדברים פון די ייִדישע שרײַבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז געבוירן געוואָרן דעם 12טן אויגוסט 1884 אין אָכרימאָווע (סאַרנע), אוקראַיִנע, און דעם 12טן אויגוסט 1952 איז ער דורך דער סאָוויעטישער רעגירונג דערשאָסן געוואָרן.

*

זײַן טאַטע, אַ תבואה־סוחר, אַ למדן און אַ טאַלנער חסיד, האָט אים אַרײַנגעפירט אין תורה לערנען און אין טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. דער מאַמעס יחוס און איר אייגענע ליבע צום לייענען, ספּעציעל ייִדיש, האָט געשטאַרקט דעם יסוד פון דער ייִדישלעכער שטוב. איז כאָטש ער האָט דעם טאַטן פאַרלוירן, ווען ער איז קוים 9 יאָר אַלט געווען און די מאַמע איז אים אַוועקגעשטאָרבן, ווען ער איז 14 יאָר אַלט געווען, האָט דוד בערגעלסאָן, אַז ער האָט צו די 13 יאָר אָנגעהויבן שרײַבן, האָט ער געשריבן אויף העברעיִש. 2 ראָמאַנען געשריבן. ער האָט פאַרשיידענע ווערק אָנגעהויבן אין העברעיִש, אויך שפּעטער. די ציטעריקייט, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים אַרויסגעוויזן, ווײַל ער איז געווען אַ בן־זקונים, האָט אים אויך שפּעטער באַגלייט, אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון זײַן לעבן. נאָכן פאַרלירן די עלטערן, האָבן די עלטערע ברידער אים אויסגעהאַלטן (מיטן חלק פון דער ירושה, וואָס האָט אים געקומט). אין 1901 זיך באַזעצט אין קיִעוו. געלערנט רוסיש און גיך געפּרובירט שרײַבן אויף רוסיש. אָבער אַלע זײַנע ערשטע פּרוּוון האָבן אים קיין נחת נישט געבראַכט. ניט זײַן ווענדן זיך מיט זײַנע ערשטע שריפטן צום העברעיִשן „הזמן” אין ווילנע, ניט זײַן ווענדן זיך צו י. ל. פּרצן האָט געהאַט אַ פּעולה. אַפילו די, וואָס האָבן אין אים געזען אַ שרײַבער, האָבן אים נישט געענטפערט. אויך אין לערנען פּריוואַט, אויף אַרײַנגיין אין אוניווערסיטעט, נישט געהאַט קיין מזל: דורכגעפאַלן. אויב ער איז געגאַנגען אויף קורסן פון דענטיסטיק, איז עס געווען ווי אַ פרײַער צוהערער.

ביז ער האָט דדעבוטירט, אַרויסגעבנדיק אויף זײַן אייגענעם חשבון, אין 1909, אין וואַרשע, זײַן בוך אַרום וואָקזאַל. נאָך דער ערשטער קריטיק פון א. ווײַטער האָבן זיך גענומען הערן שבחים פון אַלע זײַטן. און באַלד האָט די ליטעראַטור־קריטיק אין אים דערזען אַ נײַעם כוח אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

*

מיטן אָנהייבן זיך דרוקן איז שנעל באַרימט געוואָרן דער נאָמען דוד בערגעלסאָן ווי אַ באַנײַער אין דער ייִדישער פּראָזע, אַ שרײַבער מיט אַן איי־



דוד בערגעלסאָן ערב דער 2טער וועלט־מלחמה

גענעם סטיל און אַ שילדערער פון דער ירידה אין שטעטל און באַדנלאַזיקייט פון דער אינטעליגענץ. נאָך די דערציילונגען „יורדים", „דרויב" א"אַ, אין 1909—1910, קומט „דער טויבער" (1911), וואָס איז נאָכן 1טן וועלטקריג סצעניזירט געוואָרן, דורכן מחבר אַליין און דורך אַ ריי רעזשיסאָרן, אויפגעפירט אין פאַרשיידענע טעאַטערס אין אייראָפּע, אַמעריקע און (אויף עברית) אין ארץ־ישראל א"ט. אויבן און אונטן אָדער די ברויטמיל. עס קומען נאָך דעם אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט און נאָך אַלעמען (1913), וואָס אָט דער ראָמאַן באַפעסטיקט דעפיניטיוו זײַן נאָמען פון אַ גרויסן, אייגנאַרטיקן וואָרטקינסטלער.

ב., פאַרבעטן צו רעדאַקטירן די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון חודשניק די יידישע וועלט, פאָרט פון אָדעס, ווו ער האָט געוווינט אַ קורצע צײַט, קיין ווילנע, קערט זיך אָבער צוריק אין 1913 אין קיִעוו, שרײַבט־אָן זײַן ראָמאַן אָפּגאַנג, וואָס טייל באַטראַכטן ווי זײַן בעסט קינסטלעריש ווערק, געדרוקט אין אייגנס, ב' 2, קיִעוו 1920. אין אָט דעם זאַמלבוך דרוקן זיך יונגע רעוואָלוציאָנערע שרײַבערס, עקספּאָנענטן פון נײַעם רוסלאַנד. בערגעלסאָן, הגם ער באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע אַנדערע אויסגאַבעס פון רעוואָלוציאָנערן דרך, און איז מיטגרינדער פון קיִעווער „קולטור־ליגע", פאַרלאָזט רוסלאַנד, אין מאַרץ 1920, איז אַ קורצע צײַט אין קאָוונע, באַזעצט זיך אויף אַ צײַט אין בערלין, פאָרט אין שליחות פון „אָרט" קיין רומעניע און ווערט מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער פאָרווערטס.

*

נאָכן רעדאַקטירן די ליט' אָפּט' פון קונסט־זשורנאַל מילגרוים הייבט זיך ב. אָן צו דערנענטערן צום ראַטן־פאַרבאַנד. דעם אָנהייב מאַכט ער מיטן חודשניק אין שפּאַן, רעדאַקטירט צוז' מיט אַל. כאַשין אין 1926 אין בערלין. ער פאַרלאָזט דעם פאָרווערטס און ווערט מיטאַרבעטער פון דער טעגלעכער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער מאָרגן־פרײַהייט, הייבט־אָן מיט זײַן ראָמאַן מידת־הדין, וואָס דאַרף אים רעהאַביליטירן פאַר דער קאָמוניסטישער וועלט, און נאָכן באַזוכן פ"ש אין 1929 און אַרומפאָרן איבער דער וועלט, באַזעצט ער זיך אין 1933 אין מאָסקווע. באַזוכט אין 1934 ביראָבידזשאַן. זײַנע ווערק בײַם דניעפּער, ביראָ־בידזשאַנער א"אַ דאַרפן אים רעכטפאַרטיקן פאַר אַ קאָמוניסט נאָך פון דער מאַמעס בויך... געזעלשאַפטלעך האָט ער דאָס מאַניפעסטירט ווי אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט... אָבער נאָך דעם אַלעמען איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין 1948 און — אָפיציעל איז נישט געמאָלדן געוואָרן ביז הײַנט ווו ער איז אַהינגעקומען...

דוד בערגעלסאָנס לעצטע גרעסערע ווערק (אין דער 2טער וועלט־מלחמה) זײַנען: כ'וויל לעבן (1941) און פרינץ ראובני (1945).

# דוד בערגעלסאָנס ווערק אין בוכפאָרעם

אָרום וואָקזאַל, וואַרשע 1909, זז' 93; 2טע אויפלאַגע, ווילנע 1911; 3טע, בער־לין 1922, 4טע — ווילנע 1929; עטלעכע מאָל געווען איבערגעדרוקט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

נאָך אַלעמען, ווילנע 1913, זז' 344; 2טע אויפלאַגע, ווילנע 1929.

אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט, קיִעוו 1919, זז' 60; 2טע אויפלאַגע, בערלין 1922.

מעשה־ביכל, קיִעוו 1919; 2טע אויפלאַגע, בערלין 1928, מיט ליטאָגראַפיעס און האָלצשניטן פון לאַזאַר סגל, זז' מ"ח.

אָפגאַנג, קיִעוו 1920, זז' 227; 2טע אויפלאַגע, בערלין 1922; 3טע, ווילנע 1929; 4טע, נ"י 1955.

געקליבענע ווערק, 6 **בענד** (אָפגאַנג, אָרום וואָקזאַל, דער טויבער, יורשים, אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט, יוסף שור, דרויב, דער לעצטער ראש־השנה, אין איינעם אַ זומער, נאָך אַלעמען), **בערלין 1922—1923.**

שטורעמטעג, ווילנע 1928, זז' 303.

וועלט־אויס,וועלט־איַין, ווילנע 1929, זז' 275.

מידת־הדין, קיִעוו 1929, זז' 264. פאַראַלעלע אויפלאַגע, ווילנע 1929.

צוגווינטן, ווילנע 1930, זז' 278.

ביַים דניעפּער, 2 בענד, מאָסקווע 1932, זז' 575 און 539. 2טע אויפלאַגע, מאָסקווע 1936; 5טע, מאָסקווע 1947.

בירעבידזשאַנער, מאָסקווע 1934, זז' 275.

צווישן לעבעדיקע מענטשן, מינסק 1936, זז' 125.

נאָטע, מאָסקווע 1936, זז' 15.

טראָט נאָך טראָט, מאָסקווע 1938, זז' 319.

בירָאבידזשאַן, מאָסקווע 1939, זז' 34.

יידן און די פאָטערלאַנד־מלחמה, מאָסקווע, 1941, זז' 23.

דערציילונגען, מאָסקווע 1941, זז' 318.

געווען איז נאַכט און געוואָרן איז טאָג, מאָסקווע 1943, זז' 31, 2טע אויפלאַגע, ב"א 1944.

ניַיע דערציילונגען, מאָסקווע 1947, זז' 175; 2טע אויפלאַגע, ב"א 1949, זז' 222.

אַ שווערער כאַראַקטער, **בוקאַרעשט 1946.**

*

**טייל ווערק זײַנען אַ סך מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווילנע, וואַרשע, און שפּעטער אין ראַטן־פאַרבאַנד.**

*

פאַרן טעאַטער:

ברויטמיל, **דראַמע אין 3 אַקטן, ווילנע 1930 (געשפּילט געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד און פאַראייניקטע שטאַטן, אויפגעפירט געוואָרן אויך אויף דער דײַטשישער בינע אין פּיסקאַטאָר־טעאַטער).**

בײַם טעלעפאָן, **דראַמע, 3 אַקטן, געדרוקט אין „פרײַהייט", נ"י, מאַרץ־אַפּריל 1929.**

אין יידיש־סאָוויעטישן געריכט, **קאָמעדיע, איינאַקטער.**

פּרינץ ראובני, **דראַמע, 4 אַקטן, נ"י 1946.**

מיר ווילן לעבן (לא אמות, כי אחיה), **2 אַקטן, געדרוקט אין „שפּיגל", ב"א, סעפּטעמבער 1946, אויפגעפירט דורך דוד ליכט אין „איפט".**

*

**טייל בערגעלסאָנס ווערק זײַנען איבערגעזעצט אויף העברעיִש, רוסיש, דײַטש א"אַ שפּראַכן.**

## פאָרבאַמערקונגען

◈ אַט דער באַנד **דוד בערגעלסאָן**, וואָס דערשײַנט ווי דער 44סטער באַנד **מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור**, איז פּראָיעקטירט געוואָרן גלײַך בײַם אָנהייב פון פלאַנירן די דאָזיקע ביבליאָטעק. נאָר פּונקט ווי **אַנדערע וויכטיקע וואָרטשעפּערס**, וועלכע זײַנען נאָך ניט אַרײַן אין דער קאָלעקציע, אָבער **טאָרן נישט פעלן**, אַזוי האָט דער באַנד נישט געקאָנט פריער דערשײַנען.

◈ אין די לעצטע בענד **מוסטערווערק**, אַנטאָלאָגיעס פון **חורבן און ווידערשטאַנד אין דער יידישער ליטעראַטור**, זײַנען געדרוקט געוואָרן דוד בערגעלסאָנס איייניקע **כאַראַקטעריסטישע** שאַפונגען, וועלכע ברייטערן־אויס דאָס בילד, וואָס עס גיט דער דאָזיקער באַנד 44.

◈ פאַר דעם גלאָסאַר פון דעם באַנד, ספּעציעל פון סאָוויעטישן רוסישן ריידשטייגער, האָט מיטגעהאָלפן די ייוואָ־מיטאַרבעטערין פ' **פאַני רעמס־זאַק**. אַ דאַנק.

ש. ר.

# דוד בערגעלסאָן, דער העלד און קרבן פֿון שאָטנשפּיל

## דער האַמלעט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

דוד בערגעלסאָנס טראַגישער סוף איז דער פֿינאַל פֿון אַ קינסטלער, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן אַזוי לאַנג געצויבערט מיט זײַן שאָטנשפּיל, ביז ער איז אַליין געפֿאַלן אַ קרבן פֿון שאָטנשפּיל. „די בעסטיאַלישע האַנט, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם גרויסן פּראָזע־מײַסטער, האָט אָבער נישט געקאָנט גרייכן זײַנע ווערק"[1].

ווי האַמלעט, אַזוי איז דוד בערגעלסאָן געשטאַנען מיט זײַנע העלדן אויף טריט און שריט פֿאַר דער פֿראַגע פֿון זײַן אָדער נישט זײַן. אַפֿילו דער טויבער, ווי ער הערט נישט, ווי ער זעט נישט קלאָר, וואָס עס קומט אַרום אים פֿאַר, צאַפּלט זיך, ווי אַ צאַפּלמענטשעלע, צווישן טעמפּקייט און נקמה. „גאַנצע פֿיר יאָר — דערציילט בערגעלסאָן אין נאָך אַלעמען — האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היימישער קליינשטעטלדיקער שידוך און געענדיקט האָט ער זיך אָט ווי אַזוי: זי, ר' גדליה הורוויצעס בת־יחידה, מירעלע, האָט אים סוף־כּל־סוף די תּנאָים אָפּגעשיקט און אַליין ווידער אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן מיטן קרומען ליפּקיס". נאָכן ווײַזן, בײַם דניעפּער, ווי פּענעק, אַ צו־להכעיסניק, אַ משומד, שפּײַט אין פּנים אַלע היימישע, שפּײַט אין ברונעם פֿון וועלכן ער טרינקט, ווי אַ קאָמיוגיסט — נאָך פֿאַר דער רעוואָלוציע — שילדערט בערגעלסאָן, ווי גראָד זי, די ייִדישע רעוואָלוציאָנערע טאָכטער, נאָך וועלכער די שטוב איז אָפּגעזעסן שבֿעה, ווערט גאָר אויף דער עלטער אַ בעל־תּשובֿה־

---

[1] יעקב שטערנבערג — „דער גרויסער פּראָזע־מײַסטער", סאָוועטיש היימלאַנד, מאָסקווע 1964, ב' 4, ז' 12.

ניצע: ווי נאָר ס׳קומט וואָס פֿאַר אַ ס׳איז פֿרײַנטל, איז ער איר ליב און טײַער — גראָד זי צאָלט מיט דעם אָפּ צינדז פֿאַר דעם צער, וואָס זי האָט פֿאַרשאַפֿט טאַטע־מאַמע... און ער, בערגעלסאָן, וועלכער האָט נאָכן צוריקקומען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד זיך געהיט אין זײַן שאָטנשפּיל צו ייִדלען זיך, זינדיקן מיט נאַציאָנאַליזם, האָט גאָר, ערבֿ זײַן טראַגישן פֿינאַל, געוואָגט צו ווײַזן דעם פּרינץ ראובֿני, מיט אַ רירנדיקן ליריזם פֿון נאַציאָנאַלער וויזיע, וואָס רופֿט־אויס, ווי אַ לאָזונג פֿאַרן ייִדישן וועלטפֿאָלק: „דו קעמפֿסט, מײַן פֿאָלק — דאָס הייסט — דו לעבסט, מײַן פֿאָלק!"...

דוד בערגעלסאָנס גאַנצער שרײַבשטייגער איז פֿול מיט שאָטנשפּיל. ליריזם, וואָס דערגייט טייל מאָל ווי אַ שעפּטשען, ווי אַ סוד מיט אַ קול דממה דקה. זײַנע פֿיגורן גייען־אַרום ווי צווישן פֿאַרהאַנגען: זעט מען מער סילועטן ווי געשטאַלטן. און אַזוי טראַכטן זיי: צעפּיצלען די געדאַנקען... און אַזוי איז זייער ריידן: איבערגעהאַקטע רייד אַפֿילו אין די רעפּליקן, וואָס חזרן זיך איבער ווי רעפֿריינען אין אַ ליד... די רייד זײַנען ווי די מענטשן — אין שאָטנשפּיל...

אין אָפּגאַנג לויערט זעלבסטמאָרד פֿון אַלע ווינקעלעך. אַ ליאַדע רגע קען חיים־משה אײַננעמען סם, פּונקט ווי מלך... ס׳פֿעלט אַ האָר... און ס׳קען זײַן, אַז בײַ אַנדערע האָט דאָס לעבן שוין אויך אָנגעווירן דעם חן. „יעדע געשטאַלט זעט שוין אויס ווי אַ פֿאַרעקשנטער אומגליק, ווי אַ צו־להכעיסדיקער בזיון, ווי אַ קללה"[2]...

נאָר דאָס אומגליק, די קללה, דער צו־להכעיס און בזיון פּרעפּלט־אַרויס שטיל. „הערשט אַזאַ שטילקייט אין בערגעלסאָנס ראָמאַנען און דערציילונגען; מען הערט נישט קיין הויך קול אין דער שילדערונג פֿון מענטשן; זעלטן ווען, אַז דער דיאַלאָג זאָל בײַ אים

---

[2] דוד בערגעלסאָן — פֿון אַ בריוו צו ש. ניגערן, 18 יולי 1910, אין זאַמלביכער ב׳ 8, ניו־יאָרק 1952, ז׳ 90.

נעמען אַ העכערן טאָן״ [3]. זײַנע רייד לאָזן זיך הערן ווי אויף דיוואַנען, בײַם קאַמין, אין דעמערונג... אַפֿילו ווען ער רעדט אַ סך, דאַכט זיך אויס, אַז ס׳איז בײַ אים אַ רענדל אַ וואָרט... ווי בײַ אַ סאַלאָנמענטש...

דוד בערגעלסאָן — בעיקר ביז דעם סאָוועטישן פּעריאָד — איז דער אַריסטאָקראַטישסטער שרײַבער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳פּאַסט צו לייענען גאַנצע בלעטער פֿון נאָך אַלעמען אָדער אָפּגאַנג אונטער דער באַגלייטונג פֿון שאָפּענס לבֿנה־שײַן... בערגעלסאָן איז אַ שרײַבער פֿון אַ שאָפּען־געמיט — דער סענסיטיווסטער ליריקער פֿון דער ייִדישער פּראָזעקונסט.

## דאָס קול פֿון דער דעקאַדענטישער אינטעליגענץ

דוד בערגעלסאָן איז אַרײַן אין דער ייִדישער פּראָזע ווי דער אויסדערצײלער פֿון דער ייִדישער יורדישער אינטעליגענץ. ער איז אַ צווייטער שטאַפּל פֿון הערש־דוד נאָמבערג, אַ ווײַטערער עטאַפּ, פֿון אַן אַנדערן אָפּשטאַם און אַנדערע סאָציאַלע באַדינגונגען. נאָמבערגס קורסיסטן זײַנען געבליבן אין מיטן וועג און האָבן נאָך אַלץ אַ דראַנג צום לערנען — דער איינציקער ליכטיקער פּונקט אין זייער לעבן. בערגעלסאָנס געשטאַלטן זײַנען שוין „אויסגעלערנטע״, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט צו קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף מענטשן און זאַכן, ווײַל זיי זעען אומעטום אומגערעכטיקייט, צווייפּנימדיקייט און ציניזם, די ברוטאַלע האַנט פֿון שטאַרקן איבערן שוואַכן, פֿון רײַכן איבערן קבצן, פֿון באַלעבאָס איבערן משרת. נאָמבערג האָט נישט געוויזן די סאָציאַלע איבלען, נאָר די אינעווייניקסטע צעבראָכנקייט פֿון דעם ייִדישן אינטעליגענט בײַם אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, ווען די אַנטוישטע אינטעליגענץ האָט זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין קורסיסטעווען; בערגעלסאָן ווײַזט, אַז די ביל־

[3] שלמה ביקל — „יוסף אָפּאַטאָשו און דוד בערגעלסאָן״, פּנקס פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע, נ״י 1965, ז׳ 9.

דונג האָט גאָר נישט געגעבן, נאָר פֿאַרקערט, זי האָט צוגענומען בײַ דער יוגנט די אמונה... אַזוי ווײַזט ער אין „אָפּגאַנג", ווי „נאָך אײדער פּעטליורע און דעניקין האָבן אָנגעהויבן חרובֿ מאַכן דעם ייִדישן ישובֿ אין אוקראַיִנע" איז שוין דאָס ייִדישע לעבן דאָרט געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, הייסט עס, אַז דאָ „מיינט מען ניט דעם חורבן צוליב די פּאָגראָמען, נאָר דעם גײַסטיקן חורבן, וואָס ציט זיך שוין מער ווי אַ דור צײַט" [4].

דוד בערגעלסאָן האָט חריפֿותדיק דערשפּירט דעם אָנקומענדיקן שטורעם און צוזאַמענבראָך נאָך פֿאַר דעם 1טן וועלטקריג. „איצט — שרײַבט ער אין 1912 פֿון ווילנע קיין בערלין אין אַ בריוו צו ש. ניגערן — איז נאָך בײַ אונדז אַזאַ מין צײַט, ווען ס'ווערט געבוירן דער נײַער ייִד, וואָס באַדאַרף קומען און אויפֿרײַסן. ווייס איך, וואָס עס איז געווען דער פֿײַער פֿון דער אויסערלעכער רעוואָלוציע. דער פֿײַער איז איצט אַן אינערלעכער. ס'קומט־פֿאָר אינעווייניק מעשׂה מרכּבֿה. ס'טראָגט זיך עפּעס אין דער לופֿט און ס'טוט פֿון צײַט צו צײַט אַ בליץ" [5]. און „בײַם לייענען בערגעלסאָנען קומען־אַרויף דעראינערונגען פֿון דעם, וואָס מען האָט געלייענט בײַ האַמסונען, הערמאַן באַנג; אָבער קיין מאָל, אויף קיין איין רגע, דער געדאַנק פֿון נאָכגעמאַכט אָדער אַפֿילו באַאײַנפֿלוסטן. די שטילע לײַדן פֿון בערגעלסאָנס מענטשן זײַנען צו עכט, מ'זאָל אַזוינס אַפֿילו צולאָזן" [6].

בערגעלסאָנס יוגנט, וואָס קומט־צוריק פֿון שטאָט אין שטעטל, ברענגט צוזאַמען מיט די דיפּלאָמען — פּעסימיזם און ציניזם, אַ שטילן „פֿאַרלירישטן" ציניזם... נאָמבערגס שאָטנס טרייסטן זיך מיט ביכער; בערגעלסאָנס סילועטן ווערן געשטאַרקט מיט זייער

---

[4] בעל־מחשבות — „אָפּגאַנג", קיִעוו 1920, געקליבענע שריפֿטן, נ"י 1953, ז' 296.

[5] דוד בערגעלסאָן — זאַמלביכער ב' 8, נ"י 1952, ז' 96.

[6] ש. גאָרעליק — „ליטעראַרישע זכרונות", עסייען, לאָס אַנגעלעס, 1947, ז' 341.

קליגלען און איבערקליגלען זיך... דערפֿאַר זײַנען בײַ בערגעלסאָנען די „דיאַלאָגן" מיט זיך אַליין אַ סך מערער ווי מיט אַנדערע. „ער האָט קינסטלעריש איבערגעגעבן דעם דיאַלאָג מיט זיך אַליין, דעם ריטעם פֿון ישובֿ־הדעת. ער איז געווען דער דערציילער פֿון גע־מיט. ער האָט אין די ראַמען פֿון געמיט געפֿונען אַקציע. ער האָט דעם גאָרנישט־געשען צעלייגט אויף אינטערעסאַנטע טעלערלעך און ער האָט געפֿונען דעם טאָן פֿאַר האַלבטענער"[7]...

דוד בערגעלסאָן איז דער פּראָזע־ווירטואָז אין מינאָר־טאָן. ער זעט סאָציאַלע איבלען און ער ווײַזט זיי שוין אין זײַנע ערשטע דערציילונגען און ראָמאַנען, אָבער — ליריש, מיטפֿילנדיק, פּאַסיוו. אַפֿילו ווען ער רופֿט־אַרויס בײַם לייענער אַ ווידערגעפֿיל צו די עגאָיִסטן און פּראָסטאַצקע פּאַרשוינען, שטייט ער אַליין מן הצד, ווי אַן אָבסערוואַטאָר. דערפֿאַר איז היפּש איבערגעטריבן די מיינונג, אַז „ניטאָ קיין צוויי בערגעלסאָנס", כאָטש בערגעלסאָן האָט אויך פֿרײַער געשילדערט אָרעם און רײַך, זיי אַנטקעגנגעשטעלט, און געוויזן דעם תהום, וואָס איז דאָ צווישן זיי, הגם עס איז אמת, אַז אויב ער איז שפּעטער „ניט געגנוג נאַציאָנאַל, איז ער עס געווען מלכתחילה"[8]. פֿאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן די „צוויי בערגעלסאָנס". ביזן סאָ־וויעטישן פּעריאָד איז בערגעלסאָן אַ טיפֿער ליריקער, דאָס קול פֿון דער אינטעליגענץ אין דעקאַדענץ; אין סאָוויעטישן פּעריאָד שטרענגט זיך אָן בערגעלסאָן מיט זײַן ווירטואָזקייט צו דינען בעלעטריסטיש דעם סאָוויעטישן קורס. ער האָט פֿאַרביטן דעם האַמלעטישן אינ־טעליגענט אויף שטאָלענע סאָוויעטישע קאָמיסאַרן און געשמיסן מיט סאַטירע די אינטעליגענטלעך און אַגענטלעך, וואָס זוכן זיך אַרויסצודרייען פֿון „קאָלעקטיווע" אידעאַלן צו „בויען די סאָציאַ־ליסטישע מדינה". ער פֿאַרלירט זײַן זאַנפֿטן סטיל, בערגעלסאָן. עס

---

[7] יעקב גלאַטשטיין — „דוד בערגעלסאָנס פּרץ", אין תוך גענומען, 1945־1947, נ"י, זז' 231—232.

[8] יעקב שטערנבערג — סאָוועטיש היימלאַנד, ד"ז, ז' 12.

צערינט זיך זײַן שאָטנשפּיל. ער שטייט צו דינסט דעם מידת־הדין, פֿריִער בײַם קאָמיסאַר פּיליפּאָוו און שפּעטער בײַם דניעפּער. ער אינטערפּרעטירט די סאָוויעטישע דעקרעטן אין בעלעטריסטישע פֿאָרמען. בערגעלסאָן, וואָס איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ פּעסימיסט, אַ ליריקער, ווערט אַ געשווירענער אָפּטימיסט, אַ רעאַליסט. „ער האָט זײַן טאַטנס טאַלנער רבין פֿאַרביטן אויפֿן קאָמיסאַר פּיליפּאָוו" [9]. בערגעלסאָן, וואָס איז געווען „אַ יונגער מאַן מיט אַ כאַאָטישער, ניט־סיסטעמאַטישער בילדונג, מיט מיני־מאַלע פּאָליטישע אינטערעסן, ווייניק באַהאַוונט אינעם מעכאַניזם פֿון קלאַסנקאַמף, אין די פּראָגראַמען פֿון די פּאָליטישע פּאַרטייען" [10], געפֿינט־אויס, אַז „דער גרעסטער חסרון פֿון דער ייִדישער ליטע־ראַטור אין די לעצטע יאָרן איז — איר כּסדרדיקע אָריענטאַציע אויפֿן באַרג סיני", זי האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער טראַדיציע, וואָס עס האָבן געשאַפֿן די ראשונים, און די אַחרונים לעבן נישט „מיט די ייִדישע מאַסן" און מען „האָט מורא צו שרײַבן וועגן ייִדישן פֿאָלקסמענטש, וועגן ייִדישן אַרבעטער" [11]... דאָ קען מען אויסרופֿן צוזאַמען מיט זײַן לעבנסלענגלעכן פֿרײַנד־ביאָגראַף־קריטיקער: „סאַראַ וווּנדערבאַרע סתּירות מען טרעפֿט־אָן אין בערגעלסאָנס שאַפֿן: איבער/גע/צײַטיקטע קהלתדיקע הבֿל־הבֿלים און דאָך יוגנט־לעכע שיר־השירימדיקע פֿאַרליבטקייט" [12]!

---

[9] רחל קאָרן — „דוד בערגעלסאָן, פֿון מידת־הרחמים ביז מידת־הדין", די גאָלדענע קייט נ' 43, ת"אָ 1962, ז' 26.

[10] „מאַטעריאַלן צו בערגעלסאָנס ביאָ־ביבליאָגראַפֿיע" (ד. ב. צו מאַקס עריק, קאָפּענהאַגן 1933), וויסנשאַפֿט און רעוואָלוציע, בב' 1—2, קיִעוו 1934, ז' 69.

[11] דוד בערגעלסאָן — „פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור", רעדע אויפֿן קבלת־פּנים פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין אין וואַרשע, ליטעראַרישע בלעטער נ' 319, וואַרשע 1930.

[12] נחמן מײַזיל — „יום־טובדיקייט", ליט' בל' נ' 280, וואַרשע 1929.

## גורל, גרויל און מיסטעריע

ער איז געווען אַ מענטש פֿון גרויסע סתּירות, דוד בערגעלסאָן. „נאָך אינעם ערשטן טרויעריקן אָפּהילכן פֿון זײַן לאַנגן און פֿריי־לעכן פֿײַף — ווערט געזאָגט אין זײַן ערשטן ווערק, אַרום וואָקזאַל, באַלד בײַם אָנהייב — האָט ער זיך שוין איבער/גע/צײַגט, אַז די מרה־שחורה איז דאָ זייער טיף און אייביק". דאָס איז בערגעלסאָנס מרה־שחורה און זײַן אייגענער „וואָקזאַל"...

בערגעלסאָן וויל צו ערשט ווערן אַ שרײַבער אויף רוסיש. ער מאַכט נאָך דעם אַ ריי פּרוּוון אויף העברעיִש. דערנאָך אויף ייִדיש. שיקט אין פֿאַרשיידענע רעדאַקציעס, שליסט קאַנטשאַפֿטן מיט רע־דאַקטאָרן, אָבער — קיינער וויל אים נישט דרוקן. שווער, זייער שווער קומט אים אָן צו דעבוטירן. ער דאַרף אַליין פֿינאַנצירן זײַן דעבוטווערק.

אין פֿאַרשיידענע זכרונות ווערט דערציילט, ווי שרײַבערס, וועלכע האָבן געהאַט די פּריווילעגיע, אַז בערגעלסאָן זאָל זיי פֿאָר־לייענען זײַנע שאַפֿונגען אײדער ער האָט זיי געדרוקט, און זיי האָבן אים געקריטיקירט, האָט ער זיי צו מאָל נישט געוואָלט אויסהערן. עס האָט אָבער זייער ווייניק געדויערט, און דער גרויסער וואָרט־מײַסטער האָט טיף געדאַנקט פֿאַר די שטרענגע קריטיק און ממש געהאַלטן זי פֿאַר אַ זכיה, ווײַל ער האָט זיך צוגעהערט, געפֿאָלגט, אויסגעבעסערט, אַזוי ווי מען האָט אים גערעטן....

דוד בערגעלסאָן, ווי גרויסמײַסטעריש ער איז, האָט אין זײַן מאַנירלעכקייט אויך געשפּילט מיט פֿעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט. אין דער אמתן איז אָבער וואַקלדיקייט, שאָטנשפּיל געווען דער אמתער גרונטשטריך פֿון זײַן כאַראַקטער און פֿון זײַן שאַפֿן. מיר זעען דאָס אַפֿילו אין די פּרעפּאָזיציעס, וואָס ער האָט ליב צו באַניצן אין די טיטלען פֿון זײַנע וויכטיקסטע שאַפֿונגען: אַרום (וואָקזאַל), נאָך (אַ־לעמען) און בײַם (דניעפּער)... נישט אין אָדער אויף און אַוודאי נישט איבער... בערגעלסאָן שטייט אין אמתן שטענדיק פֿון אַ זײַט,

ווי אַ זײַטיקער, ווי אַ פּאַסיווער אָבסערוואַטאָר. „אַ מידע טרויעריקייט ווייעט פֿון יעדער אָנגעשריבענער שורה", אין וועלכער עס „האָט זיך באַוויזן דער ערשטער אַריסטאָקראַטישער סטיל"[13]. אַ סטיל, וואָס האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעהויבן בײַ זײַן שילדערן די פֿרויען־געשטאַלטן, צאַרטע געשטאַלטן, רייצנדיקע פֿיגורן, אַרויסרופֿערישע, צינדנדיקע, פֿאַרפֿירערישע. „ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרײַנגעפֿירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור די מאָדערנע ייִדישע פֿרוי מיט דער גאַנצער גאַמע פֿון אירע צאַרטע געדאַנקען"[14]. דער זעלביקער בערגעלסאָן ווערט אָבער אין זײַן סאָוויעטישן פּעריאָד קאָמיסאַריש שטרענג צו יעדן, וועמען מ'קען חושד זײַן, אַז ער איז נישט טרײַ מלכות. ער דערציילט אַפֿילו, אַז דער קעגנער וויל נישט אַרבעטן, שטייט געהיים אין באַציִונגען מיט אויסלאַנד און קריגט פֿון „דאָרטן" דאָלאַרן... פּשוט: די אָנהענגערס „פֿון באָלשעוויזם זײַנען די צדיקים, זייערע קעגנערס — די רשעים"[15]...

פֿון מיסטעריע, וואָס לעבן ברענגט, איז בערגעלסאָן, אויסגעפּרוווט אין זײַן שווערן גורל, דערפֿירט געוואָרן צום גרעסטן גרויל: דער כהן־גדול פֿון דער סאָוויעטישער ייִדישער פּראָזע איז דורך די סאָוויעטן דערשאָסן געוואָרן. איז ער געשטרויכלט געוואָרן דורך זײַן לעצטער דראַמע פּרינץ ראובֿני, ווו ער טוט תּשובֿה און אַנטפּלעקט די מיסטעריע פֿון ייִדישן לעבן, וואָס איז „טיף און אייביק"?

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[13] משה קולבאַק — „דאָס ייִדישע וואָרט", 1918, ג' אין די גאָלדענע קייט נ' 43, ת"א 1962, ז' 239.

[14] יעקב גלאַטשטיין — ד"ז, ז' 232.

[15] ש. ניגער — ייִדישע שרײַבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, נ"י 1958, ז' 292.

# דער טויבער

דערציילונג

# 1

אין אָנהייב האַרבסט איז עפּעס ווידער פֿאַרגעקומען צווישן מענדלען, וואָווע ביקס וווקסיקן און שיינעם בחור, און צווישן אסתּרן, דעם טויבנס צוויי און צוואַנציק־יאָריקן מיידל, וואָס איז אַ קעכין בײַם ביק געווען. מען האָט וועגן דעם גערעדט אין שטאָט בײַ די מאַרקקלייטן און בײַ וואָווע ביק אין דער גרויסער בײַטלמיל, ווו דער טויבער האָט אומעטום געשטופּט זײַנע אָנגעשטרענגטע פֿאַרשטאָפּטע אויערן און געקוקט מיט חשד אויף יעדן מענטשן, וואָס האָט נישט ווײַט פֿון אים אַ שמייכל געטאָן, און דאָך איז אים אַ שטיק צײַט נישט געראָטן אַ וואָרט כאַפּן.

מענדל האָט זיך נאָך אַלץ פֿריילעך געווערטלט מיט יונגע לײַטלעך מוכרי־תּבואהניקעס, וואָס האָבן אין מיל ווייץ געבראַכט, און זיי מיט אַן עלנבויגן אין דער זײַט געקיצלט:

— הער נאָר, דו, ווייסט, וואָס מאַקס נאָרדוי זאָגט?

און געמיינט האָט ער מיט דעם, ווי אַלע מאָל: „דו ווייסט, וויפֿל איז אין אַ רובל פֿאַראַן קאָפּיקעס?”

ס'איז אויף אים גאָר נישט קענטיק געווען.

אַליין איז ער נישט לאַנג מיט נײַע גלאַנצעדיקע שטיוול פֿון דער קרײַזשטאָט געקומען און, אַרומדרייענדיק זיך אין מילהויף, זיך אין זיי געשפּיגלט. אַלע מאָל האָט ער דאָרטן אָפּגעשטעלט דעם יונגן מילנער שולצן, און צו אים געווונקען: „ווי געפֿעלן זיי דיר, מײַנע שטיוול, האַ?”

און שולצן, דעם ערנסטן דײַטש, איז נישט נמאס געוואָרן אַלע מאָל כּורעים פֿאַלן און די נײַע שטיוול אויף מענדלס פֿיס גלעטן.

אַזאַ גרויס געפֿיל האָט שוין שולץ אָט אין די גלאַנצעדיקע שטיוול געהאַט, און אַזאַ אײַזערנער יצר־הרע איז שוין אין אים פֿון טאָג צו טאָג צו זיי געוואַקסן. ער האָט זיך אַפֿילו נישט געפֿילט אָט דאָ, אויפֿן אָרט, בײַ מענדלען אַ שטיוול אַראָפּשלעפּן און אים אויף זײַנעם אַ פֿוס אָנמעסטן.

דאָס אַלץ האָט דער טויבער געזען דורכן פֿענצטער פֿונעם העכסטן מילשטאָק, ווו ער האָט דעמאָלט בײַ דער הייבמאַשין געאַרבעט, געזען בגנבֿה און זיך אַלע מאָל אַרומגעקוקט, צי עמעצער אַן אַרבעטער קוקט אים נישט נאָך.

אסתּר האָט אַלע טאָג מענדלען עסן פֿון שטאָט געבראַכט. נאָך דעם האָבן זי שולץ מיט מענדלען מיט די אויגן פֿון מילהויף אַרויסבאַגלייט; מענדל האָט געשוויגן און פֿאַרקלערטערהייט צוגעשמייכלט און שולץ, דער מילנער, האָט אויף אסתּרס פּלייצעס געווונקען און מענדלען דווקא אויף אַ מיאוסן מקום געקיצלט. און האָבן דאָס ערגעץ ווו אַרבעטערס פֿון מיל דערזען, אַזוי האָבן זיי באַלד שוין אַלע די מילפֿענצטער באַקלעפּט: „אַנו לאָז, לאָז נאָר“...

אים, דעם ברייטבייניקן טויבן, מיטן איבערגעשראָקענעם, אָנגעשטרענגטן פּנים, האָט דאָס אַזוי געשטאָכן און אַזוי שטאַרק האָט זיך אים געוואָלט וויסן וועגן וואָס די אַרבעטערס לאַכן. איז ער אָבער מוראדיק טויב געווען און געשעמט האָט ער זיך שוין פֿאַר יעדן מענטשן און פֿאַר זיך אַליין, קיינעם אין די אויגן נישט געקאָנט קוקן און אַלץ געטראַכט וועגן מענדלס און שולצעס בשותּפֿותדיקער עבֿירה, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט מיט אַ טראָגעדיקן פּויערשן מיידל פֿונעם נאָענטן דאָרף ריבניצע.

זיי האָבן דאָך טאַקע דעמאָלט דאָס פּויערשע מיידל ערגעץ אויף אַ צײַט משלח געווען.

נאָך דעם האָט אים איין מאָל אין אַ ווינקל געטראָפֿן יאָסעלע באַבציס, דער אויסגעדאַרטער כּפֿול־שמונהדיקער מיל־נאַמן, און צו אים עפּעס לאַנג אין אַ טויבן אויער אַרײַנגעשריִען. ער האָט

געהערט אַ וואָרט איבער צײַנער און דאָך האָט ער צו יאָסעלען אַלע מאָל מיטן קאָפּ געשאָקלט: „יאָ, יאָ, ער הערט".

אַזאַ שעמעוודיקע טבֿע האָט ער, דער טויבער, שוין געהאַט, געשאָקלט צו מענטשן מיטן קאָפּ און זיי פֿאַרזיכערט: „יאָ, וואָס זשע דען, ער הערט נישט?"

צוויי וואָכן כּסדר האָט ער יאָסעלעס אָפּגעריסענע ווערטער בײַ זיך אין טויבן קאָפּ געהאַלטן און ערשט נאָך דעם די מעשׂה אַקאָרשט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין: אַ מעשׂה מיט צוויי אָפּגעזאָגטע מיל־אַרבעטערס, וואָס האָבן מענדלען געוואָלט אויספּאַטשן און אין די פֿינצטערע אָוונטן אַרומגעשנאָרעט דאָרטן, נעבן ביקס שטוב. האָבן, הייסט דאָס, אָט די צוויי אַרבעטערס עפּעס באַמערקט... ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, וואָס די אַרבעטערס האָבן באַמערקט, אָפּגעשטעלט יאָסעלען נעבן מיל און צו אים מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן: „וואָס זאָל דאָס טאָקע באַדײַטן, אָט די מעשׂה מיט מענדלען און מיט אסתּרן?"

דאָס האַרץ האָט דעמאָלט אונטער זײַן ברייטבייניקער ברוסט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, און געאָטעמט האָט ער מיט לאַנגע, שווערע אָטעמס. ס'איז אים געווען אַ בזיון פֿאַר יאָסעלען. „זי האָט אים ליב — האָט צו אים יאָסעלע אויפֿן טויבן אויער געשריִען — זי, אסתּר, האָט אים, דעם ביקס בחור, ליב".

— זי האָט אים ליב? — האָט ער בײַ יאָסעלען שטיל איבער־געפֿרעגט.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אויסגעדאַרטער כּפֿול־שמונה־דיקער יאָסעלע שטיפֿט, האָט ער דאָס מויל געעפֿנט און געלאַכט: „הע, הע, הע..."

קיין קול האָט מען פֿון אים נישט געהערט, נאָר אַ מאָדנעם ווילדן ברום, וואָס האָט זיך געריסן פֿון זײַן פֿונאַנדערגעצויגענעם מויל. זײַנע בלײַקאָלירענע אויגן האָבן געקוקט אַזוי שפּאָטיש און משונה. ערשט נאָך דעם, ווען ער האָט באַמערקט, אַז יאָסעלע רעדט ערנסט, האָט ער גענומען ריידן אויף זײַן טויבן אָפּגעריסענעם

שטייגער, מאַכנדיק נישט קיין אויסגעאַרבעטע העוויות מיט איינער אַ קײַלעכדיק אײַנגעבויגענער האַנט און רײַסנדיק מיט געוואַלט איינציקע ווערטער פֿון זײַןברייטביינערדיקער און קרעפֿטיקער ברוסט: „אָט זאָל זי בײַ אים, דעם טויבן, אַ פֿרעג טאָן... ער קאָן זיי דאָך אויסגעבונדן, דעם ביק מיט זײַן בן... אַ שפּילכל?! צוואַנציק יאָר אַרבעט ער שוין בײַ זיי אין מיל".

— און זאָל שוין יאָסל זאָגן, ער ווייסט דאָך, האַ?

יאָסעלע האָט מיט זײַן באַזאַפּטיקט קעפּל געשאָקלט: „ער ווייסט. פֿאַר וואָס דען זאָל ער נישט וויסן?"

און אים, דעם טויבן, האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט געוויר ווערן, וואָס זאָגן דערויף מענטשן, געזונטע, נישט קיין טויבע מענטשן. ער איז געגאַנגען אויפֿן וועג פֿון מיל און צו זיך אַליין מיט די הענט געמאַכט: „אָט, ווען אין ביידע זײַטן פֿון זײַן גרויסן קאָפּ הענגען נישט, ווי צוויי שמאַטעס, קיין צוויי גרויסע און טויבע אויערן, וואָלט ער כאַפּן דאָ אַ וואָרט און דאָרטן אַ וואָרט"...

אין זינען האָט ער געהאַט: אַרײַנגיין אַ מאָל צו איר אַהין, צום ביק אין קיך, און איר דאָרטן אַ בייטיק וואָרט זאָגן. נאָר פּונקט אין יענער צײַט האָט זיך מיט אים אַליין דאָס וויסטע אומגליק געטראָפֿן. ס'איז אים שוין, אַ פּנים, אַזוי געווען באַשערט.

## 2

געשטאַנען זײַנען דעמאָלט קורצע און ווייַנענדיקע חשוון־טעג. נאַריש פֿאַרמרה־שחורהטע הימלען האָבן געמאַכט פּיסקעס און געוויינט, אויף דער נאַסער און שוואַרצער ערד קוקנדיק, כּבֿיכול אַ גוסס באַקלאָגט: „ווי איז אונדז... וואָס איז פֿון דיר געוואָרן..."

און דאָרטן, אין אײַנזאַמען טאָל, וואָס אַרויס דער שטאָט, האָבן שוין בײַם ביק אין מיל אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת די עלעקטרישע לאַמטערנעס געברענט, זיך טאָג־און־נאַכט געלויכטן אין טיפֿעניש פֿונעם גרויען נעפּל און ווי אויסגעמאַטערטע געלע אויגן געווונקען

צו דער נאָענטער חשוונדיק־געפֿאַלענער שטאָט: „מיר מאָלן מעל... מיר מאָלן מעל...“

אין פֿײַכטן נעפּל איז די פּירשטאָקיקע מיל אײַנגעהילט געווען. רויִק, ווי פֿאַרקלערט, האָט זי געברומט איר אוראַלטן מאָנאָטאָנישן ברום און זיך געטרייסלט צוזאַמען מיט אירע פּערציק מענטשן, אַרבעטערס. צווישן גערויש און טומל האָבן מענטשן געאַרבעט מעכאַניש און ערנסט שטום, ווי די מאַשינען און רעדער, וואָס האָבן זיך אַרום זיי געדרייט, נישט גערעדט און נישט געקלערט, גלײַך ווי בײַ זיי אין מוח וואָלטן געלעגן די גרויסע געפּאַקטע מיט ווייץ מילשאָפּן און בײַ זיי דעם שׂכל אָפּגענומען: „די שאָפּן זײַנען אַזוי ענג מיט ווייץ געפּאַקט... אַ ברירה האָבן זיי? מען מוז מאָלן!“

נאָר זעלטן ווען האָט דער מילגערויש אַ פּלוצלינגן ציטער געטאָן און זיך מיט אַ טרויעריקן בת־קול דורכגעשניטן: „סטאָפּ!... סטאָפּ!...“

נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגערופֿן, און געדאַכט האָט זיך שוין, אַז דאָס בת־קול איז אַ ווײַטס און פֿאַרלוירנס, פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַהער, אין אַ פֿרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, זוכט עמעצן און קען נישט געפֿינען.

אַ באָרוועסער, מיט אַ גלײַכגילטיקן שטויביקן פּנים, איז דער טויבער געזעסן אין דער אָנגעלאָדענער הייבמאַשין און זיך אַראָפּגעלאָזן פֿונעם פֿערטן שטאָק. עמעצער האָט פֿאַרבײַלויפֿנדיק עפּעס אויף דער הייבמאַשין באַמערקט און גענומען שרײַען מיט שרעקלעכע און ווילדע קולות: „שטעלט־אָפּ! שטעלט־אָפּ!“

בײַם טויבן אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, געשווינד אַרײַנגעגאָסן זיך אין מוח און דאָרטן אַ בליץ געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקענעם געדאַנק: „די שטריק... די שטריק האָט געפּלאַצט“...

מיט אַ נערוועזער שנעלקייט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַר דער איבערגעבליבענער גאַנצער שטריק. ער האָט זיך

אַזש אָנגעהויבן װוּנדערן: „צי דען װעט ער אין אמתן פֿון אַזאַ הויכקייט אַראָפּפֿאַלן?!“

נאָר אין דער זעלביקער צײַט האָט אים שוין מיט כּוח אַ שלײַדער געטאָן אין אַ זײַט. ער האָט געפֿילט, אַז ער פֿאַלט, און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמעצער באַדויערט אים און שעפּטשעט אין אײנעם פֿון זײַנע טויבע אויערן: „צו שפּעט... צו שפּעט...“

קיין מאָל האָט ער, דער טויבער, אַזאַ שטיל קול נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקן און צוגעשלאָסן די גרויסע בלײַקאָלירענע אויגן. שפּעטער, װען ער האָט די אויגן צוריק געעפֿנט, זײַנען שוין אַרום אים געשטאַנען פֿיל שטויביקע אַרבעטערס, זיך אָנגעבויגן צו אים און געשרי̇ען אין זײַנע טויבע אויערן: „װוּ, װוּ טוט װײ?“

מיט אַ בלאַסן, כּמעט טויטן פּנים איז ער אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן און אַפֿילו קיין כּוח נישט געהאַט אָנצוװײַזן אויף דער פֿאַרװוּנדעטער לאָפּעטקע און העכער, אויף דער זײַט. נאָך דעם האָט מען אים אָפּגעטראָגן אין זײַן קליין שטיבל, װאָס אין שמאָלן קלויזגעסל. דער טאַנדעטניק מיט דער טאַנדעטניטשקע, װאָס האָבן בײַ אים אין די צװײ חדרים געװוינט, האָבן נישט געלאָזט, מען זאָל אים בײַ זײ לייגן. האָט מען אים געלייגט אין אַלטן הילצערנעם בעט, װאָס אין קיך.

*

דער צװײפּנימדיקער יאָסעלע באַבציס האָט בײַ זיך אין באָזאַפּטיקן קעפּל נאָך אַלץ חניפֿהדיקע המצאהלעך געהאַט: זיך פֿאַרמענדלען אין די אויגן אַ מבֿטלדיקן קראַץ געטאָן און די מעשׂה מיטן טויבן צו נישט געמאַכט:

— אַן אומגליק אַ גרויסער... דער רוח װעט אים נישט נעמען, דעם טויבן.

און נאָך דעם געקומען צום טויבן אין קיך און אין זײַנע אויערן געשרי̇ען:

— װאָס זשע? געזונטערהייט האָט ער געקלערט פֿון ביקס ידים אַרויס?

און צוליב וואָס האָט אים אָט דער צווייענדיקער חניפֿה־גאַנג גענוצט? אים אַליין האָט דאָך שוין אַמאָל דער ביק חושד געווען אין אַ מיאוסער גנבֿה. איין מאָל, ווינטער, האָט ער אים אַפֿילו אַראָפּגעשלײַדערט מיט אַלע כּוחות פֿון די שטיינערנע מילטרעפּ, אַזוי, אַז ער, דער אויסגעדאַרטער יאָסעלע, האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקן, זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן שפּיציקן בלוט־פֿליסנדיקן נעזל און געכליפּעט ווי אַ ייִדענע:

— אוי!... מײַן קאָפּ!... ער האָט מיר דערהרגעט, מײַן קאָפּ...

אפשר האָט זיך אים אַליין שוין אויך אײַנגעגעסן דאָס חניפֿהדיקע לעבן, און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער און אמתער, נאָר נישט געקאָנט, און כאָטש געפֿונען פֿאַר נייטיק דעם טויבן אַ גוט וואָרט זאָגן: „ס'וועט אים גאָר נישט זײַן, לחלוטין גאָר נישט. ער דאַרף זיך נאָר איבערליגן, די לאָפּעטקע מיט דער ריפּ אויסוואַרעמען"...

האָט אָבער דער טויבער קיין חכמות נישט פֿאַרשטאַנען און מרה־שחורהדיק נאָכגעשאָקלט: „גוט, גוט. ער וועט זיך איבערליגן".

אַליין האָט ער שוין, דאַכט זיך, נישט געקלערט, נישט וועגן לעבן און נישט וועגן טויט. געלעגן אין בעט מיט אַ גלײַכגילטיקן און בלאַסן פּנים און זיך אַלץ נישט געקאָנט מסיח־דעת־זײַן פֿונעם אומעטיקן געדאַנק: „אַראָפּגעפֿאַלן... פֿונעם פֿערטן שטאָק אַראָפּגעפֿאַלן"...

ס'איז אים שוין, דאַכט זיך, אַלץ איינס געווען, צי ער וועט אַ מאָל פֿונעם בעט אויפֿשטיין, צי ניין.

נאָך דעם איז איין מאָל צו אים געקומען אסתּר. געקומען אַ שלאַנקע און פֿרישע מיט אַ נײַעם און שוואַרצן האַרבסטרעקל און נאָך מיט נײַערע און שוואַרצערע ערנסטע אויגן. אַ ווײַלע איז זי נעבן זײַן בעט דערשטוינט און פֿאַרחלומט געשטאַנען, זיך אַפֿילו געהאַלטן מיט אַ פֿינגער פֿאַר דער גאָמבע און אים פֿאַרקלערטערהייט באַדויערט: „אַ תּכלית, אַ שיינער תּכלית איז פֿון דיר געוואָרן"...

זי האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים, אַ פּנים געוואָלט עפּעס אַרײַנשרײַען אין זײַן טויבן אויער, נאָר זיך נישט אײַנגעהאַלטן און זיך פֿונאַנדערגעוויינט אויפֿן קול. דעם קאָפּ האָט זי אַלץ טיפֿער און טיפֿער אײַנגעגראָבן אין די שמאַטעס, וואָס נעבן זײַן ברוסט, געכליפּעט און געוויינט. אוממעגלעך איז געווען צו וויסן וועמענס אומגליק זי באַוויינט: זײַנעם, דעם צו בעט געפֿאַלענעם טויבנס, אָדער גאָר איר אייגענעם, דעם געהיימען און אומבאַקאַנטן, ווי יענע פֿינצטערע האַרבסטנאַכט, וואָס אין איר האָבן די צוויי אָפּגעזאָגטע אַרבעטערס נעבן ביקס שטוב אַרומגעשנאָרעט און עפּעס באַמערקט.

דער טויבער האָט געקוקט אויף איר מיט זײַנע גרויסע בלײַקאָלירענע אויגן און געוואָלט זאָגן עפּעס אַ נייטיק, זייער נייטיק וואָרט. אַ מטושטשדיקס און פֿאַרעמלאָז האָט דאָס וואָרט לאַנג אַרומגעשוועבט אין זײַן קאָפּ: „יאָ, דער עיקר: זאָל איר דער קאָפּ אין דער לופֿט נישט פֿליִען, אָ!"

ער האָט שוין אַפֿילו געהאַט דאָס מויל געעפֿנט און אַ האַנט אויסגעבויגן. נאָר אסתּר איז שוין פֿונעם בעט אויפֿגעשטאַנען און גענומען דאָס האַרבסטרעקל פֿאַרקנעפּלען. זי האָט פּאַמעלעך און טרויעריק מיטן קאָפּ געשאָקלט, מרה־שחורהדיק אָפּגעזיפֿצט און אַפֿילו אַ יאָושדיקן טשמאָקע געטאָן מיטן מויל, גלײַך ווי זי וואָלט מיטן טשמאָקע וועלן זאָגן: „אויך אַ טאַטע... מישטיינס געזאָגט... וועמענס עצות זי וועט דאָ אויסהערן"...

*

טאָג־און־נאַכט האָט שוין נאָך דעם געגאָסן דער רעגן, געגאָסן אַ רעגלמעסיקער און סתּם פֿאַרעקשנטער, גלײַך ווי עמעצער וואָלט אים בעטן, ער זאָל אויפֿהערן און ער וואָלט נישט פֿאָלגן און אויף צו להכעיס זיך חזרן:

„וויל איך אַזוי... וויל איך אַזוי... וויל איך אַזוי..."

ברודיקע האַרבסטטרערן זײַנען גערונען איבער די נאַסע פֿאַרב־

לאָזע שויבן, זיך געשלענגלט פּאַמעלעך און פֿויל און ענדלעך אײַנגעזונקען אין די אײַנגעהויקערטע און נאַסע קיכוועגט.

ווער האָט די טרערן באַדאַרפֿט?

אַלץ איז אַרום געווען אַזוי ברוגז און בייז, אַפֿילו דער אײַנגעהויקערטער און אָפּגעקראָכענער באַקאויוון, וואָס האָט דעם טויבן טאָג און נאַכט גלײַך אין פּנים געקוקט.

אַזוי שטום איז אַרום געווען. דעם טויבן איז אַזש אַ חידוש געווען:

„פֿלעגט ער דאָך אַמאָל דערהערן, ווי בײַם טאַנדעטניק קלאַפּט די נײמאַשין“.

גאַנצע שעהען איז ער געזעסן אויפֿן בעט מיט אַראָפּגעהאַנגענע פֿיס, אַ מרה־שחורהדיקער און שווײַגנדיקער. און געוואָרפֿן בקשה־אויגן אויף דער טאַנדעטניטשקע, וואָס איז אַלע מאָל אין קיך אַרײַנגעקומען און זיך אין באַקאויוון מיטן נאַסן האָלץ געפּאָרעט.

אַזאַ קלייניקייט האָט ער זי געהאַט צו בעטן, און דאָך האָט זיך זײַן בלאַס אויסגעמאַטערט פּנים, ווי בײַ אַ בעטלער פֿאַרקרימט:

„אָט ווען זי וויל נאָר אַ פּאָר ווערטער צו אים אין טויבן אויער אַרײַנשרײַען, וואָלט ער הערן אויף וויפֿל ער איז טויבער געוואָרן“.

איז אָבער די טאַנדעטניטשקע אַזאַ פֿאַרשאָלטענע שלאַנג געווען. אַלע מאָל איז זי נעבן זײַן בעט דורכגעגאַנגען, זיך אַפֿילו אָנגערירט אין זײַנע אַראָפּגעהאַנגענע פֿיס און אַפֿילו איין מאָל אים נישט מזכּה געווען מיט קיין בליק. אַזאַ שלעכטע איז זי שוין געווען, אָט די אײַנגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע, און איר אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער שוין נישט געקענט צו זיך צוציִען אַפֿילו מיט זײַן בעטלערישן פֿאַרקרימטן פּנים.

אָט, ווען ער שטעלט איר אַ פֿיסל אונטער און פֿאַרהאַלט זי נעבן זיך, וואָלט זי אַזש אַ ציטער געטאָן פֿאַר שרעק און וואָלט זיך געחידושט:

„זע נאָר, ער לעבט נאָך, דער טויבער?!“

ס׳האָט אים פֿאַרדראָסן אויף דער טאַנדעטניטשקע, האָט ער שוין אויף איר מיט בייזע אויגן געקוקט און פֿאַר כּעס עפּעס אונ־טערגעברומט. אַזוי פֿלעגט ער אַמאָל בייז קוקן און אונטערברומען אויף זײַן ווײַב לאה. זי פֿלעגט זיך דעמאָלט אויף צו להכעיס אין די קליידער שלאָפֿן לייגן, און ער פֿלעגט דערפֿאַר די שיסל פֿונעם טיש אַ כאַפּ טאָן און זי מיט אַ מאָל אויף דער ערד אַ שלײַדער טאָן.

אסתּר איז איין מאָל אַרײַנגעקומען און זיך לאַנג געקריגט פֿאַר אים מיט דער טאַנדעטניטשקע, און ער איז געלעגן אין בעט, גאָר נישט געהערט און שוין ווידער געטראַכט וועגן יענעם ערנסטן און וויכטיקן וואָרט, וואָס ער האָט זײַן אסתּרן באַדאַרפֿט זאָגן. דאָס וואָרט האָט זיך לאַנג בײַ אים אין טויבן קאָפּ געדרייט און ענדלעך אַרויס אַ וויכס און גאַרישס, נישט דאָס, וואָס ער האָט געקלערט: „אָ, זעסטו, ווען זי, דײַן מאַמע לשלום, לעבט“...

אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס אַזוי האַרט און שווער, און דאָך האָבן זיך שוין זײַנע אויגן באַלד אָנגעהויבן שעמען פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר איר, דער שלאַנקער און אויפֿגערעגטער, וואָס האָט שוין נישט געדענקט סאַראַ פּנים איר יאָרן לאַנג געשטאָרבענע מוטער האָט געהאַט. זי האָט אויף אים מיט אַזאַ וווּנדער געקוקט, גלײַך ווי זי וואָלט בײַ אים וועלן פֿרעגן: „צו וואָס ניצט זי איר איצט, אָט די געשטאָרבענע מאַמע, וואָס אויפֿן אַלטן בית־עולם?“

זי האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ שטיקל פּוטער־געבעקס און אים געגעבן. האָט ער דאָס פֿאַרזוכט, דערפֿילט דעם געשמאַקן טעם און גענומען דאָס אַרומקוקן: „דער בּ׳ק ווייסט, וואָס גוט איז“.

און פּלוצעם איז דער געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן, אויסגעפֿורעמט געוואָרן אין די בייטיקע ווערטער:

„ס׳איז קרום... אָט דאָס, וואָס די אַרבעטערס האָבן דעמאָלט בײַ נאַכט געזען...“

— און וואָס נאָך?

ער גלייבט זיי נישט, נישט דעם ביק און נישט דעם בן זײַנעם. ער גלייבט זיי לחלוטין נישט.

## 3

מיט די ערשטע פֿרעסט האָט אים דער ווייטיק אין דער זײַט און אין דער לאָפּעטקע אָפּגעלאָזן. די קיכפּענצטער זײַנען שוין געווען פֿאַרבלאָזן מיט שניי, און בײַ דער טאַנדעטניטשקע אין אויוון איז דאָס האָלץ נאָך באַסער געווען. ס'איז אים געווען קאַלט, האָט ער אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך די שטיוול, אָנגעטאָן דאָס וואַטענע לײַבל, זיך האַרט צוגעגאַרטלט מיטן רויטן גאַרטל און אַפֿילו אָנגערוקט דאָס אויסגעפּליקטע שמויסענע היטל איבער די טויבע אויערן. דער טאַנדעטניטשקע איז אַזש אַ חידוש געווען: „וווהין? וווהין גייט ער דאָס, דער טויבער?"

„אין קלויז — האָט ער איר מרה־שחורהדיק און שטיל אָנגעוויזן — ער גייט זיך אַנוואַרעמען... אין קלויז".

די טאַנדעטניטשקע האָט עפּעס אויף גיך מיטן מויל געמאַכט. אפֿשר האָט זי אים געשאָלטן. ער האָט נישט געוווּסט און זיך געגאַנגען זײַן וועג.

אין קלויז האָט אים איין מאָל, בײַ דער הייסער הרובע, געפֿונען יאָסעלע דער נאמן און גענומען צו אים שרײַען: „דער ביק!... ביק!"

עפּעס האָט ער צו אים געשריִען וועגן דעם, וואָס דער ביק האָט אים, יאָסעלע דעם נאמן, אומזיסט אָפּגעזאָגט פֿון מיל און נאָך דעם אויסגעלאָזן עפּעס וועגן אים, דעם טויבן. „יאָ, יאָ, ער, דער טויבער, דאַרף דעם ביק לאָדן..."

— לאָדן? — האָט דער טויבער זיך געוווּנדערט.

ער האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען, אויפֿגעהויבן די האַנט גאַנץ הויך און אויף דעם ביק אָנגעוויזן, אַראָפּגעלאָזן די האַנט גאָר

נאָענט צו דער קלויז־פּאָדלאָגע און אויף זיך, דעם טויבן, מרמז געווען: „דער ביק, האָט עס געהייסן, איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, און ער, דער טויבער, איז אַזוי קליין... גאָר קליין. געוויס וועט דער גרויסער דעם קליינעם מנצח זײַן".

יאָסעלע האָט זײַן שטערן פֿאַרקנייטשט, זיך פֿאַרקלערט און אַזש גענומען דאָס בערדל אין האַנט. און דעם טויבן האָט זיך שוין געדאַכט, אַז ער האָט אַ קלוג און אַ טיף וואָרט געזאָגט. ער האָט זיך דערפֿאַר אויך פֿאַרקלערט און צוגעגעבן: „זאָל כאָטש דער ביק אים, דעם טויבן, צו רו לאָזן..."

געמיינט האָט ער מיט דעם נישט זיך מיטן ביק, נאָר אסתּר מיטן ביקס ברוינעם און וווקסיקן בחור, געקלערט עפּעס פֿרעגן וועגן דעם בײַ אים, יאָסעלע דעם נאמן, און נישט געוווסט ווי אַזוי.

נאָך דעם איז אַ קאַלטער און שנייעדיקער אָוונט געווען. אַ פֿאַר־קלערטער איז ער צו אסתּרן געגאַנגען און אין זינען געהאַט פֿרעגן בײַ איר אַ נייטיקע זאַך. אין זינען געהאַט דעם גאַנצן וועג און זיך אַפֿילו געחזרט, ווי אַזוי אָנהייבן: „אַ מענטש באַדאַרף וויסן... אַ מענטש באַדאַרף פֿאַרשטיין..."

אָבער, ווען ער האָט די דרויסנטיר פֿונעם ביקס קיך געעפֿנט, האָט ער דערזען, ווי דער וווקסיקער און רירעוודיקער מענדל האָט זיך מיט אַ מאָל פֿון איינעם אַ קיכווינקל אַ לאָז געטאָן און גע־שווינד אַ פּראַל געטאָן אין דער צווייטער ווײַסער טיר, וואָס האָט צום ביק אין די חדרים געפֿירט. ער האָט זיך דערשראָקן, דער־פֿילט אַ משונהדיק האַרצקלאַפּעניש און ווידער דאָס נייטיקע וואָרט פֿאַרלוירן. אין זײַן טויבן קאָפּ האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ חשד: „מענדל איז אַ מיאוסער בחור... גאָר אַ מיאוסער בחור"...

נאָר אסתּר איז שוין געזעסן נעבן אים, געשטופּט אים אַ גע־באַקטע קאַרטאָפֿל אין האַנט און צו אים געשריגן:

— געווען דאָ ער, נטע דער שדכן.

און דעם טויבנס פּנים איז שוין אויסגעבעסערט געווען, און

די בלײַקאָלירענע אויגן זײַנע האָבן שוין עטוואָס שמייכלענדיק געפֿרעגט:

— טאַקע באמת?... דו נאַרסט מיך נישט אָפּ?

עפּעס האָט זי צו אים געשרי̇ען:

— פּיני דעם פֿאַרבערס בחור יואלקען.

דער טויבער האָט אָפּגעביסן אַ שטיקל פֿון דעם הייסן קאַר־טאָפּל און דאָס אין מויל געהאַלטן. דאָס ברייט־באַקעדיק פּנים זײַנס האָט זיך ווי פֿאַרקרימט און בײַ עמעצן געבעטן רחמים; „ס'איז דאָך אָבער זייער אַ מיאוסער שידוך...‟

זי האָט צו אים אין טויבן אויער געשרי̇ען:

— יואליק איז אַ זשוליק... אַן אָדעסער זשוליק.

האָט ער קײַענדיק די קאַרטאָפּל איר נאָכגעשאָקלט:

— יאָ, יאָ, אַ זשוליק... געוויס אַ זשוליק.

# 4

ס'איז דעמאָלט אַ פֿראָסטיקע נאַכט געווען.

דעם טויבן האָט זיך געחלומט, אַז ער קוקט־אַרויס פֿונעם העכסטן מילפּענצטער און זעט, ווי אין מילהויף יאָגט זיך מענדל נאָך דער גויע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר. די גויע אַנטלויפֿט מיט שרעק, גליטשט זיך אויפֿן אויסגעגאָסענעם אײַז און האָט מורא: אָט, אָט וועט זי מענדל כאַפּן. און דאָרטן, בײַ אַ זײַט, שטייט שולץ, דער מילנער, האַלט זיך פֿאַרן בויך און שרײַט לאַכנדיק: „כאַפּ זי!... כאַפּ, כאַפּ!...‟

און פּלוצעם דערזעט ער, דער טויבער, אַז מענדל יאָגט זיך נישט נאָך דער גויע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר, נאָר נאָך זײַן אסתרן. ס'כאַפּט אים אַזש אַ שוידער. אסתר אַנטלויפֿט, שטרעקט־אויס די הענט און שרײַט פֿאַר פּחד. ווען ער איז נישט טויב, וואָלט ער הערן אַ האַרצרײַסנדיקן קוויטש.

די אויסגעדאַרטע און שלעכטע טאַנדעטניטשקע האָט אים שוין

נאָך דעם אַ גאַנצן פֿרימאָרגן געהאַלטן אין איין שילטן: „אַ כאָלערע זאָל אויף אים קומען... ביסט אַ מבֿין, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צערעוועט בײַ נאַכט?"

זי איז אַפֿילו צו אים צוגעגאַנגען און פֿאַר זײַן אַרבל אַ שלעפּ געטאָן: „וואָס, וואָס האָט ער אַזוי גערעוועט בײַ נאַכט?"

ער האָט זיך געחידושט און מיט די אַקסלען געקנייטשט: „ער האָט גערעוועט? ער האָט נישט גערעוועט".

אַליין האָט ער שוין נישט געדענקט, נישט דעם חלום, נישט מענדלען און נישט די גויע. אַרויפֿצי:ענדיק אויף די פֿיס די אַלטע שטיוול, האָט ער זיי פֿון אַלע זײַטן באַטראַכט, אַ קלער געטאָן, אַז מען דאַרף זיי מיט עפּעס אַ פֿעטער זאַך אויסשמירן, און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויז. דאָרטן איז ער לאַנג בײַ דער הייסער הרובע געזעסן און געטראַכט, אַז ער, דער טויבער, האָט ליב וואַרעמקייט, אויך האָט ער ליב אַ קאָפּ פֿון אַ פֿיש, הייסע און פֿרישע חלה און אַ שטיקל פֿעט פֿלייש, דאָס זעלביקע פֿעט פֿלייש, וואָס דער ביק האָט אַ מאָל פֿאַר אים אין די אויגן געגעסן. „דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז".

די קלויז האָט זיך ביסלעכווײַז מיט מענטשן אָנגעפֿולט. ייִדן גייען־אַרום און שמועסן. אַ וווּנדער, וואָס מען דאַוונט נישט. מיט יעדער מינוט קומען־אָן נײַע מענטשן; זיי לויפֿן־אַרײַן מאָדנע געשווינד און מישן זיך אויס מיטן עולם, און דער עולם שלינגט זיי אײַן און ווערט גרעסער, מערער. דער טויבער קוקט מיט זײַנע בלײַקאָלירענע אויגן און באַמערקט: בײַ די, וואָס לויפֿן פֿון דאָס נײַ אַרײַן אין קלויז, זײַנען די פּנימער דערשראָקן, די מײַלער אָפֿן און די אויגן מוראדיק גרויס. זיי פֿרעגן, דאַכט זיך, בײַ די, וואָס געפֿינען זיך אין קלויז: טאַקע? אמת? יענע שאָקלען צו זיי מיטן קאָפּ, בלײַבן זיי שטיין, ווי פֿאַרגליווערטע און דערשלאָגענע און טשמאָקען מיט די ליפּן: „ס'אַר אַ רחמנות..."

מען קוקט, דאַכט זיך, אויף אים. מענטשן סודען זיך בינטלעכווײַז און וואַרפֿן אויף אים משונהדיקע אויגן, און ער דרייט

זיך נעבן זיי און רוקט אומעטום זײַן טויבן קאָפּ. מען לאָזט זיך נענטער צו אים. עמעצער ווײַזט אויף אים מיט אַ פֿינגער, קוקט ער זיך אַרום און באַטראַכט זײַנע בגדים: אַ קשיא, אפֿשר האָט ער די הויזן נישט ריכטיק פֿאַרשפּיליעט. מען גייט צו אים צו און מען שרײַט אים אויפֿן אויער, ער זאָל גיין אַהין, צו וואָווע ביקן, קוקט ער מיט אַזאַ ווונדער און פֿאַרשטייט נישט: וואָס וועט דעם עולם אַרויסקומען, אויב ער וועט גיין צו וואָווע ביקן? ס'גייט צו אים צו אַ חשובֿער ייִד און שרײַט אים אויפֿן אויער, ער זאָל גיין צו ביקן. באַווײַזט ער מיט אַ פֿינגער צו זיך אויף דער ברוסט: „איך? איך זאָל גיין?"

ער פֿאַרשטייט גאָר נישט און גייט דאָך אַהין, צום ביק, קנייטשט מיט די אַקסלען און גייט.

נאָר דאָ, פֿאַר ביקס שטוב, שטייען אויך פֿיל מענטשן. ס'דאַכט זיך אים, אַז דאָס זײַנען די זעלביקע, וואָס ער האָט אין קלויז געלאָזן. זיי שטופּן זיך צום ביק אין די חדרים, פֿון די חדרים אין קיך און צוזאַמען מיט זיי שטופּט זיך ער, דער טויבער. ער וויל זיך נית שטופּן, ווייסט נישט צוליב וואָס ער שטופּט זיך און שטופּט זיך פֿאָרט. די קיך איז שוין פֿול מיט מענטשן, ס'איז אַזש דאָרטן פֿינצטער, ס'שווינדלט אים אין די אויגן, אַלץ ציטערט און שאָקלט זיך געשווינד, ווי די זיפּן, וואָס בײַם ביק אין מיל. ס'ציטערן און שאָקלען זיך די קיך, די מענטשן, און אַפֿילו דער טאַפּטשאַן מיטן אײַנגעצווונגענעם, פֿאַרבלויטן מת, וואָס צו אים שטופּט ער זיך ענדלעך צו. אין איין רגע דערקענט ער דעם מת: „יאָ, ס'איז אסתּר, געוויס אסתּר".

ער הייבט זיך אַפֿילו נישט אָן צו ווונדערן. אַדרבה, ס'דאַכט זיך אים: ער איז שוין דאָ אַ מאָל בײַ אָט דעם זעלביקן טאַפּטשאַן מיט דעם זעלביקן טויטן געשטאַנען. שוין לאַנג איז דאָס געווען, זייער לאַנג, נאָר ס'איז דאָך געווען. אַפֿילו די זעלביקע פֿיל מענטשן זײַנען דאָרטן אַרום געשטאַנען און אַ מרה־שחורהדיקער ווינטערדיקער פֿרימאָרגן איז דעמאָלט, ווי איצט, אין דרויסן געווען.

עמעץ טוט אים פֿאַרן אַרבל אַ שלעפּ און ווײַזט אים אויף דער סטעליע. ער קוקט: אַ שטריק הענגט נאָך דאָרטן אַראָפּ פֿונעם קרוק. ער פֿאַרשטייט שוין, אַז זי האָט זיך געהאָנגען. וויל פֿרעגן „פֿאַר וואָס?“, פֿרעגט נישט, און כאַפּט אַ קוק אויף דער אַלטיטשקער ייִדענע, וואָס שטייט צוקאָפּנס פֿונעם מת. זי האָט זיך פֿאַרקרימט, אָט די אַלטיטשקע ייִדענע, זיך אײַנגעהויקערט, געעפֿנט דאָס צייג־לאָזע מויל, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ מיט די געשלאָסענע אויגן און זיך פֿאַרקרימט. זי וויינט, אַ פּנים, מיט אַ האַרצרײַסנדיקן קול, נאָר ער איז טויב און הערט נישט. ער פֿאַרקרימט זיך אויך, וויל אויך וויי־נען און קען נישט. ס'ווערט אַ גערודער. מען טרײַבט־פֿונאַנדער דעם עולם. דער אַלטער חבֿרה־קדישא־שמש שרײַט דאָרטן בײַ דער טיר:

— נו, גענוג, גענוג. גייט אײַך געזונטערהייט.

די קיך ווערט ליידיק. מע טרײַבט אים אויך, וויל ער נישט גיין. מען שלעפּט אים פֿאַר די פּלייצעס, וואַרפֿט ער אַרום זיך אַזעל־כע שלעכטע אויגן און כאַפּט זיך מיט בײדע הענט פֿאַרן טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מען רײַסט אים מיט כּוח, שלעפּט ער נאָך זיך דעם טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מענטשן ווערן מיד און לאָזן אים צו רו. נאָר ער דערזעט עמעצן אויף דער טיר פֿון קיך און דערמאָנט זיך אין חלום, אין מילהויף, אין מענדלען, אין דער גויע און אין אסתּרן. ער לאָזט־אָפּ דעם טאַפּטשאַן און לאָזט זיך ערגעץ לויפֿן. נאָר באַלד פֿאַרגעסט ער וווּהין ער דענקט לויפֿן. רײַסט זיך דאָך אַרויס אויף דער גאַס און לויפֿט גיך, מיט אַלע כּוחות. די שטיוול פֿאַרקריכן טיף, טיף אינעם אויפֿגעבלאָזענעם שניי און ער אָטעמט שווער, פּילט ווי ס'לאָזט זיך אויס דאָס חיות, און לויפֿט.

## 5

דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע און ווילד.

בײַם ביק האָט מען פֿאַרגעסן אויף נאַכט די בהמה אין שטאַל

פֿאַרטרײַבן, האָט מען זי נאָך דעם גאַנץ פֿרי מיט אַן אָפּגעשניטע־נעם עק אין דרויסן נעבן הויפּטיר געפֿונען. פֿון שטוב זײַנען אַלע מענטשן מיטן ביק בראש אַרויס. מען האָט די בהמה אין הויף אַרײַנגעלאָזן, זיך אַרומגעשטעלט, זי באַטראַכט און זיך מיט דער־שטוינטע פּנימער אין די אויגן געקוקט: „וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?"

דער עק איז מיט אַ שאַרפֿער זאַך געווען אָפּגעהאַקט הויך בײַם רוקן. פֿונעם פֿאַרווונדעטן אָרט האָבן נאָך געטריפֿט טראָפּנס בלוט. אַ מרה־שחורהדיקע און אומגליקלעכע איז די בהמה געשטאַנען צווישן היימישן עולם, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טרוי־עריק מיט די גרויסע בהמהשע אויגן געפֿינקלט און דאַכט זיך גע־טראַכט: „אָט קוקט: אייביק, אייביק וועל איך שוין קיין עק נישט האָבן... אַז אָך־און־וויי איז צו מיר..."

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד האָט מען זיך בײַם ביק אין שטוב די קעפּ געבראָכן: „וועמענס אַרבעט זאָל דאָס זײַן?"

מען האָט פֿון אַ זײַט בליקן אויף יאָסעלען, דעם אָפּגעזאָגטן נאָמן, געוואָרפֿן. חושד געווען די צוויי אַרבעטערס, וואָס האָבן מענדלען אויספּאַטשן געוואָלט, זיי אַפֿילו צום אוראַדניק[1] גערופֿן און זיי דאָרטן אויסגעפֿאָרשט. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז מען אַקאָרשט אויף אַ סבֿרה געפֿאַלן: „כ'בעט אײַך, אפֿשר איז דאָס גאָר דעם טויבנס אַרבעט?"

עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן און אַלע האָבן זיך שוין נאָך דעם אין דעם אָנגעכאַפּט. ס'איז געווען אַזוי משונה און נישט צו גלייבן אויף אים, דעם וווּקסיקן און ברייט־ביינערדיקן טויבן מיטן צוגעגאַרטלטן לײַבל, אָנגערוקטן שמויסע־נעם היטל און מרה־שחורהדיק גלײַכגילטיקן פּנים, און דאָך האָט מען געגלייבט, זיך געוווּנדערט, נישט פֿאַרשטאַנען און געגלייבט: „אַ קשיא אויפֿן טויבן? ס'איז דאָך מיט אים עפּעס נישט אין גאַנצן גלאַט"...

---

[1] אַ פּאָליציי־מאַן פֿון אַ העכערן גראַד.

אָט האָט אים איין מאָל די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע דערצאָרנט, האָט ער איר אַן אויסגעטועגעם שטיוול אין קאָפּ געוואָרפֿן, געכאַפּט אירע בעטן, טישן און בענקלעך און זיי מיט כּעס אין דרויסן אַרויסגעשלײַדערט. מען איז דעמאָלט פֿונעם גאַנצן שטעטל זיך צוזאַמענגעלאָפֿן, געקוקט פֿון ווײַטנס און מורא געהאַט צוגיין. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן: „דעם טויבן זײַנען די 'געבלוטן' אַרײַן אין קאָפּ"...

די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט, זיך געקלאַפּט מיט צוויי פֿויסטן אין קאָפּ און געריסן איר שמאָלן און הייזעריקן האַלדז:

— ייִדן קוקט: אַ פּאָגראָם מאַכט ער מיר... אַ פּאָגראָם!

און ייִדן זײַנען געשטאַנען און האָבן געקוקט. ס'האָבן זיך שוין געפֿונען גוטהאַרציקע קרעפּטיקע קינדער, וואָס זײַנען גרייט געווען אויף דעם טויבן זיך אַרויפֿצוּוואַרפֿן, האָט אָבער די טאַנדעטניטשע שׂונאים געהאַט, זיי האָבן געבליצט אויף איר מיט בייזע אויגן און געשעפּטשעט אונטער אירע פּלייצעס:

— נישקשה, נישקשה, זי איז זיך אינעם טויבן געגנוג נוקם.

און דאָרטן, בײַ דער שטוב, האָט נאָך דער טויבער עפּעס אין דרויסן אַרויסגעשלײַדערט און געשאָלטן מיט אַ דערשטיקטן קרעכץ:

— אַ ר־ר־רוח!...

מען האָט אים טאַקע צום אוראַדניק גערופֿן און זיך בײַ אים דערפֿרעגן אָנגעהויבן:

— דו קענסט זי, דעם ביקס בהמה?

האָט ער זיך אָבער אָנגעכאַפּט אינעם וואָרט „ביק" און דאָס נישט געקאָנט פֿאַרגעסן:

— יאָ, יאָ, וואָווע ביק.

דעם אוראַדניק איז באַלד נמאס געוואָרן און געוואָלט האָט ער שוין וואָס גיכער פּטור ווערן פֿון אָט דער ווילדער און ברייט־בייניקער בריאה, וואָס קוקט אויף אים מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע

אויגן און „בעבעט“ מיט שווערקייט אַלץ איין און איינציק וואָרט. האָט אָבער דער טויבער פֿון אים נישט געוואָלט אָפּטרעטן, געקראָכן צו אים אַלץ נענטער און נענטער און אַפֿילו געמאַכט צו אים מיט דער האַנט:

— וואָווע ביק... אָ...

עפּעס האָט ער אים געוואָלט דערציילן וועגן אַ בײַטלמיל, וואָס האַלט זיך אין איין טרייסלען, וועגן אַ טאַפּטשאַן מיט אַ מת און וועגן אַ קרוק מיט אַ שטריק; געוואָלט דערציילן און נישט געקאָנט. ווי אין אַ נעץ איז ער פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דער ערשטער מחשבֿה וועגן ביקן און זיך פֿון איר אַרויסרײַסן קיין כּוח נישט געהאַט.

דער אוראַדניק האָט אים ענדלעך אַרויסגעשטופּט און פֿאַרשלאָסן די טיר, און ער איז נאָך דאָרטן לאַנג געשטאַנען און גענומען, גאָט ווייסט וואָס נאָך וואָס, די הויזן איבערבינדן. אַ ייִד פֿון שטאָט איז פֿאַרבײַ דורכגעגאַנגען, האָט ער אין די הויזן פֿאַרגעסן, זיך געלאָזט גיין צו אים, שוין אַפֿילו אויסגעשטרעקט אַ האַנט פֿאָרויס און אים אָנגעהויבן דערציילן דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט נאָר וואָס געוואָלט דערציילן דעם אוראַדניק: „אָ!... דער ביק!...“

דער ייִד האָט זיך איבערגעשראָקן און מיט אַ מוראדיק האַרץ־קלאַפּעניש אַנטלאָפֿן אין אַ זײַט, און ער איז געגאַנגען ווײַטער צו דער שטאָט צו און אויסגעשטרעקט די האַנט צו יעדן מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט. ייִדן האָבן פּחד באַקומען און אים דעם וועג אָפּגעטראָטן, און ער איז אַלע מאָל שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט נישט קיין געענדיקטן וואָרט: „אָ!... דער ביק!...“

יעדע מחשבֿה האָט זיך, אַ פּנים, מיט אָט דעם וואָרט אין זײַן געפּרעסטן מוח אָנגעהויבן, נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט הערן אָט די מחשבֿה. איז ער דערפֿאַר בײַם ערשטן וואָרט געבליבן, גלײַך ווי ער מיט אָט דער מחשבֿה וואָלטן אויף עמעצן געהאָפּט און געוואָרט. אָט וועט ער סוף־כּל־סוף קומען, יענער מענטש, וואָס

ווערט אים וועלן אויסהערן. וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּלאָזן און וועט אים אַנטדעקן אַלע מחשבֿות, וואָס אין זײַן טויבן און געפּרעסטן קאָפּ.

פֿאַמעלעך איז ער אַזוי פֿאַרגאַנגען אין קלויז, געעפֿנט די טיר און אַרײַנגערוקט זײַן טויבן קאָפּ. קיינער איז אין קלויז נישט געווען. האָט ער זיך בײַ דער הייסער הרובע געזעצט. אַרום אים איז אַזוי שטיל און רויִק געווען. די קלויזשויבן — מאַט פֿאַרפֿרוירן, די סטענדערס — פֿאַרלאָזן, ווי מצבֿות פֿון קדושים, וואָס שטייען מיטן פּנים צו מזרח־זײַט און כאַפּן אַ קוק אַהין, צו גאָט־ברוך־הוא. כראָפּעט זיך ערגעץ קעגנאיבער דער הייסער הרובע אַ ייִד אַן אָרע־מאַן, וואָס איז פֿון ווײַטע מקומות צו פֿוס געקומען, כראָפּעט פֿון אַ געשמאַקן בײַטאָגעדיקן דרימל און חלומט וועגן אַ סך, אַ סך אײנציקע קאָפּיקעס.

און דער טויבער זיצט דאָ מרה־שחורהדיק בײַ דער הרובע און הערט נישט, ווייסט נישט אַפֿילו צי דאָרטן, קעגנאיבער דער הרובע, ליגט אַ מענטש. זײַן מוח איז אײַנגעפּרעסט, קאַלט, און געדענקט שוואַך און נעפּלדיק אַ טרויעריק געשעעניש מיט זײַנער אַ פֿאַר־ווונדעטער לאָפּעטקע, מיט אַ טאַפּטשאַן, מיט אַ מת, און מיט אַן אײַזערנעם קרוק, וואָס צו אים איז אַ שטריק צוגעבונדן. און אַרום אַלץ דרייט זיך אַן אָנגעהויבענע מחשבֿה מיט נישט קיין געענדיקטן וואָרט: „דער ביק!... אָ!...“

ס׳קומט־אַרײַן יאָסעלע דער נאמן, טוט־אויס דאָס שמויסענע פֿוטער און זעצט זיך נעבן אים בײַ דער הרובע. פֿאַמעלעך און פֿאַרחלומט גלעט ער זיך זײַן שפּיציק בערדל. און דאַכטן דאַכט זיך שוין, אַז ער קלערט זײַנע תּמיד בייזלעכע מחשבֿות, מחשבֿות פֿון אַ ייִדן אַ מטופּל, וואָס זיצט אָן פּרנסה. האָט אָבער יאָסעלע אַ נשמה, וואָס עס באַרירן זי צײַטנווײַז ווילד־פּרעמדע ענינים. ער שרײַט עפּעס אינעם טויבנס פֿאַרשטאָפּטן אויער און דער טויבער בייגט צו אים זײַן געפּרעסטן קאָפּ און שאָקלט אים נאָך: „געשטאָרבן?... וואָס זשע דען? אַוודאי געשטאָרבן“.

ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר יאָסעלע לאַכט. ס׳פֿאַרקנייטשן זיך יאָסעלעס צוגעשוירענע וואָנצעס מיט דער אייבערשטער ליפּ און ס׳באַווײַזן זיך געלע, פֿאַררויכערטע ציינער. יאָסעלע שרײַט ווידער, און ער קוקט אים אין די אויגן. זײַן פּנים איז מרה־שחורהדיק. די בלײַענע אויגן זײַנען פֿאַרגליווערט און אויסגעגלאַנצט. דאָך כאַפּן זיי בײַ יאָסעלען איבערגעריסענע ווערטער און גיבן־איבער דעם געפּרעסטן מוח: „דער ביק איז אַ חזיר... אַ רײַכער חזיר, נישקשה״.

ס׳דאַכט זיך אים, אַז יאָסעלע רייצט זיך מיט אים, און ס׳פֿאַרדריסט אים. נאָר באַלד פֿאַרגעסט ער, אַז ס׳פֿאַרדריסט אים און וואָס ס׳פֿאַרדריסט אים, און געדענקט נאָר דעם ביקס הויכע און ווײַס אָפּגעקאַלכטע שטוב מיט אירע פֿונאַנדערגעוואַקסענע אַקאַציע־ביימער, וואָס פֿאַר די פֿענצטער, און מיט איר ריין בלויען, ווי נאָר וואָס אָפּגעוואַשענעם פֿאַרקאַן.

עס ווערן טונקל די געקווייטלט פֿאַרפֿרוירענע שויבן. מענטשן קומען־אַרײַן אין קלויז, רוקט ער זיך פּאַמעלעך אַרויס אין דרויסן, פֿאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און לאָזט זיך ערגעץ גיין. ער שפּאַנט פּאַמעלעך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. נאָר באַלד פֿאַרגעסט ער, וווהין ער גייט, פֿילט אַפֿילו נישט צי ער גייט, ווייסט נישט צי אין דרויסן איז זומער, צי ווינטער. ייִנגעלעך פֿאַרלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם גליטש און לויפֿן אים נאָך. עפּעס שרײַען זיי צו אים, נאָר ער הערט נישט, גייט צווישן צוויי שורות הילצערנע קלייטן און קוקט זיך אויף זיי נישט אום. מענטשן קערן אים אָפּ דעם וועג, און ער באַמערקט זיי נישט. פֿון אונטן פֿאַרט־אָן אַ שליטן. דעם פּויער איז קאַלט, ער פֿילט זיך נעמען די לייצעס אין די הענט און אָפּקערן, שרײַט ער אים: „בערעגיס!״ [2]. און ער הערט נישט. דער דישל טוט אים אַ קלאַפּ אין די אײַנגעהויקערטע ברייטע פּלייצעס, כאַפּט ער זיך מיט דער האַנט פֿאַרן פֿאַרווונדעטן אָרט, קוקט זיך נישט אום און גייט ווײַטער.

---

[2] (רוסיש) היט זיך!

ער שטעלט זיך אָפּ בײַם ביק אין פֿינצטערן קאָרידאָר און ווייסט נישט, וווהין זאָל ער ווײַטער גיין. די רעכטע טיר, וואָס פֿירט אין עסצימער, איז צוגעמאַכט שטײַף און פֿעסט, גלײַך ווי זי איז געשלאָסן פֿון אינעווייניק. די לינקע טיר, וואָס צו דער קיך, איז עטוואָס אָפֿן. אַ לאַנגע און שמאָלע שײַן ציט זיך דורך איר פֿון דער קיך, צעשפּרייט זיך אויף דער פּאָדלאָגע פֿונעם פֿינצטערן קאָרידאָר און רירט זיך נישט. ער שטעלט זיך אין ווינקל, וואָס קעגנאיבער אָט דער טיר, און רירט זיך אויך נישט. מען גייט מיט אַ לאָמפּ גיך אַדורך און מען באַמערקט מיט שרעק אַ פּאָר אָפּגעריבענע שטיוול-בעזער. ס׳ווערט אַ געדודער, און ס׳שטייען שוין נעבן אים אַלע שטובמענטשן. דער ביק אַליין שרײַט עפּעס אין זײַן טויבן אויער, נאָר ער הערט נישט און טראַכט: „דער ביק איז אַ חזיר... אַ רײַכער חזיר... נישקשה".

*

און בעת ער קומט-צוריק צו זיך אין שטיבל און שטעלט זיך נעבן טאַנדעטניק בײַ דער הרובע, טראַכט ער נאָך אַלץ וועגן דעם. איצט געדענקט ער שוין, אַז ער איז געוועזן בײַם ביק אין שטוב און האָט אים געזען נאָענט נעבן זיך. און נאָך געדענקט ער: ער איז אַ טויבער, אַ ייִד אַ טרעגער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ ווײַב לאה מיט אַ מיידל אסתּר. ער פֿאַרקרימט זיך אַפֿילו און באַווײַזט דעם טאַנדעטניק צו זיך אויף דער ברוסט:

„עסן... ס׳קלעמט אים אָט דאָ, בײַם האַרץ-לעפּעלע".

און דער טאַנדעטניק זיצט רויִק נעבן אים, האַלט אַ קליין פֿאַר-שמוצט קינד אין שויס און גלעט מיט אַ האַנט זײַן אומריין קעפּל. זײַן קול איז צעקראָכן און מאָנאָטאָניש, ווי דאָס קול פֿון אַ ייִדענע. ער האָט נישט קיין באָרד. עטלעכע איינציקע האָר שטעקן אין זײַן גאָמבע און אין דער אייבערשטער ליפּ און שאָקלען זיך בשעת ער רעדט. ער גענעצט זיך פֿונאַנדער, הייבט זיך אויף און שרײַט צום טויבן אין אויער:

— ער איז נישט קראַנק צו באַצאָלן, דער ביק...

דאָס ברודיקע קינד פֿאַרקרימט זיך, עפּנט אַ קליין מײַלכל אָן ציינער און פֿאַרגייט זיך. און דער טאַנדעטניק הערט נישט און שרײַט נאָך אַלץ צום טויבן:

— אַ רוח'ן ביקס טאַטן!

די טאַנדעטניטשקע לויפֿט־אָן ערגעץ פֿון גאַס, כאַפּט דאָס וויי־נענדיקע קינד אויף אירע קאַלטע, אויסגעדאַרטע הענט און רײַסט איר שמאָלן האַלדז:

— פֿאַר אַזאַ מעשׂה מעג ער גוט באַצאָלן, דער ביק... ער האָט אָבער געוווּסט אויף וועמען אָנצוטרעפֿן. זי שלעפּט אים פֿאַר דער האַנט און שרײַט:

— טויבער גולם!... וואָס שווײַגסטו?

נאָר בײַם טויבן זײַנען שוין די געדאַנקען ווידער פֿאַרפּלאָנטערט. ער קוקט גלײַך אין דער טאַנדעטניטשקעס פּנים און רירט זיך נישט.

אַ שכן, אַ שנײַדער מיט אַ ווייכער און ליכטיקער באָרד, קומט צום טאַנדעטניק אין שטוב אַרײַן, באַטראַכט לאַנג דעם טויבן און שלעפּט פֿאַר זײַנעם אַן אַרבל:

— טויבער, סאַראַ טאָג איז הײַנט?

ער איז אַזאַ ווייכער און גוטיטשקער, אָט דער יונגער שנײַדער מיט דער לאַנגער, ווייכער באָרד. ער וויל אויספֿאָרשן אויף וויפֿל דער טויבער איז צעמישט, און בײַ אים אַליין קלאַפּט שוין אַזוי שנעל דאָס האַרץ, און דאָס פּנים זײַנס, דאָס אײדעלע, איז שוין רויט, און די אויגן זײַנע שעמען זיך שוין, פֿינקלען און שעמען זיך: ער ווייסט? אפֿשר האָט ער אַ נאַרישקייט געטאָן...

נאָר דער טויבער ווייסט נישט, ווער ס'שלעפּט אים פֿאַר זײַן אַרבל, ווייסט נישט נאָך וואָס מען שלעפּט אים, ווייסט נישט צי בײַ דעם, וואָס שלעפּט אים, איז הײַנט שבת צי וואָך. אַן אײַנגע־הויקערטער, מיט פֿאַרבאַהאַלטענע הענט, פֿאַרלאָזט ער די שטוב, גייט ערגעץ און ווייסט נישט וווּהין, דרייט זיך נעבן דער קלויז און אין מאַרק בײַ די קלייטן און דערזעט פּלוצעם, אַז ער שטייט ווי־

דער בײַם ביק אין שטוב. דער ביק שטייט אים אַנטקעגן און שרײַט אין זײַנעם אַן אויער, אַ שמאַטע:

— וואָס ווילסטו, טויבער?

מען עפֿנט די טיר און מען ווײַזט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג. פֿאַרלייגט ער ווידער די הענט אין די אַרבל און פֿאָלגט שווײַגנדיק און שטיל.

# 6

און ווינטערס נעפּלדיקע מעת־לעתן האָבן געגענעצט און גע־בוירן קורצע און פּראָסטיקע טעג. דאָס זײַנען נישט געווען קיין טעג, נאָר טונקעלע און מסופּנדיק קאַלטע בין־השמשותן.

ס'האָט געשאָטן שניי.

גאַנץ פֿרי האָט זיך דער טאַנדעטניק מיט דער ווײַבס שאַל אויפֿן גרויסן שמויסענעם פֿוטער אײַנגעהילט, זיך אין מאַרק אַרויס־געכאַפּט און באַלד צוריק, אַ פֿאַרשאָטענער מיט שניי און מיט אַ פֿאַרבלויטער נאָז, צו לויפֿן געקומען. ער האָט געריבן די פֿאַר־פֿרוירענע אויערן מיט די פֿאַרשטיינערטע שפּיצפֿינגער און דער־ציילט דעם ווײַב וועגן דרײַ פֿאַרפֿרוירענע, וואָס מען האָט ערגעץ נאָענט אונטער אַ פֿאַרשאָטענעם דאָרף געפֿונען. „יאָ, און וואָס נאָך? ייִדן האָבן זיך אויף אַ יאַריד געלאָזן פֿאָרן און זיך קוים לעבעדיקע פֿון אונטער דער שטאָט צוריק פֿאַרשלעפּט“.

אַזוי צופֿרידן איז ער שוין געווען מיט דעם, וואָס ער האָט זיך מיט אַ סך הייצונג פֿאַרגרייט, געהאַלטן אַ שטיקל אַרבעט בײַ דער הייסער הרובע, געקוקט אויף די פֿאַרבלאָזענע שויבן און זיך פֿאַר שׂמחה אַזש מיטן טויבן געווערטלט:

— זיץ אין שטוב, טויבער... דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

האָט אָבער דער טויבער נישט געהערט און זיך דאָס זײַניקע געטאָן: דאָס קורצע און גראָבע לײַבל האָט ער אויף זיך אַרויפֿגע־

וואָרפֿן, די לענדן זיך שטײַף אונטערגעגאַרטלט, דאָס היטל איבער די אויערן אָנגערוקט און אַפֿילו די טאַנדעטניטשקע פֿון אונטן פֿאַר איר קאָפּטל אַ שלעפּ געטאָן: „אָט זאָל זי זען: ער גייט... אין מיל גייט ער... צום ביק אין מיל...‟

די טאַנדעטניטשקע האָט אויף אים אַזאַ בייזן בליק געטאָן:

— גיי... אין דער ערד גיי... דערלעב נישט קומען...

און ער האָט צו איר נאָך אַלץ מיטן קאָפּ געשאָקלט:

— יאָ יאָ, צום ביק אין מיל.

פּאַמעלעך איז ער די שטאָט דורכגעגאַנגען, זיך גענומען לינקס און אַוועקגעשפּאַנט אַהין, אין איינזאַמען טאָל, וווּ דער שנייענדיקער שטורעם האָט זיך מיט רויך אויסגעמישט און אַרום מיל אַ קײַלעכ־דיקס געכאַפּט. דער אָנגעפּעלצטער מילסטרוזש האָט אים דערזען, זיך אויפֿן טויער געשטעלט און אים אין מיל נישט געוואָלט אַרײַנ־לאָזן. האָט ער זיך גענומען מיט אים ראַנגלען. ער האָט צעהרגעט דעם סטרוזש, דער סטרוזש האָט אים צעהרגעט. מ׳האָט ענדלעך דעם אוראַדניק געבראַכט, וואָס האָט אים צו צוויי גויִים אין די הענט איבערגעגעבן.

נאָך דעם איז אַ פּראָסטיק שטילע און אויסגעשטערנטע נאַכט געווען.

פֿאַר טאָג פֿאָרט זיך אַזוי שטיל אַן אָנגעפּאַקטער שליטן מיט דרימלענדיקע ייִדן, פֿאָרט ערגעץ אויף אַ יאַריד, וואָס אין נאָענטן שטעטל. אַרום איז אַזוי שטיל. דרימלט זיך אין דער רעכטער האַנט דער פּויערשער בית־עלמין; שלאָפֿט זיך לינקס וואָווע ביקס ווײַסע שטוב מיט איר לאַנגן סאָד; און איבער אַלץ אַ פֿאַרטאָגיקער רייַנער הימל מיט אויסגעלאָשענע שטערנדלעך, וואָס ווינקען זיך נאָך ער־געץ ווו דורך וועגן אַ געהיים נאַכט־מעשׂהלע.

ייִדן פֿאַרלירן אַלע מאָל די פֿאַרשלאָפֿענע קעפּ און דרימלען־אײַן מיט אַ פֿרומען בטחון־געדאַנק: „אם־ירצה־השם, אַ גוטער יאַ־ריד...‟

פּלוצעם: אַ שנאָרך פֿון אַן איבערגעשראָקענעם פֿערד, אַ טראָג

דעם שליטן אין אַ זײַט מיט אַן איבערגעשראָקענעם געשריי פֿונעם פויער, דעם אָנטרײַבער: „טפּררו!!"

ייִדן דערוואַכן פֿונעם דרימל מיט אַזאַ מוראדיקער שרעק; בײַ יעדן פֿון זיי קלאַפּט שנעל דאָס האַרץ: „וואָס איז געשען?"

דער פּויער שטייט שוין פֿאַר די פֿערד און שילט זיך מיט ני־בול־פּהדיקע קללות: „אַ טשאָב טאָבי... טשוט, טשוט טשילאָוויקאָ ני פּערעיִכאַלי [3] !..."

ייִדן לויפֿן געשווינד צום פּויער, בייגן זיך אָן און דערקענען דעם טויבן: ער ליגט זיך אַזוי אַן אײַנגעהויקערטער אינעם צוגע־גאַרטלטן וואַטענעם לײַבל מיטן אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און האַלט אַ האַק אין דער האַרט געשלאָסענער רעכטער האַנט.

ער איז נאָך וואַרעם. לייגט מען אים אויפֿן שליטל און מען פֿירט אים אָפּ אַהיים. אַ ברירה האָט מען?

ייִדן יאַרידניקעס זײַנען אַזוי אומצופֿרידן, קוקן אויפֿן בלאַסן מזרח און קלאָגן זיך: „פֿאַרשפּעטיקט דעם יאַריד, ווי איך בין אַ ייִד"...

*

און אין שטאָט האָט מען שוין באַלד פּשט לערנען אָנגעהויבן: „וואָס זשע, ס'איז אַ נײַס? דער טויבער האָט פֿאַרטראַכט דעם ביק הרגענען".

ערגעץ האָט זיך שוין געפֿונען אַן עדות־זאָגער, וואָס האָט דעם ביקס פּחד גרעסער געמאַכט. אָט ווען איז דאָס געווען? שפּעט בײַ נאַכט איז ער הינטער ביקס שטוב דורכגעגאַנגען און געזען: אײנער אַ מענטש דראַפּעט זיך אויפֿן הויכן פּאַרקאַן, קלעטערט און דראַפּעט זיך; ס'איז אויף אים אַ פּחד אָנגעפֿאַלן, איז ער אַנטלאָפֿן. „און וואָס נאָך? ווער ווייסט נישט, אַז דער טאַנדעטניק געפֿינט אַלע גאַנץ פֿרי זײַן טיר אָפּגעשלאָסן?"

בײַם ביק האָט מען טאַקע באַלד אַ געזונטן גוי, אַ סטרוזש גע־

---

[3] אָ זאָלסטו... שיר, שיר קיין מענטשן ניט איבערגעפֿאָרן.

דונגען, וואָס האָט גאַנצע נעכט געקלאַפּט אינעם הויכן פּאַרקאַן; און דער האַלב־דערפֿרוירענער טויבער איז צוויי וואָכן נאָך אַנאַנד שלאָף געווען און ווי אַ גולם זיך געוואַלגערט אין בעט, וואָס אין זײַן נאַסער קיך.

עמעצער האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און דעם דאָקטער אַרײַנגערופֿן, אַ יונגן אויסגערוטן און גוטיטשקן דאָקטער, וואָס האָט געהאַט קליינע וואָנצעס מיט שוואַרצע קלוגע אויגן. ער איז לאַנג געזעסן נעבן אים, אָט דער גוטיטשקער און אויסגערוטער דאָקטער, לאַנג אַרײַנגעקוקט אין טויבנס גלײַכגילטיקן פּנים און לאַנג אויסגעהערט די מעשׂה, וואָס די אויסגעדאַרטע טאַנדעטעטניטשקע האָט אים, רײַסנדיק דעם שמאָלן און הייזעריקן האַלדז, דערציילט. אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט, האָט זיך אים, אַ פּנים, אויסגעוויזן שרעקלעך וויכטיק און אינטערעסאַנט. דערפֿאַר איז ער געזעסן שטיל, פֿאַרטראַכט און מיט גרויס דרך־ארץ.

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג איז ער ווידער געקומען, אָט דער זעלביקער יונגיטשקער און אויסגערוטער דאָקטער מיט די זעלביקע קליינע וואָנצעס און שוואַרץ קלוגע אויגן, און ווידער לאַנג נעבן טויבנס בעט געזעסן. ער האָט אין טויבנס פּנים געקוקט און געטראַכט. דער טויבער האָט אין זײַן פּנים געקוקט און אויך געטראַכט. און דאָך האָט איינער דעם צווייטן נישט פֿאַרשטאַנען. אַזוי ווײַט און פֿאַרשיידן זײַנען זיי שוין געווען, אָט די צוויי ברואים, וואָס האָבן זיך גלײַך אין די אויגן געקוקט.

דער טויבער האָט זיך טאַקע צום סוף מיישבֿ געווען און זעלבשטענדיק געזונט געוואָרן, אָן שום הילף פֿון אַ מענטשן, וועגן וועלכן ער האָט שוין קלערן נישט געקאָנט.

ס׳איז אַזוי מערקווערדיק געווען. אַליין איז ער אפֿשר נאָך קרעפּטיקער און געזינטער ווי פֿאַר דער שלאַפֿקייט געוואָרן, און דאָך איז אים אַ מיאוסער פֿעלער פֿאַרבליבן: ער האָט אויפֿגעהערט שלאָפֿן בײַ נאַכט.

אַ הויכער, ברייטביינערדיקער און גלײַכגילטיקער, האָט ער

אין שטוב אַרומגעבלאָנדזשעט און געשוויגן צוזאַמען מיט די שטילע און פֿינצטערע נעכט. אַזוי לאַנג און פֿינצטער זײַנען די נעכט געווען. און אײַנגעהילט האָבן זיי אין זייערע טונקעלע טיפֿקייטן די גאַנצע פֿאַרחלומטע וועלט, און פֿאַרשלעפֿערט האָבן זיי אַלץ, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, חוץ אים, דעם אייציקן וועלט־דופֿק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוען, נישט געטאָרט אַפֿילו טראַכטן וועגן רו.

היין און צוריק האָט ער איבערן קליינעם שטיבל אַרומגעשפּאַנט, געקלאַפּט ווי אַן אומרו און געטראָגן אויף זיך די יסורים מיט דער מרה־שחורה פֿון די שלאָפֿנדיקע. ער איז נישט געווען מיד און האָט נישט געטראַכט וועגן רו. אָט ווען עמעצער זאָל אים געווען בײַ דער האַנט אָנכאַפּן און אים אָפּשטעלן, וואָלט ער זיך, נישט אַרומקוקנדיק, אַרויסגעריסן פֿון אים און וואָלט ווידער געשפּאַנט.

וואַרפֿט זיך אַ מאָל אין מיטן נאַכט דער טאַנדעטניטשקעס קליין קינד דורך, לאָזט־אַרויס פֿריִער עטלעכע קרעכצן און נאָך דעם אַ געוויין. די טאַנדעטניטשקע כאַפּט זיך מיט אַ שטאַרק פֿאַרשלאָפֿענעם פּנים פֿונעם בעט אויף, הייבט עטוואָס אויף דעם שווערן דרימלדיקן קאָפּ און שטילט דאָס קינד אײַן: „נו, שלאָף, נו, שלאָף!“

זי רעדט מיט אַזאַ פֿאַרלעגערטן קול. דערהערט, ווי דער טויבער שפּאַנט דאָרטן אין צווייטן חדר און שילט אים: „אַ קרענק אים... עס נעמט אים קיין קויל נישט“.

נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער. אַזוי האַרט און פֿעסט זײַנען זײַנע טריט. און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי אײַן שטיל און פּאַמעלעך, אָט די האַרטע און פֿעסטע טריט, און וואַרט אויף נײַע. און באַלד קומען זיי, אָט די נײַע, שווערע טריט, און קלאַפּן ווי מיט האַמערס אין פֿאַרשלאָפֿענעם מוח. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אַחוץ דעם טויבן שפּאַנט נישט, ווײַזט זיך שוין אויס, אַז דער טויבער וועט זיך אייביק אַרומדרייען און אַז די נאַכט וועט זיך אייביק,

אייביק ציִען. די טאַנדעטניטשקע דערשרעקט זיך פֿאַר דער מחשבֿה, דעקט־איבער דעם קאָפּ און שלאָפֿט־אײַן מיט אַן אַלט באַקאַנטן קינדערשן פּחד. אַלץ שלאָפֿט שוין אין איר, נאָר אינעם דרימלדיקן מוח דרייט זיך נאָך אַרום אַן אָפּגעריסענע, פֿאַרלעגערטע קללה: „אַ קרענק!... אַ כאָלערע!...‟

*

דער טאַנדעטניק האָט זיך איין מאָל, אין אַ בלאַסער נאַכט, פֿון שלאָף דורכגעוואָרפֿן, דעם טויבן שפּאַנען ניט געהערט און גלאַט אַזוי אַ טראַכט געטאָן: „אפֿשר האָט אים שוין דער רוח גענומען?‟

און דער טויבער איז דעמאָלט בײַ זיך אין בעט געלעגן און שטיל און אָן אַן אויפֿהער געקלאַפּט מיט די פֿיס אין דעם ווענטל פֿונעם בעט. ער איז ניט שלעפֿעריק געווען, נישט געוווּסט, צי פֿאַר דער נאַכט איז אַ טאָג געווען און צי נאָך דער נאַכט וועט נאָך עפּעס זײַן.

עפּעס האָט פֿון דרויסן דורכן פֿענצטער אַרײַנגעקוקט, האָט זיך דער טויבער אויף די קני אַוועקגעשטעלט און גענומען קוקן אין פֿענצטער. אַ בהמה איז דאָרטן געשטאַנען אַ מרה־שחורהדיקע און אַן אומגליקלעכע און אינעווייניק אַרײַנגעקוקט. באַלד האָט ער די בהמה דערקענט: „וואָווע ביקס בהמה...‟

געשווינד האָט ער די האַק געכאַפּט און איז אין דרויסן אַרויס. אַ בהמה איז דאָרטן געשטאַנען, געשלעפּט נאַסע שטרוי פֿונעם ניידעריקן דאַך און זי פּאַמעלעך, פּאַמעלעך געקײַט מיט גלײַכע, שטומפּיקע ציינער. זי האָט אים דערזען, די בהמה, און פֿון דער סטריכע [4] אַוועקגעגאַנגען, איז ער נאָכגעגאַנגען פּאַמעלעך, נישט געאײַלט. אַרום איז שטיל און פּוסט געווען. אַ נאַסער ווינט האָט זיך אין דער בלאַסער נאַכט אַרומגעטראָגן און גלאַט אַזוי קונצן געמאַכט; פֿון אַ נאָענטן אײַנגעהויקערטן שטיבל האָט ער איינציקע

---

[4] דאָרפֿיש דעכל.

שטרוי פֿון דאַך אַרויסגעריסן און זיי איבערן אָפּגעלאָזטן ברודיקן שניי פֿונאַנדערגעבלאָזן; און אויף דיביימער, וואָס ביי אַ רייכן באַלעבאָס׳ אַ שטוב, האָט זיך אָט דער נאַסער ווינט אַרויפֿגע־כאַפּט און מיט זייערע שפּיצן אינעם אייזערנעם דאַך געקלאַפּט. ערגעץ אין צווייטן געסל איז אַ ייִד אַ סוחר עפּעס פֿונעם וועג אָנ־געקומען און געשמאַק געקלאַפּט אין אַ פֿענצטער פֿון זיין דרימ־לענדיקער שטוב. אַ מחנה הינט האָבן זיך הינטער אַ נאָענטער שטוב פֿריינדלעך אין די פּנימער געקוקט און זיך מיט די עקן חניפֿהלעך געמאַכט. איינער אַ הונט האָט זיך פֿון צווישן זיי אַרויס־געריסן און זיך אויף דער בהמה מיטן טויבן אַ לאָז געטאָן, האָבן זיי אַלע נאָכלויפֿן גענומען. די בהמה האָט לויפֿן אָנגעהויבן, האָט דער טויבער די האַק אויפֿן אַקסל פֿאַרוואָרפֿן און זיך געלאָזט נאָך איר. דער ווינט האָט אין די שפּיצן פֿון די ביימער פֿאַרגעסן און זיך נאָכן בינטל געלאָזן. באַלד האָט זיך דאָס בינטל אין בלאָסן נאַכט־חשכות אויסגעמישט און זיך שוין געשווינד געטראָגן איבער שטאָטגריבער, קליינע טאָלן און מיסטבערגלעך.

*

און גאַנץ פֿרי האָבן ייִדן דעם טויבן אַ טויטן געפֿונען און נעבן אים — פּעסי דער מילכיקערס געהרגעטע בהמה.

זי האָט אַזוי געוויינט, אָט די פּעסי:

אַדרבה, זאָלן ייִדן זאָגן, וואָס זי איז דאָ שולדיק?...

זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן און זיך פֿאַר האַרצווייטיק פֿאַר־נאַנדערגעכליפּעט. און ייִדן זיינען דאָ פֿאַרקלערטע געשטאַנען און געשוויגן.



שלמה מיכאָעלס **אין דוד בערגעלסאָנס דראַמע** די ברויטמיל, **אין דער ראָלע** דער טויבער

# אפגאנג

ראָמאַן

...וארא והנה חר אחד בקיר... ואחתר... והנה פתח אחד[1].

יחזקאל ח׳

# 1

שפּעט נאָך האַלבן טאָג האָט מען מקבר געווען מלכן אויפֿן קליינשטעטלדיקן ראַקיטנער בית־עולם.

אַלע זײַנען אַוועקגעגאַנגען אַרויף באַרג מיט דער בחורשער לוויה, און אין שטאָט, וואָס ליגט, ווי אין אַ נעסט, אויסגעבעט צווישן גרינע באַאַרבעטע בערג, איז דעמאָלט אַקעגן אַ פּאָר שעה געווען אַזוי שטיל, גלײַך אין איר איז מער קיינער נישט געבליבן.

אַ פּשוטע גוייִשע פֿור איז דעמאָלט אָנגעלאָפֿן באַרג־אַראָפּ מיט צעיאָגטע פֿערד און האָט אײַלנדיק דורכגעשווינדלט צווישן די צוויי שורות טאָפּאָלן, וואָס אין אָנהייב בעריזשינעצער וועג; אירע רעדער האָבן געשווינד געיאָגט איבער דער הילצערנער גרעבליע, וואָס אין איין עק שטאָט, און זייער טרייסלדיקע קלאַפּערײַ האָט אָפּגעהילכט ביז דער הילצערנער גרעבליע, וואָס אין צווייטן עק.

דאָרט, אין אָט דעם צווייטן נידעריקן עק, האָט אַ וואַסערל שטיל געמורמלט אַרום אַ שטיין; אַ גויע האָט געוואַשן גרעט, אַן עפּלבוים איז געשטאַנען און געבליט, און גאָר נישט — קיינעם האָט נישט געאַרט, וואָס דער הימל איז צו שבֿועות צו גאַנצע טעג פֿאַרוואָלקנט.

---

[1] (אין יהואָשעס איבערזעצונג) און איך האָב געזען, ערשט אַ לאָך איז אין דער וואַנט... און איך האָב געגראָבן... ערשט אַן אײַנגאַנג.

פּלוצעם האָבן זיך דערהערט גלעקלעך קלינגען. איבער דער שטאָט האָט זיך געשווינד פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז פֿון וואָקזאַל איז אָנגעקומען מלכּס שוועסטער, די פֿרעמדשטעטלדיקע פּראָווי־זאָרין. מ׳האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן אויפֿן בית־עולם, מ׳איז מיט מלכּס שוועסטער אַהין אַרויפֿגעפֿאָרן און די קבֿורה האָט זיך פֿאַרהאַלטן. אַלע האָבן זי דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל, אָט די פֿרעמדשטעטלדיקע שוועסטער מלכּס. זי איז געשטאַנען צווישן די יונגע קאַרשנביימער נעבן אָפֿענעם קבֿר און האָט געוויינט. און אַלעמען איז דאָרטן באַגלײַך פֿרעמד געווען סײַ איר פּנים, סײַ איר קול.

פֿון דער לוויה האָט מען זיך אומגעקערט שפּעטלעך אין בין־השמשות. מ׳איז זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען איינציקווײַז און פּאָרלעכ־ווײַז, און דער דאָקטער גראַביי איז געווען פֿאַרשוויצט און הייזע־ריק — ער האָט אויפֿן בית־עולם געכאַפּט אַ צוגלופּט און האָט פֿאַרלוירן דאָס קול.

ס׳איז געווען כמאַרנע אין דרויסן; ס׳האָט געשמעקט מיט נאָענטן רעגן; און וועגן וואָס צו ריידן איז נישט געווען.

אין מיטן אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכדיקן מאַרק איז גע־שטאַנען אַ רעדל. אַ וווקסיקער צעפּאַטלטער ייִד האָט געשטעקט אין מיטן רעדל און האָט געשאָקלט מיט דער היפּשער שטויביק־גרוילעכער באָרד. דאָס איז געווען יצחק־בער, דער גרויס־גופֿיקער קאַסיר פֿון ראַקיטנער וואַלד.

ער אַליין האָט צוריק מיט אַ יאָר אָנדערטהאַלבן ערגעץ פֿון זײַנע מקומות אַראָפּגעבראַכט אַהער מלכן, דעם שעמעוודיק לאַנגן בחור, און האָט אים אײַנגערעדט, ער זאָל דאָ עפֿענען דעם קליי־נעם אַפּטייק־מאַגאַזין. און איצט איז ער געווען דערשלאָגן מיט מלכּס טויט.

אין די יונגע יאָרן איז ער געווען ערגעץ אַ שוחט צי אַ רבֿ, אָט דער יצחק־בער. ער האָט געקאָנט גוט לערנען, נאָר ער איז

געווען אַן אַפּיקורס, קיין מאָל נישט געגאַנגען אין שול און האָט שטאַרק פֿײַנט געהאַט פֿרומע ייִדן.

אויפֿן בית־עולם מיט דער לוויה איז ער נישט געגאַנגען, ווײַל ער האָט נישט פֿאַרגונען די פֿרומע ייִדן, וואָס זיי פֿאָרען זיך איצט נעבן מלכן, און האָט נישט געוואָלט הערן „די פּסוקים, וואָס זיי זאָגן דאָרטן״; איז ער געשטאַנען דאָ אין מיטן מאַרק צווישן אַ רעדל ייִדן און האָט דערציילט, ווי אַזוי מלך איז פֿאַרן טויט געבליבן דער זעלביקער, וואָס אין לעבן; ווי אַזוי ער איז צוויי מעת־לעת נאָך אַנאַנד געלעגן מיט אַ פּענכער אײַז אויפֿן האַרצן און האָט געשמייכלט: איין שמייכל האָט יצחק־בער מפֿרש געווען פֿאַר זײַן מוטער דער אַלמנה, וואָס האַלט ערגעץ אין זײַן געבוירן־שטעטל דעם טאָפּטאַק [2] און לאָזט דאָרטן אַלע יאָר עפּעס אַראָפּ פֿונעם נחת, וואָס זי האָט געקלערט אין אים צו האָבן; איין שמייכל פֿאַר זיך אַליין, פֿאַרן אייגענעם נישט אײַנגעגעבענעם לעבן, הייסט עס; און איין שמייכל... איין שמייכל מעג זײַן פֿאַר זײַן חבֿר חיים־משהן, וואָס פֿלעגט זאָגן, אַז פֿאַרן טויט וועט ער זיך נאָך אָפּרעכענען מיט גאָט מיט אַ „נו?״, מיט אַ „נו״, וואָס וועט זײַן דער טײַטש: נו, האָט מען מיך אַהער אַראָפּגעבראַכט, נו, בין איך דאָ געווען, נו?...

דער רעגן האָט שוין אָנגעהויבן טריפֿן, נאָר יצחק־בער האָט נאָך אַלץ גערעדט, און דער עולם אַרום אים איז נאָך אַלץ געשטאַנען. פֿון דרך־ארץ צום געשטאָרבענעם איז מען דאָ אַרום אים געשטאַנען און פֿון דרך־ארץ צו אים אַליין, דעם גרויסגופֿיקן און צעפּאַטלטן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שוחט צי אַ רבֿ און האָט פֿײַנט פֿרומע ייִדן און גייט קיין מאָל נישט אין שול און איז איצט נישט געגאַנגען אויפֿן בית־עולם מיט דער לוויה.

*

דער רעגן האָט שוין נאָך דעם געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט — דאָס

---

[2] מיל (מילשטיינער).

איז געווען דער ערשטער לאַנגער און רעגלמעסיקער זומערדיקער רעגן. מיט יעדן אומגעריכטן בליץ האָבן זיך פּלוצעם, ווי אומגעריכט, אויפֿגעכאַפּט דער מילקוימען מיט די צוויי קלויסטערשפּיצן, וואָס אין ביידע עקן ישובֿ, הינטער די בערג. מאָדנע נאַקעט, ווי נישט קיין היגע, האָבן די שפּיצן אַ שימער געטאָן מיט זייער צעשראָקן גאָלד אין דער ווײַטן, נאָר נישט דערקענט נישט זיך אַליין און נישט די געגנט אַרום, און האָבן אײַנגעדרימלט צוריק מיט אַ מינע פֿון אויסגעוועבטן פּחד און פֿון בטלען חלומות: „טפֿו! טפֿו! צו שׂונאימס קעפּ“.

אַ גאַנצע צווייטע האַלבע נאַכט האָט ראַקיטנע די שטאָט געהערט אין שלאָף, ווי רויִק ס'טריפֿן די רינוועס פֿון אירע דעכער. טראָפּנס פֿאַלן דאָ אין אַ פֿעסל אַן אונטערגעשטעלטן, דאָ אויף אַ שטיין אַן אײַנגעפֿלאַסטערטן, און דערמאָנען, אַז אין שטאָט האָט זיך געפֿעלט אַ מענטש: „טאַקע געוואָרן ווינציקער מיט אַ מענטש“.

און גאַנץ פֿרי, ווען פֿון אונטער צעריסענע שווימענדיקע שטיקער וואָלקן האָט זיך דער רעגן ווידער אין אַלכסון [3] געלאָזט גיסן, איז שוין אַ געדונגענע בעל־עגלהשע פֿור געהאַט געשטאַנען אין עק שטאָט, נעבן מלכס קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין — געשטאַנען, זיך גענעצט אויפֿן רעגן און געוואַרט.

אין אַ געלעגענער בעל־עגלהשער בורקע מיט אַ מענערשן שירעם אין האַנט איז פֿון שטיבל אַרויסגעגאַנגען מלכס שוועסטער, די פֿרעמד־שטעטלדיקע פּראָוויזאָרין, און שווער, ווי געפּענטעט, גענומען אַרויפֿקלעטערן אויף דער הויכער בעל־עגלהשער בריטשקע. אַז איר האָבן געוואָלט העלפֿן חנהקע ליובער און עטל קאַדיס — די קורסיסטין, וואָס האָט אין גיכן געזאָלט אַ כּלה ווערן פֿאַר מלכן — האָט זי זיך פֿון זייער הילף אָפּגעזאָגט; געמאַכט אַ פּאָר פֿאַרעקשנטע, נישט קיין זיכערע תּנועות און זיך סוף־כּל־סוף אַרײַנגעוואָרפֿן אין בריטשקע אַרײַן מיטן בויך, ווי איינער וואָס

---

[3] משופּעדיק, קרום.

זעצט זיך רײַטן אויף אַ פֿערד. נאָר בשעת די מיידלעך זײַנען געבליבן וואַרטן אויף איר לעצטן וואָרט, האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעגליטשט דער שירעם פֿון איר האַנט. אויבן אָן, אויפֿן אָנגענעצטן קישעלע, האָט זי מיט אַ מאָל געגעבן אַ צי אַרײַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, זיך אײַנגעהויקערט, אַזוי אַז די בורקע האָט גענומען אויסזען, ווי אָנגעפּולט מיט אַ בינטל שמאַטעס, און זי האָט אויסגעשאָסן מיט אַ משונה־יאושדיקן קוויטש: „אוי, מלך!... מלך!“...

דעמאָלט איז די פֿור מיט אַ מאָל אָפּגעפּאָרן פֿון שטוב און האָט געלאָזט נאָך זיך לאַנגע צוויי רעדער־סימנים אין דער גלענצנדיק פֿרישער ראַקיטנער בלאָטע — דאָס האָט דער בעל־עגלה מיט אַ מאָל זיך צעוויאָקעט אויף די פֿערד: ער האָט פֿײַנט געהאַט ווײַבערש געוויין.

אין מיטן מאַרק האָט מען די פֿור אָפּגעשטעלט — דאָס איז געווען יצחק־בער, דער גרויסגופֿיקער קאַסיר פֿון ראַקיטנער וואַלד. האַלטנדיק די הענט פֿאַררוקט אין די אַרבל און פֿאַרריסן העכער דער ברוסט, האָט ער געקוקט פֿאַר זיך מיט זײַנע גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן. ער האָט נישט געפֿילט, ווי דער רעגן נעצט אים, ווי דער ווינט בלאָזט אים זײַן לאַנגע שטויביק־גרוילעכע באָרד אין אַ זײַט. צעבראָכן פֿון אַ נאַכט ניט שלאָפֿן, האָט ער זיך געהויקערט מיט זײַן גאַנצן צעפּאַטלטן ווּקס און האָט הוסטנדיק געשריגן צו מלכס שוועסטער אויפֿן קול:

— ווו זשע איז געבליבן דער שליסל?... פֿון מלכס שטיבל דער שליסל?

די פֿור מיט מלכס שוועסטער איז סוף־כּל־סוף פֿאַרשוווּנדן אויפֿן וועג צום וואָקזאַל. יצחק־בער האָט אויסגעדרייט אַהער זײַנע פּרא־אָדמדיקע ברייטע פּלייצעס און מיט הענט פֿאַררוקט אין די אַרבל האָט ער אַוועקגעשפּאַנט צו דער קאַסירערשער אַרבעט, וואָס אין גרויסן ראַקיטנער וואַלד.

און נאָך דעם איז שוין דער רעגן געגאַנגען שטאַרקער. און מלכס שטיבל איז שוין געווען פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן, און דער

שליסל — אײַנגעהילט אינעם אויסגעוועבטן פֿאַרפֿומירטן טיכעלע, וואָס בײַ עטל קאַדיס אין רידיקול[4]. איצט זײַנען אַהיים געגאַנגען שלאָפֿן, חנהקע ליובער און עטל קאַדיס, די צוויי מיידלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען נענטער צום געשטאָרבענעם מלכן ווי אַלע אַנדערע דאָ אין שטאָט. נעכטן בײַ טאָג איז געווען פֿריקרע צו קוקן, ווי זיי שלעפּן זיך בײדע אין אײנעם נאָך מלכס בחורשער לוויה, און איצט איז געווען פֿריקרע צו זען, ווי זיי שלעפּן זיך בײדע אַהײם שלאָפֿן.

*

אויף מאָרגן בײַ טאָג האָט דער רעגן נאָך אַלץ געגאָסן.

הײַזער אין שטאָט זײַנען געשטאַנען אויסגעצוואָגן, אײַנגעהויקערט. אויף דער פֿאַרחושכטער גאַס האָט געשמעקט מיט נאַסן מבול און מיט געגנעץ.

פֿאַר נאַכט האָט זיך גענומען לײַטערן.

שיקסעלעך האָבן אַרויסגעטריבן די געגנדז. אַ בעל־עגלה איז, נאָך צוויי מעת־לעת רוען, דורכגעלאָפֿן איבער דער שטאָט מיט אויסגעפּאַשעטע פֿערד, מיט פֿיס וואָס שפּריצן בלאָטע פֿון אונטער פֿריש פֿאַרבונדענע עקן, און נידעריק אַרויס דער שטאָט האָט זיך פֿאַרן פֿאַרגײן די זון באַוויזן.

אין עק גאַס איז אַ ייִד זיך דורכגעגאַנגען נישט ווײַט פֿון זײַן שטוב און האָט דערזען: מלכס שטיבל מיטן אַפּטייק־מאַגאַזין איז פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן; דער שלאָס אויף דער טיר הענגט, און אינעווייניק נעבן אײנעם פֿון די פֿענצטער ברענט אַן עלית־נשמה־פֿלעמל. דער ייִד האָט וועגן דעם דערציילט בײַ זיך אין דער היים און בײַ די אַרומיקע שכנים, און אַלע האָבן געפֿונען, אַז ווי באַלד קיינער וווינט שוין מער נישט בײַ מלכן אין שטיבל, דאַרף מען אָט דאָס לעמפּל אויסלעשן — ס׳קאָן ווערן אַ שׂריפֿה. מ׳האָט וועגן דעם געשיקט אָנזאָגן צו חנהקע ליובער און צו עטל קאַדיס דער

---

[4] פּרויען־האַנטבײַטל.

קורסיסטין.ביידע מיידלעך האָבן נישט געוווּסט פֿון עפּעס צו זאָגן. עטל קאַדיס האָט געענטפֿערט אַ ביסל ברוגז און קאַלט, ווי אַ שבֿעה־זיצערין: „ס'איז דאָרט נישט געבליבן קיין פּלעמל". נאָר אויף מאָרגן ביַי טאָג, ווען די מיידלעך זיַינען אַהין אַריַינגעקומען, האָבן זיי געטראָפֿן אין צווייטן קלענערן חדרל אַ פֿאַרדרייט לעמפּל.

די נגידישע ניַינצן־יאָריקע חנהקע ליובער איז געווען זייער ליַיטיש אויפֿגעצויגן; איר יונג געשטאָרבענע מוטער האָט זי פֿון תּמיד אָן געלערנט, זיך קיין מאָל ניט צו שווערן. זי איז געווען שטאַרק בלאַס און דערשראָקן און האָט געזאָגט, אַז זי געדענקט נישט, זי זאָל דאָס לעמפּל פֿאַרן אַוועקגיין אָנצינדן. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ ליגן און האָט באַלד צוגעגעבן: „יעדנפֿאַלס איז זי ניַינציק פּראָצענט זיכער, אַז נישט זי האָט עס געטאָן".

שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט: חווה פּויזנער, דעם רײַכן קרעמער עזריאל פּויזנערס געראָטן מיידל, האָט אַ טאָג נאָך מלכּס טויט זיך אומגעקערט אַהיים. שפּעט פֿאַר נאַכט האָט מען זי געזען דורכגיין אַרויף, צו מלכּס שטוב, און נאָך איר איז מיט אַ גרויסן בונט שליסלען אין די הענט נאָכגעגאַנגען זייער עלטערער קלייט־משרת יאָסל. ס'איז געווען נישט צו פֿאַרשטיין: איינער אַ שלאָס אויף דער איַיזערנער טיר פֿון עזריאל פּויזנערס גרויסער כּל־בו־קלייט האָט ווירקלעך געכאַפּט דעם אָנבליק פֿונעם שלאָס, וואָס הענגט אויף מלכּס שטיבל; חווה פּויזנער אַליין אָבער איז די לעצטע ציַיט פֿאַר עפּעס אין כּעס געווען אויף מלכּן און האָט זיך מיט אים, ווי מיט אַ כּיוון, נישט באַגעגנט.

געוויר געוואָרן איז מען עס אַקאָרשט אין עטלעכע טעג אַרום. עטל קאַדיסעס מוטער, די פֿרי געבליבענע אַלמנה, איז דעמאָלט נישט געווען אין דער היים. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז זי איז שוין ווידער בגנבֿה אַוועקגעפֿאָרן צו איר ריַיכן שטאַרק קמצ־נישן שווער, פֿון וועמען זי פֿאַרלייקנט פֿון נאָכן מאַנס טויט ציטע־ריק איר קליין פֿאַרמעגן און ביַי וועמען זי ריַיסט־אויס מיט גרויס מאַטערניש אַלע חודש אויף צו לעבן. די בלאָנדע מיטלמעסיק גע־

פֿאַקטע חנהקע ליובער איז דעמאָלט געקומען צו עטל קאַדיס אַהיים. זי איז געשטאַנען אַקעגן עטלען מיט בלאַסע אונטערגעקליבענע נאָזלעכער און האָט איר נישט געהאַט דערויף וואָס צו זאָגן. כּדי נישט צו קוקן עטלען אין פּנים אַרײַן, האָט זי זיך אַוועקגעדרייט אין אַ זײַט און גענומען קוקן אין פֿענצטער. און עטל קאַדיס האָט אויך דערויף גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרשטײַנערט טונקלבלאַס און אויסגעצויגן פּנים, און פֿון אונטער אירע גרויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אומעטיק, ווי די אויגן פֿון אַ שאָף, האָבן זיך געשוואַרצט היפּשע טיפֿע גריבער: זי איז פֿון תּמיד אָן געווען אַ שווײַגעדיקע, אַ שלעכטע און ביטערע, ווי איר אייגן נישט־געלונגען לעבן. איין מאָל — דאָס איז געווען צוריק מיט אָנדערטהאַלבן יאָר — האָט זי פּלוצעם, אין מיטן סעזאָן, פֿאַרלאָזט אירע נישט־דערענדיקטע קורסן און האָט אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים אַ פֿאַרשפּאַרטע אין איר צימער, וואָס בײַ איר מוטער אין דער היים. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז זי שווײַגט פֿון שלעכטסקייט, שווײַגט זי. דעמאָלט האָט זיך אונטערגעכאַפּט מלך, אויף וועמען גאַנץ ראַקיטנע האָט איר מקנא געווען, און איצט איז שוין אַראָפּ אָט די לעצטע האָפֿענונג אויך, און זי אַליין איז שוין ווידער געשלאָפֿן שלעכט בײַ נאַכט, פּונקט ווי אַמאָל, איידער זי האָט זיך באַקענט מיט מלכן. אין שטאָט האָט מען זי געהאַט אין מויל אומעטום. מ׳האָט וועגן איר גערעדט אין אַלע פֿאַרמעגלעכע הײַזער, וווּ מ׳האָט זיך בײַ טאָג צונויפֿגעקליבן טיי טרינקען. מ׳האָט געשמועסט: „אויב אַ מענטשן גייט נישט, איז גלײַכער, ער זאָל שוין גאָר נישט לעבן אויף דער וועלט“...

און נאָך האָט מען געזאָגט: „נו, גוט. זאָל זײַן, ווי פּרעגער, דער פֿאַרוואַלטער פֿון תּלמוד־תּורה זאָגט — „עטל קאַדיס“ — זאָגט ער, „גייט־אַרום גאַנצע טעג און טראַכט: מיט וואָס נאָך, אַ שטייגער, וואָלט זי געקאָנט פֿאַרווונדערן די וועלט. אָבער איין זאַך קאָן מען דאָך פֿון דעסט וועגן נישט אָפּלייקענען — זי האָט אַ גוטן קאָפּ,

עטל. זי פֿאַרשטייט די לאַגע אירע — און גאָר גוט איז איר דאָך נישט״.

און זי האָט זיך מיט קיינעם נישט אָנגעקערט און האָט נישט געוואָלט וויסן, וואָס מען רעדט וועגן איר אין שטאָט און וואָס מען טראַכט. נאָר זעלטן, זעלטן האָט מען זי געקאָנט זען אַרויספֿגיין איינע אַליין אַרויף דער גאַס. דאָס איז זי געגאַנגען צו עוזר ליובער אין רײַכן הויז; זי האָט דאָרטן גענומען מיט זיך חנהקען און איז געגאַנגען, זיך דורכריידן וועגן מלכן מיטן גרויסגופֿיקן יצחק־בערן, דעם קאַסיר פֿון ראַקיטנער גרויסן וואַלד.

## 2

יצחק־בער, דער וואַלד־קאַסיר, האָט געהאַט אַ קראַנק ווײַב. קיין מאָל האָט מען זי נישט געזען אין שטאָט. און אַליין איז ער געווען אַ צעפּאַטלטער — אַ ייִד אַ גבֿר. ער האָט געהאַט גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אין פֿאָרנדיקע לאַמטערנס פֿון אַ לויפֿנדיקן צוג, און אין שטאָט האָט מען אים דערפֿאַר אַ נאָמען געגעבן „דער באַן״.

„יצחק־בער, דער באַן גייט״, אַזוי האָט מען געזאָגט אַלע מאָל, ווען מ׳האָט דערזען פֿון ווײַטן זײַן גרויסגופֿיקע פֿיגור מיט דער ברייטער צעפּאַטלטער טונקל־גרויער באָרד.

שוין פֿיר יאָר זינט מ׳האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַהער פֿון דער פֿרעמד און אים אַוועקגעזעצט פֿאַר אַ קאַסיר אין ראַקיטנער וואַלד, נאָר אין שטאָט קער ער זיך נאָך אַלץ מיט קיינעם נישט אָן; ער האָט זיי נישט איבעריק ליב, די שטאָטיִדן, און פֿון נאָך מלכס טויט אָן זעט ער נאָך אַלץ אויס אַ ביסל דערשלאָגן. ס׳מאַכט זיך, אַז איינער פֿון די ייִדן, וואָס קומען צו אים אין וואַלד האָלץ קויפֿן, רירט אים מיט עפּעס אָן בײַם קנעפּל. יצחק־בער גלאָצט דעמאָלט אויס מיט בייזן די גרויסע אויסגעקוליעטע באַנאויגן און גיט דעם ייִדן אַ התראה, אַז ער, יצחק־בער, האָט פֿײַנט חניפֿה:

ער האָט זיך דערפֿאַר שוין צעקריגט אַזוי גרויס ווי מיט פֿינף באַלעבאַטים וואַלד־סוחרים און עקיבאַסאָנען, דעם איצטיקן באַלעבאָס זײַנעם, דעם איצטיקן חנפֿענען אַלע זײַנע פֿיר און דרײַסיק „מענטשן“, נאָר נישט ער, יצחק־בער. ער איז בכלל אַ מענטש אַן אָנגעוויטיקטער. אַז ער ווערט אויפֿגעטראָגן, קאָן ער צוגעבן, אַז ער האָט זיך שוין אַ מאָל צעקריגט מיט גאָט אויך: „יאָ, יאָ... נאָך אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער מאַן, האָב איך זיך מיט אים צעקריגט“.

נאָר אַז די מיידלעך, עטל און חנהקע ליובער, קומען צו אים אויסגעפּוצטערהייט אַזוי אין אַ פֿרײַען זומערדיקן זונטיק בײַ טאָג און טרעפֿן אים אין מיטן וואַלד אויף דער לאָנקע, וואָס איז פֿאַרגאָסן מיט זון און איז פֿאַרוואַלגערט מיט פֿרישע פֿון דער וואָך אָנגעהאַקטע שפּענער; אַז ער פֿאַרציט זיך דאָרטן מיטן שטאַרקן רויך פֿון זײַן פּשוט צונויפֿגעדרייטן פּאַפּיראָס און הייבט זיי אָן דערציילן, ווי אַזוי מלך מיט זײַן חבֿר חיים־משהן האָבן אויסגעזען אַמאָל, בשעת זיי האָבן ביידע געעקסטערנעוועט[5] אין יענער גרויסער שטאָט, וואָס נעבן איר, אין אַ וואַלד, איז ער, יצחק־בער, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געווען אַ קאַסיר — דעמאָלט ווערט ער אַליין שוין אויך עפּעס ווייכער, ביימלדיקער: „ער, יצחק־בער, זאָגט ער, איז אַ מבֿין אויף אַזעלכע ייִנגלעך“. ער פֿאַרלייגט די הענט טיף אין די אַרבל, פֿאַררײַסט זיי, ווי זײַן שטייגער איז, שטאַרק הויך, צו דער ברוסט און גיט־צו: הלמאַי זאָל ער זאָגן? אים, יצחק־בערן, האָט גאָט מיט אַזעלכע קינדער ניט געבענטשט“.

און נאָך דעם בלײַבט ער אַזוי שטיין מיט זײַן גאַנצן צעפּאַטלטן וווקס און טוט זיך אַ שאָקל אַקעגן די מיידלעך, וואָס זיצן אין דער מיט לאָנקע אויף אַן אָפּגעטעסעטן קלאָץ; ער הייבט־אונטער די גרויסע געדיכטע ברעמען, צעעפֿנט די היפּשע געבענטשטע לעפֿצן און זוכט פֿאַר אָט די ייִנגלעך דאָס פּאַסיקע וואָרט. ער זוכט

---

[5] געלערנט עקסטערן, אויף אָפּצוגעבן פרײַ עקזאַמענס פון גימנאַזיע.

לאַנג און געפֿינט נישט. נאָר אַז ער רעדט נאָך דעם לאַנג וועגן זיי, שווימען דאָך סוף־כּל־סוף אַרויס די פֿיגורן פֿון צוויי ייִנגלעך חבֿרים, וואָס זײַנען זיך געקומען לערנען אין דער גרויסער שטאָט: איינער פֿון זיי, דער ייִנגערער, איז שוין דעמאָלט געווען אַ שע־מעוודיק לאַנגער, אַ בלאָנדער; אַז ער האָט געשמייכלט, האָט עס געהייסן: „ער ווייסט עפּעס, נאָר ער וויל דערפֿון נישט ריידן“. און דער צווייטער — אַ רויטלעכער ברען, אַ שטיק קוועקזילבער, און דערצו אַ גוואַלדיקער מזג־טובֿ. דאָס ברענענדיקע מאַטעמאַטיק־קעפּל ברענגט ער מיט זיך טאַקע פֿון דאַנען, פֿון ראַקיטנע, פֿון וואַנען ער שטאַמט און ווו ער האָט אַמאָל געלערנט אין חדר.

און ביידע דרייען זיי זיך אַרום דאָרטן אין דער טומלדיק גרויסער שטאָט, און ביידע געדענקען, אַז זיי טראָגן קליינע קוים מערקזאַמע הויקערלעך אויף די ייִנגלשע פּלייצעס. „די ירושה־מתנה, אַזוי רופֿן זיי אָט די הויקערלעך און שמייכלען איינער צום צווייטן, די ירושה־מתנה פֿונעם קליינשטעטלדיקן ייִדן דעם טאַטן“.

און ביידע דרייען זיי זיך דאָרטן אַרום פּאַרטייען, וואָס טומ־לען. ביידע לייגן דאָרטן צו אַן אויער און זײַנען צופֿרידן: „ס'איז גוט!“

אַז איינער פֿון זיי באַמערקט דאָרטן אין שטאָט עפּעס אַ נײַס, קומט ער מיט דעם פֿריילעך צו לויפֿן צום צווייטן: „האָסט גע־הערט?“

ער איז נתפּעל: „הערסטו“, זאָגט ער, „די וועלט וואָלט נישט געווען אַ גראָשן, ווען זי לאָזט זיך נישט באַטראַכטן“.

דער צווייטער כאַפּט עס באַלד אונטער: „וואָס זשע“, שמייכלט ער, „אַ באַקאַליי־קלייטל, האַ?... מיט אַ גלעקל?“...

און דער ערשטער ענטפֿערט גלײַך אָפּ: „און נאָך מיט וואָסער אַ גלעקל!“...

עטל קאַדיס זיצט אין איר שוואַרצן קלייד און הערט עס שווײַגנדיק און קאַלט, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ מיידל, וואָס האָט שוין איין מאָל אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים און וואָס האָט שוין

באַגראָבן איר חתן — ס'איז שווער, אַז זי זאָל פֿון עפּעס כאַפּן התפּעלות. חנהקע אָבער זיצט די גאַנצע צײַט לײַטיש, ווי איר יונג געשטאָרבענע מוטער האָט זי פֿון תּמיד אָן געלערנט לײַטיש צו זיצן, און פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע וועגן דעם, וואָס יצחק־בער האָט אַ סך שוואַרצן ברוד אונטער די היפּשע נעגל; יצחק־בער איז אַזאַ ווילער, נאָר אָט... ווען ער זייפֿט זיך אויס די נעגל. אַז זי באַפֿרײַט זיך סוף־כּל־סוף פֿון אָט דעם געדאַנק אירן, איז איר שוין שווער צו כאַפּן, וואָס די ייִנגלעך, מלך מיט חיים־משהן, זײַנען דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט אויסן מיטן וואָרט — אַ באַקאַליי־קלייטל". אפֿשר מיינען זיי מיט דעם די גרויסע שטאָט, ווו זיי עקסטערנעווען און דרייען זיך אַרום? און אפֿשר רופֿן זיי גאָר אַזוי די גאַנצע ערדישע וועלט, וואָס יצחק־בער דערמאָנט זי תּמיד נישט צו גוטן. „גאָטס באַקאַליי־קלייט" רופֿן זיי אָט די ערדישע וועלט און דערמאָנען זי תּמיד נישט צו גוטן".

פֿון יצחק־בערס רייד איז אויך משמע, אַז עמעצער רעכנט דעם רובֿ מענטשן אַרום זיך פֿאַר פֿערד: „וואָס וויסן זיי?" — מ'האָט זיי אײַנגעשפּאַנט, שלעפּן זיי...

נאָר אויך דאָ איז שווער צו וויסן, ווער רעכנט אַזוי? יצחק־בער? צי אפֿשר גאָר זיי — די צוויי ייִנגלעך, די חבֿרים. קלאָר איז נאָר איין זאַך: אַרום די ייִנגלעךווימלען גרויסשטעטיקע רעשדיקע טעג; זיי שלינגען מענטשישע ווילנס, אָט די טעג, און לאָזן אַלע מאָל אַרויס אויף דער גאַס נײַע גימנאַזיסטקעס שפּאַצירן. און אַרום־און־אַרום קלאַפּן רעדער אויף די שטיינער — דראָזשקעס פֿליִען־אָפּ און ־אויף. גרויסשטעטישע טאַטעס אַרבעטן מיט די מוחות — זיי זאָגן זיך נישט אָפּ פֿון שיינע אײדעמס צו האָבן, נאָר אַליין זײַנען זיי דערווײַל שטאַרק באַשעפֿטיקט און באַוועגן זיך דאָרטן אַרום די ייִנגלעך מיט פֿאַבריקן וואָס לאָזן רויך, מיט צוגן וואָס ברענגען מענטשן, מיט קלייטן וואָס זײַנען איבערגעפֿולט מיט שפּע, און מיט טײַכן וואָס וויגן האָלצוואַרג אויף זייערע שויסן. די גוואַלדיק־גרויסע שטאָט איז ווי אײַנגעהילט אין נעפּל. נאָר פֿון וואָס

באַשטייט דען אַ גרויסע שטאָט, וואָס איז אײַנגעהילט אין נעפּל, אויב נישט פֿון לעפּישע שאָטנס, וואָס ליאַרעמען און שרעקן און וועבן דער וועלט תּוהו־ובֿוהו?

קומט צו גיין איין מאָל חיים־משה, דער עלטערער פֿון די צוויי ייִנגלעך, און זאָגט, אַז ער וויל שוין בעסער אַ שטענדיקן ווינטער־דיקן טאָג. זאָלן אָן אויפֿהער שיטן אויף אָט דער שטאָט געדיכטע נעפּלדיקע שנייען; זאָל זײַן חושך, און אין איין צוזאַמענגאָס זאָלן דערוואָרגן ווערן אַלע ווילדע געשרייען פֿון אָט דעם לעפּישן תּוהו־ובֿוהו — מע דאַרף נישט, זאָגט ער, קיין וועלט, וואָס טויט מענטשן אײדער זי באַפֿרידיקט זייערע פֿאַרלאַנגען.

בנוגע צו ביידע — אַזוי קלערן די ייִנגלעך — איז זיך גאָט זייער ניט לײַטיש באַגאַנגען. נאָך אין סאַמע אָנהייב, בשעת ער האָט זיי באַשאַפֿן, איז ער זיך ניט לײַטיש באַגאַנגען. גלײַך ער וואָלט דעמאָלט האָבן אַ סך שיינע וועלטן אויף אויסצוקלײַבן און האָט זיי, ווי אויף צו להכעיס, אַראָפּגעלאָזן דווקא אויף אָט דער, דער אומווערדיקער. איז אָבער קלאָגן זיך ניט שײַך; מישן זיך — אויך נישט. איז גאָר נישט: איז מען דאָ גרים... וועט מען זיך אַזוי אַרומדרייען, מ׳וועט זען, הערן און מ׳וועט שווײַגן. מ׳האָט אַן אייגן צוגעטראַכט וואָרט און מ׳חזרט עס אַלע מאָל איבער: „דער שטור־מער פּראָטעסט... דער אייביקער שטומער פּראָטעסט“.

און אַ מאָל באַגעגנט מען זיך מיט אים, יצחק־בערן, און ער דערציילט זיי: זינט ער האָט בײַ זיך געפּועלט, אַז די וועלט בלײַבט אַזוי ווי זי איז, נישט צום איבערמאַכן, קאָן ער זיך באַגיין אָן איר, און זי אָן אים — אים אַרט שוין לחלוטין נישט, וואָס קיינער רופֿט אים דאָ ניט, נישט אויף קיין חתונות און נישט אויף קיין בריתן... געפּעלט עס זיי, די יאַטן. זיי קוקן זיך פֿאַרוווּנדערט אַדורך און שמייכלען: „זע נאָר, פֿאַראַן נאָך איינער“...

און אַ נאָמען גיט מען אים באַלד אַ גרייטן: „ר׳ גר נומער 3“.

צו אים אין וואַלד קומט מען שוין נאָך דעם אָפּט — ס׳איז סך־הכּל אַ וויאָרסט דרײַ פֿון שטאָט — מ׳בײַט זיך מיט די ספֿרים,

וואָס מע לייענט. ער, יצחק־בער אַליין, זאָגט צו זיי: „הערט זשע אויס, קינדערלעך! שמועסן איז נישטאָ מכּוח וואָס — די וועלט איז שוין אַרומגעשמועסט. אלא וואָס דען? פֿאַראַן אין אָוונט אַן אויסגעשטערנטער הימל, דאַרף מען זוכן אויף אים לײַטישע וועלטן: מע דאַרף לערנען".

און מ'הײבט־אָן לערנען: מערסטן — אַסטראָנאָמיע. אין די פֿאַרנעפּלטע ספֿערעס האָט מען אַ ביסל אַ ידיעה נאָך פֿון פֿריִער. דערצו העלפֿט נאָך גאָט אַ קאָמעטע צו יענער צײַט. קויפֿן חבֿרה, די צוויי חבֿרים הייסט עס, אַן אַלטן טעלעסקאָפּ ערגעץ ווו אין שטאָט אויפֿן טאָלטשאָק[6]; שוין אַ ביסל אַ קאַליע אַפֿילו; מע ברענגט אים צו פֿירן צו אים, יצחק־בערן, אין וואַלד אַרײַן און מע שטעלט אים אַרויף אויפֿן שטרויענעם דאַך פֿון זײַן שטיבל, און נאָך דעם קלעטערט מען שוין אַהין אַלע אָוונט: פֿריִער זיי — מלך מיט חיים־משהן, און נאָך דעם ער, יצחק־בער מיט דער באָרד. אינעווייניק, אין שטיבל, ליגט דעמאָלט אויפֿן בעטל זי, די ייִדענע זײַנע. זי איז אַלע יאָרן אַ קראַנקע. זי גענעצט, שפּרעכט זיך אַליין אָפּ אַ גוט־אויג און שעלט זיך: „אַלטער! אַז אַך־און־ווײ צו דײַנע יאָרן... קריכסט אויפֿן דאַך!... האָסט איין שׂכל מיט ייִנגלעך".

און נאָך: „דאָס ערשטע מאָל אין לעבן — שרײַט זי — זע איך, אַז אַן עלטערער מענטש זאָל אַזוי ניט שאַנעווען זײַן געזונט".

אויס פֿרומקייט האַלט זי מיט אים קיין שלום נישט נאָך פֿון אַמאָל, פֿון די יונגע יאָרן. איר איז די צײַט לאַנג, גענעצט זי און שעלט זיך. נאָר חיים־משה מיט מלכן ברענגען איר פֿון שטאָט אַ נײַעם טײַטש־חומש מיט אַ קבֿ־הישר. מלך שמייכלט און שווײַגט, און חיים־משה רעדט איר אײַן, אַז אַ ייִדענע, אַז זי איז פֿרום און קוקט תּמיד אַרײַן אין אַ ספֿר, קאָן זי מנחיל[7] זײַן דעם מאַן עולם־

---

[6] אַ פּאָפּולער מאַרקפּלאַץ אין אָדעס, ווו מ'כאַפּט מציאות, אַלטע אָדער געגנבֿעטע זאַכן. — [7] פֿאַרשאַפֿן.

הבא. „אַזוי, אַזוי... אַזוי טוען־אָפּ אין משך פֿון איינעם אַ זומער מלך מיט זײַן חבֿר חיים־משהן".

און וואָס איז געווען דער סוף? „וואָס קאָן זײַן דער סוף פֿון צוויי ייִנגלעך, וואָס האָבן אַ ידיעה אין די פֿאַרנעפּלטע ספֿערעס?"

איינער איז אַרויס אַ מושלם. אַזוי זאָגט יצחק־בער. דאָס איז דער עלטערער, חיים־משה, דער רויטלעכער ברען. יצחק־בער באַקומט פּלוצעם אַזאַ פֿרום פּנים, גלײַך ער דאַוונט מיט גרויס כּוונה. ער שליסט־צו די אויגן, שאָקלט אַהין און צוריק מיטן קאָפּ און זאָגט אויף אים עדות: „ער האָט מיט וואָס צו אַרויס אויף דער וועלט. נאָר ער איז אַן עקשן — ער וויל נישט"...

און דער צווייטער, דער בלאָנדער און שעמעוודיק לאַנגער מלך? איין מאָל איז אַהער, צו יצחק־בערן אין וואַלד אַרײַן, מגולגל געוואָרן אַ פֿרעמדער יונגער מאַן. ער איז געווען אַ וווקסיקער און זייער אַ שטילער. ער האָט געהאַט אַ דערשלאָגן אויסזען. אפֿשר האָט אים אַ וואָסער ס׳נישט איז אומגליק געטראָפֿן. אין ראַקיטנע האָט מען געזאָגט, אַז ער איז פֿריִער געווען פֿאַרשיקט. גאַנצע צוויי יאָר איז ער געווען פֿאַרשיקט. איטלעכס מאָל, וואָס צו יצחק־בערן אין שטוב זײַנען אַרײַנגעקומען מענטשן פֿון שטאָט, האָט מען דעם יונגן מאַן אויף גיך אַרײַנגעפּאַקט צו דער יצחק־בעריכען אין אַלקער און מ׳האָט פֿאַרמאַכט נאָך אים די טירן. ער האָט דאָ אָפּגעלעבט מער ווי אָנדערטהאַלבן יאָר; ער האָט דאָ געהאַט דעם קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין. ער איז געווען עטל קאַדיס׳ חתן און איז געשטאָרבן.

אַז יצחק־בער בלײַבט שטיל, בלײַבט אויך שטאַרק שטיל די גאַנצע לאָנקע נעבן אים, און פֿון דער לופֿט, וואָס אַרום, הייבט־אָן ווי אַרומצוקריכן און נאָגן דער נאָך־פּסחדיקער זומערדיק פֿרישער טאָג פֿון מלכס טויט. ס׳געדענקט זיך, ווי אין גאַס, פֿאַר מלכס שטיבל, זײַנען דעמאָלט אַ גאַנצן בײַטאָג געשטאַנען דער דאָקטער גראַביי מיט זײַן שוועגערין בראָמבערג, דער באַלעבאָס פֿונעם גרויסן סקלאַד פֿון ערד־מאַשינעס, מיט זײַן פֿרוי, וואָס טראָגט

פּענסנע, חנהקע ליובער, עטל קאַדיס, יצחק־בער און נאָך אַ סך אַנדערע מענטשן, און איטלעכס מאָל, וואָס אַ פֿרעמדע פֿור איז אָנגעקומען אין ראַקיטנע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און מענטשן האָבן זיך דערפֿרעגט, ווער איז דאָס געשטאָרבן. מ׳האָט זיי געענטפֿערט:

— מלך. מלך פֿונעם קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

נאָר זיי האָבן נישט געוווּסט, ווער מלך איז. און נאָך דעם האָט מען זיך שוין דאָרטן אויפֿן בית־עולם געאַמפּערט מיט חבֿרה־קדישא צוליבן אָרט. יונגע מענטשן האָבן קעגן אַ האַלבע שעה געטענהט פֿון דער זײַט אוהל אויפֿן קול. נאָר די אַלטע האָבן זיך סוף־כּל־סוף דערשלאָגן זייערס, ווײַל אויף מלכס טויט איז געווען אַ חשד, אַ גרויסער חשד... מלכן האָט מען געלייגט אין עק בית־עולם, בײַם קאַרשנבוים נעבן דעם בעריזשינעצער אַפּטייקערס קלע־נערן ברודער, דעם דאָקטער — נעבן נאָך גאָר אַ יונגן בחור, אַ דאָקטער, וואָס פֿון פֿלײַסיקן לערנען האָט ער באַקומען אַ לונגען־פֿעלער און האָט זיך אויסגעהיילט מיט קאַרבאָל... אויף זײַן מצבֿה איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע רוסישע ווערטער:

אַ קרבן פֿון ליבע צו הייליקער וויסנשאַפֿט.

## 3

אַז די מיידלעך קערן זיך נאָך דעם אום צוריק אַהיים, גערענ־קען זיי שוין מן־הסתּם יעדערע פֿאַר זיך, אַז איצט באַשיצט זיך מלכס קבֿר אונטערן שאָטן פֿון אָט דער דאָקטערשער געהייליקטער מצבֿה. זיי שווײַגן און קוקן נישט איינע צו דער צווייטער.

אַרום איז שטיל און די שאָטנס פֿון די ביימער פֿאַלן שוין ממש טונקעלע און פֿיל גרעסער ווי די שאָטנס פֿון האַלבן טאָג. די מיידלעך דראַפּען זיך אַרויף אויף אַן אָנגעשפּאָלטענעם ראָוו און לאָזן זיך אַרויס פֿונעם וואַלד נישט מיטן ברייטן פֿאַרשטויבטן שליאַך, נאָר מיטן שמאָלן שטעגעלע, וואָס איז באַליבט, ווי אַ

פֿאַרקירצטער זומערדיקער וועג, באַהאַלטן אינעם היפּשן וואַקסנ־דיקן גראָז פֿון גרינע, באַארבעטע פֿעלדער. אָט לאָזט זיך דאָס שטעגעלע אַראָפּ אין אַ גרינעם טאָל, וווּ אַן איינזאַמער קוואַל, אַ ברונעם, רוט תּמיד מיט אַ הייליקער כּשרער רויִקייט: ביי אָט דעם קוואַל איז תּמיד שבת. אָט הייבט זיך דאָס שטעגעלע אַרויף אויף אַ קליינעם באַרג און מיט אַ מאָל, ווי אַ שמאָלע, לאַנגע האַנט, טוט זיך עס אַ שטרעק־אויס צו יענעם לינקן עק ראַקיטנע, וואָס מיט די צוויי קלויסטער־שפּיצן און מיט דער שול־יאַרמלקע אין מיטן — פֿון דאָרטן פֿילט זיך שוין אַהער די גאַנצע מידקייט מיטן סוף פֿונעם לאַנגן זוניקן טאָג. פֿון די פֿיל אַנגעוואָרפֿענע טשערעפּענע דעכער פֿילט זיך אַהער אָט די מידקייט און פֿון דער לעצטער זון, וואָס אויף זיי און אויף זייערע קוימענס. ס׳קלינגט דאָרט אַן איינ־ציקער מיטעלער קלויסטערגלאָק. מיט מידע אָפּגעריסענע קלאַנ־גען באַגלייט ער פֿון דאָרטן אַרויס דעם טאָג און די קלאַנגען קו־מען אַהער פֿאַרדאַגהטע, אָפּגעשוואַכטע און דערציילן דאָ דעם טאָג שבֿחים: „געווען אַ שיינער טאָג, אַ ריינער טאָג“...

עטל קאַדיס, די קורסיסטין, האָט נאָך אַלץ אַן אויסזען פֿון אַ פּרוי, וואָס טיף אין זיך פֿילט זי מיט אַלע חושים, ווי דאָס לעבן טוט איר אויף צו להכעיס. זי קאָן דערצו מיט גאָרנישט ניט העלפֿן, שווייגט זי. און חנהקע ליובער קאָן זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און וויל וויסן, צי ס׳איז אמת אָט דאָס, וואָס מ׳האָט איר געזאָגט ביי עזריאל פּויזנער אין דער גרויסער כּל־בו־קלייט. דאָרטן האָט מען איר דערציילט: יצחק־בער האָט אָנומלטן געקויפֿט אין וואַלד אַריין אַ קעסטל טשוועקעס, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ בריוו — אין גיכן דאַרף אַהער אַראָפּקומען מלכּס חבֿר — חיים־משה.

— ס׳איז אמת? — פֿרעגט זי ביי עטלען — ער דאַרף טאַקע אַהער אַראָפּקומען, חיים־משה?

— ס׳איז אמת! — ענטפֿערט עטל.

און ווידער טראַכט זי וועגן עפּעס, עטל קאַדיס, קוקט אויף עמעצן אַרויס און שווײַגט.

*

נאָר אַט פֿאַרשפּרייטן זיך איין מאָל קלאַנגען, אַז ער איז שוין אַהער אַראָפּגעקומען, מלכּס חבֿר, חיים־משה. אין אַ פּשוטן וואָכעדיקן פֿאַר נאַכט פֿאַרשפּרייט זיך אָט דאָס נײַס און בלאָנדזשעט אַרום איבער דער שטאָט צוזאַמען מיטן מידן גלעקערקלאַנג פֿון צוריקגעקומענע און אויסגעליידיקטע וואָקזאַל־בעל־עגלהשע פֿאַעטאָנעס. עמעצער איז שוין אַפֿילו געפֿאָרן מיט אים פֿון וואָקזאַל אויף אַ בעל־עגלהשן פֿאַעטאָן און דערציילט נאָך דעם בײַ זיך אין דער היים בשעת טיי טרינקען: „ער איז פֿאַרפֿאָרן גלײַך צו יצחק־בער דעם וואַלד־קאַסיר, חיים־משה".

דאָס דערציילט פֿישל ריכטמאַן, וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַן עקסטערן און איצט ווינט ער אין טאָל אויף דער אַלטער שטאָט און האַנדלט, ווי דער שווער זײַנער, מיט זעק. ער האַלט בײַ זיך אַ קינד אויף די הענט און דערציילט, אַז חיים־משה איז געבליבן דער זעלביקער פֿריילעכער וואָס אַמאָל. אים, פֿישלען, באַקוקט ער אַזוי פֿריילעך פֿון אַלע זײַטן, בשעת ער זעצט זיך אַרויף מיט אים פֿונעם וואָקזאַל אויף איין פֿאַעטאָן, און פֿרעגט בײַ אים:

— איז וואָס זשע זאָגסטו, פֿישל? — די באָרד, זאָגסטו, וואַקסט, און די צרות אויך?

— יאָ! — ענטפֿערט אים פֿישל. — ס'איז טאַקע אַזוי: די באָרד וואַקסט און די צרות אויך. אָבער פֿון וואַנען ווייסטו, חיים־משה? כ'האָב דען געזאָגט?

דערנאָך שווײַגן זיי אַ ביסל, און חיים־משה פֿרעגט ווידער:

— זאָג מיר נאָר, פֿישל, פֿון וואָס איז דאָס מלך פּלוצעם געשטאָרבן?

— פֿון וואָס זאָל ער שטאַרבן? — ענטפֿערט פֿישל — פֿון וואָס שטאַרבן דען אַלע מענטשן?

— אַזוי? — וווּנדערט זיך חיים־משה און קוקט אויף פֿישלען

מיט חשד — פֿון דעם, זאָגסטו, וואָס סע שטאַרבן אַלע מענטשן? און מער פֿון גאָר נישט... האַ?

אַ צווייטן האָט אין וואַלד פֿאַרכאַפּט דער בײַטאָגעדיקער גאָס־רעגן, און אַז ער גייט נאָך דעם דורך פֿאַרבײַ יצחק־בער דעם וואַלד־קאַסירס שטיבל, שטעלט ער זיך אָפּ און הערט: יצחק־בער היצט זיך דאָרטן און טענהט, אַז מלכן האָט דאָ אין שטאָט קיינער ווי ס׳געהער צו זײַן נישט געקענט. „וואָס וועט מען אים דערציילן מעשׂיות? — שרײַט ער — אַפֿילו די צוויי־דרײַ מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרום אים געדרייט, האָבן אים אויך נישט געקענט“.

און חיים־משה האָט דאָרטן דערפֿון ווילד הנאה און לאַכט גוט־מוטיק אויס דעם ברוגזן יצחק־בערן. „נו, גוט אַזוי, גוט אַזוי“, זאָגט ער צו יצחק־בערן, „וואָס זשע דען האָט געוואָלט ער, יצחק־בער?“

אין יענעם זעלביקן אָוונט האָט זיך שוין ווידער שפּעטער ווי אַלע מאָל געלויכטן אינעם פֿענצטער פֿון עטל קאַדיסעס צימער, וואָס גייט־אַרויס צום הינטערשטן ברייטן זײַטגעסל. אַרום צוועלף אַ זייגער בײַ נאַכט שטייען דאָרטן די הײַזער אויסגעלאָשענע און פֿאַרגעסענע — זיי דרימלען צוזאַמען מיט זייערע שלאָפֿנדיקע באַ־לעבאַטים. און נאָר אין תלמוד־תורה אַרײַן קערט זיך דאָרטן אַרום, אַרום פּרעגערן דער פֿאַרוואַלטער, אָט דער, וואָס חווה פּויזנער האָט זיך אים פֿון זעכצן יאָר אָן אויפֿן האַלדז געוואָרפֿן, און איצט האָט זי זיך מיט אים אויפֿגעהערט צו באַגעגענען און ווערט אין גיכן אַ כּלה פֿאַרן יונגן בעריזשינעצער דעסלערן — פֿאַר דעסלערן פֿו־נעם נײַעם גרויסן בעריזשינעצער בראַווער. אַ גאַנצן אָוונט איז פּרעגער געזעסן בײַ די בראָמבערגס אין הויז און האָט געשוויצט פֿון צו פֿיל טיי טרינקען און פֿון די פֿיל געלונגענע עזותדיקע גע־דאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. ער האָט געשיט אַל דאָס בייז אויף חווה פּויזנער און אויף איר טאַטן און אַלע אַרום אים האָבן דאָרטן נישט געהאַט קיין זײַטן און האָבן אײַנגעפֿונען, אַז ער איז אַ לץ און אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק: „בשעת ער רעדט אויף חווה פּויז־

נער און אויף איר טאַטן, איז ער דיר ממש אַ „גענֵי", אָט דער פֿרעגער".

מ'האָט אים געבעטן: „אַנו, פֿרעגער, דערציילט נאָך עפּעס".

איצט קערט ער זיך אום צו זיך אַהיים און איז צופֿרידן. הײַנט האָט ער אויסגענומען. נאָר בשעת ער גייט־דורך דאָס הינטערשטע זײַטגעסל און דערזעט דאָרטן עטל קאַדיסעס באַלויכטן פֿענצטער, בלײַבט ער אַ ווײַלע שטיין און טוט אַ דריק די פּענסנע צו דער נאָז מיט אַזאַ מינע, גלײַך פֿון יעדן דריק, וואָס ער טוט פֿון אויבן מיט די מיטלסטע דרײַ פֿינגער, ווערט ווי געבוירן אינעווייניק אין זײַן פֿלינקן עזותדיקן מוח אַ טיפֿער און שפּאָגל נײַער שפּיצל געדאַנק. „עטל קאַדיס"... טראַכט ער. און אים ווילט זיך שוין מער נישט גיין אַהיים שלאָפֿן. ווען ער באַגעגנט דאָ אַ רעכטן מענטשן, וואָלט ער אים אָנגעוויזן אויף אָט דעם באַלויכטענעם פֿענצטער. „עטל קאַדיס, וואָלט ער אים געזאָגט, ווען זי וויל, אַז קיינער זאָל נישט וויסן וועגן אירע ליידן און וועגן אירע שלאָפֿלאָזע נעכט, וואָלט זי אויף בײַ נאַכט באַדאַרפֿט אויסלעשן דעם לאָמפּ בײַ זיך אין צימער".

נאָר ראַקיטנע רוט און קיין רעכטן מענטשן באַגעגנט מען שוין נישט. שטייט ער נאָך אַ ווײַלע איינער אַליין דאָ אַקעגן עטל קאַדיס' באַלויכטענעם פֿענצטער, דריקט שמייכלדיק די פּענסנע צו דער נאָז און זעט: עטל דרייט נאָך אַ ביסל מער דעם לאָמפּ אַרויס — זי נעמט־צו דעם לאָמפּ פֿונעם טישל און טראָגט אים צו נאָך אַ ביסל נענטער צום פֿענצטער.

## 4

מלכס חבֿר, חיים־משהן, איז נאָך אינעם טאָג פֿון זײַן קומען אויסגעקומען צו זען זיך מיט אייניקע ראַקיטנער אײַנוווינערס. אין מיטן הייסן העלן טאָג, ווען דער בעל־עגלה, וואָס האָט אים געפֿירט דורך דער שטאָט פֿון וואָקזאַל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין

אײַנגעבראָכענעם האַלב קײַלעכיקן מאַרק, כּדי אַראָפּצולאָזן דעם צווייטן פֿאַרשוין און אים אַרײַנצוטראָגן די זאַכן אין שטוב, האָבן דעם פֿאַעטאָן שעמעוודיק אַרומגערינגלט אַ מענטשן אַכט יונגע ראַקיטנער קרעמערס, פֿון די וואָס האָבן דאָ אַמאָל אין איינעם מיט אים, חיים־משהן, אין איין חדר געלערנט. ווי באַלד דער פֿאַעטאָן האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט פּונקט אַקעגן זייערע קלייטן, האָט שוין נישט געפּאַסט, זיי זאָלן בלײַבן פֿון דער ווײַטנס און נישט צוגיין אים באַגריסן. חיים־משה — אַ געל בערדלדיקער יונגער מאַן אין אַ גרוי יעגער־רעקל, וואָס האָט אים אַ ביסל געהויקערט אין די ברייטע אַקסלען און אין די פּלייצעס, האָט געמוזט אַראָפּקריכן פֿון פֿאַעטאָן און אָפּנעמען בײַ זיי דעם שלום עליכם. בײַ אים אויפֿן בלאַסן געזיכט האָבן דערבײַ געשמייכלט נישט מער ווי צוויי טונקעלע בלישטשענדיק פֿאַרוווּנדערטע אויגן. די יונגע קרעמערס האָט ער כּמעט אַלע דערקענט און איטלעכן אָנגערופֿן בײַ זײַן אַמאָליקן חדר־נאָמען. אַלע זײַנען זיי געווען טאַטעס פֿון קינדער, באַוואַקסענע און שווער־באַוועגלעכע. בײַ איינעם האָט חיים־משה שמייכלדיק איבערגעמאָסטן די באָרד און אים באַוויזן, אַז זי האַלט צוויי טפֿחים מיט אַ שטיקל. אַ צווייטער האָט נאָך אַלץ, ווי אַמאָל, געהאַט אַ היפּשן רויטן פּליאַם אויפֿן שטערן און אַראָפּ נידעריקער פֿון לינקן אויג: ער איז שוין איצט געווען אַ קצבֿ. בשעת די איבעריקע זײַנען געשטאַנען אַרום חיים־משהן מיט נאַריש שמייכלדיקע פּנימער און האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן, האָט זיך דער רויט־פּליאַמיקער פּלוצעם באַדעקט מיט אַ געדיכטער שעמעוודיקער פֿאַרב און האָט אויך אַזוי פּלוצעם אָנגעהויבן ריידן צו חיים־משהן אויף „דו“, פּונקט ווי אַמאָל, בשעת זיי האָבן געלערנט אין איין חדר: „כ'האָב געהערט זאָגן: שרײַבסט שוין גאָר ביכלעך פֿון מאַטעמאַטיקע, האָב איך געהערט זאָגן“...

— וואָס? — חיים־משה האָט זיך מיט אַ מאָל און מיט וווּנדער צו אים אומגעקוקט — יאָ, ביכלעך פֿון מאַטעמאַטיקע.

און ביידע, ער מיטן רויט־פּליאַמיקן יונגן מאַן, האָבן זיך אַזוי אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן און האָבן גוטמוטיק געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּנים אַרײַן.

— ביכלעך פֿון מאַטעמאַטיקע...

— ניין, וואַרט־צו — האָט חיים־משה געזאָגט, אַרײַנזעצנדיק זיך צוריק אין פֿאַטעאָן — זאָלן זיי אַזוי נישט אויסלאַכן די ביכלעך פֿון מאַטעמאַטיקע. ס'איז אַ שׂכלדיקע זאַך.

דער פֿאַטעאָן האָט שוין אָנגעהויבן אָפּפֿאָרן, האָט ער זיך געמוזט אַ ביסל אַ בייג טאָן צו די וואָס בלײַבן און העכערן זײַן קול:

— אָט, למשל, ווי אַ דאָמינע...

נאָר בשעת ער האָט זיך אַזוי אַרונטערגעבויגן אויף צוריק, האָט ער פּלוצעם דערזען הינטער זיך דאָס שיינע שלאַנק־וווקסיקע מיידל, וואָס שטייט שוין אַ היפּשע ווײַלע אויפֿן געשניצטן גאַניק פֿון איר פֿאָטערס הויז. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אירע היפּשע כמעט בולטע אויגן און האָט אין צעטראָגנקייט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, גלײַך ער האָט עפּעס פֿאַרגעסן מיט זיך מיטצונעמען — דאָס איז געווען אַ מאָדנע, צעטראָגענע, אָפּגעריסענע און געשווינדע באַוועגונג. דעם מיידלס בליק איז געווען אַ קלוג פֿאַרווונדערטער, אַ האַלב שמייכלדיקער און אַ ביסל אַן עזותדיקער.

— ווער איז זי? — האָט ער בײַם בעל־עגלה אַ פֿרעג געטאָן.

און בשעת ער האָט נאָך אַלץ געפֿילט יעדע מינדסטע באַוועגונג פֿונעם מיידלס מיוחסדיקע פֿילעוודיקע פּלייצעס און אַפֿילו פֿון אירע שטאַרק הויכע שוכקאָרקעס, אויף וועלכע איר גלײַכע פֿיגור איז געשטאַנען אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי אויף שטאָלצן, איז שוין דער בעל־עגלה געזעסן צו אים האַלב אויסגעדרייט, נישט געוווסט, צי ער טרעפֿט מיט דער פֿאָכענדיקער בײַטש אין די לויפֿנדיקע פֿערד, און האָט געענטפֿערט, אַז דאָס איז חווה פּויזנער, דאָס שענסטע מיידל אין ראַקיטנע, אַז זי האָט שוין אַמאָל ליב געהאַט פּרעגערן, דעם פֿאַרוואַלטער פֿון דער תּלמוד־תּורה, און אַז איצט ווערט זי אין גיכן אַ כּלה פֿאַר דעסלערן.

— פֿאַרן יונגן דעסלערן פֿון בעריזשינעץ.

— פֿאַר דעסלערן?

חיים־משה האָט נישט געוווּסט, ווער דעסלער איז. אַז ער איז געקומען אין וואַלד אַרײַן, האָט ער דערזען יצחק־בערן מיטן ווײַב אין דרויסן בײַם שטיבל און האָט גלײַך אין דעם פֿאַרגעסן. מ׳האָט דאָרטן אַ גאַנצן אָוונט גערעדט וועגן מלכס זײַן אין ראַקיטנע און יצחק־בער האָט זיך געבייזערט. ער האָט געטענהט, אַז מלכן האָט דאָ, אין ראַקיטנע, קיינער נישט געקענט. חיים־משה האָט געלאַכט: יצחק־בער איז געוואָרן אַ סך בייזער.

— איאַ, בייזער? — האָט ער פֿריילעך געפֿרעגט בײַ דער ייִדענע.

אַקאָרשט שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט, ווען יצחק־בער האָט אים אַרײַנגעפֿירט שלאָפֿן אין דער צווייטער צוגעגרייטער העלפֿט פֿון שטיבל, איז חיים־משה געוווּיר געוואָרן, אַז דעסלער איז אַ אינזשעניר, אַ פֿרעמדער, ער האָט אַ חלק אין די פֿיר־וויאָרסטנדיקע ריטניצער טאָרפֿזומפּן און האָט נישט לאַנג אויסגעבויט אין בעריזשינעץ דעם נײַעם, גרויסן בראָווער[8]. און אַז חווה פּויזנער איז דאָס זעלביקע מיידל, וואָס איז די לעצטע צײַט פֿאַר עפּעס אין כּעס געווען אויף מלכן און האָט אים דאָך אינעם געשלאָסענעם שטיבל אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אויפֿן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט.

— נו, און געשטאָרבן?... — האָט חיים־משה צו יצחק־בערן פּלוצעם אַ זאָג געטאָן — פֿון וואָס איז מלך פּלוצעם געשטאָרבן?

ער האָט געוואָלט אָנהייבן וועגן עפּעס זיך דערפֿרעגן. נאָר יצחק־בער האָט אויף דעם נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. געהייסן האָט עס, אַז ער, יצחק־בער, איז שוין צו אַלט: „ער וויל דערפֿון נישט ריידן“.

*

[8] אַלקאָהאָל־פֿאַבריק, ברויערײַ.

אויף מאָרגן, נאָך אָט דעם געשפּרעך בײַ יצחק־בערן אין וואַלדשטיבל, איז חיים־משה אויפֿגעשטאַנען נאָך מיטן טאָגליכט — אַן אָנדערטהאַלבן שעה פֿאַר זונאויפֿגאַנג. אים האָט נישט געלאָזט שלאָפֿן דער נײַער געלעגער. צי אפֿשר האָט אים אַזוי פֿרי אויפֿגעוועקט דער ריח פֿון פֿרישן וואַלד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט אַרײַנגעדרונגען דורך די אָפֿענע פֿענצטער.

אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, איז נאָך דער וואַלד, ווי בײַ נאַכט, געשטאַנען דרימלענדיק און שטיל. ער איז נעבן דער שטוב געווען שטאַרק הויך און געדיכט. מיט אַלע רויִקע צווײַגן און הויכע ווירשפּיצן האָט ער זיך געצויגן צום צוויי מאָל הויכן, גרוי ווערנדיקן הימל. חיים־משה האָט געקוקט אויף אים און האָט זיך פֿאַרטראַכט:

— אַ נײַ אָרט.

און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אַזוי פֿריש און גרינג, ווי נײַ געבוירן. אין דער צווייטער האַלבער שטוב, וווּ ס׳האָט געוווינט יצחק־בער, איז מען נאָך געשלאָפֿן. דער שטויב פֿאַר די פֿענצטער איז דאָרטן געווען פֿריש פֿאַרקערט, און נעבן קלעצל, וואָס ליגט פֿאַר דער טיר אויפֿן אָרט פֿון אַ טרעפּל, האָט זיך געוואַלגערט אַ ווײַס שטיקל פּאַפּיר, אַ באַשריבענס מיט יצחק־בערס קרומע ציפֿער. דער טויער פֿון וואַלד איז נאָך אויך געווען פֿון אינעווייניק געשלאָסן. פֿײַכט און פֿאַרריסן, האָט זיך דאָרטן געשוואַרצט דאָס היפּשע פֿאַרזשאַווערטע שלעסל און געסטאַרטשעט אַהער צום וואַלד צו. און נאָר פֿונעם קליינעם האַלב אָפֿענעם שטאַל, וואָס הינטערן שטיבל, האָט זיך געהערט, ווי דאָס פֿערד טרעט־איבער פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן און כראָמטשעט האָבער מיט געזונטע און שטומפּיקע פֿערדישע ציין. דאָס פֿערד ווערט דאָרטן אַלע ווײַלע אַנטשוויגן, פֿאַרטראַכט זיך, אַ פּנים, הערט זיך אײַן און קײַט ווידער.

חיים־משה איז אַריבערגעקראָכן דעם וואַלדטויער און האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיטן וועג, וואָס פֿירט אין שטאָט. בדיעבֿד איז געווען נישט קרום, וואָס ער איז אַזוי פֿרי אויפֿגעשטאַנען. ער האָט באַדאַרפֿט אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט, ווו ער איז שוין קרובֿ זעכצן יאָר נישט געווען, און זען צי פֿון דער שטוב, וואָס זײַן פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער האָט דאָ אַמאָל פֿאַרקויפֿט, איז נאָך דער גרויסער ראַקיטנער שׂריפֿה נאָך עפּעס געבליבן.

די שטאָט האָט ער געפֿונען אַ פֿיל פֿאַרגרעסערטע און שענער געוואָרענע, באַפּוצט מיט אַ סך פֿאַרמעגלעכע נײַ אויסגעבויטע הײַזער, וואָס שלאָפֿן צוזאַמען מיט גאַנצע געסלעך און זאָגן נישט אויס צו וועמען זיי געהערן — ראַקיטנע איז באַנײַט און באַרײַכערט געוואָרן, זינט נעבן איר האָט זיך אויסגעבויט דער וואָקזאַל. נעבן אײַנגעבראָכענעם האַלב קײַלעכיקן מאַרק איז ער אַ רגע געשטאַנען אַקעגן נײַעם הויז מיטן געשניצטן גאַניק, ווו ס'איז נעכטן געשטאַנען דאָס שלאַנקע שיינע מיידל, און איז אַוועק ווײַטער.

אינעם ווײַטסטן לינקן שטאָטווינקל האָט ער געטראָפֿן דאָס אָרט פֿון זײַן פֿאָטערס שטוב פּוסט און באַוואָקסן מיט געדיכטן ווילדן גראָז. פֿונעם טוי, וואָס אויף אָט דעם גראָז, זײַנען בײַ חיים־משהן שטאַרק נאַס געוואָרן די שיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי ס'איז קיינער נישטאָ, און האָט גענומען זוכן די בודיקעס [9], ווו ער האָט זיך קליינערהייט געשפּילט. זײַן אויג האָט דערזען אַ שטיקל צעפֿוילטן, אין דער ערד אײַנגעגראָבענעם סלופּ, אַן אויסגעקרישעטן און שוואַרץ געוואָרענעם, מיט אַן אויסגעהוילט לאָך אין דער מיט, ווי די לאָך פֿון אַן אַלטן צעפֿוילטן באַקצאָן, האָט ער זיך אָנגעבויגן און האָט עס באַטראַכט: דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דאָ, אין ראַקיטנע, איז פֿון פֿאָטערס הויז געבליבן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק דורך דער שטאָט אין וואַלד אַרײַן. נאָר אויף דער מיטלסטער לאַנגער גאַס האָט זיך מיט אים

[9] קראָפּיווע, ווילדע גראָזן.

עפּעס געטראָפן. די זון איז נאָר וואָס געווען אויפגעגאַנגען, און ווײַבער האָבן געטריבן צו דער טשערעדע. נעבן געפּאַרבטן הייפל, אַרום וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ גרויסער סקלאַד פון ערד־מאַשינען, האָט אים באַגעגנט אַן אַלטיטשקער ראַקיטנער ייִד, דער ערשטער גאַנץ פרי אויפגעשטאַנענער און צעקנייטשטער ראַקיט־נער ייִד, און האָט גענומען אויף אים קוקן מיט גרויס נײַגעריקייט און מיט חשד. חיים־משה האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט צום ייִדן אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס קוקט איר אַזוי, ר׳ ייִד? — כ׳בין אַ היגער.

ער האָט זיך באַלד בײַם ייִדן גענומען דערפרעגן, צו וועמען דאָס ראָז געפּאַרבטע הייפל מיטן סקלאַד געהערן. דער ייִד האָט געענטפערט:

— צו וועמען זאָלן זיי געהערן? צום יונגן בראָמבערגן. אַלץ, וואָס ער זעט דאָ אויפן ראָג, געהערט צום יונגן בראָמבערג.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חיים־משה ווייסט שוין אויך וואָס ס׳נישט איז וועגן אָט דעם בראָמבערגן: נעכטן בײַ טאָג, בשעת דער בעל־עגלה האָט אים געפירט פון וואָקזאַל אין וואַלד אַרײַן, האָט ער זיך צו אים האַלב אויסגעדרייט, זיך דערפרעגט, צי ער, חיים־משה, איז אַ „געענדיקטער״, און האָט אים דערציילט, אַז דאָ אין שטאָט איז אויך פאַראַן אײנער אַ בראָמבערג:

— שוין איין מאָל אַ בראָמבערג! ווי איך בין אַ ייִד. נאָך צוריק מיט אַ יאָר פערצן חתונה געהאַט „פּאָ ליובווי״ [10].

ער האָט שוין אַפילו געוווּסט, אַז אָט דער בראָמבערג איז אַ „פּאָפּעטשיטעל״ [11] פון דער תלמוד־תורה. דער ייִד אָבער איז פאָרט נײַגעריק, ער וויל וויסן: ווער איז ער אַזוינס פון ראַקיטנע. און אַז חיים־משה זאָגט עס אים, באַרויִקט ער זיך:

— ישׂראלס זון? — זאָגט ער — כ׳האָב נישט געקענט ישׂר־אלן?

---

[10] דורך אַ ליבע. — [11] דירעקטאָר.

ער ציט־צונויף די אויגן, קוקט אַזוי חיים־משהן גלײַך אין פּנים אַרײַן און טראַכט וועגן עפּעס. און פּלוצעם, ווי אומגעריכט, טוט ער צו אים אַ זאָג:

— כ׳מיין, דו דאַרפסט שוין ניט זײַן קיין יונגער מאַן, האַ?

ער בלײַבט אַ ווײַלע שטיין מיט די צונויפגעצויגענע אויגן און גיט־צו:

— כ׳מיין, אַ יאָר צוויי־דרײַ און דרײַסיק אַוודאי, האַ?

חיים־משה האָט געשמייכלט, בשעת ער האָט זיך צעשיידט מיטן ייִדן:

— אָט האָסטו דיר...

דאָס גאַנצע באַגעגעניש איז קיין אויסגעבלאָזן איי נישט ווערט געווען. נאָכן ייִדנס חשבון נאָך איז גאָר אויסגעקומען, אַז ער, חיים־משה, איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער ווי ער האָט גערעכנט. דאָס איז געווען אַן אַבסורד... נאָר מעגלעך — ייִדן האָבן דאָ, אין ראַקיטנע, געהאַט פרײַע קעפּ; זיי האָבן געדענקט, וויפל יעדער איז אַלט:

— כ׳מיין, אַ יאָר צוויי־דרײַ און דרײַסיק אַוודאי, האַ?

ער האָט פאַרגיכערט די טריט. די גאַנצע מעשׂה מיטן באַגעגנטן ייִדן האָט צו פיל באַהערשט דעם מוח; ער האָט געוואָלט קומען פאַר פרי אין וואַלד אַרײַן, טרעפן יצחק־בערן בײַ טיי טרינקען און עס פאַררײדן. איז שוין אָבער די זון געווען פון לאַנג אויפגעגאַנגען, בשעת ער האָט צום טויער פון וואַלד דערגרייכט. יצחק־בער האָט זיך שוין געפונען אין צווייטן עק וואַלד נעבן קאַנטאָר, ווו מ׳האָט געטעסעט קלעפּקע[12], און די יצחק־בעריכע איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן מיטן וואַלד־פערד־און־וועגל אין נאָענטן דאָרף, כּדי צו קויפן אויבסן און פרעגלען עקיבאַסאַנען, דעם באַלעבאָס פון וואַלד, אײַנגעמאַכטס. נעכטן שפּעט אין אָוונט האָט זיך יצחק־בער עטלעכע מאָל מיט איר געאַמפּערט:

---

[12] פראָפּן, פאַרשטאָפּעכץ, פאַר פּעסער.

— אַז איך זאָג אײן װאָרט, זאָג איך: מע דאַרף זיך פֿאַר אים נישט זאָרגן און מע דאַרף אים נישט פּרעגלען קײן אײַנגעמאַכטס. און זי האָט נישט געפֿאָלגט און האָט באַלד נאָכן אױפֿשטײן קראַנקערהײט געטאָן דאָס איריקע.

## 5

דאָס שטיבל איז געװען פּוסט.

הױכע בױמשפּיצן האָבן אַרום דעם גענאָגט צוזאַמען מיטן בלױען, זומערדיקן פֿרימאָרגן. צװײַגן האָבן זיך אַלע װײַלע אױפֿגעכאַפּט, זיך װי דערשראָקן און זיך װידער איבערגעגעבן דעם שטילן, גרינגן שאָקלען. אַ לאַנגאָניק בלעטער־קלאַפּערײַ האָט אַרײַנגעדרונגען דורך די אָפֿענע פֿענצטער, װאָס מיט די רױטע אומרויִקע האַלבע פֿאָרהענגלעך, און הינטער אײנעם פֿון די פֿאָרהענגלעך איז בײַ זיך אין צימער אין די װײַסע אַרבל געלעגן חיים־משה. װי באַלד קײנער איז נישט געװען אין דער הײם, האָט ער זיך געמעגט צװינגען אָפּשלאָפֿן כאָטש אַ שעה צי צװײ — אַלע זײַנע אומקלאָרע אױפֿרעגנדיקע געפֿילן האָבן דאָך איצט געקאָנט קומען פּשוט דערפֿון, װאָס ער איז אױפֿגעשטאַנען אַ צו גרױסן פֿאַרטאָג:

— מ׳האָט באַדאַרפֿט אַנטשלאָפֿן װערן און אױפֿשטײן אַ פֿרײשער.

אַז ער האָט אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם קלײנעם בחורשן צוקאָפּן־קישן, האָט ער גלײַך דערזען פֿאַר זיך אַ פּאָר אַלטע גרינגלעך אױסגעלאָשענע אױגן, פֿײַכטע און טױטע, װי די נאַסע שטײנדלעך, געװאַשן מיט די כװאַליעס אױפֿן פֿלאַכן ברעג ים. די אױגן האָבן אַרום זיך געהאַט אַ סך קנײטשן פֿון אַ פּאַרמעט־געלן פּנים, פֿונעם באַגעגנטן ייִדנס פּנים. זײ האָבן פֿרעגנדיק אַרױפֿגעקוקט צו אים, חיים־משהן: „כ׳מײן, דו דאַרפֿסט שױן נישט זײַן קײן יונגער מאַן, האַ?“

און נאָך איין שאלה, אַ נישט־דערזאָגטע: „כ׳מיין, ביסט נאָך אַלץ, הייסט עס, אַ פֿרײַער פֿויגל?...״ וואָס זשע ביסטו עפּעס פּלוצעם אַראָפּגעקומען קיין ראַקיטנע?

אומצופֿרידן מיטן אַלטן ייִדן, מיט זײַן נישט־דערזאָרגטער שאלה, צי מיט זיך אַליין, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ קער־איבער צוריק אויף די פּלייצעס און האָט געעפֿנט די אויגן:

„פֿע!... חיים־משה״.

און בשעת־מעשה איז ער שוין געווען שטאַרק אומצופֿרידן מיט עפּעס אַ צווייטן חיים־משהן, אַ שלעכטן יונג, וואָס ליגט טיף אין אים און טרעפֿט דאָרט אויף צו להכעיס דעם אַלטנס צווייטע נישט־דערזאָגטע שאלה. „ייִדן פֿאַלס דאַרף ער זיך אַליין נישט פּײַניקן מער, ווי ס׳פּײַניקט אים אָט דער אַלטער ייִד פֿון זײַן שטעטל״...

ער איז אַזוי געבליבן ליגן און האָט זיך פֿאַרטראַכט: דעם ייִדנס גרינבלעך נאָסע שטיינדלעך, די אויגן — דאָס איז די אייביקייט, וואָס זעט גלײַכגילטיק צו, ווי יונגע ווערן אַלט און בלײַבן בײַ נישט־באַפֿרידיקטע פֿאַרלאַנגען. וואָס איז אַזוינס אָט דער ייִד? אַ פּײַן פֿון אָפּגעלעבטע דורות, אַן אַלט גלײַכגילטיק ווען, וואָס אָנערקענט דיך גוט. וואָס וואָלט ער דען געזאָגט וועגן דיר, ווען ער זעט, ווי דו פּלאָטערסט צווישן פּאַרטיי־חבֿרים הינטער באַריקאַדעס? וואַרט. ס׳איז אַ געדאַנק — ער וואָלט וועגן דיר גאָרנישט ניט געזאָגט; ער וואָלט נאָר אַ פּאַטש געטאָן איבער זײַן פּושקעלע און וואָלט געטאָן וועגן דיר אַ קלוגיטשקן שמעק טאַבאַק. ער איז דיר פֿרעמד, אָט דער אַלטער, דאַרפֿסט פֿאַרגעסן אין זײַנע צונויפֿגעצויגענע אויגן און אין זײַנע נישט־דערזאָגטע שאלות...

און צווייטנס: וואָס וואָלט דען ער, חיים־משה, געטאָן מיט זײַן יוגנט, ווען ער האָט זי איצט נאָך אַ מאָל? צי וואָלט ער געפֿאָלגט דעם ייִדן און וואָלט געעפֿנט דאָ אין ראַקיטנע אַ באַקאַליי־קלייטל? „נאַרישקייטן״. אים געפֿעלט נישט דער ענין פֿון אַ באַקאַליי־קלייטל, ווען ער דאָ אויפֿן בעט ליגן. דאָס צימער איז אַ היפּש, אַ ריינס,

מיט נײַע, װײַסע װענט, ס׳האָט אַ שטאַרק נידעריקע סטעליע, און
דאָס פֿרישע אָטשערעט־גראָז, װאָס אויף דער ליימיקער פֿריש אָפּ־
געשמירטער ערד, פֿאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שאַרפֿן ריח פֿון נאָענטן
שבֿועות און פֿון דער גױיִשער דאָרפֿישער היימלעכקייט. דאָס רױ־
טע האַלבע פֿאָרהענגל פֿלאַטערט פֿונעם גרינגן װינטל אויפֿן אָפֿע־
נעם פֿענצטער. ס׳איז אַן ענין — דער עיקר איז אומרו. בײמער־
צװײַגן נאָגן מיט אַ שטילן גערויש איבער גאָר דעם װאַלד —
ס׳איז אויך אַן ענין: אַז מע װיל, קאָן מען זיך אויסמאָלן, װי מע
שפּאַצירט דאָ אַרום אין צװייען מיט חװה פּויזנער און מע רעדט
מיט איר, װי אַ יונגער אײַנגעלעבטער סטודענט: „סאַראַ מעלאַנ־
כאָלישע מעלאָדיע״, זאָגט חװה פּויזנער און הערט זיך אײַן אינעם
װאַלדס שטילן גערויש. „יאָ״, ענטפֿערט מען איר און מ׳חידושט
זיך, װאָס זי האָט געזאָגט אַזאַ „שיין װאָרט״. טאַקע אַ מעלאַנכאָ־
לישע מעלאָדיע — אַן אייביק אומעטיקע מעלאָדיע, װאָס באַגלייט
דעם שטומען אומגליק פֿון גאָר דער װעלט. װאָס האָט זי נעכטן
אַזוי געקוקט אויף אים מיט גרויסע, כמעט בולטע אויגן? און ער
איז דעמאָלט געשטאַנען אין מיטן מאַרק מיט די יונגע קרעמערס,
מיט װעלכע ער האָט דאָ אַמאָל אין איין חדר געלערנט. אים אַרן
איצט אָט די יונגע קרעמערס, די טאַטעס מיט די בערד, װעט ער
זיי איצט אויך אַרײַנבעטן אַהער צו זיך אין צימער און װעט זיי
דערציילן אַ פּשוטע מעשׂה װעגן זיך, חיים־משהן. זיי װילן שטאַרק
װיסן, צי ער איז אַ „געענדיקטער״, נאָר ער װעט זיי פֿאַרלייגן אַ
קלאָץ: „זעקס יאָר, װעט ער זיי דערציילן, איז ער איצט געװען אַ
לערער פֿון מאַטעמאַטיק אין יענער גרויסער שטאָט, װוּ ער האָט
זיך אַמאָל באַקענט מיט יצחק־בערן. ער האָט אַ סך דאַנקבריװ פֿון
זײַנע תּלמידים, װאָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס אין פּאָלי־
טעכניקום. מערסטנטייל אָבער האָט ער רעפּעטירט[13] מיט ייִנגלעך
גימנאַזיסטן און נאָך מער מיט יונגע מיידלעך גימנאַזיסטקעס און

[13] געלערנט (מיט אַזעלכע, װאָס דאַרפֿן אונטעריאָגן).

האָט זיך מיט זיי תּמיד געפּילט בעל־מלאכה. קיין זײַטיקע שמועסן האָט ער מיט זיי נישט געפּירט. זיי, די מיידלעך, האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַן איבערגעוואַקסענעם בחור, אַ ספּעציאַליסט. פֿאַר וואָס איז בײַ אים שטענדיק אַזוי ריין אין צימער? און פֿאַר וואָס האָט ער אַזוי פֿיל בערשטלעך מיט עלעקסירן בײַ זיך אויפֿן וואַשקאַסטן? און ער — ווי אַזוי האָט ער אויף די מיידלעך געקוקט? עט! ער, חיים־משה, זאָגט זיי, די יונגע ראַקיטנער קרעמערס: ס׳איז נישט כּדאי וועגן דעם צו ריידן...״ און נאָך קאָן ער זיי, די ראַקיטנער קרעמערס, דערציילן: אַלע זײַנען דאָך דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט געווען זיכער, אַז ער, חיים־משה, האָט קיין מאָל קיינעם נישט ליב געהאַט. נאָר אין אמתן האָט ער שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן זײַנעם — ער איז געווען אַ היגער, און זיי, די קרעמערס, האָבן אים באַדאַרפֿט קענען. ער, חיים־משה, זאָגט זיי אויף נאמנות: קיין פּוסטן קאָפּ האָט אָט דער אויסערלעך פֿרומער ייִד נישט געהאַט. זאָלן זיי אים מוחל זײַן, וואָס ער האָט זיך אַלע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט זײַן פּירוש אויף תּהילים און מיט זײַנע חנדלעך אויף אבֿן־עזרא. דערפֿאַר אָבער האָט ער ווינציקער ווי אַלע אַנדערע אין זיבעץ געהאַט פּרנסה. ער איז געווען אַ וויסן־דאָרשטיקער. אַז דאָס היגע צווייטע ווײַב זײַנס איז געשטאָרבן, האָט ער פֿאַרקויפֿט די שטוב און איז אַוועקגעפֿאָרן אויף צוויי חדשים אויסקוקן פּאַלעסטינע. אַלע מײַנע יאָרן, האָט ער נאָך דעם אים, חיים־משהן, געשריבן, האָב איך געטראַכט וועגן ארץ־ישׂראל. מיר טוט נאָך באַנג, וואָס איך האָב נישט געהאַט אויף הוצאות אַראָפּצופֿאָרן און אַ קוק צו טאָן אויף אַלכּסנדריה של מצרים. און אַז אים, חיים־משהן, איז איין מאָל אָנגעקומען אַ בריוו, אַז דער פֿאָטער זײַנער האָט זיך געפֿעלט, איז דאָס געווען אין אַ הייסן זומערטאָג אַרום דרײַ אַ זייגער נאָך מיטאָג, און אָט דעם בײַטאָג, שווערט ער, חיים־משה, וועט ער שוין תּמיד געדענקען מער, ווי אַלע בײַטאָגן אין משך פֿון זײַן לעבן. פֿון גרויס שטילקייט און היץ, געדענקט ער, האָבן דעמאָלט געוודעט הימל און ערד, און

שטיל נאָגנדיקער בוים, און ווײַטער האָריזאָנט. פּוסט איז דעמאָלט די וועלט געווען — פּוסט, זאָגט ער זיי, די קרעמערס, און זיך אַליין, אין איר אומבאַגרענעצטן חלל, אין אַלע אירע ברואים און אַפֿילו אינעם לײַדנשאַפֿטלעכן אומעט, וואָס פֿאַרציט זיך אַ מאָל, ווי אַ רויכל, איבער בלויע יונג־מיידלשע אויגן. און פּלוצעם האָט ער, חיים־משה, דעמאָלט דערהערט, ווי ערגעץ ווײַט, ווײַט קעגנאיבער דעם וואָקזאַל, וואָס אַרויס גרויסער שטאָט אויף אַ באַרג, פֿײַפֿט־אַרײַן אין אָט דער וועלטפּוסטקייט אַרײַן אַ רעזערוו־לאָקאָמאָטיוו. קיין מאָל האָט ער צו זיך אין צימער נישט געהערט דעם פֿײַף אין דער וועלטפּוסטקייט אַרײַן פֿון קעגנאיבער דעם וואָקזאַל, נאָר דעמאָלט האָט ער אים דערהערט. און וואָס מיינען זיי, די קרעמערס, איז געווען נאָך דעם? בײַ אים, חיים־משהן, אין צימער איז דעמאָלט געזעסן אַ יונגע בלאָנדע גימנאַזיסטקע און האָט געהאַלטן אין מיטן „אוראָק‟. און בײַ אים אַליין זײַנען שוין די הענט סײַ ווי סײַ געווען צונויפֿגעלייגט, ווי צו לישועתך קויתי, און טיף פֿאַרוקט צווישן די קני האָט ער זיך צו איר, צו דער גימנאַזיסטקע, צוגעבויגן און האָט ווײַטער געזאָגט, ווי זײַן שטייגער איז, מיטן ניגון פֿון פּרק:

[14] Итак... чему равняется $(\text{а}+\text{в})^2$

און נאָך קאָן ער זיי, די קרעמערס, דערציילן: „אַ חבֿר האָט דעמאָלט ער, חיים־משה, געהאַט, אַ חבֿר וואָס איז געווען ייִנגער פֿון אים מיט אַ יאָר דרײַ און וואָס ער, חיים־משה אַליין, האָט מיט אים געלערנט און האָט אים געגרייט צו פֿאַרשיידענע עקזאַמענס. ער האָט געהייסן מלך.ביידע האָבן זיי געהאַט אַ ידיעה אין די פֿאַרנעפּלטע ספֿערעס, אַ סך געלערנט צוזאַמען מיט יצחק־בערן און אַליין. און אין אָוונט האָבן זיי ביידע לאַנג אַרומגעשפּאַצירט אַרויס דער שטאָט, געקראָכן דאָרטן צו יצחק־בערן אויפֿן דאַך און געזוכט נײַע שטערן. און שטערן אויפֿן הימל זײַנען געווען אַ גוזמא,

[14] נו, יאָ, צו וואָס איז גלײַך $(a+b)^2$

און מלך, דער חבֿר זײַנער, האָט ליב געהאַט אַ סך פֿון זיי און האָט תּמיד וועגן דעם געשוויגן. אַך, יאָ, מלך האָט געקאָנט שיין שווײַגן וועגן זיך און וועגן די שטערן, וואָס ער האָט ליב. איין מאָל איז ער, חיים־משה, שטיל אונטערגעגאַנגען צו מלכן און האָט אים געזאָגט:

— שווײַג, שווײַג — האָט ער אים געזאָגט — וועסט סוף־כּל־סוף אויסשווײַגן אַ שיין לעבן.

און אַזוי האָבן זיי געלעבט, ער מיט מלכן, איינזאַם און אין צווייען; אין צווייען און איינזאַם. ווײַל טיף אין זיך האָט טאַקע מלך ביזן סוף מיט אים, חיים־משהן, נישט מסכּים געווען. וואָרעם ער, חיים־משה, האָט געזאָגט, אַז אין דער אַרומיקער אומווערדיקייט דאַרף מען דורכגיין איינער אַליין, בע־ונד, ווי אַ שאָטן. און שטאַרבן דאַרף מען אויף עלנט ערגעץ ווו, אין אַ פֿרעמדער, גרויסער שטאָט, און די לוויה זאָל פֿאָרקומען אין בין־השמשות, און קיינער זאָל זי נישט באַגלייטן. אויפֿן שלעכטן ברוק זאָל זיך דעמאָלט טרייסלען דער אומצופֿרידענער קברן מיטן אָרון, און נאָר איינער אַ דורכגייער זאָל, קוקנדיק אויפֿן אָרון, זיך אָפּשטעלן און זאָל דערפֿילן, אַז ס׳איז נאָך איינער אַ קרבן. „אַ שטומער רמז אויפֿן אייביקן שטומען פּראָטעסט”. און מלכן, דעם שעמעוודיקן לאַנגן מלכן, האָט פֿון תּמיד אָן צו פֿיל געצויגן צו יעדן שיינעם הויז, ווו ס׳איז פֿאַראַן אַ שיין מיידל, און ווו מע וואַרט אויף אַ שׂמחה — נישט ער האָט אַהין געוואָלט און נישט ער איז אַהין געגאַנגען, נאָר אים האָט געצויגן... אַלץ, וואָס ער, חיים־משה, האָט געזאָגט, האָט ער אָנגענומען פֿאַר אמת, נאָר אַ חשד איז דאָך געווען, אַז אין דער שטיל איז מלך אַלעמען מוחל; ער האָט אויף יעדערן אַ זכות... פֿאָרט ער איין מאָל, מלך הייסט עס, צו גאַסט צו זײַן מוטער, דער אַלמנה, וואָס האַלט אין זײַן ווײַטלעכן געבוירן־שטעטל דעם טאָפּטאַק, און קומט נאָך דעם צוריק — דער זעלביקער שווײַגנדיקער מלך מיטן פֿריערדיקן שעמעוודיקן שמייכל אויפֿן פּנים: „גאָר נישט — זאָגט ער — אין דער היים איז גאָרנישט ניט געשען”... די מאַ־

מע זײַנע, די אַלמנה — זי לאָזט, ווי פֿריִער, אַלע מאָל אַראָפּ עפּעס פֿונעם נחת, וואָס זי האָט געקלערט אין אים צו האָבן. זי שאָקלט נאָר אַ ביסל צו מיטן קאָפּ. ס'איז מער נישט: צוריקוועגס פֿון דער היים, ווען זײַן צוג האָט זיך איבעריקע צײַט פֿאַרהאַלטן אויף איי־נעם אַ וואָקזאַל, איז ער, מלך, דאָרטן איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זײַט, ווו ס'שטייען די בעלי־עגלות, און האָט געזען: אַ היפּשע שטאָט ליגט דאָרטן צעוואָרפֿן און באַהאַלטן צווישן גרינע ביימער אויף אַ באַרג — אַ גלאָז דאָרטן אויף אַ דאַך מינעט זיך און שטראַלט אַקעגן דער זון פֿון זומערדיקן העלן טאָג. און בשעת ער שטייט אַזוי, גייט צו אים צו אַ בעל־עגלה און פֿרעגט:

— איר זענט נישט ליפּסקיס חתן, דער אינזשעניער?... מ'האָט מיך אַרויסגעשיקט אײַך נעמען.

מלך שמייכלט, בשעת ער דערציילט עס. נאָר פֿון דעמאָלט אָן הייבט ער אָן פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף גאַנצע זומערדיקע בין־השמשות. ער צינדט נישט אָן קיין לאָמפּ און שפּאַנט־אַרום גאַנצע שעהען בײַ זיך אין צימער. און ווער ווייס אים? אפֿשר געדענקט ער נאָך אַלץ ליפּסקיס חתן, דעם אינזשעניער... ער, חיים־משה, איז איין מאָל אין אַזעלכע בין־השמשות שטיל אונטערגעגאַנגען צו מלכס אָפֿע־נעם פֿענצטער און האָט זיך לאַנג אײַנגעהערט אין זײַנע טריט: „מלך, האָט ער אים סוף־כל־סוף איבערגעשלאָגן, האָסט, דאַכט זיך, אַ ניגונג אונטערצוהאַלטן דער וועלטס עקסיסטענץ". און מלך האָט גענומען מיט אַ שמייכל דעם לאָמפּ אָנצינדן און האָט שעמעוודיק אַראָפּגעקוקט צום גלעזל, וואָס ער טוט־אָן: „נאַר איינער, האָט ער אים דעמאָלט געענטפֿערט: „לאַך נישט; ס'איז אַן ענין".

און סוף־כל־סוף איז מלך אַוועק צו אַ פּאַרטיי, אין גאַנצן צו אַ פּאַרטיי. ער איז נאָך דעם צוויי יאָר געוועזן פֿאַרשיקט און האָט נישט געשריבן וועגן זיך קיין בריוו. ער האָט זיך געשעמט שרײַבן וועגן זיך בריוו... ער איז נאָך דעם אַוועקגעפֿאָרן אַהער קיין ראַ־קיטנע און האָט דאָ מיט יצחק־בערס הילף געעפֿנט דעם קליינעם מאַגאַזין פֿון ווילשמעקנדיקע אַפּטייק־סחורות. דעמאָלט איז מען

אָפּט געקומען אין דער גרויסער שטאָט צו אים, חיים־משהן, און מ׳האָט אים אָפּגעגעבן גרוסן: ער ווערט אַ חתן פֿאַר אַ קורסיסטין, מלך — ער האָט אײַך געלאָזט גריסן״. מלך? — האָט ער גע־שמייכלט — וואָס טוט ער דאָרטן, מלך?

ער, חיים־משה, האָט זיך נאָך אַלץ געפֿונען דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, און האָט געזאַמלט האָניק, ווי אַ בין; אַז ער וועט אָנזאַמלען האָניק אַ סך, וועט ער אַראָפּפֿאָרן קיין ראַקיטנע און וועט זיך דאָרטן טיילן מיט יצחק־בערן און מיטן לאַנגן מלכן. און אָט איז ער איצט קיין ראַקיטנע אַראָפּגעפֿאָרן און האָט געטראָפֿן — מלך, האָט ער געטראָפֿן, רוט שוין קרובֿ צו דרײַ וואָכן, אויפֿן קלייג־שטעטלדיקן ראַקיטנער בית־עולם; פֿאַר וואָס האָט מען אים עפּעס געלייגט אין עק בית־עולם, פּונקט נעבן אַ יונגן דאָקטער, וואָס האָט זיך געסמט?... און יצחק־בער איז אַ ביסל אַלט און צו אָפּ־געלעבט — נעכטן איז געווען שטאַרק נישט אײַנגענעם צו הערן, ווי דאָס ווײַב קריגט זיך מיט אים פֿאַר דעם אײַנגעמאַכטס, וואָס זי וויל פּרעגלען. און ער, חיים־משה?... אייגנטלעך איז שוין אפֿשר גע־ווען גערעכט דער באַגעגנטער ייִד מיט זײַן נישט דערזאָגטער שאלה: „וואָס טוט ער עפּעס דאָ, אין ראַקיטנע, חיים־משה?... צי האָט ער נישט עפּעס אַ זײַטיקן מיין דערבײַ? צי איז אים בײַם אַראָפּקומען אַהער נישט אַרויפֿגעקומען אַ הרהור, אַז ער פֿאָרט אַהער אויספֿירן אַ געוויסן ענין?״...

*

מיט אַ טאָג שפּעטער, אַרום עלף אַ זייגער אין דער פֿרי, איז חיים־משה אַרומגעגאַנגען איבער דער מיטלסטער לאַנגער גאָס אָן אַ שטעקל אין האַנט. ער האָט געהאַט אַזאַ צעטראָגן אויסזען, גלײַך ער געדענקט נישט, ווען איז ער פֿון וואַלד אַרויס און ווען איז ער געקומען אין שטאָט. און אַז ער האָט באַגעגנט אַ מענטשן, האָט ער אים אָפּגעשטעלט צו גיך, נאָך איידער, אַפּנים, ער קאָנ־צענטרירט זיך, נאָך איידער ער ווייס, צוליב וואָס ער דאַרף אים.

— הערט — האָט ער זיך דערפֿרעגט — צי ווייסט איר נישט, וווּ ס׳ווינט דאָ ליובער, עוזר ליובער?

נאָר דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער, און מענטשן האָבן זיך באַגעגנט זעלטן; אונטער דער צעגליטער זון האָבן דעכער געשימערט מיט אַ פֿאַלשן יום־טובֿדיקן גלאַנץ, און די גאַנצע שטאָט האָט ווי געדרימלט מיט אַ לאַנגן זומערדיקן דרימל. נעבן אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכיקן מאַרק האָט זיך חיים־משה אָפּגעשטעלט און האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום־און־אַרום איז שוין ניט געווען צו זען קיין איינציקן בעל־עגלהשן פֿאַעטאָן. דער מאַרק איז געווען פּוסט און נאָר אויף דער שוועל פֿון זײַן גרויסער כל־בו־קלייט איז אין אַ שוואַרצן לוסטרינענעם סורדוט געשטאַנען עזריאל פּויזנער, דער אָרטיקער רײַכער קרעמער. ער האָט געהאַט אַ סאַמעט־פֿאַרגאָסן פּנים פֿון אַ צעוואַקסענעם לײַטיש אויסגעאיידלטן גלח און האָט אַלע מאָל געפּרוווט מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים ריין. אַמאָל האָט ער געליטן אויף דער לונג — שוין לאַנג איז דאָס געווען. איצט איז ער שוין אין גאַנצן געווען פֿאַרגאָסן מיט געלע גאָגל־מאָגלס און מיט אייער, און דאָס פּנים זײַנס איז שוין אויך אַזעלכעס — ה׳האָט געשמעקט מיט געלן אייער־קיכל, מיט פּוטער־געבעקס און מיט שווייס. פּלוצעם האָט חיים־משה דערזען, אַז ער איז נישט אַליין, אָט דער רײַכער קרעמער. גאָר נאָענט הינטער זײַנע פּלייצעס שטייט די טאָכטער זײַנע, די יונגע און שיינע חווה פּויזנער; זי שמייכלט; זי שפּאַרט־אונטער איר פּנים בײַם פֿאָטער אויפֿן אַקסל און קוקט אין איינעם מיט אים אויף חיים־משהן, קוקט מיט אַזאַ מינע, גלײַך זי וואָרנט: „מיר נעמען אים אויף זיך, דעם „פֿאַפֿקאַ“ אונדזערן; מיר וועלן אים באַשיצן פֿון אַלע מענטשן, וואָס האַלטן פֿון אים נישט און ריידן אויף אים שלעכטס“...

פּלוצעם האָט חיים־משה ווי מיט אַ מאָל אויפֿגעוואַכט און האָט צעטראָגענערהייט פֿאַרקערעוועט לינקס צום בעריזשינעצער וועג. הײַנטיקער טאָג איז בײַ אים פֿון אָנהייב אָן געווען אַ צעדרייטער.

הײַנט גאַנץ פֿרי איז אַ ראַקיטנער שמײַסעריונג, אַ בעל־עגלה, געקומען אין וואַלד אַרײַן האָלץ קויפֿן; ער האָט נאָך געטראָפֿן יצחק־בערן מיט חיים־משהן בײַ טיי טרינקען. ער האָט געוואָלט, יצחק־בער זאָל אים אָפּלאָזן די פֿור האָלץ ביליק, און האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דער ערשטער דערזען מלכן אויפֿן וואָקזאַל. אין אַ פֿינצטערן ווינקל איז דאָס געווען, בשעת דער געקומענער בײַנאַכטיקער צוג האָט שוין באַדאַרפֿט אַוועקגיין און אויף דער פּלאַטפֿאָרעם זײַנען די לאַמטערנעס געווען אויסגעלאָשן. דער בעל־עגלה האָט אַרומגעשנאָרעט מיט דער פֿאָכענדיקער בײַטש אין האַנט און האָט גענישטערט מיט די פּלויִדערדיקע בעל־עגלה־אויגן אין אַלע ווינקעלעך — ער האָט געזוכט פּאַרשוינען, און פּאַרשוינען זײַנען נישט געווען. פּלוצעם האָט ער דאָרט דערזען דעם פֿרעמדן בלאָנדן יונגן מאַן. ער איז געשטאַנען טיף אַרײַנגערוקט אינעם ווינקל צווישן פּאָסטקאַסטן און הילצערנעם גאַניק, וואָס איז באַוואַקסן מיטווילדן ווײַנשטאָק, און געדאַכט האָט זיך, אַז ער שעמט זיך און שלאָגט זיך מיט דער דעה — ער וויל אַוועקפֿאָרן ווײַטער מיטן צוג.

דער בעל־עגלה האָט בײַ אים געפֿרעגט:

— איז אפֿשר קיין ראַקיטנע, האַ?... פּאַני!

קיין ענטפֿער איז נישט געווען.

דער בעל־עגלה האָט אָפּגעוואַרט און האָט זיך גענומען קראַצן פֿון הינטן, אין האַלדז און נאַקן:

— וואָס זשע שווײַגט איר?... האַ? פּאַני!

## 6

אַרויף צום בערעזשינעצער וועג איז געשטאַנען אַ האַלבע ראָד פֿון גלײַכע יונגע טאָפּאָלן און האָט געמאַכט יום־טובֿדיק דאָס גראָז, וואָס אויפֿן עקסטן לײדיקן גרויסן פּלאַץ. אין דער מיט פֿון דער ראָד איז געשטאַנען עוזר ליובערס נײַ אויסגעבויט גבֿיריש הויז;

ס'האָט זיך געמיניעט אַקעגן דער הייסער פֿרימאָרגן־זון און האָט געוואָרט. אַז אַ פֿרעמדער מענטש וועט קומען, וועט עס זיך לאָזן באַטראַכטן פֿון אַלע זײַטן, און דער פֿרעמדער וועט זאָגן: „שיין הויז; אין אַ קליין שטעטל איז פשוט זעלטן אַזאַ שיין און טשיקאַווע הויז". זייער הויך זײַנען געווען די געזימסן אונטערן ווײַסן דאַך; שטאַרק גרויס די געגלאָזטע וואָקזאַל־פֿענצטער. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, ווען מ'האָט די פֿענצטער אַרײַנגעשטעלט, איז מען אַלע שבת־בײַטאָג געגאַנגען פֿון שטאָט אויף דעם קוקן; בעלי־מלאכות זײַנען דאָ געשטאַנען אין שבתדיקע קאַפּאָטעס און האָבן איינער בײַם צווייטן געפֿרעגט: „נו? ווי געפֿעלן זיי אײַך עפּעס עוזר ליובערס פֿענצטער?"

איצט זײַנען שוין אַלע אין שטאָט געווען צו דעם געוווינט, און דאָס הויז האָט נאָך אַלץ געוואַרט, מע זאָל עס קומען באַטראַכטן. פֿון צו פֿיל זון אין דרויסן און פֿון פֿאָרנט, אינעם הויכן גלעזערנעם וועסטיביול, האָט די לופֿט אין די גוואַלדיק גרויסע חדרים זיך געדאַכט, ווי אין בין־השמשות, טונקל און האָט אַ ביסל געשווינדלט אין די אויגן. ס'איז דאָרט געווען קיל און אַזוי פֿריש, גלײַך מ'האָט נאָר וואָס פֿון נאָך פסח די צווייענדיקע פֿאַרקלעפּטע פֿענצטער געעפֿנט און דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז אויף די נאָענטע ביימער צוויטשערן פֿייגעלעך. ערגעץ ווײַט אין אַ זײַטיק חדר האָט פֿון גאַנץ פֿרי אָן געשטעפּט אויף אַ מאַשין דאָס געדונגענע מיידל, די נייטאָרין, און דאָ, בײַם לאַנגן טיש, וואָס אין עסצימער, דעם פֿעלד, האָט חנהקע ליובער נאָך אַלץ געהאַט צו טאָן מיטן איבערבײַסן פֿון איר געקרײַזלטן זיבן יאָריקן ברודערל: „נו, גיכער, מאָטיק, איינס און צוויי און דרײַ. בײַם וואָרט „דרײַ" האָט מאָטיק באַדאַרפֿט עפֿענען דאָס מויל, אײַנשלינגען דעם לעפֿל. ער איז מיטן פנים געווען זייער ענלעך צו די פֿיל פּאָרטרעטן פֿון דער יונג געשטאָרבענער באַלעבאָסטע, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון אַלע ווענט מיט בלויע פֿאַררויכלטע בוימל־אויגן און האָבן דערמאָנט, אַז „זי איז געווען אַ זעלטענער מענטש", און אַז די גאַנצע

שטאָט האָט נאָך איר געקלאָגט. די אויגן זײַנען געווען אומעטיקע, טיפֿע דורך זייער מאַמעדיקער איבערגעגעבנקייט. און אונטער זייער בליק האָט איצט מאָטיק באַדאַרפֿט אויסטרינקען זײַן גלאָז קאַקאַאָ און נישט אָנגיסן אַפֿילו קיין איין טראָפּן אויפֿן נײַעם בלויען טישטעך. מאָטיק אָבער האָט פֿריִער געוואָלט טרינקען ניט אַנדערש ווי פֿון דער שאָל. דערנאָך האָט ער שוין דווקא מסכּים געווען צו טרינקען פֿון דעם גלאָז, דערבײַ זאָל ער שטיין אויף די קני און זאָל דערווײַזן, אַז ער קען טרינקען אָן הענט, לחלוטין אָן הענט. „נו, איצט וועט שוין מאָטיק געוויס פֿאַרגיסן דעם סערוועט". ענערגיש, ווי אַ מאַמע, טוט חנהקע אַ רוק־אָפּ פֿון אים דאָס גלאָז. זי איז דעם פֿרימאָרגן אַ ביסל אויפֿגערעגט און געדענקט, אַז פֿון הינטן, בײַ דער טאַליע, איז בײַ איר אויף איין אָרט נאָך געבליבן אויפֿגעשפּיליעט דאָס קאַפּטל, און ס'זעט זיך דאָרטן אַרויס אַ שמאָלער ווײַסער פּאַסיק. פּלוצעם בלײַבט זי זיצן ווי פֿאַרשטיינערט און הערט זיך אײַן, ווי דאָס ברוגזע ווײַבל, די דינסט, עפּנט עמעצן אין וועסטיביול די גרויסע און שווערע פּאַראַדטיר און זאָגט דאָרטן עמעצן, אַז דער באַלעבאָס, עוזר ליובער, איז נישטאָ אין דער היים.

— שאַ! — זאָגט חנהקע אין גרויס אײַנהערעניש צו מאָטיקן און טוט דערבײַ צוויי מאָל אַ פּינטל מיט די אויגן.

ס'איז געווען אַ מעשׂה:

צוריק מיט אַ שטיק צײַט איז פֿון אָט דעם הויז אַרויסגעפֿלויגן מיט אַ קנאַק דער יונגער און שיינער סטודענט בריל, אַ דרײַ און צוואַנציק־יאָריקער געראָטענער בחור, וועמען עוזר ליובער האָט פֿריִער מיט אַ פּאָר יאָר אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין הויז פֿאַר אַ לערער און וואָס אין שטאָט האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט סוף־כּל־סוף נעמען חנהקען. אַרויסגעפֿלויגן איז ער איבער אַ מיאוסער מעשׂה, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיט אים און מיט לאהקע דער שוואַרצער, דער נייטאָרין, וואָס שטעפּט איצט גאַנצע וואָכן אויף דער מאַשין בײַ עוזר ליובער אין הויז. און איצט, זאָגט מען, האָט ער זיך שוין ווידער אומגעקערט אַהער קיין ראַקיטנע, אָט

דער סטודענט בריל, ער וווינט אין עק שטאָט בײַ אַ גוי אין אַ שטיבל און גרייט זיך דאָרט צו זײַנע לעצטע עקזאַמענס מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך מיט יעדן נײַ אויסגעהזרטן גראָבן בוך צעטרעט ער אַלע מיאוסע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך וועגן אים אַרום אין שטאָט. איז אָט: זינט אַהער, קיין ראַקיטנע, האָט זיך אומגעקערט דער סטודענט בריל, האָט חנהקע באַקומען אַ סך אויפֿרעגונג בײַ זיך אונטער דער ברוסט און בלײַבט זיצן ווי פֿאַרשטאָרבן איטלעכס מאָל, וואָס עמעצער טוט פֿון דרויסן אַ קלונג אין דער גרויסער און שווערער פּאַראַדטיר.

אין וועסטיביול אָבער איז שוין צוריק שטיל, הייסט עס, אַז קיינער איז נישט געקומען. חנהקע שטאָפּט שוין ווידער מאָטיקן די גלאָז קאַקאַאָ אין מויל אַרײַן. „קיין מאָל, זאָגט זי, קיין מאָל נעמט זי אים שוין מער מיט זיך נישט מיט צו עטל קאַדיס. מאָטיק מעג זיך עס פֿאַרשרײַבן אויפֿן שטערן״.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום דערהערן זיך דאָך פֿון וועסטיביול אַ פּאָר שטילע מאַנסבילשע טריט און חנהקע מוז אַ רגע פֿאַרגעסן אין מאָטיקן און זיך אָפּשטעלן אַקעגן דער פֿיגור, וואָס טוט אַ שווינדל אין טיר. נעכטן בײַ טאָג איז דאָ, אַקעגן איר, אין עסצימער געזעסן עטל קאַדיס און האָט דערציילט, אַז מע רופֿט זי אַרויס מיט אַ דע־פּעש צום זיידן אירן, וואָס איז שטאַרק פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן. זי האָט געזאָגט, אַז נאָכן שליסל פֿון מלכס שטיבל וועט שוין חיים־משה מוזן אַרײַנקומען אַהער צו די ליובערס אין הויז. און איצטער איז ער טאַקע אַהער אַרײַנגעקומען, חיים־משה. איצט געדענקט שוין חנהקע לחלוטין נישט, אַז פֿון הינטן, בײַ דער טאַליע, זעט זיך איר אַרויס אַ שמאָלער ווײַסער פּאַסיק פֿונעם ליף. און נאָך דעם זיצן זיי שוין איינס אַקעגן אַנדערן בײַם טיש, און חנהקע טוט אויף אים צום ערשטן מאָל גאָר פֿון דער נאָענט אַ קוק; סך־הכּל איין מאָל טוט זי אויף אים גאָר פֿון דער נאָענט אַ קוק, נאָר בשעת מעשׂה טוען זיך בײַ איר צוויי מאָל אַ הייב די לאַנגע טונקעלע ווי‏עס און לאָזן זיך באַלד צוריק אַראָפּ: זי האָט געמיינט, אַז ער

איז אַ ביסל שענער, חיים־משה, אַ ביסל שענער ווי ער זעט־אויס איצט, זיצנדיק אַקעגן איר דאָס ערשטע מאָל בײַם טיש.

*

דער שמועס האָט זיך צום אָנהייב נישט געקלעפּט. חנהקע האָט דערציילט, ווי אַזוי עטל קאַדיס איז נעכטן אומיסטן געקומען, כּדי צו לאָזן דאָ דעם שליסל, און ווי אַזוי עטל האָט זיך פֿאַרגעסן און האָט סוף־כּל־סוף טאַקע דעם שליסל דאָ נישט געלאָזט. „אָפּט מאָל", האָט זי אַ שמייכל געטאָן, „קען זיך מיט זיי אַזוי טרעפֿן: מע קומט איינע צו דער אַנדערער, מע פֿאַרזיצט זיך און מע פֿאַרגעסט צוליב וואָס מע איז געקומען".

נאָר בשעת זי האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס, בשעת זיי קוקן איר אין פּנים אַרײַן, האָט זיך איר פּלוצעם דאַכטן געגומען, אַז דאָס אַלץ ווייסט ער שוין פֿון לאַנג, זי האָט עס אים שוין איין מאָל דערציילט. זי איז געבליבן זיצן ווי פֿאַרשעמט. זי האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע וויִעס און האָט מער נישט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. דער קליינער געקרײַזלטער מאָטיק איז דערווײַל געקומען צו לויפֿן פֿון די אַרומיקע חדרים און האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט זיך דאָרט אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פֿינגער. האָט אים חנהקע באַטראַכט, אָט דעם פֿינגער, און האָט אים גלײַך געגעבן אַ רפֿואה: „זאָל ער אַרויפֿלייגן בײדע הענטלעך אויפֿן האַרצן און זאָל אַ קוק טאָן אַרויף צום באַלקן און נאָך דעם זאָל ער אַ קלאַפּ טאָן דרײַ מאָל מיטן פֿיסל". נאָך אָט דער סגולה האָט מאָטיק נאָך אַ מאָל באַטראַכט זײַן פֿינגער און האָט אַליין מודה געווען, אַז ער טוט אים שוין ניט וויי. לעבעדיק און צופֿרידן איז ער אַוועקגעלאָפֿן צוריק צום ווײַטן חדר, פֿון וואַנען ס'הערט זיך דאָס לאַנגע שטעפּן פֿון דער מאַשין, און זײַן פֿריילעכע טופּערײַ האָט פֿרײַ אָפּגעהילכט איבער אַ גאַנצער ריי גרויסע יום־טובֿדיקע צוגעקליבענע חדרים, אין וועלכע ס'איז קיינער נישטאָ. נאָר אָט האָט זיך חיים־משה פֿאַרקוקט אויף איינעם

פֿון די פֿיל פּאָרטרעטן פֿון דער יונג פֿאַרשטאָרבענער באַלעבאָסטע, וואָס קוקן־אַראָפּ פֿון אַלע ווענט מיט בלויע פֿאַררויכלטע בוימל־אויגן. חנהקע קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און קען שוין ניט באַמערקן, אַז פּונקט אויף אָט דעם זעלביקן פּאָרטרעט האָט זיך פֿאַרקוקט מלך, בשעת ער איז צום ערשטן מאָל געזעסן דאָ, ביי זיי אין הויז. דער שמועס הייבט זיך אָן קלעפּן. חנהקע האָט שוין דערציילט, ווי אַזוי קיינער האָט זיך דאָ אין שטאָט צוריק מיט אָנדערטהאַלבן יאָר אויף מלכן נישט געריכט; קיינעם איז נישט איינגעפֿאַלן, אַז אין עק שטאָט, אינעם רויטן ניי אויסגערעמאָנטירטן שטיבל, וועט ער עפֿענען אַן אַפּטייק־מאַגאַזין.

מעגלעך, אַז דעם אינוועטאַר מיט די מעדיקאַמענטן האָט מען אים אַהין געבראַכט צו פֿירן ביי נאַכט. נאָר איין מאָל אין דער פֿרי זיינען זיי דאָרטן אין עק שטאָט די גאַס אַדורכגעגאַנגען, זי און עטל קאַדיס, און האָבן דאָרטן דערזען דעם אַפּטייק־מאַגאַזין אַ פֿאַרטיקן, אַ גרייטן, מיט דער ניי־אַרויסגעהאָנגענער שילד, מיטן רויטן פֿאָרהענגל, וואָס אויף דער האַלב־גלעזענער טיר און אַפֿילו מיטן גלעקל וואָס אינעווייניק. עטל קאַדיס האָט דעמאָלט נאָר וואָס געהאַט פֿאַרלאָזן אירע נישט דערענדיקטע אויסלענדישע קורסן און האָט זיך אומגעקערט אַהער צו איר מוטער אַהיים. זי האָט אויך נישט געוווסט צו וועמען דער נייער אַפּטייק־מאַגאַזין געהערט און איז צוזאַמען מיט איר, חנהקען, אַהין אויף טשיקאַוועס אַריינגעקומען. זיי האָבן זיך דאָרטן געקויפֿט נייע צאָן־בערשטלעך, צו שטיקלעך זייף און נאָך עפּעס קלייניקייטן. נאָר זיי איז שוין דעמאָלט געפֿעלן געוואָרן מלך. ער איז געווען אַ ווויקסיקער, כמעט אַ לאַנגער; ער האָט געהאַט קורצע, בלאָנדע האָר און די מאַנדזשעטן אויף זיינע הענט זיינען געווען קיילעכיקע און מאָדנע האַרטע; אַז ער האָט זיך געטאָן אַ ריר, האָבן זיי געקלאַפּט הילכיק, ממש ווי ביינערנע. ער איז געשטאַנען פֿון יענער זייט הויכער געפּאָלירטער סטויקע[15]

---

[15] געשעפֿט־שטענדער.

און האָט געלייענט עפּעס אַ נײַ גראָב בוך, און איטלעכס מאָל, וואָס זיי, די מיידלעך, האָבן בײַ אים געפֿרעגט דעם פּרײַז אויף עפּעס אַ נײַעם מין סחורה, האָט ער געמוזט אַרויסקוקן פֿונעם בוך, פֿאַנאַנדערלייגן די חשבונות, וואָס זײַנען אים צוזאַמען מיט דער סחורה אָנגעקומען, און אַרײַנקוקן, וויפֿל דער געפֿאָדערטער מין קאָסט. „אַזויפֿיל און אַזויפֿיל, האָט ער געזאָגט, קאָן איך דערפֿאַר נעמען״.

— אפֿשר עפּעס ווינציקער? — האָבן זיי איבערגעפֿרעגט, חנהקע און עטל קאַדיס, און האָבן דערבײַ נישט אויפֿגעהערט אויף אים צו קוקן.

דעמאָלט האָט ער פֿון ס'נײַ גענומען פֿונאַנדערטיילן די חשבונות און פֿון ס'נײַ אין זיי אַרײַנקוקן.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — מעגלעך, אַז מע קען דערפֿאַר נעמען עפּעס ווינציקער.

ער האָט געהאַט אַ שטיל ברוסטקול, אַן אָנגעשפּאָלטנס אַ ביסל און אַן אַנדער ווי בײַ אַלע מענטשן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז יאָרן לאַנג האָט זיך עס אויסבאַהאַלטן, אָט דאָס קול, נאָר איצט האָט עס איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַשלאָסן: „סע וועט ריידן!״

זי, חנהקע, האָט נאָך דעם די ערשטע אָנגעהויבן וועגן אים צו ריידן: „ער דאַרף זײַן אַן אינטערעסאַנטער״, האָט זי געזאָגט, „זייער אַן אינטערעסאַנטער״. נאָר עטל קאַדיס האָט שוין דעמאָלט מערסטן געשוויגן; זי האָט שוין זעלטן געענטפֿערט אַפֿילו אויף די פֿראַגעס, מיט וועלכע מע פֿלעגט זיך צו איר ווענדן. אין גיכן האָט זי זיך טאַקע פֿאַרשפּאַרט, עטל, און האָט אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים אין איר צימער, וואָס בײַ איר מוטער אין דער היים.

חנהקע האָט געשיט, געשיט. וואָס מער זי האָט דערציילט, אַלץ אומעטיקער און פֿאַרשלאָפֿענער האָבן געקוקט אירע היפּשע בלוי־לעך־גרויע אויגן. זי האָט גערעדט אָן אַ מינדסטער אָנשטרענגונג, אָן אַ פּויזע אַפֿילו, און דערפֿאַר האָט זיך געדאַכט, אַז אינעווייניק, אין זיך, איז זי גלאַט, מאָדנע גלאַט: די ווערטער האָבן דאָרטן נישט בײַ וואָס זיך צו פֿאַרהאַלטן. און חיים־משה האָט זי נאָך אַלץ

פֿאַרווונדערט אָנגעקוקט און איז נאָך אַלץ געזעסן אַקעגן איר אין אַזאַ משונהדיקער פּאָזע, גלײַך אָט־אָט־אָט טוט ער זיך מיט אַ מאָל אַ גליטש־אַראָפּ פֿונעם בענקל און בלײַבט זיצן מיט אַלע פֿיר אויפֿן סאַמעט גלאַטן קאָבריץ, וואָס אונטערן טיש. איבער אָט דעם ווייכן סאַמעט גלאַטן קאָבריץ האָט ער געפֿילט, אַז די אָפּצאַסן פֿון זײַנע זומערדיקע שיך זײַנען שטאַרק דין; זיי באַשטייען כמעט פֿון אײן־אײנציקן בלעטל. און אין דער זעלביקער צײַט האָט ער געדענקט, אַז פֿון פֿאָרנט, אינעם הויכן, גלעזערנעם וועסטיביול, איז אײַנגעמויערט אַן אומגעווײנלעך גרויסער, געשליפֿענער שפּיגל; פֿרי:ער אַ ביסל, ווען ער איז דעם וועסטיביול דורכגעגאַנגען, האָט אים דאָרטן אָט דער גרויסער שפּיגל אָפּגעשילדערט פֿון אײנער אַ זײַט, און אין די אויגן האָט אים אַ שווינדל געטאָן זײַן אײגענע מידע פֿיגור: אַ קלײנע און מאָדנע דאָ, אינעם רײַכן, הויכן הויז, אַ פֿרעמדע פֿיגור. ער האָט נישט אויפֿגעהערט מידערהייט צו קוקן אויף חנהקען.

— נו, און מלך?... — האָט ער פּלוצעם און מאָדנע שטיל בײַ חנהקען אַ פֿרעג געטאָן: אפֿשר קאָן ער בײַ איר וויסן, פֿון וואָס איז געשטאָרבן מלך?...

נאָר חנהקע איז גאָר מיט אַ מאָל שטאַרק בלאַס געוואָרן און האָט אים דערויף גאָרנישט ניט געענטפֿערט. זי האָט זיך פּלוצעם אויפֿגעהויבן פֿון אָרט.

— אַך, יאָ... — האָט זי געזאָגט — דער שליסל פֿון מלכס שטיבל. חיים־משה קען געוויס וועלן צוגיין צו עטל קאַדיס אַהיים נאָכן שליסל...

# 7

אויף מלכן האָט זיך דאָ קײנער די ערשטע צײַט נישט אומגעקוקט: דאָס איז געווען אַ פֿאַקט. אין ראַקיטנע איז יעדערער געווען פֿאַרנומען מיט זײַן אַרבעט. אין אַלבאָם בײַ חנהקע ליובער איז געווען פֿאַרצייכנט, אַז דאָס לעבן איז אַ ים — אַ ים פֿון ליבע

אויסגעטאָקטע קלייניקייטן און פֿון פֿריילעכער פֿאַרהוילענער דאָרשט. עמעצער פֿון אירע באַקאַנטע האָט עס איר פֿאַרצייכנט צום טאָג פֿון איר געבוירן: „יעדער מענטש, האָט ער איר פֿאַרצייכנט, וואַרפֿט זײַן נעץ אין ים אַרײַן און יעדערן שיקט זײַן מזל עפּעס צו, יעדערער האָט פֿאַר זיך אַ טרייסט״.

איז אָט. אַ מאָל קאָן דאָך טרעפֿן: נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּט אַ מענטש זײַן נעץ פֿון ים אַרויס און זעט, אַז זי איז פּוסט — זײַן מזל האָט אים גאָרנישט ניט צוגעשיקט. „מילא, זאָגט דער מענטש צו זיך, וועט שוין זײַן אַזוי... וועל איך שוין ווי ס'נישט איז דורכקומען אָן אַ טרייסט, אָן אַ פֿרייד בײַ זיך אין האַרץ״. ער פֿאָרטאַוועק אַהער קיין ראַקיטנע, ווו קיינער קען אים נישט, און עפֿנט דאָ אַ קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין. „יאָ, ענטפֿערט ער איטלעכן קונה, וואָס דינגט זיך מיט אים פֿאַר אַ וואָסער נישט איז סחורה: מעגלעך, אַז מע קאָן דערפֿאַר נעמען עפּעס ווינציקער״.

ער איז בכלל אַ בנעימותדיקער, אַ שטילער און האָט אויף קיינעם נישט קיין האַס. אין די שטילע זומערדיקע פֿאַרנאַכטן זעט מען אים אין דרויסן נעבן דער טיר פֿון זײַן מאַגאַזין. ער שטייט איינער אַליין און קוקט מיט גוטע אויגן, ווי די גאַס לעבט־אויף אין בין־השמשות. ווײַט, ווײַט אויף די טרעפּלעך פֿון עזריאל פּויזנערס כּל־בו־קלייט, וואָס מיט די אײַזערנע טירן, בײַטן זיך די פּיגורן, און דאָ, צו אים, קומט קיינער נישט, אַחוץ כײַקע דער דינסט פֿון אײַנפֿאָרהויז, וואָס טראָגט אים עסן. זי האָט ליב אַלעמען צו באַריידן, כײַקע די דינסט, און אײַלן אײַלט זי קיין מאָל נישט. בײַ טאָג, אַז זי ברענגט אים עסן, איז זי אויסגעפּוצט אין די הויכע ענג געשפּיליעטע קאַמאַשן; זי דרייט זיך פֿריילעך אַרום איבערן מאַגאַזין און דערפֿרעגט זיך: „נו, וואָס הערט זיך? איר האָט שוין, ווער ס'זאָל אײַך ראַמען די צימערן?״ און פֿאַר נאַכט קומט זי נאָך אַ מאָל: זי היילט זיך בײַ אים דעם גראָבן פֿינגער, וואָס רײַסט איר שוין אַ היפּשע צײַט. און נאָך דעם שטייט זי מיט אים אין דרויסן, בײַ דער טיר, פּלוידערט אָן אַ ברעג וועגן אַלע שטאָטנײַעסן און ער

שטייט בײַ דער וואַנט, ווי בײַ אַ הרובע, און שמייכלט מיט זײַן שטענדיקן שעמעוודיקן שמייכל: „אַזוי?!" — שמייכלט ער מיט וווּנדער און פֿאַראינטערעסירט זיך אַלץ מער און מער.

ער ווייסט שוין אַ סך נײַסן פֿון שטאָט. „פּרעגער, דער פֿאַרוואַלטער פֿון תּלמוד־תּורה — דערציילט כײַקע — איז אַ גרויסער עזותניק, אַ ליץ און אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק". פּרעגער שיכּורט אָפּט בײַ זײַנוול פּאָטשטער אין אַ זײַטיקן חדר אין איינעם מיט זאַלקערן, דעם בעריזשינעצער אַגענט פֿון זינגערס ניי־מאַשינען, און אין איינעם מיט שאולקע שנײַדער, מיט שאולקע הפֿקר־יונג, וואָס מאָנט־אײַן זאַלקערן די חובֿות בײַ די היגע שנײַדערס. און זינט חוה פּויזנער, דעם רײַכן קרעמער עזריאל קרעמערס געבילדעט מיידל, האָט געוואָרפֿן אויף אים אַן אומחן, האָט ער, אויף צו להכעיס אַלע היגע געהויבענע לײַט, אָנגעהויבן צושטיין צו איר, כײַקען, און זאָגט, אַז זי געפֿעלט אים, און אַז ער וועט זי נעמען. כײַקע אַליין זאָגט, אַז אין אָט דעם פּרעגערן האָט זי פּונקט אַזאַ אמונה, ווי אינעם צלם. „אַז פּרעגער — זאָגט זי — רעדט און דער הונט בילט, איז אַלץ איינס".

— אַזוי?! — פֿרעגט מלך מיט וווּנדער און זעט־אויס פֿאַראינטערעסירט.

ער ווייסט שוין אויך, אַז דאָ, אין ראַקיטנע, איז פֿאַראַן איינע אַ מיידל, אַ קורסיסטין, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּאַרט אין איר צימער, בײַ איר מוטער אין דער היים, און שווײַגט — שוין דעם צווייטן חודש שווײַגט זי.

— אַזוי?! — פֿרעגט ער איבער פֿאַראינטערעסירט — און ווי אַזוי רופֿט מען זי?

— עטל, רופֿט מען זי, עטל קאַדיס.

— עטל קאַדיס?

— יאָ, וואָס איז דען?

— אַזוי... גאָר נישט, עפּעס ווי אַ באַקאַנטער נאָמען...

נאָר מעגלעך, אַז אים איז נישט גאָר אײַנגענעם, וואָס מענטשן זעען אים אַלע טאָג אין דרויסן נעבן זײַן אַפּטייק־מאַגאַזין אין איינעם מיט כײַקע דער דינסט. ראַקיטנע קוקט מיט אויגן; ראַקיטנע זעט אַלץ, וואָס טוט זיך אַפֿילו דעמאָלט, ווען אין דרויסן איז שטאַרק טונקל און די גאַסן זײַנען פֿול מיט פֿריילעכן גערויש און אין די סיטקעס[16] רוישן שנעקן, שפּילן נעבן די הײַזער און וואַרפֿן אין דער הויך דעם שטויב.

ער הייבט־אָן אַלע פֿאַר נאַכט פֿאַרשליסן זײַן מאַגאַזין אויף אַ שעה און אויף צוויי און לאָזט זיך ערגעץ אַוועק. נישט ער גייט, נאָר ער גנבֿעט זיך, ער רוקט זיך איינער אַליין, ווי מיט אַ זײַט אַרויס דער שטאָט.

*

זינקט אַ שטאָט טיף אין בין־השמשות, רוישט און צינדט ביז שפּעט אין אָוונט קיין לאָמפּ נישט אָן, און אינעם ברייטן זײַטגעסל, וואָס אין איינעם פֿון אירע שטילע עקן, שטייט אַן אָפּגעקומען הויז מיט דרויסנדיקע אַלטע נישט־געפֿאַרבטע לאָדנס, און אַ מיידל אַ קורסיסטין דערשוויַגט דאָרט אַליין איר נשאר יוגנט. וועמען גייט עס אָן? די ערשטע צײַט האָט מען זיך מיט דעם אינטערעסירט. איטלעכס מאָל, וואָס אין שטאָט אַרײַן איז געקומען אַ פֿרעמדער גאַסט, האָט מען אים אַרומגעפֿירט איבער ראַקיטנע; מ׳האָט אים באַוויזן דעם פֿעלדז, וואָס בײַם טײַך, און די שול און דעם בית־עולם, וואָס ליגט אויף צוויי בערג; מע האָט אים אויך צוגעפֿירט צום ווײַטן און ברייטן זײַטגעסל און מ׳האָט אים דערציילט: „איר זעט אָט דאָס הויז, מיטן קרומען דאַך און מיט די אַלטע נישט־געפֿאַרבטע לאָדנס? אַ מיידל, אַ קורסיסטין, שווײַגט דאָ שוין דעם צווייטן חודש“.

נאָר איצט איז מען שוין דערצו געוווינט. דערצו איז נאָך גראָד צו יענער צײַט געשען אין שטאָט נאָך אַ נײַס: בײַ עוזר ליו־

---

[16] זאַמלפּונקטן, וואָס זײַנען ווי „נעצן“ (סיטקאַ איז אין רוסיש נעץ).

בער, אינעם רײַכן הויז, האָט אויסגעבראָכן דער באַוווסטער סקאַנדאַל. שבת־צו־נאַכטס איז מען דאָרט געזעסן בײַ אַ ליכט אויפֿן באַלקאָן, וואָס גייט־אַרויס מיט אַ האַלבן ראָד פֿון יונגע טאָפּאָלן צום עקסטן ליידיקן גרינעם פּלאַץ; מ׳האָט געטרונקען טיי און אויפֿגענומען געסט, און פּלוצעם האָט מען דערהערט אַ יאָושדיקן קוויטש פֿון הינטערן הויז און פֿון הינטערן סאָד, וואָס קוקט צו די בערעזשינעצער פֿעלדער, אַז מע האָט זיך אַהין געלאָזט לויפֿן, האָט מען געפֿונען לאהקע די שוואַרצע זיצנדיק אויף דער ערד. „אוי, גוואַלד! — האָט זי געשריגן און האָט געריסן אויף זיך דאָס קאַפּטל — ער איז פֿון מיר אַנטלאָפֿן... נאָר וואָס איז ער פֿון מיר אַנטלאָפֿן“.

זי האָט געהאַט אַ קורצן אָטעם און האָט נישט געקאָנט ריידן. נאָר דער סטרוזש, וואָס האָט זיך אַהין געלאָזט לויפֿן פֿון דער אַנדערער זײַט, האָט געפּאַקט דעם אַוועקגעלאָפֿענעם — ער האָט אָפּגעריסן דעם יונגן סטודענט ברילן אַ גאַנצן לאַץ פֿון זײַן נײַעם גרויען סטודענטישן רעקל.

פֿון דעמאָלט אָן באַקומט חנהקע אַ סך אויפֿרעגונג בײַ זיך אונטער דער ברוסט — זי האָט מורא צו באַגעגענען זיך מיטן סטודענט בריל, וואָס איז שוין כּמעט געווען איר חתן. און אַז זי גייט פֿאַר נאַכט געוויר ווערן צו עטל קאַדיס, פֿירט זי מיט זיך האַרט בײַ דער האַנט דעם ברודערל אירן, דעם געקרײַזלטן מאָטיקן. ער איז נאָך אַפֿילו זייער אַ קליינער, מאָטיק, אָבער פֿון דעסט וועגן — אַ שטיקל שמירה איז ער דאָך... איטלעכס מאָל, וואָס זי קומט־אַרײַן אין ברייטן, שטילן זײַטגעסל, טוט איר פּשוט אַ קלאַפּ אין האַרץ פֿון שרעק: עפּעס אַ לאַנגער מאַנספּאַרשוין, אַ הויכער ווי אַ שאָטן, שאַרט זיך דאָרט אַלע בין־השמשות אַרום געסל. ווער זאָל דאָס זײַן? אַז חנהקע דערנענט זיך, דרייט זיך די פֿיגור אַוועק און בלײַבט נישט. אַז חנהקע דערגרייכט איין מאָל שפּעט פֿאַר נאַכט דאָס זײַטיקע געסל, באַגעגנט זי זיך מיט דער לאַנגער פֿיגור אַזוי נאָענט נעבן עטלס טיר, אַז זי ווערט אַזש בלאַס און דערקאָנט זי: דער לאַנגער יונגער מאַן פֿונעם נײַעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

„אױ!...״, גיט זיך חנהקע אַ װאָרף און טוט אַ שטילן היכץ פֿון שרעק. נאָר די פֿיגור האָט שױן באַקומען אַ מאָדנע װאָקסענע צורה, זי טוט אַן אידיאָטישן שמייכל, זי הױקערט זיך שולדיק אײַן און בלאָנדזשעט שטיל אַװעק פֿון געסל.

דער סוף איז געװען אַזעלכער: אין אָנהייב, אין איינעם אַן אָװנט איז מלך אַרײַנגעקומען אינעם אָפּגעקומענעם הױז, װאָס מיט דרױסנדיקע נישט־געפֿאַרבטע לאָדנס. די פֿרי געבליבענע אַלמנה קאַדיס איז נישט געװען אין דער היים. עטל איז געלעגן אײנע בײַ זיך אין צימער און האָט קיין לאָמפּ נישט אָנגעצונדן: סײַ װי סײַ האָט זי דאָך געשװיגן. פּלוצעם טוט מען אַ קלאַפּ אין טיר. עטל שװײַגט. זי זעט: די טיר עפֿנט זיך און ס׳גליטשט זיך אַרײַן אי־נעװייניק אַ לאַנגער שעמעװדיקער שאָטן, מלכס שאָטן. ער שטייט אַ װײַלע בײַ דער שװעל װי דערשראָקן און האָט נישט װאָס צו זאָגן. ער זעצט זיך סוף־כל־סוף צו אַקעגן אויף דער קאַנאַפּע און זיצט־אָפּ אַזױ אַ מינוט צען. „אַזױ״, ברומט ער אַ פּאָר מאָל אַרױס. ער שאָקלט מיט די ליפּן, נאָר דערפֿון קומט גאָרנישט ניט אַרױס.

ער הייבט זיך אויף אַװעקצוגיין, נאָר פֿאַר דער טיר בלײַבט ער שטיין מיט אַ שולדיקן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און פּלוצעם, װי אומגעריכט, לאָזט ער אַרױס אַזאַ משונהדיקן אָנגעשפּאָלטענעם קלאַנג, גלײַך ס׳הייבט פּלוצעם אָן צו ריידן נישט קיין מענטש, נאָר אַ טיש אָדער אַ בענקל: „האָט קיין פֿאַראיבל נישט, זאָגט ער און קוקט נישט אין די אױגן, מיר האָט זיך די גאַנצע צײַט געדאַכט, אַז איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן״.

אַז ער עפֿנט די טיר, גיט ער צו: „שיר, שיר האָב איך אײַך עפּעס געהאַט צו זאָגן״... און ער פֿאַרשװינדט.

עטל האַלט די גאַנצע צײַט אונטערגעהױבן דעם קאָפּ און קוקט מיט גרױסע פֿאַרחידושטע אױגן. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען: װאָס זאָל דאָס באַטײַטן?

אויף מאָרגן האָט זי, צום ערשטן מאָל נאָך דרײַ חדשים שװײַגן, זיך אָנגעטאָן און איז אַװעקגעגאַנגען צו אים אין אַפּטייק־מאַגאַזין

נאָך אַ פּירוש. איז אָט, פֿון דעמאָלט אָן האָט מען אין ראַקיטנע זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מלכן; מ׳האָט געוואָלט וויסן, וואָס וועט זײַן דער סוף: „מלך וועט אַמאָל ווערן אַ חתן פֿאַר עטל קאַדיס, צי נײן?“

מ׳האָט אים אָפֿט געזען גײן צו עטלען אַהײם. די פֿרי געבליבענע אַלמנה איז דעמאָלט אַרײַנגעקומען צו עזריאל פּויזנערן אין קלײט זיך אָפּרעכענען פֿאַר די עטלעכע טויזנט רובל, וואָס זי באַהאַלט בײַ אים אויס פֿון איר רײַכן שטאַרק־קמצנישן שווער. ס׳איז געווען פּונקט פֿאַרן גרויסן ראַקיטנער יאַריד, ווען פּויזנערס רײַכע קלײט איז פֿול געפּאַקט מיט פֿריש אָנגעקומענע סחורות. קײן מזומן געלט האָט ער איר דעמאָלט נישט געקאָנט געבן; ער האָט איר נאָר געקאָנט איבערשרײַבן די אַלטע קוויטלעך אויף נײַע. דערפֿאַר אָבער האָט ער איר אָפּגעגעבן פֿיל מער כּבֿוד ווי אַן אַנדערש מאָל; ער איז מיט גרויס דרך־ארץ געזעסן אַקעגן איר אין קלײט בײַם טישל און האָט אַ פּאָר מאָל אַ פּרווו געטאָן מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים רײן. „כ׳האָב געהערט רײדן — האָט ער בײַ איר געפֿרעגט — מע זאָגט, אײַער טאָכטער נעמט זײער אַ פֿײַנעם חתן?“

דערויף האָט אים די אַלמנה קאַדיס געענטפֿערט פֿאַרשטעלט מיט אַ פֿרומען זיפֿץ, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ לײַטישער מחותנתטע: „וואָס קלערט איר, האָט זי געזאָגט, אַז גאָט וויל, קאָן ער אַוודאי העלפֿן“.

נאָר פֿאַר וואָס האָט מלך צו יענער צײַט אויסגעזען נאָך מער דערשלאָגן ווי תּמיד? פֿאַר וואָס האָט פּונקט דעמאָלט אויסגעפּוצטערהײט אָנגעהויבן צו אים אַרײַנגײן די געראָטענע חווה פּויזנער?

*

דאָס אַלץ איז חיים־משה עטלעכע טעג נאָך זײַן קומען געוויר געוואָרן בײַ דער נײַנצן יאָריקער, לײַטיש אויפֿגעצויגענער חנהקע ליובער און מער האָט ער פֿון איר גאָרנישט ניט געקאָנט וויסן. אַז ער האָט זיך נאָך דעם אין אָנהײב אָוונט אומגעקערט צוריק אין

וואַלד אַרײַן, איז ער געווען אַ ביסל מיד און צעטראָגן. ער איז געזעסן מיט יצחק־בערן אין דער באַלויכטענער האַלבער זײַט און האָט געשמייכלט. „די ספּערעס, האָט ער געזאָגט, זײַנען שוין אפשר גאָר נישט אַזוי פֿאַרנעפּלט: זיי הייבן־אָן קלאָרער צו ווערן".

און נאָך דעם איז ער ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ער איז געלעגן אָנגעטאָן אין דער פֿינצטער בײַ זיך אין צימער און האָט עפּעס אַ פּאָר מאָל צו זיך אַליין אַ רייד געטאָן. יצחק־בער האָט בײַ אים פֿון קעגנאיבער דער וואַנט אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָגסט עפּעס, חיים־משה?...

— ניין — האָט ער געענטפֿערט — גאָר נישט.

אין אַ רגע אַרום האָט ער דאָך צוגעגעבן:

— מלך, זאָג איך... — האָט ער אַריבערגעשריִען דורך דעם דינעם ווענטל — שטענדיק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן. שיר, שיר האָט ער עפּעס געהאַט דער וועלט צו זאָגן.

ער איז שלעכט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן בײַ טאָג איז ער דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעקומען אין מלכס קליינעם געשלאָסענעם אַפּטייק־מאַגאַזין. דאָרטן האָט געשמעקט מיט שאַרפֿן קאַרבאָל, מיט שימלדיקן גוטאַפּערטש און מיט נאָך עפּעס אַ ריח, אַ ריח וואָס בלײַבט אין יעדער שטוב, פֿון וואַנען מע האָט נישט לאַנג אַרויסגעטראָגן אַ טויטן. ס'איז דאָרטן נישט געווען אויף וואָס צו קוקן. נאָר אינעם צווייטן קלענערן חדר, אינעם חדרל, ווו מלך האָט געטאָגט און גענעכטיקט, האָט ער געטראָפֿן אַ גאָלדן שטראַלכל, וואָס שפּילט מיט שטויב אויף אַ שוואַרצן באַצויגענעם טישל, אַ גאָלדן שטראַלכל וואָס דערגרייכט אַהין ערשט שפּעט נאָך האַלבן טאָג און דערמאָנט אין נידעריקער פֿאַרנאַכטיקער זון, אַ טשערעפּענעם דאַך, וואָס שימערט שײַן ווי גינגאָלד פֿון דער ווײַטן, און אין מלכן אַליין, דעם לאַנגן שעמעוודיקן מלכן, וואָס איז דאָ איצט שוין נישטאָ. אויפֿן זעלביקן טישל נעבן שטראַלכל איז גע־

לעגן אַ קליין אַפּטייק־פּודעלע, אַ ליידיקס און אַ פֿאַרגעלטס פֿון אי־נעווייניק, און נעבן דעם האָט זיך געוואַלגערט דאָס קליינע דעקל. וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ פּודעלע? חנהקע ליובער איז אויך געווען מיט חיים־משהן דאָרטן אין מלכס שטיבל. זי איז געשטאַנען גאָר נאָענט נעבן חיים־משהס אַקסל, און אוממעגלעך איז געווען צו וויסן, אויף וואָס האָט זי דאָס די גאַנצע צײַט געקוקט: אויפֿן שטראַלכל צי אויפֿן פּודעלע.

— מלך, — האָט זי פּלוצעם אַ זאָג געטאָן און האָט זיך פֿאַרטראַכט — ער איז שוין אפֿשר צו פֿרי געשטאָרבן, מלך.

דעמאָלט האָט זיך חיים־משה מיט אַ מאָל צו איר אויסגעדרייט און האָט אויף איר געטאָן אַזאַ פֿאַרוווּנדערטן קוק, גלײַך ער וואָלט זי אָקערשט איצט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען.

— אַך יאָ, — האָט ער פֿאַרוווּנדערט נאָך איר איבערגעחזרט — ער איז שוין אפֿשר צו פֿרי געשטאָרבן, מלך...

ער האָט זיך דעמאָלט מיט גרויס אינטערעס געפּאָרקעט אין איינעם אַ שופֿלאָד, ווו אַ סך פּאַפּירן זײַנען געווען אַרומגעלייגט אַרום מלכס גרויסן בײַכיקן טײַסטער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין טײַסטער ליגט מלכס אַ צוואה, ניט אַנדערש. נאָר אַז ער האָט דעם טײַסטער געעפֿנט, האָט ער דאָרטן געפֿונען נישט מער ווי אַ קליין אָפּגעבראָכן שטיקל פֿישביין פֿון אַ מיידלשן ליף[17] און אַ היפּשן רוסישן בריוו, וואָס איז געווען געשריבן מיט אַ מיידלשער האַנט און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „דער טײַוול איז פֿאַרפֿירעריש און קלוג... דער טײַוול איז אפֿשר מער אומגליקלעך ווי קלוג".

ס'איז געווען קלאָר: איינע אַ מיידל האָט אָפּגעבראָכן אָט דאָס שטיקל פֿישביין פֿון איר ליף און האָט עס אין איינעם מיטן בריוו צוגעשיקט מלכן אַ מתנה. אָבער נאָך מער משונה איז געווען, וואָס דער לאַנגער, תמיד שעמעוודיקער מלך האָט געהאַלטן דאָס שטיקל

---

[17] אייבערשטער טייל פון פרויענקלייד.

פֿישביין אָפּגעהיט בײַ זיך אין טײַסטער. חיים־משה האָט דעמאָלט באַוויזן חנהקען דעם בריוו און האָט געפֿרעגט: „ס׳איז נישט עטל קאַדיסעס האַנטשריפֿט?“

נאָר פֿאַר וואָס איז חנהקע פּלוצעם געוואָרן אַזוי רויט? זי האָט געענטפֿערט, אַז ניין: „עטלס האַנטשריפֿט, האָט זי געזאָגט, איז לחלוטין אַן אַנדערע“.

און באַלד האָט זי אַוועקגעדרייט דאָס פּנים אין אַ זײַט. זי האָט בשום אופֿן נישט דערלאָזט, מע זאָל איר אַ קוק טאָן אין די אויגן אַרײַן.

ווען חיים־משה האָט זי נאָך דעם באַגלייט אַהיים, האָט זי נאָך אַלץ געהאַט אַ סך אויפֿרעגונג בײַ זיך אונטער דער ברוסט. זי האָט געקוקט אַראָפּ צו די טריט, וואָס זי מאַכט, און האָט געשוויגן. פּלוצעם האָט זי בײַ חיים־משהן אַ פֿרעג געטאָן:

— איר קענט חווה פויזנער?

חיים־משה האָט אויף איר מיט גרויס וווּנדער אַ קוק געגעבן:

— חווה פויזנער?

ער האָט עפּעס געכאַפּט בײַ איר אין פּנים און האָט גלײַך צו־געגעבן:

— כ׳האָב זי אַ פּאָר מאָל געזען.

ער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט; ער האָט שוין לאַנג געוואָלט פֿרעגן:

— וואָס פֿאַר אַ מענטש איז זי?

— וואָס פֿאַר אַ מענטש?

חנהקע האָט נאָך אַלץ געקוקט אַראָפּ צו אירע טריט און האָט געענטפֿערט, אַז ס׳איז שווער צו זאָגן: אַדרבא, זי, חנהקע, וואָלט אַ בעלן געווען, אַז חיים־משה זאָל זיך מיט חווה פויזנער נענטער באַקענען און זאָל אַליין זאָגן, וואָס פֿאַר אַ מענטש איז זי. דאָ, אין ראַקיטנע, איז זי, אַזוי צו זאָגן, דער שפּיגל — אַלעמען געפֿעלט זי. אַפֿילו מלך האָט אין איר אויך עפּעס געפֿונען. ער פֿלעגט שמייכ־לען איטלעכס מאָל, וואָס זי פֿלעגט דורכגיין פֿאַרבײַ זײַן מאַגאַזין

און זיך טאָן צו אים אַ נייג. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַן אינטערעסאַנטע, זייער אַן אינטערעסאַנטע. איין מאָל האָט אים עטל ז׳ערציילט, ווי אַזוי קינדווײַז, בשעת זי מיט חווהן האָבן געלערנט אין שטאָטשול, פֿלעגט איר חווה איבערקערן דעם טינטער אויפֿן העפֿט, כּדי דער לערער זאָל איר שטעלן אַ צוויי. נאָר מלך האָט געשמייכלט. ער האָט געפֿונען, אַז אויך די מעשׂה מיטן טינטער איז אינטערעסאַנט. אָפֿט מאָל פֿלעגט ער זיצן מיט חווהן אויף די טרעפּלעך פֿון איר פֿאָטערס קלייט — חווה האָט דאָרט ליב געהאַט צו זיצן אַלע פֿאַר נאַכט, נאָך דעם ווי מע שליסט־צו די קלייט. ער איז דאָרט קיין מאָל נישט געווען מיט חווהן אַליין. תּמיד פֿלעגן זיך דאָרט נעבן חווהן געפֿינען נאָך צוויי צי דרײַ יונגע לײַט, און חווה האָט פֿון זיי געלאַכט. זי האָט געזאָגט, אַז ייִדישע יונגע לײַט גייען קיין מאָל נישט צו קיין מיידל אַליין. תּמיד, האָט זי געזאָגט, גייען זיי אין צווייען, צי אין דרײַען, און אַז זיי קויפֿן זיך נײַע קאַלאָשן, האָט זי געזאָגט, לייגן זיי אַהין אַרײַן צעשניטענע שטיקלעך פּאַפּיר, כּדי זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרנעצן. אָפֿט מאָל פֿלעגט חווה אַוועקפֿאָרן אין קרײַזשטאָט און זיך דאָרטן אָפּזאַמען אַ וואָך צי צוויי. אַז מ׳איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען פֿאַר נאַכט אין מאַרק, האָט מען געזען, ווי די טרעפּלעך בײַ דער געשלאָסענער קלייט זײַנען פּוסט. נאָר איין מאָל איז חווה אויף אַ לענגערער צײַט אַוועקגעפֿאָרן קיין קרים, און מלך פֿלעגט דעמאָלט אַלע טאָג גיין אויף דער פּאָסט. איין מאָל האָט אים זי, חנהקע, דאָרטן אין עק שטאָט נעבן דער פּאָסט באַגעגנט; ער איז געגאַנגען אָן אַ היטל און איז געווען שטאַרק פֿאַרטיפֿט אינעם בריוו, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען.
„מלך, האָט זי, חנהקע, בײַ אים געפֿרעגט, ווו איז אײַער היטל?“

דעמאָלט איז מלך געוואָרן שטאַרק רויט און האָט שעמעוודיק גענומען שמייכלען. „אַך יאָ, האָט ער געזאָגט, כ׳האָב אַ פּנים פֿאַרגעסן מײַן היטל אין פּאָסט“.

— איז אָט...

חיים־משה האָט איר פּלוצעם איבערגעשלאָגן:

— זײַט איר זיך משער, אַז דעם בריוו האָט מלך דעמאָלט באַקומען פֿון חווה פּויזנער?

— פֿון חווה פּויזנער?

חנהקע איז ווידער מיט אַ מאָל געוואָרן רויט.

— וואַרט — האָט זי געפֿרעגט — איך האָב דען געזאָגט?...

דעמאָלט האָט חיים־משה אויסגעניצט איר פֿאַרלוירנקייט און האָט בײַ איר פּלוצעם אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, און וואָס האָט מלך אײַנגענומען פֿאַרן טויט? דאָס יווייסט מען נישט?

און דערויף האָט זיך אייגנטלעך דער שמועס איבערגעריסן. חנהקע איז געוואָרן בלאַס און האָט מער נישט געקאָנט ריידן, און חיים־משה האָט זיך געפֿילט שולדיק, גלײַך ער האָט זי נאָר וואָס מיט עפּעס שטאַרק באַליידיקט.

# 8

גייענדיק איינער אַליין צוריק אין וואַלד אַרײַן, האָט ער אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מלכן, אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין גענומען פֿירן מיט אים אין געדאַנק אַ שמועס: ער, חיים־משה און מלך, דאָס זײַנען, אין תּוך גענומען, איין מענטש; ער, חיים־משה, איז אָפּגעזונדערט און שטרענג, ווייל ער נישט מוחל זײַן קיינעם, ווייל ער אָנשמעקן אין לעבן מער ווי אין דעם איז פֿאַראַן; ער מוז סוף־כּל־סוף אין זיך גובֿר זײַן זײַן אייגענעם ווייך שמייכלדיקן מלכן, וואָס האָט אויף יעדערן אַ זכות, און קומט־אַרײַן אין יעדער שטוב און לאָזט דאָרטן איבער זײַן ברכה. נאָר אָט איז אַ פֿאַקט: מלך האָט דווקא איצט נאָכן טויט באַקומען מער וואָג — מלך מיט זײַן שעמעוודיקן, ווייך שמייכלדיקן פּנים”...

פּלוצעם האָט בײַ אים עפּעס אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק. דער מוח איז גלײַך שיכּור געוואָרן און אין זײַנע אייגענע אויגן איז

מיט אַ מאָל פֿאַרגרעסערט געוואָרן דער ווערט פֿון דעם וואָס ער טראַכט: וואָס איז אַזוינס אַ מענטש, מלך?„

„גאָר נישט, חיים־משה, אַ פּרווו אָדער אַ צײַטווײַליקער צופֿאַל".

„נו, און אַ מענטשנס לײַדן?"

„פֿונעם זעלביקן מין, חיים־משה".

„און ווער איז אייביק?"

„אייביק בין איך, דער געשטאָרבענער מלך".

„האָסט נאָכן טויט באַקומען מער זיכערקייט, מלך"...

ער האָט פֿאַרגיכערט די טריט.

ער איז געקומען אין וואַלד אַרײַן, אָפּגעזוכט אין יצחק־בערס האַלבער זײַט טינט און פֿעדער און האָט זיך בײַ זיך אין צימער גענומען פֿאַרצייכענען אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַר די לעצטע מינוטן פֿאַרטראַכט בײַ זיך אין מוח.

ער האָט פֿלינק געטראַכט און פֿלינק געשריבן. אָבער, וואָס מער ער האָט געשריבן, אַלץ מער איז געפֿאַלן בײַ אים די שטי־מונג מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס, וואָס ער טוט, איז וויכטיק. ער האָט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע און איז אַרויס אומצו־פֿרידן. די באַגײַסטערונג מיט זײַן גאַנצער פֿאַרטראַכטער זאַך איז פֿאַרשוווּנדן. נאָר אויב אַזוי, איז די גאַנצע מעשׂה מיט זײַן אַראָפּ־קומען אַהער קיין ראַקיטנע איבעריק און נאַריש... ער האָט מיט יאוש אָוועקגעשפּאַנט איבערן צימער: וואָס איז אַזוינס באמת געווען מלך? אַ בנעימותדיק קליינשטעטלדיק געטעלע; ער האָט ווייך געמאַכט די הערצער בײַ קליינשטעטלדיקע מיידלעך, און חווה פּויזנער האָט אים דערפֿאַר אָנגעצונדן אַ לעמפּל אויפֿן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט; אים, חיים־משהן, וועט זי קיין לעמפּל נישט אָנצינדן...

די גאַנצע נאַכט נאָך דעם איז בײַ אים געווען אַ צעדרייטע, אַן אויפֿגערעגטע און דער מוח איז אים געווען פֿול מיט פּלוידער. ער האָט געדענקט חווה פּויזנער, דעם עזותדיק קלוגן בליק פֿון אירע היפּשע, כּמעט בולטע אויגן, דעם גאַנצן שטאַלט פֿון איר

גלײַכער בייגיקער פֿיגור, מיט איר בריוו און מיטן שטיקל פֿיש־ביין, וואָס בײַ מלכן אין טײַסטער. פֿאַר וואָס שמייכלט זי תּמיד, בעת זי זעט אים, חיים־משהן, דורכגיין? פֿאַר וואָס קוקט זי אויף אים תּמיד פֿון דער ווײַטנס מיט אַזאַ עזותדיקן שמייכל אין די אויגן, גלײַך זי איז גרייט צו זאָגן: „ער איז דאָך אַראָפּגעקומען אַהער נאָר צוליב מיר, אָט דער חבֿר מלכס, חיים־משה, ער האָט דאָך מער נישט געהאַט צוליב קיינעם אַהער אַראָפּצוקומען, פֿאַר וואָס זשע גייט ער צו מיר גלײַך נישט צו און זאָגט נישט אויס דעם אמת?“...

פלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט אינעם עקסטן לײדיק גרינעם שטאָטפּלאַץ און אין חנהקען ליובער, וואָס איז דאָרטן אַוועקגעגאַנגען פֿון אים באַליידיקט און בלאַס, מיט אַ סך אויפֿרעגונג אונטער דער ברוסט. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפֿילט שטאַרק זינדיק און שלעכט, און האָט זיך גענומען דרייען פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער: „טפֿו! האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר!“

און אין דער זעלביקער צײַט האָט ער געדענקט, אַז מיט אָט דער קללה פֿלעגט זיך שעלטן זײַן טאַטע, אַז ס'איז אַ קאַריקאַטור, אָט דאָס, וואָס ער שעלט זיך פונקט ווי זײַן טאַטע, און אַז אַפֿילו אָט דער לעצטער געדאַנק זײַנער איז שוין אויך נישט נײַ, און ער האָט אים שוין פֿיל מאָל געטראַכט: „די גרעסטע קאַריקאַטור, האָט ער געטראַכט, אַז אַ מענטש איז ענלעך צום טאַטן“.

מיטן טאָגליכט האָט ער גענומען אײַנדרימלען מיט אַ טיפֿער איבערצײַגונג, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אויף זײַן לעבן געטראַכט, טויג אויף כּפּרות, אַז ער, חיים־משה, איז אַ פּוסטע כּלי און אַז בכלל דרייט ער זיך אַרום אַלע זײַנע יאָרן ליידיק, און אָט צוליב וואָס, אַ שטייגער, איז ער איצט אַראָפּגעקומען אַהער, קיין ראַקיט־נע? דעם ענין, וואָס ער האָט דאָ אָפּצוטאָן, האָט ער גרינגער ווי אַלץ געקאָנט אויספֿירן דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, וווּ ער האָט געלעבט. און אין תּוך... אין תּוך איז קיינעם קיין נפֿקא־מינה נישט, אויב דאָ, אין ראַקיטנע, אין עק בית־עולם, וועט אין איין שורה מיט מלכס קבֿר צוקומען נאָך איינער, אַ נײַער... ער איז

אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אַקעגן אים איז געזעסן מלך מיטן שטיקל פֿישביין אין האַנט און האָט געשמייכלט מיט אַזאַ מינע, גלײַך ער וויל זאָגן: „דאָס איז אַלץ, חיים־משה, אַלץ וואָס איך האָב גענומען פֿון דער געליבטער פֿרוי״.

און פּלוצעם איז מלך פֿאַרשוווּנדן. און דאָ, אַרום אים, חיים־משהן, איז שוין גאָר געווען חווה פּויזנער; זי איז געווען נישט איינע, נאָר עטלעכע. זי איז געווען עטלעכע חווה פּויזנערס, וואָס כאַפּן שטאַרק דעם אָנבליק איינע פֿון דער צווייטער און אַלע האָבן זיי געזונגען מיט דינע האַרציקע ברוסטשטימען, און צו אַלעמען האָט צו גלײַך געצויגן דאָס האַרץ.

ער איז אָפּגעשלאָפֿן נישט מער ווי אַ שעה דרײַ. פֿון דעסט וועגן איז ער נאָך דעם אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי אַ צופֿרידענער און פֿאַרגיטיקטער, אַזאַ גרינגער, גלײַך פֿאַר דער נאַכט האָט ער מיט אַ מאָל אָנגעווירן אַ גאַנצע האַלב פֿון זײַן וואָג. פּלוצעם האָט אים שטאַרק אַ צי געטאָן צו די ניט־דערשריבענע שורות, וואָס זײַנען פֿון נעכטן געבליבן אויפֿן טיש, און דאָס האַרץ האָט געגעבן וועגן זיי אַ קלאַפּ מיט פֿרייד: „און ווער איז אייביק?״

„אייביק בין איך, דער געשטאָרבענער מלך״...

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן בײַ זיך אין צימער, אַקעגן שפּיגל, און האָט באַמערקט די מאָגער געוואָרענע באַקן, וואָס אויף זײַן אויסגעצויגענעם געזיכט. די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פֿײַערלעך אַזעלכע, מיט בענקשאַפֿט צו די ניט־געשריבענע שורות, וואָס בײַ אים אויפֿן טיש. איצט איז אין אים אַלץ געווען פֿאַרטיק: אין אָט דעם שטילן זומערדיקן טאָג מיטן הויכן, בלויען הימל, וואָס ציט זיך רויִק איבער אים, איז חווה פּויזנער שוין מער נישט געווען איינע אַליין; זי איז געווען אַ סך, אַ סך, און אַלע האָבן זיי געהאַט קליינע געטעלעך אַזעלכע און האָבן זיי געדריקט צום האַרץ, יעדערע — איר אייגן קליין געטעלע, אַלע בײַטאָג האָבן זיי אויסגעצויגן זייערע געטעלעך און זיי געלייגט שלאָפֿן: „בײַ, בײַ״, האָבן

זיי געוויגט זייערע געטעלעך און האָבן דערבײַ געזונגען מיט דינע און האַרציקע ברוסטן־שטימעס.

זיי זײַנען געשלאָפֿן, אָט די געטעלעך, נאָר איינס פֿון זיי האָט געהאַט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויפֿן בלאַסן קלאָרן געזיכט: מלכס שעמעוודיקן שמייכל...

אַרום דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן צימער מיט אַזאַ הייס פֿאַרוויטלט פּנים, אַז ער האָט זיך פֿון ס׳נײַ געמוזט אָפּוואַשן מיט קאַלטן וואַסער. ער איז געווען אויפֿגעלייגט און צופֿרידן. ער האָט זיך געווערטלט אין דער צווייטער האַלבער זײַט מיט דער קראַנקער יצחק־בעריכע, ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ נײַעם אָנצוג און האָט זיך איינער אַליין אַוועקגעלאָזן אין שטאָט.

ער איז געגאַנגען מיטן שמאָלן שטעגעלע, וואָס באַהאַלט זיך אין גרינעם וואַקסנדיקן גראָז און האָט געזען פֿון ווײַטנס גאַנץ ראַקיטנער שיפּוע. די צוויי קלויסטער־שפּיצן מיט דער שול־יאַרמלקע האָבן געשטעקט העכער די דעכער, העכער אַלע שטאָטישע געשטאַלטן, און האָבן געשפּילט מיט פֿאַרוויכלטער זון פֿון זומערדיקן האַלבן טאָג. און אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען, האָט איצט אויסגעזען פֿון דער ווײַטנס, ווי דער חלום פֿון זײַנע קינדער־יאָרן; ער האָט נישט אויפֿגעהערט אַהין צו קוקן, און די שעמעוודיקע שאָטנס פֿון די קינדער־יאָרן האָבן נישט אויפֿגעהערט צו פֿלאָנטערן זיך אַרום זײַן נשמה. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז אַמאָל דאָ, אין אָט דער שטאָט, געווען שטאַרק רעליגיעז. דאָס האַרץ האָט דערבײַ געטאָן זייער אַ שנעלן קלאַפּ, און אין דער זעלביקער צײַט איז שוין דער מוח געווען פֿאַרשיכּורט פֿונעם געדאַנק, וואָס טוט פּלוצעם אין אים אַ בליץ. „דער עלטסטער ליגנער, דער קינדערשער סידור זײַנער, וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אויף אַ בית־מדרש־בוידעם צווישן אַלטע, פֿאַרשטויבטע שמות״. און ער האָט ווי נקמה געהאַט אין אָט דעם אַלטן, גרויסן ליגנער.

אין שטאָט האָט ער זיך דעמאָלט געפֿילט גרינגער ווי אַלע מאָל. איטלעכס מאָל, וואָס ייִדן האָבן אים דאָרטן געפֿרעגט, וואָס

טוט ער עפּעס דאָ, אין ראַקיטנע, האָט ער קוים־קוים אונטערגעשמייכלט און האָט געענטפֿערט, אַז גאָר נישט: „ער איז געקומען אַהער זיך אַ ביסל אַרומשלײַען”. און אַליין האָט ער דערבײַ גוטמוטיק אַרײַנגעקוקט די ייִדן אין די פּנימער; ער האָט געהאַט הנאה, וואָס ער ענטפֿערט זיי מיט אַזאַ טאָן, ווי זיי איז ניחא. ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו געדענקען די גרינגע טאָפּאָלן, וואָס מאַכן יום־טובֿדיק דאָס גראָז נעבן עוזר ליובערס שטוב. ס'האָט געצויגן אַהין צו חנהקען, צום גוטן וואָרט, מיט וועלכן ער דאַרף זי איבערבעטן, נאָר אַליין איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען, געשמועסט מיט די ייִדן וועגן דעם אַלטן קבצנישן טייל שטאָט און האָט געזען, ווי די טרעפּלעך נעבן עזריאל פּויזנערס גרויסער קלייט זײַנען ליידיק; אַ פּנים חווה פּויזנער איז נאָך אַלץ געווען אין קרײַזשטאָט. פּלוצעם האָט זיך אים שטאַרק פֿאַרוואָלט באַרג־אַראָפּ צום אַלטן קבצנישן טייל שטאָט און צו די נידעריקע נישט־ברוקירטע געסלעך, ווו ער איז אַמאָל אויסגעוואַקסן. ער האָט באַנײַס קוים־קוים שמייכלדיק גענומען בײַ די ייִדן זיך נאָכפֿרעגן: „וואָס זשע הערט זיך עפּעס דאָרטן, אין די נידעריקע געסלעך?”

און געענטפֿערט האָט מען אים, אַז גאָר נישט: „וואָס זאָל זיך דאָרטן הערן?”

„קויטיקע געשעפֿטן”.

„קבצנים, ווי אַמאָל”.

*

אין די אונטערשטע נישט־ברוקירטע געסלעך איז, ווי תּמיד אין דער צײַט, געווען שטאַרק לעבעדיק און רעשדיק. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אַלע שמאָלע דורכגענג און די שעה איז שוין געווען נישט קיין פֿריִע; די זון האָט געהאַלטן בײַם זעצן זיך; דער שטויב, וואָס יעדע דורכלויפֿנדיקע פֿור האָט געלאָזט נאָך זיך באַרג־אַראָפּ אין דער לופֿט, האָט אויסגעזען אַ גאָלדענער, אַן אַמאָליקער; אייגעלעך און פּנימלעך האָבן אין אים געבלאָנדזשעט ווי אין אַ קרענקלעך זעונג און נאָך זיי האָט נאָכגעבלאָנדזשעט נאָך עפּעס;

אַ חלום פֿון די חומש־יאָרן. פֿון ערגעץ אַ שטוב האָט זיך געלאָזט הערן אַ לאַנגאָניק שטעפּן פֿון אַ מאַשין; אַ מאַמע אַ שלאַק האָט דאָרטן איצט צו זונזעצן געהאַלטן אין איין עסן איר איבערגעוואַקסן מיידל, די ברויט־געבערין, הלמאי זי האָט גענומען אַ ניימאַשין אויף אויסצאָלן: „אַז איך האָב געזאָגט, האָב איך: איך דאַרף אים אויף כּפּרות, זאַלקערן דעם אַגענט, און וויל בײַ אים נישט נעמען קיין מאַשין“.

נאָר אָט איז אַ שטוב אַ צווייטע און אַ דריטע. אין אַן אָפּענער טיר באַווײַזט זיך אַ באָרוועס ווײַבל; זי גיט אַ שטעק־אַרויס דעם קאָפּ און כאַפּט אים באַלד אַרײַן צוריק: „אוי, איך וועל זיך אַ מעשׂה אָנטאָן, חיים־משה גייט!“...

און באַלד האָט זיך אין טיר אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ, אַ צווייטער און אַ דריטער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ, אין די אַלטשטאָטישע הינטער־געסלעך, ווו ער איז אַמאָל אויסגעוואַקסן, דערמאָנט מען אָפּט זײַן נאָמען; מע געדענקט אים נאָך פֿון די קינדער־יאָרן. מע וויל נאָר וויסן: איז ער נאָך אַזאַ ווילער ווי אַמאָל, חיים־משה? אייניקע ווײַבלעך קערן אים נאָך דאָ דערצו אין קרובֿות. מ׳האָט געשמייכלט בשעת מע האָט אים געפֿירט צו זיך אין די קליינע אָרעם אויסגעמעבלטע צימערן און אויך ער האָט געשמייכלט בשעת ער איז זיי אַהין נאָכגעגאַנגען: „גאָר נישט, האָט ער געשמייכלט, וואָס זאָל זיך הערן? מע לעבט“.

און אַלע האָבן זיך געקלאָגט אויף כּמעט איינעם און דעם זעלביקן: פֿריִער מיט עטלעכע יאָר, ווען די טאָרפֿפֿאַבריק הינטער ראַקיטנע האָט געאַרבעט, האָט מען דאָרטן עפּעס געהאַט, און איצט איז אַוודאי ערגער: מע מוז שטוקעווען. און אַלע האָבן געוואָלט, אַז חיים־משה זאָל צו זיי אַרײַנקומען, אַז ער זאָל בײַ יעדערער פֿון זיי אין שטוב אַ ביסל זיצן.

אויף איינער אַן אַלטער אַקעגנדיקער שטוב ווײַזט דאָרטן חיים־משה אַליין אָן מיטן פֿינגער: „אָט איז זי!“...

דער לאַנגער טשערעפּענער דאַך איז געלעגן אויף אָט דער

שטוב אויסגעקרימט, ווי דער רוקן פֿון אַ קאַץ, בעת זי ציט זיך, און איז אין גאַנצן געווען פֿאַרגאָסן מיט דער שײַן פֿון פֿאַרגייענדיקער זון. די שטוב האָט נישט געהאַט קיין גאַניק. איר פֿאָרנטיקע טיר איז געווען צעפּראַלט אָפֿן און צוגעבונדן צו דער וואַנט מיט אַ שטריקל, כּדי זי זאָל זיך נישט פֿאַרמאַכן. דער פּידאַשעק[18] איז געווען אָפּגעוואַליעט[19] און אויף דער הויכער שוועל איז דאָרטן געשטאַנען אַ לאַנגער יונגער מאַן מיט אַן אויסגעצויגן און לאַנג פּנים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אַלט צעריסן שטובערעקל; ער האָט געהאַלטן אַ קליין זויגקינד אויף די הענט, דאָס צווייטע קינד, אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר דרײַ, האָט אים געשטופּט דאָס קעפּל צווישן די לאַנג־טאַטעדיקע פּיס, און אַליין אין די גרויסע שוואַרצע אויגן און אינעם גאַנצן מאַטן אומעטיקלעכן געזיכט האָט ער געהאַט עפּעס פֿון די יוצאי־מצרים און פֿון דער זון, וואָס פֿאַרגייט. דאָס איז געווען פּישל ריכטמאַן. אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, איז ער אויך געווען אַן עקסטערן און איצט פֿאָרט ער צוויי מאָל אין וואָך צום וואָקזאַל און האַנדלט, ווי דער שווער זײַנער, מיט זעק. דאָס איז ער אַמאָל געווען חיים־משהס אַ חדר־חבֿר, דאָ אין ראַקיטנע; דאָס איז ער דער ערשטער געפֿאָרן אין איינעם מיט חיים־משהן פֿון וואָקזאַל.

— חיים־משה! — האָט ער צו אים געשריגן פֿון דער אָפֿענער טיר מיט אַ צו פֿיל אויסגעצויגן קול, ווי אַ ייִדענע — און ווען וועסטו שוין אַרײַנגיין צו מיר, חיים־משה?

— טאַקע באַלד — האָט חיים־משה אים געענטפֿערט פֿון קעגנאיבער דער גאַס — טאַקע די מינוט, פּישל.

נאָר אויפֿן וועג אַהין האָט אים איבערגענומען גאָר איינע אַ באַיאָרטע קרובֿה זײַנע. צוליב זײַן כּבֿוד האָט זי זיך נאָר־וואָס אויסגעשלײַערט אינעם ברוינעם נאָך נישט געניצטן זײַדענעם טיכל און איצט האָט די גאַנצע גאַס געקוקט, ווי זי דערנענט זיך צו אים

---

[18] דעכל אויפֿן גאַניקל. — [19] צעקלאַפּט, צעבראָכן.

מיט אַזעלכע בריהש ווײַבערשע טריטלעך, גלײַך זי וועט אים אָננעמען פֿאַר דער האַנט און וועט זיך דאָ אין מיטן גאַס אַוועקלאָזן מיט אים אין אַ קונציקן מחותנת־טאַנץ.

— וואָס זשע דען? — האָט זי געזאָגט — זי ווייס דען נישט, אַז חיים־משה איז שוין הײַנט פֿון די גרויסע, גאָר־גאָר פֿון די גרויסע?

און אַרום־אַרום איז מען געשטאַנען אין די אָפֿענע טירן און מע האָט געקוקט, ווי דער גוטער־יאָר האָט זי נאָך נישט גענומען, אָט די קליינינטשקע פּעסי זאַליוואַנסקי; זי קאָן נאָך שיין ריידן מיט אַ מענטשן; נישט אומזיסט איז איר מאַן, עליו השלום, אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ חשובֿ, אַ בורר און אַ כּלה־אָנקוקער בײַ אַלע נײַשטעטיקע גבֿירים, וואָס אין איבערשטן ברוקירטן טייל ראַקיטנע. „זע נאָר, האָט זי זיך געוווּנדערט, אָט דאָ אין דרויסן וועט זי מיט אים שטיין?" און זי האָט אים גלײַך גענומען פֿירן צו זיך אינעם קליינעם שטיבעלע, וווּ די ציכטיקע פּאָדלאָגע איז נאָך געווען אָפּגעשמירט מיט פֿעטן עלי־נעפּט, און וווּ אין איינעם אַ ווינקל איז נאָך געשטאַנען דער שרײַבטיש פֿון איר געשטאָרבענעם מאַן, דעם חשובֿ און דער בורר בײַ גבֿירים. חיים־משה איז דאָרטן מיט איר געזעסן און האָט געקוקט, ווי דער ברייטער שרײַבטיש מיט אַלע זײַנע טיכטיקע שרײַב־מכשירים פֿאַרנעמט דאָרטן דאָס בכּבֿודיקסטע אָרט. אַמאָל האָט ער געגעבן פּרנסה דאָ אין שטוב אָט דער טיש און איצט האָט ער אויסגעזען ווי אַ יורד, אַ פּוסטע כּלי.

פּעסל האָט עפּעס דערציילט וועגן זיך און וועגן איר אַלמנה־שאַפֿט, און חיים־משה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אָט דעם טיש. פּעסל האָט אַ זיפֿץ געטאָן. „אַז ווער האָט מיך איצט אין זינען? — האָט זי געזאָגט — אַז קיינער האַלט נישט אונטער אין אָט דער שלעכטער צײַט".

און פֿון אָט די לעצטע ווערטער אירע איז חיים־משה געוואָרן ווי צעטראָגן; ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט נישט געוווּסט,

וואָס צו טאָן. „אמת, האָט ער פֿאַרוווּנדערט איבערגעחזרט, ס'איז אַ שלעכטע צײַט; קיינער האָט יענעם נישט אין זינען".

און פּלוצעם האָט ער דערזען, ווי זי לאָזט־אַראָפּ די אויגן, פּעסל זאַליוואַנסקי, זי בלײַבט אַזוי אַקעגן אים שטיין און וואַרט.

## 9

אין געסל האָט מען דערציילט, אַז חיים־משה האָט איר דער־מאָלט אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד: ער האָט איר געגעבן גאַנצע הונ־דערט רובל. פּעסל אַליין האָט איבערגעגעבן, ווי אַזוי חיים־משה איז מיט איר געזעסן בײַם שרײַבטיש און האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף איר הויזגעזינד: ווו איז אַהינגעקומען איר יונגע, שיינע טאָכ־טער, וואָס האָט אַמאָל חתונה געהאַט פֿאַר אַ רײַכן יונגן מאַן. זי האָט זיך געגעט? ער האָט דערמאָנט אַלע קלייניקייטן פֿון אַמאָל. ער האָט בײַ איר געפֿרעגט:

— איז וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער, האַ, פּעסל?

— וואָס זאָל זײַן? — האָט געענטפֿערט פּעסל — איך, חיים־משה, בין שוין נישט קיין יוגנט. כ'בין שוין פֿאַרזאָרגט. און דו דאַרפֿסט חתונה האָבן, חיים־משה.

— חתונה האָבן? — האָט זיך געוווּנדערט חיים־משה.

און בײדע האָבן פֿרײַנדלעך געלאַכט, זי און חיים־משה.

ווען די קלאַנגען וועגן דעם האָבן דערגרייכט צו עזריאל פּויז־נערן אין דער גרויסער קלייט, האָט מען דאָרטן פֿאַרפֿירט וועגן דעם אַ שמועס. מ'האָט באַוווּנדערט חיים־משהס גוט האַרץ. עזריאל פּויזנער אַליין האָט דעמאָלט אויפֿגעהערט אַ ווײַלע איבערצושרײַבן פֿון איין בוך אין צווייטן.

— אַזוי? — האָט ער זיך געחידושט — גאַנצע הונדערט רובל?

און נאָך דעם האָט ער מיט גרויס ישובֿ־הדעת איבערגעלייגט דאָס היפּשע שטיקל וואַטע פֿון איין אויער אין אַנדערן; ער האָט

גענומען זוכן צווישן די חשבונות איינעם אַ טעות און בשעת מעשׂה צוגעגעבן: „נו, זייער פֿײַן“.

ער האָט בכלל ליב געהאַט די ווערטער „זייער פֿײַן“ און אַלע האָבן געפֿונען, אַז זיי פּאַסן פֿאַר אים, דעם בכּבֿודיקן פֿאַרמעגלעכן קרעמער, וועמען אַלמנות און דינסטמיידלעך פֿאַרגלייבן אויף אַ פּשוטן קליינעם קוויטל זייער ציטעריק פֿאַרמעגן. דער עיקר איז געווען זײַן שיינע הנהגה מיט מענטשן, דער סבֿר־פּנים־יפֿות און די לײַטישע אויפֿפֿירונג מיט די יונגע לײַט, וואָס קומען־אַרײַן צו זײַן שיינער, געראָטענער טאָכטער. דאָס מאָל איז בײַ אים אין קלייט געזעסן דער מאַדאַם בראָמבערגס פֿרעמדשטאָטישער קרובֿ, אַ רײַכער יונגער בחור, אַ סטודענט וואָס האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר זיך באַקענט מיט זײַן טאָכטער ערגעץ ווו אין קרים און האָט פֿון דעמאָלט אָן גענומען נאָכשלעפּן זיך נאָך איר אַהער קיין ראַקיטנע. ער איז געווען אַ בנעימותדיקער און אַ שטילער. אויפֿן שטעקל און אויפֿן זילבערנעם פּאָרטציגאַר האָט ער געהאַט אַ סך גילדענע מאָנאָגראַמעס, וואָס האָבן דערמאָנט, אַז אַ סך מענטשן האָבן אים ליב און שענקען אים מתּנות, און אַליין האָט ער ליב געהאַט סקולפּטור. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט מלכּס פּנים און האָט אים גענומען אויסקנעטן. די סטאַטוע איז אַרויס אַ מיניאַטור־קליינע, אַ חנעוודיקע, אַ באַשײַנטע מיט מלכּס שטילן שעמעוודיקן שמייכל. נאָר חווה פּויזנער איז שוין דעמאָלט געווען ערגעץ וווהין אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים. זי האָט אים געלאָזט איינעם אַליין אין ראַקיטנע און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט דער סטאַטועלע צו טאָן. ער האָט זי סוף־כּל־סוף אַוועקגעשענקט חנהקע ליובער צום טאָג פֿון איר געבוירן און אַליין האָט ער נאָך נאָך דעם אַרומגעבלאָנקעט עטלעכע טעג דאָ, אין ראַקיטנע, און סוף־כּל־סוף אַוועקגעפֿאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט, פֿון וואַנען ער שטאַמט. איצט איז ער ווידער אַהער אַראָפּגעקומען. ער האָט נישט געטראָפֿן חווה פּויזנער אין דער היים, איז ער געקומען זיצן צו

איר פּאָטער אין קלייט, ער מיט די פּיל גילדענע מאָנאָגראַמעס אויפֿן שטעקן און אויפֿן זילבערנעם פּאָרטציגאַר, וואָס דערמאָנען אַז אַ סך מענטשן האָבן אים ליב.

— איז וואָס זשע הערט זיך? — האָט בײַ אים פויזנער מיט בטוחישער לײַטישקייט געפֿרעגט — שוין מן הסתם חתונה געהאַט, האַ?

— ניין נאָך... — האָט דער סטודענט מיט אַ שולדיקן שמייכל געענטפֿערט און האָט זיך פֿאַרשעמט — דווקא ניין...

— אַזוי גאָר?

עזריאל פויזנער האָט געפּרוווט מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים ריין, און האָט זיך געחידושט. נאָר באַלד האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט און האָט מיט דעם זעלביקן וווּנדער צו־געגעבן: „אַזוי? נו, פֿײַן".

און דאָס אַלץ איז געווען געזאָגט געוואָרן פֿון הוילער לײַטיש־קייט וועגן, כּדי דעם צווייטן נישט צו פֿאַרשעמען. אייגנטלעך אָבער האָט זיך פויזנער אין יענעם הייסן זומערטאָג נישט איבעריק רויִק געפֿילט און האָט צו אָפֿט געוואָרפֿן בליקן אין מאַרק אַרײַן. אַ ביסל שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער שוועל פֿון דער אָפֿענער קלייט און ווידער אַ מאָל, ווי אין דער פֿרי, גענומען קוקן, צי ס'פֿאָרן נישט די וואָקזאַל־בעלי־עגלות פֿונעם צווייטן צוג. די זאַך איז באַשטאַ־נען דערין, וואָס חווה פויזנער, די גרעאָטענע טאָכטער זײַנע, איז געווען אַוועקגעפֿאָרן אין קרײַזשטאָט, ווו זי האָט זיך נאָך אַ מאָל באַדאַרפֿט באַגעגענען מיטן יונגן בעריזשינעצער דעסלערן. סוף־כּל־סוף האָט באַדאַרפֿט קלאָר ווערן, צי איז ער פֿאַר איר אַ פּאָר, צי ניין. נאָר אָט איז שוין אַריבער אַ וואָך און צוויי, און זי האָט זיך נאָך אַלץ פֿון קרײַזשטאָט נישט אומגעקערט. צי האָט עס נישט געקאָנט הייסן, אַז די פֿראַגע איז פֿאַר אים דאָרטן זייער אַ האַרבע? עזריאל פויזנער וואַרט מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל אָנקומען מיט יעדן צוג. אַלע מאָל גייט ער צו צו דער אָפֿענער טיר פֿון קלייט, שטעלט־צו אַ פֿלאַכע האַנט צום שטערן, כּדי צו פֿאַרשטעלן די זון,

און קוקט זיך אײַן: אַ בעל־עגלהשער פּאַעטאָן שוואַרצט זיך אין דער ווײַטער טיף פֿון גאַס. גלעקלעך קלינגען, אַ היטל־פּודל זיצט פֿאָרנט מיטן פֿורמאַן אויף דער קעלניע, נאָר דער פֿאַעטאָן פֿאַר־קערעוועט אין אַ זײַטגעסל; אַ פֿרעמדער מיידלשער וואָל טוט אַ שווינדל־דורך פֿאַרבײַ די אויגן. דערצו נאָך זיצט דאָ אין דער טיף פֿון דער קלייטקילקייט אָט דער פֿרעמדשטאָטישער סטודענט, דער מאַדאַם בראָמבערגס רײַכער קרובֿ, רויכערט פּאַפּיראָסן און זאָגט נישט אויס, אויף וועמען ער וואַרט. איטלעכס מאָל, וואָס צו אים, עזריאל פויזנערן, אין קלייט קומט־אַרײַן זײַן פֿרוי, שטערט זיי אָט דער סטודענט זיך דורכצוריידן. עזריאל פויזנערס פֿרוי שטייט מיט אַ שוואַרצן גאָרעסענעם שאַרף אויפֿן קאָפּ בײַ דער שוועל פֿון קלייט, זי שטייט אויסגעפּוצט, זי זעט נאָך אויס גענוג יונג און שיין, און קוקט צוזאַמען מיט איר מאַן אין דער טיף פֿון גאַס.

— נו, וואָס? — פֿרעגט זי בײַ אים.

עזריאל פויזנער ענטפֿערט נישט. ער קוקט אין גאַס און טראַכט; זײַן פּנים איז אַ ביסל פֿאַרקנייטשט.

— דו! — זאָגט ער פּלוצעם צום עלטערן קלייט־משרת, וואָס שטייט די גאַנצע צײַט אין גרויסן שטילשווײַגנדיקן דרך־ארץ קעגנ־איבער דער סטויקע — דו, ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— יוסף. — ענטפֿערט דער עלטערער קלייט־משרת.

— יאָ, יאָסל. אַהערצו גיי. שטיי דאָ בײַ דער קאָנטאָרקע, יאָסל.

און אַליין פֿאַרשפּיליעט ער אויף זיך די שוואַרצע לוסטרי־נענע קאַפּאָטע און לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פֿון די טרעפּלעך. ער גייט פֿויל, ווי איינער וואָס האָט אין מיטן הייסן וואָכעדיקן העלן טאָג באַשלאָסן צו באַזוכן אַ באַקאַנטן, אַן אָבֿל. ער גלעט אָן אויפֿ־הער די באָרד צום האַלדז צו, און אַז ער באַגעגנט מענטשן, קוקט ער אויף זיי פֿון דער זײַט מיט צוזאַמענגעצויגענע קורצזיכטיקע אויגן און דערקענט נישט קיינעם, גלײַך ער געפֿינט זיך אין אַ פֿרעמדער שטאָט. אַזוי פֿעלט ער אויס דעם מאַרק. ער גייט אים

אַרום פֿון דער לינקער זײַט און לאָזט זיך אַראָפּ באַרג־אַראָפּ צו דער אַלטער נידעריקער שטאָט און צו די ווײַטסטע אָרעמע געסלעך.

דאָרטן, אין דער טיפֿער נידעריקייט, אויפֿן פּלאַץ וואָס פֿאַרן אונטערשטן שלעכט ברוקירטן מאַרק, גרייט מען זיך צום גרויסן יאָר־יאַריד, וואָס איז דער צווייטער נאָך־שבֿועותדיקער וואָך. בײַדלעך ווערן אויפֿגעשטעלט שורותווײַז און צעוואָרפֿן, האַמערס קלאַפּן, שאַלאַשן ווערן פֿאַרטיק, פֿורן לאָדן זיך אויס נעבן אויפֿגעשלאָגענע געצעלטן. און דער טאָג איז הייס און נודנע, ווי דאָס לעבן פֿון אָט דער גאַנצער אַלטער שטאָט, ווי דאָס לעבן פֿונעם שלימזל, דעם מלמד, וואָס קנעלט נאָך דאָ ערגעץ ווו אין אַן עק געסל. ס׳הערט זיך פֿון דאָרטן, ווי ער חזרט מיט זײַנע אָפּגעריסענע חדר־קינדער די אַלטע נאָך־פּסחדיק־נודנע פּרשה חומש:

ואם — און אויב, בבית — אין שטוב, ישובֿ — וועט זיך אומקערן, ופּרח — און וועט בליִען, הנגע — די פּלאָג. ואם — און אויב...

קלאַפּט דער האַמער, וואַקסן די געצעלטן, חזרט דער מלמד. און אַ קליין פֿאַרבלאָנדזשעט חדר־ייִנגל פֿאַרגעסט שוין אויף לאַנג, ווו ער געפֿינט זיך, שטייט־אָפּ גאַנצע שעהען דאָ נעבן די נײַ־אויפֿגעשטעלטע בײַדלעך און קוקט מיט וווּנדער־אויגן: עפּעס פֿרעמדשטעטיקע ווײַבלעך פּאָרקען זיך אין דער בײַדלקיל דאָרט אינעווייניק בײַ די סחורות; האָרעפּאַשנע ווײַבלעך און רירעוודיקע אַזעלכע מיט פֿלינק־ווײַבערישע הענט. זיי עסן אָן טעלער פֿון די געבראַכטע טעפּלעך און שמייכלען־צו צו די יונגע לײַט, וואָס מע קאָן נישט וויסן, צי זײַנען זיי זייערע העלפֿערס, צי זייערע געליבטע.

עזריאל פּויזנער איז שוין דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ דעם גאַנצן אַלטן מאַרק און שאַרט זיך פֿון איין הינטער־געסל אין צווייטן. מיידלעך קוקן אויף אים פֿאַרחידושט — זיי האָבן אים נאָך קיין מאָל דאָ, אין די הינטער־געסלעך, נישט געזען. ס׳איז נישט נאָך זײַן

כּבֿוד נאָך, ער זאָל דאָ גיין, און נאָך אין מיטן דער וואָך. בײַ איי־נעם אַ מיידעלע פֿרעגט ער וועגן עפּעס. ער שטעלט זיך אָפּ. דאָס מיידעלע ווײַזט אים אָן אויף איינער אַ שטוב אין מיטן געסל, אויף זײַנוול פּאָטשטערס האַלב־אַכסניהדיקער שטוב.

— אָט דאָ — זאָגט דאָס מיידעלע — ווײַנט ער; מ׳גייט אויף דער הינטערטיר.

נאָר בײַ זײַנוול פּאָטשטער ווײַנט דאָך איצט קיינער נישט, אַחוץ פּרעגערן, דעם פֿאַרוואַלטער פֿון תּלמוד־תּורה, וואָס איז אַמאָל געווען פֿאַרליבט אין חווה פּויזנער און וואָס איצט, זאָגט מען, שטייט ער צו צו כאַפּקע דער דינסט פֿון אײַנפֿאָרהויז און זאָגט, אַז ער וועט זי נעמען.

— אויף צו להכעיס שׂונאים — זאָגט ער — וועט ער זי נעמען.

*

בײַ זײַנוול פּאָטשטער אינעם לאַנגן אַכסניהדיקן אונטערהויז קלאַפּט מען אין אַ שטויסל. זײַנוולס ווײַב, די קליינע דאַר־גופֿיקע עקרה, זיצט דאָרטן מיט אַלע פֿיר אויף דער ערד. זי זיצט אין דער קיל, נעבן דער קיכטיר, ווײַט פֿונעם פֿיטשנאַסן פֿערדישן מיסט, וואָס טריקנט קיין מאָל נישט אויס, נעבן אָפֿענעם הויזטויער; זי שטויסט צימערינג פֿאַרן שבֿועותדיקן געבעקס. און אַ ביסל ווײַ־טער, אין איינעם פֿון די קליינע און קילע זײַטיקע חדרימלעך, ליגט פּרעגער בײַ זיך אויפֿן האַרטן באַנקבעטל. ער ליגט אינעם ברייטן בלוי־זײַדענעם שטובהעמדל און אין די ווייכע געשטריקטע שטעק־שיך און רוט־אָפּ פֿון נאָך זײַן שווערער טאָג־טעגלעכער לערער־אַרבעט אין תּלמוד־תּורה. ער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט אַהיים. ער האָט אָן מידקייט געאַרבעט מיט דרײַ פֿול־איבערגעפּולטע קלאַסן כּסדר. הײַנטיקן טאָג האָט ער באַוויזן וווּנדער: ער האָט דערוויזן דעם צווייטן לערער, ווי אַזוי מע קאָן אין די לעצטע היי־סע טעג פֿאַר די זומערדיקע וואַקאַציעס מיט אַ מאָל לעבעדיק מאַכן אַלע קלאַסן. ער האָט נאָך חוץ דעם צום לעצטן מאָל געדע־

פּעטירט און געגרייט די קינדער־אַרטיסטן צום יערלעכן אָוונט, וואָס דאַרף געגעבן ווערן לטובֿת דער תּלמוד־תּורה. איצט איז ער צופֿרידן מיד און פֿילט אונטער זיך זײַן קראַפֿט; אַ גאַנצע געגנט איז מקנא ראַקיטנע אויף דער תּלמוד־תּורה, וואָס ער האָט דאָ אַוועקגעשטעלט; אַ גאַנצע געגנט געדענקט אַ מעשׂה: צוריק מיט אַ יאָר פֿינף איז קיין ראַקיטנע אַראָפּגעקומען ער, פּרעגער, אַ באַרימטער עזותניק, אַ שאַרפֿער קאָפּ, אַ צו־להכעיס־יונג און אַ ווילדער אַפּיקורס; ער האָט שוין אפֿשר אַליין אַרויסגעלאָזט וועגן זיך אַ קלאַנג, אַז ער האָט צו פֿיל ליב דעם ביטערן טראָפּן. יעדנפֿאַלס האָט אים קײנער קיין מאָל נישט געזען שיכּור. ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט אַלע חשובֿסטע ראַקיטנער באַלעבאַטים און זיי גלײַך געגעבן צו וויסן, אַז זיי זײַנען בײַ אים בלאָטע. ער האָט מיט דרײַ מיטלסטע פֿינגער געגעבן אַ דריק־צו די פּענסנע צו דער נאָז און האָט זיי געזאָגט: איר זײַט בײַ מיר ערגער פֿון שאולקע הפֿקר־יונג, פֿון שאולקע שנײַדער, מיט וועלכן איך כאַפּ אָפּט אַ שנאַפּס בײַ זײַנוול פּאָטשטער אין אַ זײַטיק חדר,.

ער האָט באַלד פֿאַראינטערעסירט ראַקיטנע. אין אים האָט זיך פֿאַרליבט עזריאל פּויזנערס זעכצן יאָריק געראָטן מיידל, חווה. אַלע מאָל האָט דעמאָלט חווה פּויזנער פֿון ס׳בײַ צוגעזאָגט טאַטע־מאַמע, אַז זי וועט זיך מער מיט אים ניט באַגעגענען, און אַלע פֿרײַטיק־צו־נאַכטס איז זי דאָך געלאָפֿן צו די בראָמבערגס אין הויז און האָט דאָרט געוואַרט, אפֿשר וועט ער קומען. „אמת? — האָט זי בײַ דער מאַדאַם בראָמבערג געפֿרעגט — ער האָט אַן אומגעוויינטלעכן שטערן...“

דאָס איז געווען פֿריִער, מיט גאַנצע פֿינף יאָר צוריק. איצט אָבער נעמט זי בײַ אים שטיקווײַז די נשמה, אָט די אויסגעוואַקסענע, שענער געוואָרענע חווה פּויזנער, און קיין עק וועט ער בײַ איר קיין מאָל נישט דערגיין. איר אויף צו להכעיס שטייט ער איצט צו צו כּײַקע דער דינסט און זאָגט אַלעמען, אַז ער וועט זי נעמען, נאָר חווה פּויזנער אַרט דאָס נישט. פּרעגער געדענקט, אַז

זי געפֿינט זיך שוין די צווייטע וואָך אין קרײַזשטאָט און אַז אָן איר איז ראַקיטנע פּוסט מיט אַלע אירע שיינע זומערדיקע טעג; ער קוקט אויף דער סטעליע און וויל וויסן: „וואָס וויל פֿון אים האָבן חווה פּויזנער?״ און נאָך: „סוף־כל־סוף וועט זי אים פֿאַרמאַטערן״.

פּלוצעם אַ שטילער קלאַפּ אין טיר און נאָך אַ מער שטילער אַרײַנקומען פֿון אַ מיושבֿדיקן פֿאַרמעגלעכן טאַטן, וואָס האָט אַ גלחיש אויסגעאײדלטע צורה און זעט־אויס אַ ביסל פֿאַרענדערט, גלײַך ער פּילט, אַז ער איז אין אַ וואָכעדיקן טאָג געקומען גוט־יום־טובֿ ביטן. פֿון גרויס אומגעריכטקייט פֿאַרגעסט פּרעגער, אַז זײַן פּענסנע ליגט אויף דער שוואַרצער צעראַטע אויפֿן טישל און טוט אַ דריק די מיטלסטע דרײַ פֿינגער צו דער הוילער נאָז, נאָר סוף־כל־סוף טוט ער די פּענסנע אָן און רוקט זיך צו נענטער צום טישל.

— זיצט, כ׳בעט אײַך! — אַזוי זאָגט ער צו עזריאל פּויזנער און קוקט נישט צו אים.

אוןביידע זיצן אַ ווײַלע איינער קעגן אַנדערן און שווײַגן.

— כ׳בין אײַך שוין לאַנג שולדיק אַ וויזיט. — אַזוי זאָגט עזריאל פּויזנער און טוט דערבײַ אַ שמייכל און בייגט אַ ביסל אײַן זײַנע גלחיש ברייטע פּלייצעס.

ביידע קוקן נאָך אַלץ נישט איינער צום צווייטן.

אַ פּויזע.

איצט, געקומען צו זיך, ווייסט ער נישט, פּרעגער, באַנײַס אַ קאָן, וואָס קאָן באַטײַטן אָט דער געהויבענער וויזיט. צווישן אים מיט אָט דעם מיוחסדיק רײַכן און באַוווּסטן קרעמער, דעם פֿאָטער פֿון זײַן געליבט מיידל, זײַנען אין מאָל פֿאַר אַלע מאָל איבערגעהאַקט געוואָרן אַלע וועגן. די לעצטע צײַט האָט ער אויפֿגעהערט אַרײַנצוקומען צו אים אין הויז. איין מאָל, ווינטער, חנוכּה־צײַט איז דאָס געווען, איז פּרעגער צוגעגאַנגען תּחילת אָוונט צו עזריאל פּויזנערס נײַעם הויז, אַ ביסל נידעריקער פֿונעם אײַנגעבראָכענעם האַלב קײַלעכיקן מאַרק, און האָט דאָרטן געטראָפֿן וואָרטן פֿאַר

דער פּאַראַדטיר אַן אויסגעפּוצטע פּאָר פּערד מיט אַן אויסגעפּוצטן שליטן. צי איז דאָס נישט געווען דעם יונגן דעסלערס אויסגעפּוצטער פּוילישער שפּאַן? אין דרויסן האָט געשאָטן אַ שניי פון אָנהייב אָוונט, דער פּורמאַן אויפן שליטן האָט זיך געהויקערט און געדרימלט, און אינעווייניק, אינעם קליינעם, באַלויכטענעם קאָרידאָר, וווּהין פּרעגער איז אַרײַנגעקומען, איז איינע אַליין געשטאַנען פּויזנערס פרוי און מיט גרויס ליבשאַפט געגלעט דעם שפּאָגל נײַעם מאַרדערנעם טולופּ, וואָס איז געהאַנגען אויף דער שאַראַגע; צי איז דאָס נישט געווען דעם יונגן בעריזשינעצער דעסלערס שפּאָגל נײַער מאַרדערנער טולופּ? זי האָט זיך אויפן אַרײַנגעקומענעם פּרעגערן אַפילו נישט אומגעקוקט.

— הערט, — האָט געזאָגט פּרעגער און האָט דערבײַ פּאַמעלעך אויסגעווישט די פאַרהויכטע פּענסנע, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון נאָז — בײַ אײַער מאַן איז, דאַכט זיך, אויך פאַראַן אַן אמתער מאַרדערנער טולופּ?

— יאָ — האָט נישט אומקוקנדיק זיך געענטפערט פּויזנערס פרוי — אָבער מײַן מאַנס טולופּ איז שוין אַזאַ אַלטער, אַן אָפּגעטראָגענער.

זי האָט נישט אויפגעהערט צו גלעטן דעסלערס טולופּ. דעמאָלט איז פּרעגער אַוועקגעגאַנגען און האָט אַלעמען אין שטאָט דערציילט וועגן דעם וואָרט, וואָס ער האָט דאָרטן דער פרוי פּויזנער געזאָגט: „איר מיט אײַער מאַן — האָט ער איר פאַרן אַוועקגיין געזאָגט — איר מיט אײַער מאַן זענט אפשר אויך אַמאָל געווען נײַ; מן הסתם זײַנט איר אַמאָל געווען ענלעך צו מענטשן, נאָר איצט זײַנט איר שוין אָפּגעטראָגן... שטאַרק אָפּגעטראָגן און אַלט“.

און פון דעמאָלט אָן האָט ער מער נישט אַריבערגעטראָטן פּויזנערס שוועל. זעקס חדשים צײַט איז ער דאָרטן אין שטוב נישט געווען און האָט זיך סוף־כּל־סוף דערוואַרט אויף אָט דעם געהויבענעם וויזיט, דאָ, בײַ זײַנוול פּאָטשטער אינעם זײַטיקן חדר. נאָר פאַר וואָס פילט זיך אַזוי שטאַרק, אַז פּויזנער איז געקומען צו אים נישט

מער ווי אויף געציילטע מינוטן? ער זיצט, ווי אויף שפּילקעס, זיצט ער.

— פֿון אײַך, פֿרעגער, — זאָגט ער — האָב איך שטענדיק גע־האַלטן. וואָס, וואָס, אַ גוטן קאָפּ האָט איר, און מײַן טאַכטער, גלייב איך, זײַנט איר אַן אמתער גוטער פֿרײַנד, אפֿשר דער בעסטער גו־טער פֿרײַנד. אַז נישט, וואָלט איך איצט צו אײַך נישט געקומען.

פֿרעגער שפּרינגט שוין שיִער ניט אונטער.

— איז וואָס זשע? — פֿרעגט ער, נישט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ.

נאָר פּויזנער טוט דערויף נישט מער ווי אַ קליינעם שאָקל מיטן פּנים:

— עט, — זאָגט ער און וואַרט־אָפּ.

ער שמייכלט־צו:

— איר זײַנט שוין גאָר נישט — זאָגט ער — אַזוי יונג ווי אומגעדולדיק...

דאָס וויל ער געבן צו וויסן, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער איז לחלוטין נישט פּאַסיק פֿאַר זײַן טאַכטער, איז ער נאָך עלטער, אַ סך עלטער פֿון איר.

— אין שטאָט — זאָגט ער — רעדט מען צו פֿיל וועגן אײַך און וועגן מײַן טאַכטער. מסתּמא ווייסט איר עס גלײַך מיט מיר. שוין עטלעכע יאָר, אַז מע הערט נישט אויף וועגן דעם צו ריידן. מסתּמא ווייסט איר אויך, אַז צו מײַן טאַכטער האָט די לעצטע צײַט אָנגעהויבן צו פֿאָרן דער יונגער בעריזשינעצער דעסלער, דער אינ־זשעניר דעסלער. און איר זײַנט דאָך מײַן טאַכטערס אַן אמתער גוטער פֿרײַנד, אין דעם גלייב איך... און אַן אָרנטלעכער מענטש זײַנט איר...

נאָר פֿרעגער קאָן שוין מער נישט וואַרטן:

— איז וואָס זשע ווילט איר? — פֿרעגט ער און הייבט זיך מיט אַ מאָל אויף פֿון אָרט — וואָס דאַרף איך פֿון אײַערט וועגן טאָן?

נאָר פויזנער איז רויִק. ער שמייכלט־צו:

— כּדי אין שטאָט זאָל מען אויפֿהערן צו ריידן וועגן אײַך און וועגן מײַן טאָכטער, בעט איך אײַך, אין מײַן נאָמען און אין נאָמען פֿון מײַן ווײַב און פֿון מײַן טאָכטער, איר זאָלט אויף אַ חדשים פֿינף־זעקס אַוועקפֿאָרן פֿון ראַקיטנע.

— אין נאָמען פֿון אײַער ווײַב און פֿון אײַער טאָכטער?...

נאָר וואָס אַזוינס איז פּלוצעם געשען מיט פּרעגערן? וואָס האָט אים מיט אַ מאָל אַזוי אָפּגעבריט? ער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער. ער האָט געגעבן אַ שטײַפֿן דריק־צו די פּענסנע און דער נאָז און געשווינד גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק איבערן חדר. אַקאָרשט, אין אַ ווײַלע אַרום, ווען פּויזנער איז שוין פֿון זײַן צימער געווען אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך פּלוצעם אין עפּעס דערמאָנט. ער איז געשווינד אַרויס אין הינטערהויז צום אָפֿענעם טויער און האָט פֿון דאָרטן גענומען נאָכשרײַען פּויזנערן אויף אַ קול:

— הערט, איר זײַנט אַן אומגעוויינלעך אײדעלער מאַן, איר מיט אײַער ווײַב און מיט אײַער טאָכטער, אַן אומגעוויינלעך אײדע־לער מאַן...

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט פּרעגער אָפּגעפּראַוועט אַ פֿריילעך שנעפּסל בײַ זיך אין צימער. פּרעגער אַליין האָט שוין דעמאָלט אַפֿילו דאָס פֿאָרהענגל נישט אַראָפּגעלאָזן און דאָס אָפֿענע פֿענצטער ניט צוגעשלאָסן, אַזוי גלײַכגילטיק איז ער געווען צו אַלץ, וואָס גאַנץ ראַקיטנע וועט אים זאָגן. דער עיקר איז בײַ אים געווען, ס'זאָל זײַן פֿריילעך.

— איר זיצט אויף אַ הויכן אָרט! — האָט ער געשריגן צו שאולקע שנײַדער, צו שאולקע הפֿקר־יונג, וואָס מאָנט־אײַן זאָל־קער דעם אַגענטס חובֿות בײַ די אָרטיקע שנײַדערס — צוריק מיט אַ פּאָר טעג איז דאָ, אויף אײַער אָרט, געזעסן עזריאל פּויזנער אַליין.

און אַלע אַרום טיש האָבן דערפֿון פֿריילעך געלאַכט, כאָטש קיינער האָט אויף קלאָר ניט פֿאַרשטאַנען, אין וואָס סע באַשטייט דער אויפֿטו. זאַלקער, דער בעריזשינעצער אַגענט פֿון זינגערס ניי־מאַשינען, האָט געלאָזט פֿרײַ זײַן קליין ייִנגלש רירעוודיק גופֿל. ער האָט פֿריילעך געריבן די הענטלען צו זיך אין די יונג־גרויע וואָנצעס, גלײַך ער האָט דאָ אומגעריכט געטראָפֿן אויף אַן אומגעווייַנטלעך אָנגעלייגטן ברית. נאָר נאָכן פֿערטן גלעזל האָט ער באַקומען אַ סך פֿלעקן אויפֿן שייגעצדיקן רויטן פּנימל און אויפֿן פֿעסטן, נאָך מער רויטן קאַרק, און האָט זיך ברייטלעך אָפּגעוואָרפֿן צום ווענטל פֿון שטול.

— אַזוי ווי איך בין אַ ייִד, פּרעגער! — האָט ער געזאָגט — קומט צו מיר פֿאַר אַ שותּף, לאָמיך קרענקען, אויב איר וועט נישט פֿאַרדינען פֿינף מאָל אַזוי פֿיל ווי נעבן די באַלעבאַטישע שרצים אין תּלמוד־תּורה.

דערויף האָט פּרעגער געענטפֿערט מיט אָנגיסן אַלעמען נײַע פֿולע גלעזלעך:

— לחיים! — האָט ער געזאָגט — זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער געהויבענע און לײַטישע באַלעבאַטים.

און בײדע זײַנען דערפֿון אַרויס פֿון די כּלים, סײַ זאַלקער דער אַגענט און סײַ שאולקע שנײַדער. אָט דער ראַקיטנער הפֿקר־יונג מיט דער ציגײַנעריש שוואַרצער טשופּרינע אויפֿן קורצן שטערן און מיט די היפּשע פּלוידערדיקע אויגן איז קוים אײַנגעזעסן פֿון פֿרייד. ער איז צו מיטן פֿולן גלעזל אין האַנט צו זײַנוול פּאָטשטער, וואָס קוקט די גאַנצע צײַט אַרײַן דורך דער אָפֿענער טיר פֿון קאָ־רידאָר, און האָט זיך גענומען שווערן, אַז אין פּרעגערן האָבן אַלע פּראָסטע מענטשן אַ טאַטן, דאָ, אין ראַקיטנע. „אַן אמתן גוטן ברו־דער, ווי איך בין אַ ייִד... און עפּעס קאָפּ, האַ? פֿאַרשטייט אין די קליינע אותיעלעך...“

דעמאָלט האָט זײַנוול פּאָטשטער אַ הייב געטאָן די באָרד, זיך פֿאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס און אַרויסגעלאָזט דעם רויך הויך צום

באַלקן. ער איז געווען אַ רויטלעכער, אַ גבֿר אַ ייִד. אין דער יוגנט האָט ער געמסרט דרײַ ייִדן, איבערגעטראָגן אויף זיך אַ פֿינפֿיאָריקן חרם און איז געוואָרן ווי אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער שטאָט. פֿון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן אַ שטײַפֿער שווײַגער; געשמייכלט צו זיך אין דער רויטער באָרד, וואָס הייבט־אָן גרוי ווערן, און מער גאָר; געשטאַנען לאַנגע זומערטעג אָנגעשפּאַרט אינעם גרויסן טויער פֿון זײַן אַכסניהדיקן הינטערהויז, געפּיפּקעט פֿון דעם לאַנגן הילצערנעם ציגאַרשפּיץ, געוואַרט אויף זײַנע צען פֿערד־און־בודקעס, וואָס צעפֿירן דעפּעשן אין דער אַרומיקער געגנט, און געדענקט, אַז ער האָט אַמאָל געמסרט דרײַ ייִדן. פֿון פּרעגערן, זײַן קוואַרטיראַנט, האַלט ער פֿון תּמיד אָן, אַ וועלט האַלט ער פֿון אים. נאָר ער שווײַגט; ער ווייסט נישט, ווי אַזוי וועגן דעם צו ריידן. פּלוצעם דרייט ער זיך אַוועק פֿון קאָרידאָר צו זיך אין די חדרים, קערט זיך אום פֿון דאָרטן מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט אין די שבתדיקע לײַכטער און שטעלט זיי אַוועק נעבן פּרעגערן אויפֿן טיש. צי מיינט ער מיט דעם די שׂמחה, דאָ אין חדר, צו פֿאַרגרעסערן? צי אפֿשר וויל ער נאָר, מע זאָל דאָ אים, זײַנוול פּאָטשטערן, באַמערקן?

— זײַנוול! — שרײַט זאַלקער דער אַגענט — אַ קרענק אין דײַנע ביינער! זעץ זיך אַנידער און טרינק.

— וואַרט! — שרײַט־אויס פּרעגער אינעם צעכראַסטעטן בלויזײַדענעם העמדל מיטן פֿולן קעלישיק אין האַנט.

ער וויל שטייענדיק האַלטן אַ קליינע רעדע וועגן דעם פּינטעלע מענטש: ווו איז דאָס געבליבן? נישט מער, ווי אינעם פּשוטן גוטן ברודער, אינעם אַגענט פֿון זינגערס נײ־מאַשינען, אין שׂאולקע הפֿקר־יונג און אין זײַנוול מסור. נאָר זאַלקער שלאָגט אים איבער די רייד. ער געפֿינט פּלוצעם אונטערן טיש אַן איבעריקן פֿוס אין אַ לאַקירטן שטיוול און וויל וויסן, וועמענס איז ער: זײַנער צי שאולקע שנײַדערס. דער פֿוס אינעם שטיוול, לאָזט זיך אויס. איז שאולקעס. נאָר זאַלקער לאָזט אים נישט אָפּ; ער וויל, אַז שאולקע

זאָל די מינוט זינגען „כּבֿקרת"; ער קײַכט פֿון געלעכטער. אַ ייִדענע אין געסל קראַצט זיך מיטן אַרויסגעשלעפּטן זאָקן־שפּיזל אין קאָפּ און הערט, ווי שאולקע זינגט און רײַסט זיך איבער, און אַ פּאָר ייִנגלעך קוקן־אַרײַן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער: זיי שטייען אויף די שפּיץ באָרוועסע פֿיס און האַלטן זיך אָן מיט די הענטלעך אין דער שאַלעוואַניע[20]. וואָס קומט דאָרטן פֿאָר, אין חדר? ס'איז דאָרטן אָנגערויכערט און הייס; ס'ברענען אויפֿן טיש צווישן פֿולע און לײדיקע פֿלעשער צוויי ליכט; און שאולקע שנײַדער שלאָגט זיך מיט ביידע פֿויסטן אין האַרץ און וויינט, הלמאי זאַלקער האָט אים נישט ליב: „ווי איך בין אַ ייִד! — וויינט ער — ער מיינט, אַז איך דין בײַ אים פֿאַר געלט, מיינט ער, און איך האָב אים ליב... אָט זאָל איך נישט פֿאַרמאָגן, וואָס אָט דער קעלישיק בראָנפֿן באַטרעפֿט. און אײַך, פֿאַני פרעגער, די נשמה, ווי איך בין אַ ייִד. אָט פּרוווט, זאָגט אַ וואָרט..."

*

נאָך אָט דעם געוויינלעכן חבֿרשן טרונק בײַ זײַנוול פּאָטשטער אין זײַטיקן חדר איז פרעגער בײַ אַ וואָך צײַט אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאַליע געוואָרענעם האַלדז און האָט גערעדט הייזעריק, ווי אַ שטיק האָלץ, ווי נאָך אַ הולקע אויף אַ לאַנגער גוט־ייִדישער חתונה. אין דרויסן האָט דעמאָלט גערעגנט. בײַ דרײַ מעת־לעת כּסדר איז די שטאָט געשטאַנען פֿאַרקילט, פֿינצטער און פֿיטשנאַס. מע איז געגאַנגען אין גאַס מיט פֿאַרקאַשערטע הויזן אין קאַלאָשן; מע האָט געטראָטן מיט די פֿיס אין בלאָטע, פֿול מיט אָפּגעריסענע גרינע בלעטער. און אַז דער רעגן האָט אויפֿגעהערט, זײַנען ווי אויף שטענדיק הענגען געבליבן די פֿײַכטע שוואַרצע וואָלקנס, די קילקייט מיטן ווינט. ער האָט געפֿײַניקט דעכער און שטאַרק צעשאָקלטעביימער, אָט דער ווינט. ער האָט געטריבן וואָלקנס און האָט פֿאַרפֿינצטערט מיט זיי די לופֿט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער היי־

---

[20] פֿענצטערראַם.

סער זומער איז אין זײַן אָנהייב אַוועק אויף אייביק; ער וועט מער קיין מאָל נישט קומען צוריק.

אין יענע קילע טעג האָט דער פֿאַרוואַלטער פּרעגער פֿאַרענדיקט זײַן לערן־סעזאָן אין תּלמוד־תּורה און אַליין האָט ער שוין ווידער געהאַלטן אין איין צושטיין צו כײַקע דער דינסט פֿון אײַנפֿאָרהויז און אין איין זאָגן, אַז זי געפֿעלט אים, און אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן, אויף צו להכעיס גאַנץ ראַקיטנע, חתונה האָבן.

די רירעווודיקע כײַקע מיט די פּאָר האָרעפּאַשנע ברייטע הענט איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אויסגעפּוצט, ווי אַ כּלה־מיידל, און די באַלעבאָסטע, אַ קראַנקע ייִדענע, אַן עגונה, האָט זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַז די מויד האָט דאָס געגנאַר. „זי האָט שוין אויפֿגעהערט אַפֿילו רוימען אין די צימערן, די מויד״.

נאָר כײַקען איז דאָס ווינציק אָנגעגאַנגען. זי אַליין האָט געזאָגט, אַז אין פּרעגערן האָט זי אַזאַ אמונה פּונקט ווי אינעם צלם: „אַז פּרעגער — האָט זי געזאָגט — רעדט און דער הונט אין דרויסן בילט איז בײַ מיר אַלץ איינס״.

פֿון דעסט וועגן האָט זי זיך אַלע פֿאַר נאַכט אויסגעפּוצט און איז אַלע מאָל געלאָפֿן אַ קוק טאָן, צי פּרעגער וואַרט נישט אויף איר בײַם פֿאַרקאַן, אונטערן טויער. פּרעגער האָט דאָרטן אין דער פֿינצטער געקאָנט אָפּשטיין מיט איר גאַנצע שעהען, ווי אַ פֿאַרעבאָק[21] מיט אַ שיקסע, גלעטן איר די הענט און איר אײַנריידן, אַז אַז נאָך דער חתונה וועלן זיי אַ גאַנצן זומער אָפּווינען אין עקסטן עק שטאָט, אויף דער זון, בײַ אַ גוי אין אַ שטיבל, און כײַקע וועט דאָרט האָבן אירע הינדעלעך און וועט זיי שיטן פּראָסע. „נו, — האָט ער בײַ איר געפֿרעגט — ווי געפֿעלט עס איר, כײַקען?״

דערויף האָט אים כײַקע געענטפֿערט מיט אַ פֿרײַנדלעכן קוק, מיט אַ רייצנדיקן שמייכעלע און מיט אַ פֿײַערל אין די יצר־הרע־

---

[21] הויף־משרת, דינער בײַ אַ פּריץ.

איגעלעך: „פּרעגער, — האָט זי דאָרטן אים געענטפֿערט — דער רוח זאָל אײַך וויסן, פּרעגער...‟

## 10

חווה פּויזנער האָט זיך אומגעקערט פֿון קרײַזשטאָט פּונקט פֿרײַטיק, ערבֿ שבֿועות, און אויף איר פּנים איז גאָר נישט געווען קענטיק; מע האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זי וועט סוף־כּל־סוף חתונה האָבן פֿאַר דעסלערן, צי ניין.

פֿאַר נאַכט איז זי, ווי איר שטייגער, געזעסן אויף די טרעפּלעך פֿון דער געשלאָסענער קלייט, און אין איינעם מיט איר איז דאָרטן געזעסן אַנשל צודיק, אַ דרײַסיק־יאָריקער וווקסיקער בחור, אַן אָרטיקער פּיקח, וואָס האָט שוין איין מאָל געדרוקט מאַמרים אין אַ העברעיִשן זשורנאַל און האָט זיך נישט לאַנג אומגעקערט פֿון פּאַלעסטינע. געזעסן איז דאָרטן אויך דער רײַכער און שטילער סטודענט, דער מאַדאַם בראָמבערגס פֿרעמדשטאָטישער קרובֿ. אַך, יאָ, אָט דער רײַכער און שטילער סטודענט — אים איז, אַ פּנים, געווען אַלץ איינס, צי חווה פּויזנער וועט חתונה האָבן פֿאַר דעסלערן, צי ניין. דער עיקר איז געווען, ער זאָל דאָ נעבן איר קאָנען רויִק זיצן און רויִק רייכערן די פּאַפּיראָסן פֿון זײַן שיינעם זילבערנעם פּאָרטציגאַר. ער האָט זיך דאָ מיט פֿאַרגעניגן באַקאַנט מיט חווה פּויזנערס אַלע באָענטע און איז יעדן פֿון זיי געווען אַ האַרציקער גוטער פֿרײַנד. דער עיקר איז געווען, אַז חווה זאָל מער נישט אַוועקפֿאָרן און אים מער נישט לאָזן זיך אַרומדרייען דאָ איינעם אַליין. וואָס איז שײַך צו געדרוקטע מאַמרים, האָט ער אַמאָל געשריבן אין דער גרויסער רוסישער קאָמערצישער צײַטונג, וואָס זײַן רײַכער פֿאָטער האָט אין דער גרויסער און ווײַטער שטאָט סובסידירט. אַ שאָד נאָר, וואָס אַנשל צודיקס מאַמרים זײַנען געשריבן אויף העברעיִש, אויף אַ שפּראַך, וואָס דער סטודענט פֿאַרשטייט

נישט. „נאָר אפשר געפינען זיך ביי צודיקן אייניקע איבערגע־זעצטע זאַכן". ער וועט זיי מיט פאַרגעניגן דורכלייענען.

זיין באַציִונג צו גאַנץ ראַקיטנע איז געווען ווי צו אַ שטאָט, וואָס באַשטייט בלויז פון איין משפּחה; אַלע איינוווינערס קערן זיך אָן קרובים. און אָט איז ער, דער פרעמדער און רייכער סטודענט, אַן אָפּגעריסענער אבר פון עפּעס אַ גרויסער ווייטער שטאָט: ער האָט זיך צו ראַקיטנע צוגעשאַרט און איז שוין געוואָרן אַן אַלגע־מיינער קרובֿ, אַלעמענס אַ פריינטל. אַלע רופן אים ביי זיין פּשוטן נאָמען. „באָרי, זאָגט מען, אָט איז דורכגעגאַנגען באָרי".

אַז חווה פויזנער איז נישט געווען אין דער היים אָדער זי איז געשלאָפן שפּעט אויפן טאָג, איז ער געגאַנגען זיצן צו חנהקע ליו־בער אַהיים און האָט דאָרטן לאַנג געקוקט אויף מלכס מיניאַטור־קליינער סטאַטועטע. „אַ שאָד! — האָט ער געזאָגט — פון אָט דער סטאַטועטע וואָלט אפשר נאָך עפּעס געווען געקאָנט אַרויס".

אים האָט באַנג געטאָן, וואָס מלך איז אַזוי יונג געשטאָרבן, און גערעדט האָט ער וועגן דעם אָפּט, אָפּט. גערעדט האָט ער וועגן דעם אויך איצט, זיצנדיק מיט חווה פויזנער און מיט צודיקן אויף די טרעפּלעך. חווה פויזנער איז אָבער געווען פאַרטראַכט. זיצנדיק אויף די טרעפּלעך האָט זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט די קני, אַזוי, זי זאָל קאָנען אָנשפּאַרן אויף זיי דעם קאָפּ, און האָט באַוווּנדערט ראַקיטנע: „ווען מע רעכנט־צו די אַלטע שטאָט צו דער נייער, פאַר־מאָגט ראַקיטנע ביי ניין טויזנט איינוווינערס; פון דעסט וועגן האָט זי ביז איצט נאָך נישט אַרויסגעגעבן קיין איין אינטערעסאַנטן מענטשן".

זי האָט דערביי געהאַלטן אין איין שמייכלען און אין איין קוקן אויף אַנשל צודיקס וואָלוועלן פּאָוער [22]. מעגלעך, אַז זי האָט עס געזאָגט נאָר אים אויף צו פּיקעניש. זי האָט נישט געהאַלטן פון יידישע יונגע לייט. נאָר צודיק איז געווען ביי זיך צו געדולדיק,

[22] אָנטועכץ.

אַז דאָס זאָל אים נעמען. ער האָט אַ פּאָר יאָר געלערנט אין ביירוט. חוץ דעם האָט ער אין פּאַלעסטינע פּערזענלעך געקענט ברענערן און נאָך אייניקע אָנגעזעענע מענטשן. אַלעמען האָבן דאָרטן פּאַר־אינטערעסירט זײַנע מאַמרים, נאָר נישט דאָ איז געווען דאָס אָרט וועגן דעם צו ריידן. אויב ער איז אָפּט געגאַנגען צו חווה פויזנער אַהיים און איז אָפּט געזעסן מיט איר דאָ נעבן דער געשלאָסענער קלייט אויף די טרעפּלעך, איז דאָס געווען נאָר דערפֿאַר, וואָס זי איז אַ שיין מיידל, חווה פויזנער האָט עס סוף־כּל־סוף באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין אָן לשון, פּשוט פֿונעם קרומען שמייכל, וואָס בײַ אים אויף די ליפּן:

— Так [23] — האָט געזאָגט אַנשל צודיק און דער שמייכל אויף זײַנע ליפּן איז נאָך געוואָרן אַ ביסל קרימער.

דער שמועס אָבער האָט זיך שוין ווידער געהאַט געדרייט אַרום דעם געשטאָרבענעם מלכּן און אַרום חיים־משהן. „וואָס טוט ער דאָ, חיים־משה?״ און „פֿאַר וואָס האָט אים מלך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און אַזוי אָפּט וועגן אים גערעדט? און „פֿאַר וואָס פֿילט זיך, אַז חיים־משה מיט מלכּן זײַנען געווען מאָדנע נאָענטע, ווי איין מענטש: עפּעס ברידער און נישט ברידער?״ און „מיט וואָס באַשעפֿטיקט ער זיך בכלל, חיים־משה?״

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאַדאַם בראָמבערגס קרובֿ, דער סטודענט, ווייסט שוין עפּעס אויך וועגן חיים־משהן; חיים־משהן קען ער פֿון דער גרויסער שטאָט, ווו עס האָט געענדיקט דער אָרעמער דאָקטער גראַבײַ; חיים־משה איז אַ כעמיקער, אַן אינזשעניר. „פֿאַר וואָס גראָד אַ כעמיקער? ס׳איז שווער צו זאָגן. ער האָט בכלל אַן אומגעוויינלעך גוטן קאָפּ און קען אויסגעצייכנט מאַטעמאַטיק, אַזוי זאָגט דער דאָקטער גראַבײַ; ער איז אַן אָפּגעלאָזענער. אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט שוין געוויס ביז איצט געווען באַרימט. נאָר וואָס ס׳איז שײַך צו זײַנע פֿאַרדינסטן, גיט

---

[23] אַזוי (איז עס).

ער, דאַכט זיך, אוראָקן[24] פֿון מאַטעמאַטיק און האָט אָפּגעדרוקט סך־הכּל צוויי ביכער, וואָס סטודענטן ניצן פֿאַר די עקזאַמענס, און איז לחלוטין נישט רײַך". דער סטודענט געפֿינט אויך, אַז די הונדערט רובל, וואָס ער האָט נישט לאַנג געגעבן פּעסל זאַליוואַנסקי, זײַנען פֿאַר אים אַ צו גרויסע נתינה. ער קען ריידן וועלטלעך, אָט דער סטודענט, און איז, ווי־עס־זעט־אויס, בטבֿע נישט קיין שלעכטער. „יעדן פֿאַלס — זאָגט ער — איז הונדערט רובל לחליטין נישט לויט זײַן באַשטאַנד". און אַלע הערן עס מיט אינטערעס. מע שווײַגט אַ ווײַלע און מע רעדט ווידער. „וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען מלך לעבט און קומט איצט צו אַהער, צו די טרעפּלעך?"

און אַלעמען וווּנדערט, וואָס אָט די פֿראַגע גיט־אויף דווקא זי, חוה פּויזנער. צי הייסט עס נישט, אַז צווישן איר און מלכן איז ווירקלעך אַמאָל עפּעס פֿאָרגעקומען? צי הייסט עס נישט, אַז ווען מלך לעבט איצט און גייט אַהער צו, וואָלט זי געבעטן צודיקן מיטן סטודענט אַוועקגיין און וואָלט מיט אים געבליבן דאָ זיצן ביז אַ שפּעטער שעה נאָך אַ האַלבער נאַכט?

*

בײַ חוה פּויזנער איז די שטימונג פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער אויפֿגערעגט און פֿריילעך אויפֿגערייצט. אַלע פֿאַר נאַכט איז זי געזעסן נעבן דער געשלאָסענער קלייט אויף די טרעפּלעך, און וואָס מער טונקעלער דער פֿאַרנאַכט איז געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיך געלויכטן און געגלאַנצט אירע היפּשע, כּמעט בולטע אויגן. איר גאַנץ אויסזען איז געווען אַזאַ, גלײַך זי האָט אַלע יאָרן געוואַרט אויף איינעם אַ מאָדנע אָנגעלייגטן גאַסט. און אָט איז שוין שבֿועות; ס'איז פֿאַר נאַכט; די גאַס איז צוגעקערט. זי איז אָנגעטאָן. און דער גאַסט איז נאָך אַלץ נישטאָ... זי האָט מער דעסלערס נאָמען נישט דערמאָנט.

דערצו נאָך האָט זי געהאַלטן אין איין אַרומגיין מיט וויזיטן.

---

[24] פּריוואַטע לעקציעס.

זי איז געקומען צום דאָקטער גראַביי און האָט זיך פֿאַר אים געקלאָגט אויפֿן קלינגען, וואָס זי הערט שעהען־לאַנג אין לינקן אויער. דאָס איז געווען אַרום פֿינף אַ זייגער בײַ טאָג. דער מיטל־וווּקסיקער ציגײַנעריש שוואַרצער דאָקטער האָט זיך נאָר וואָס מידערהייט געהאַט אומגעקערט פֿונעם זעמסקי[25] שפּיטאָל, ווו ער אַרבעט טאָגטעגלעך פֿון אין דער פֿרי אָן, און בײַ אים, אין ווײַס געקאַלכטן נײַעם הויפֿל, איז געווען שטאַרק הייס פֿון זון, וואָס פֿאַרגיסט עס אַ גאַנצן טאָג, און פֿון דאָקטערשער טרוקנקייט. זי האָט דאָרטן דעם דאָקטער גלײַך באַוויזן דעם קליינעם געטאָקטן אויער אירן; ער איז געווען שטאַרק רויט און האָט געברענט ווי אַ העליש פֿײַער; ער האָט פּונקט געשמעקט, ווי אירע האָר, ווי אירע קליידער. נאָר דער דאָקטער גראַביי האָט איר אין אויער אַפֿילו קיין קוק נישט געוואָלט טאָן און האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָר נישט; דאָס לאָזן איר גריסן אַלע זיידעס, גוטע ייִדן, פֿון איר מוטערס צד, און מער גאָר: „ס'איז נעכטיקע טעג".

בײַ אָט דעם באַליבטן און שטאַרק אָנגענומענעם ראַקיטנער דאָקטער איז אַלץ געווען נעכטיקע טעג, אַפֿילו דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַן אָנגעזעענער פּאַרטיי־רעדנער ערגעץ ווו אין דער גרויסער שטאָט, ווו ער האָט געענדיקט, און איצט דערמאָנט דאָרטן קיינער נישט זײַן נאָמען; אַפֿילו דאָס, וואָס אים האָט צוריק מיט אַ היפּש שטיקל צײַט אַוועקגעוואָרפֿן זײַן אומגעווײנלעך שיינע פֿרוי, די גערימטע פֿאַרשוין, און האָט אים דאָ, אין ווײַס געקאַלכטן, מיט זון פֿאַרגאָסענעם הויפֿל, געלאָזט איינעם אַליין מיטן קליינעם געראָטענעם מיידעלע און מיט דער אויסגעמוטשטירטער גויִשער דינסט. „ס'איז נעכטיקע טעג", האָט געזאָגט דער דאָקטער גראַביי. דערבײַ האָבן געשמייכלט זײַנע יונגלעכע גרויע אויגן און די פֿיל קנייטשן אַרום זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַזאַ מינע, גלײַך זיי ווילן וועגן זיך זאָגן: „קלוג ווי טויזנט רוחות אײַער דאָקטער גראַ־

[25] פֿון דער מלוכה (אין צאַרישן רוסלאַנד).

ביי, האַ? האָט נאָר אויף אונדז נישט קיין רחמנות". און כּדי קיינער זאָל אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן; כּדי חווה פֿויזנער זאָל נישט טראַכטן, אַז אויפֿן פֿערציקסטן יאָר פֿון זײַן דאָקטערשן לעבן נייטיקט ער זיך שטאַרק אין שלאָפֿן בײַ טאָג, האָט ער זיך אָנגעטאָן כּוח און איז חווה פֿויזנערן געגאַנגען באַגלייטן. ער האָט בריהש געוויגט זײַן שווערלעכן און מידן קערפּער אויף די קורצע און פֿעסטע רעסאָרנדיקע פֿיסלעך און האָט געהויבן מיט חסד די שליאַפּע אַלע מאָל, וואָס אים האָבן זיך געגריסט זײַנע אָרטיקע פּאַציענטן־חסידים. ער האָט זיי ווי נישט באַמערקט, אָט די חסידים זײַנע, נאָר דאָך געענטפֿערט אויף זייערע גרוסן. אין די אויגן האָט ער געטראָגן אַ טרוימערישע מידקייט, אַ לאַנגאָנענדיקע און פֿאַרנעפּלטע, ווי דאָס גאַנצע מזלדיקע לעבן זײַנס, פֿון דעם באַליבטן און אויף דער גאַנצער געגנט באַוווּסטן דאָקטער. און אַז ער האָט אין מיטן וועג באַגעגנט חיים־משהן, האָט ער זיך מיט אים אָפּגעשטעלט, נישט קוקנדיק דערויף וואָס חווה פֿויזנער איז מיט אים נישט געווען באַקאַנט: „אָט איז נאָך איינער", האָט ער אַ טײַטל געטאָן אויף חיים־משהן מיטן פֿינגער און האָט אַ שמייכל געגעבן מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זײַנע לענגלעכע גרויע אויגן; גלײַך אויך פֿאַר אים, חיים־משהן, פֿילט ער זיך פֿון אַמאָל פֿאַר עפּעס שולדיק און וויל, ער זאָל אויף אים קיין רחמנות נישט האָבן.

— באַקענט זיך! — האָט ער באַלד צוגעגעבן.

ער האָט צעטראָגענערהייט פֿאַרלייגט די הענט אַרונטער, אונטערן ווײַסן זומערדיקן רעקל און האָט גלײַך גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער, דער דאָקטער גראַביי, האָט אַמאָל פֿינף יאָר נאָך אַנאַנד, נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, דעם סטודענטישן סורדוט מיטן סטודענטישן הוט נישט אויסגעטאָן און האָט געהאַלטן איין גלענצנדיקע רעדע נאָך דער צווייטער. זײַן פּאַרטיי איז דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, געווען די שטאַרקסטע. געדענקט ער, ווי הײַנט, איינעם אַ טאָג. „דער גרויסער דיסקוסיאָנס־טאָג האָט מען אים גערופֿן". דאָס איז געווען יום־כּיפּור, אַ פֿאַרשפּעטיקטער זומער־

טאָג, וואָס בריט ווי אין תּמוז. גרויסשטאָטיקע שולן זײַנען איבערגעפּולט און די שולהויפֿן נאָך מער. אינעווייניק שרײַען טאַטעס דעם אַלטן „ונתנה תּוקף״ און אין די פֿול געפּאַקטע הויפֿן דיסקוטירט יונגוואַרג. אים, דעם דאָקטער גראַביי, פֿירט מען דעמאָלט אַרום פֿון איין שולהויף אין צווייטן, מע טוט אים גלײַך אַ הייב אויף די הענט, און ער רעדט. ער טראַכט שוין לחלוטין נישט וועגן אינהאַלט, אַזוי פֿיל מאָל האָט ער שוין זײַן רעדע איבערגעחזרט און זיך איבערגעצײַגט, אַז זי קלעפּט זיך און ווירקט. און אומעטום, אין יעדן שולהויף, באַגעגנט ער זיך דעמאָלט מיט די אויגן פֿון אָט דעם (דער דאָקטער גראַביי האָט נאָך אַ מאָל אַ טײַטל געטאָן אויף חיים־משהן און ווידער אַ שמייכל געטאָן מיט אַלע קנייטשן אַרום די אויגן): איז אָט, נאָך דעמאָלט, האָט ער, דער דאָקטער, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַשלאָסן: „ער דאַרף זײַן נישט קיין נאַר, אָט דער רויטלעכער יאַט״.

וואָס האָט געוואָלט דער דאָקטער? צי האָט ער געמיינט פּשוט חיים־משהן פֿאַר חווהן אין די אויגן אַ חניפֿה טאָן? צי אפֿשר איז דאָס שוין געווען נישט מער ווי איינער פֿון זײַנע מאַנירן: אַ מאַניר אויף צוצוציִען דאָ, אין ראַקיטנע, חסידים צו זיך, דעם געלונגענעם דאָקטער גראַביי, און מאַכן פֿאַרגעסן אַלעמען אין דער מידקייט, וואָס ער טראָגט שוין מיט זיך, און אינעם ווײַב, דעם פֿאַרשוין, וואָס האָט אים, נישט קוקנדיק אויף אַלע זײַנע מעלות, אַוועקגעוואָרפֿן...

*

חיים־משה האָט זיך געפֿילט שלעכט. ער האָט נישט געוווּסט פֿון וואָס צו זאָגן. ער איז נאָר וואָס געקומען פֿון יוואַלד, ווו ער האָט געהאַט אַ געלונגענעם טאָג, אַ געלונגענעם און אַ צעטראָגענעם אַ ביסל. ער האָט געשריבן. און איצט האָט ער פּלוצעם, צום ערשטן מאָל, דערזען חווה פּויזנער אַזוי נאָענט נעבן זיך. ס'איז געשען אַ נס: אַ גאַנצן פֿרימאָרגן האָט ער געטראַכט וועגן איר און וועגן מלכן און איצט, בײַם אָנקומען אין שטאָט אַרײַן, האָט ער זי גלײַך

דערזען. איר שטאַלטנע בייגיקע פיגור איז, ווי תּמיד, געשטאַנען אויף די הויכע שיכקאָרקעס אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי אויף שטאָלצן, נאָר די אויגן אירע זײַנען שוין גאָר נישט געווען אַזעלכע בולטע ווי דאָס האָט זיך פון ווײַטנס געדאַכט; זיי זײַנען גאָר געווען גרויס און איבערגעשפיצט קלוג ערגעץ ווײַט אין דער טיפּסטער מיידל־טיף זייערער, און איטלעכס מאָל, וואָס זיי האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער געמוזט אָפּווענדן זײַן פּנים אין אַ זײַט, אַזוי שטאַרק האָבן זיי אים דערמאָנט אין זיך, חיים־משהן, אינעם ערשטן טאָג פון זײַן קומען קיין ראַקיטנע, אינעם געשטאָרבענעם מלכן, און אַפילו אינעם לעמפּל, וואָס זי האָט מלכן אָנגעצונדן אויפן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט. „מלך איז אַמאָל געשטאַנען נאָענט צו אַרבע־טער? האַ?“

חיים־משה האָט זיך מיט אַ מאָל ווי אויפגעכאַפּט. און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען, אַז דאָקטער גראַביי איז פאַרטראַכט, אַז אַלע דרײַ שפּאַנען זיי אין איין שורה אַראָפּ־גאַס צום מאַרק, און אַז די ווערטער „מלך איז אַמאָל געווען נאָענט צו אַרבעטער“, האָט בײַ אים געפרעגט חווה פויזנער; זי האָט זיי אַ זאָג געטאָן מיט אַ כּיוון, אַ פּנים, מיט אַ ווילן אים צו פאַרווונדערן און אים בשעת־מעשׂה אַ פאַרש טאָן מיט די אויגן.

— יאָ — האָט ער איר מאָדנע וואַכעדיק געענטפערט און האָט זיך צו איר נישט אומגעקערט — מלך איז דערפאַר געווען צוויי יאָר פאַרשיקט.

— נו, און נאָך דעם? נאָך דעם האָט ער זיך באַזעצט אין ראַ־קיטנע?

— נאָך דעם? — איצט האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן — נאָך דעם איז מלכן געווען אַ בזיון, וואָס ער איז שיִר, שיִר ניט געוואָרן אַ גרויסער מענטש.

און פּלוצעם האָט ער דערפילט אַן אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, מיט דעם וואָס ער ענטפערט צו פיל וואַכעדיק און צו פיל קלוג, אַן אומצופרידנקייט וואָס זײַן געפיל צו איר, חווה פויזנער,

איז שוין אַזאַ לאַנגאָנעדיקס און אויסגעשטאַנענס, אַ געירשנטס פֿון מלכן און אַן איבערגעחזרטס וויפֿל מאָל אין חלום. ער האָט דער־זען, ווי ס׳קומט־אונטער דער מאַדאַם בראָמבערגס קרובֿ, דער סטודענט, האָט ער זיך וואָכעדיק געזעגנט און האָט זיך אומגעקערט אַן אומצופֿרידענער צוריק מיט דער גאַס צו מלכן אין שטיבל. וואָס טוט ער אייגנטלעך דאָ, אין ראַקיטנע? ער וויל דאָ פֿאַרענדיקן זײַן אָנגעהויבענע זאַך און מער גאָר. ער וויל דאָ אָפּוווינען אַ פּאָר חדשים בײַ יצחק־בערן אין וואַלד און אויספּרוּוון, צי ער איז פֿעיִק אָפּצוטאָן איינעם אַן ענין... ער וועט אים שוין גאָר אין גיכן אויס־פּרוּוון, אָט דעם ענין... נאָר אָט האָבן פֿון מלכס מוטער דער אַלמנה אָנגעהויבן אָנקומען זייער אומרויִקע בריוו; מע רײַסט דאָרטן פֿון איר די הויט אין דער לײַ־ און שפּאָרקאַסע, ווו זי האָט פֿאַר מלכן די עטלעכע רובל געלייזט, און אויף אים, חיים־משהן, ליגט שוין אויך אין דעם זין אַ שטיקל חובֿ; ער מוז פֿריִער איבערשרײַבן אַלץ, וואָס אין אַפּטייק־מאַגאַזין איז געבליבן, און צוּען זיך אַ קונה אויפֿן אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן איידער ער ענדיקט זײַן זאַך.

*

ער האָט געאַרבעט רעגלמעסיק אַלע בײַ טאָג אַקעגן אַ פּאָר שעה בײַ מלכן אין קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין, געעפֿנט דאָרטן נישט מער ווי איינעם אַ פֿאָרנטיקן לאָדן און געסאָרטעוועט די סחורות. אָפֿט מאָל האָט ער זיך דאָרטן אויף אַ היפּשער ווײַלע געקאָנט פֿאַר־געסן און זיך מיט גרויס אינטערעס נעמען גראַבלען אינעם צווייטן קלענערן חדרל צווישן די פּאַפּירן בײַ מלכן אין שופֿלאָד; געלייענט איין בריוו נאָכן צווייטן, גענישטערט, געזוכט און ווידער געלייענט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חווה פּויזנער האָט איין צײַט געשריבן מלכן בריוו פֿון אומעטום, ווו זי איז געפֿאָרן. מלך איז דעמאָלט אין זײַן גראַד געווען אַ קליינער קייסער. נאָר חווה פּויזנער האָט דאָך אין יעדן בריוו אירן פֿאַרדרייט איר חתימה אַזוי, אַז קיין בן־אָדם זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז זי האָט זיי געשריבן; גלײַך זי וואָלט

נישט גלייבן איר אייגענער איבערגעגעבנקייט צו אים און וואָלט מורא האָבן, אַז אָט די בריוו זאָלן איר שפּעטער ניט שאַטן. נאָר אויב אַזוי, איז מלכס גאַנצע חתן־ווייכקייט בנוגע צו דער נישט איבעריק שיינער און שווײַגנדיקער עטל קאַדיס שוין געווען נישט מער ווי אַ קונץ אָדער אַ חובֿ־זאַך? ווי אַזוי האָט מען באַדאַרפֿט דערויף קוקן?

איצט איז געווען קלאָר, פֿאַר וואָס חנהקע ליובער האָט זיך אַזוי באַליידיקט דעמאָלט, ווען ער, חיים־משה, האָט איר באַוויזן דעם בריוו מיטן אָפּגעבראָכענעם שטיקל פֿישביין און האָט בײַ איר געפֿרעגט:

— קלערט איר, הייסט עס, אַז דעם בריוו האָט אָנגעשריבן חווה פּויזנער?

—וואַרט — האָט זי בלאַס ווערנדיק איבערגעפֿרעגט — איך האָב דען געזאָגט?

אָט די גבֿירישע, לײַטיש אויפֿגעצויגענע חנהקע האָט געקאָנט בלאַס ווערן און זיך שטאַרק באַליידיקן נאָר דערפֿאַר, וואָס מען איז זי חושד, אַז זי איז פֿעיִק צו ריידן איבעריקס; אַז זי קאָן אויס־געבן אַ צווייטנס אויסבאַהאַלטענע סודות... ס׳האָט מיט אַ מאָל אַ צי געטאָן צו איר דאָס האַרץ; ס׳האָט זיך געוואָלט איבערבעטן זי, פֿאַרפֿירן מיט איר, ווי פֿריִער, אַ לאַנגן רויִקן שמועס און אַרויס־באַקומען נאָך אייניקע קליינִיקייטן, אייניקע איינצלהייטן וועגן מלכן און וועגן עטל קאַדיס. נאָר ווען ער איז געקומען צו איר אַהין, אין עוזר ליובערס רײַכן הויז, האָט ער זי נישט געטראָפֿן אין דער היים; זי איז געווען אַוועקגעפֿאָרן מיטן קליינעם מאָטיקן אין דער אייגענער, רויטער, פֿירגאָרנדיקער בײַטלמיל, וואָס גע־פֿינט זיך אָנדערטהאַלבן וויאָרסט פֿון שטאָט און גרייט זיך איצט אויסצואַרבעטן עלעקטרי פֿאַר גאַנץ ראַקיטנע. עוזר ליובער אַליין האָט זיך נאָך אַלץ געפֿונען אין קיִעוו, פֿון וואַנען ער האָט צוליב דער עלעקטרי איבערגעפּעקלט איין מאַשין נאָך דער צווייטער, און אין הויז איז קיינער, אַחוץ די דינסטן, נישט געווען. בײַ חנהקען

אין צימער, אויפֿן ווײַסן פֿוקס, וואָס נעבן בעט, האָבן זיך געוואַל־גערט דעם קליינעם מאָטיקס אַ פּאָר שפּילכלעך און אויפֿן פֿאַר־פּוצטן טישל איז געלעגן נישט מער ווי דער אַלבאָם, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען, אַז דאָס לעבן איז אַ ים: „אַ ים פֿון ליבע אויס־געטאָקטע קליינינקייטן און פֿון פֿריילעכער פֿאַרהוילענער דאָרשט״.

חיים־משה האָט אים דאָרטן פֿון ס׳נײַ אַ בלעטער געטאָן, אָט דעם אַלבאָם. ער איז דאָרטן געשטאַנען אַ ביסל און האָט זיך אומ־געקערט צוריק אין מלכס קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין.

נאָך דעם איז געקומען נאָך איינער אַ טאָג, אַ נײַער, אַ וואָכע־דיקער און אַ הייסער. אַ לופֿטל אַ בײַטאָגעדיקס שאָקלט פּאַמעלעך אין עק גאַס מיט די יונגע ביימלעך, וואָס זײַנען אַרומגעריזשעט פֿון בהמות און פֿון ציגן, און הײַזער דרימלען אַזוי אין גרויס היץ אָדער אפֿשר באַהאַלטן זיי אין זיך אַ קיל מיט אַ פּאָר פֿרויען, וואָס דרעלעוועט ווײַמפּערלעך[26]. אין שטאָט קומט נישט אָן קיין פֿור.

אַ וואָלקן, אַלע מאָל אַ נײַער, לויפֿט גאָר געשווינד איבערן בלויען הימל, לויפֿט אויך אַ שאָטן אין דער נידער, יאָגט איבער גאָרער לענג פֿון גאַס און איבערן קײַלעכדיקן מאַרק; יום־טובֿדיק גאָלד אַנטלויפֿט און וואָכעדיקער שאָטן יאָגט־איבער. און אויך אַזוי איז שוין דאָרטן בײַ עמעצן אין האַרץ: יום־טובֿדיק גאָלד אַנטלויפֿט און וואָכעדיקער שאָטן יאָגט־איבער. אַ שכנה אין עק גאַס אַרבעט אַ זאָק נעבן די טרעפּלעך פֿון איר שטוב און וואַרפֿט אַלע מאָל אַ בליק לינקס צו מלכס קליינעם אַפּטייק־מאַגאַזין; שוין עטלעכע טעג זינט זי באַמערקט, אַז דער אַפּטייק־מאַגאַזין איז אַלע בײַ טאָג אָפֿן. זי קומט סוף־כּל־סוף אַהין אַרײַן און דערזעט חיים־משהן. ער שטייט איינער אַליין אין אַ נײַעם אָנצוג צווישן די הויכע געשפּיגל־טע אַפּטייק־שאַפֿעס, וואָס קוקן פֿון הינטער דער שטוב גרויזאַם און פֿאַרטראַכט, ווי אַ שבֿעה־זיצער. ער וועגט מעדיקאַמענטן, שרײַבט אין אַ ביכעלע און פֿאַרפּאַקט אין פּעקל נאָכן צווייטן.

---

[26] רייניקן־אויס די יאָדערלעך פֿון די רויטע יאַגדעלעך.

— זע נאָר —װוּנדערט זיך די ייִדענע — און איך האָב געמײנט, אַז דאָ איז עמעצער פֿאַראַן.

חיים־משה שטײט אין די װײַסע אַרבל און טוט אויף דער ייִדענע נישט מער װי אַ קוק: אַזוי פֿאַרנומען איז ער און באַשעפֿטיקט. נאָר אַז די ייִדענע גײט־אַװעק, גערדויערט סך־הכּל אַ קלײנע װײַלע, ס׳טוט װידער אַ קלונג דאָס שאַרפֿע אַפּטײק־גלעקל און ס׳שטעלט זיך אַרײַן חוה פּויזנער. איר גלײַכע פֿיגור שטײט, װי תּמיד, אַ ביסל אָנגעבויגן אויף די הויכע שיכקאָרקעס. נאָר אַלײן איז זי אָנגעטאָן אין אַ װײַס גאַרעסן קאָפּטל און אין אַ שאַרף אויפֿן קאָפּ; מער אײנפֿאַך, האָט זי, דאַכט זיך, אָנטאָן זיך נישט געקענט. אַזוי קומט מען פֿאַרברענגען צו אַ מענטשן אַן אײגענעם, אַ נאָענטן.

— איך װעל אײַך ניט שטערן? — פֿרעגט זי באַלד בײַם אַרײַנקומען, בײַ דער טיר.

און אי״ר בליק איז, װי שטענדיק, אַ שמײכלדיקער, אַן עזותדיק קלוגער או״ן פֿאַרװוּנדערטער. פֿון צעטומלטקײט הערט חיים־משה לחלוטין זיך נישט אײַן אין אירע לעצטע װערטער, קוקט אויף איר פֿאַרװוּנדערט און װײסט נישט װאָס צו טאָן. אַז ער קומט סוף־כּל־סוף צו זיך, זיצט זי שוין אויפֿן בענקל, װאָס ער האָט צוליב איר מיט זײַן נאָזטיכל אָפּגעװישט פֿון שטויב. און ער שטײט נאָך אַלץ אַקעגן איר גרײט צו דינען. ער איז פֿאַרװוּנדערט און האַלט זײַן פֿאַרשטויבט טיכל אין האַנט.

— װאַרפֿט־אַװעק אײַער טיכל! — זאָגט זי און שמײכלט.

דאָס זײַז איר געװײנלעך קול. אירע אויגן קוקן אויף אים נאָך אַלץ שפּאָטיש און עזותדיק קלוג; זי הײסט, ער זאָל אַװעקװאַרפֿן זײַן טיכל. דעמאָלט באַמערקט ערשט חיים־משה, אַז ער האַלט װירקלעך די גאַנצע צײַט אַ פֿאַרשטויבט טיכל אין האַנט. ער פֿילט זיך שולדיק און פֿאָלגט איר. „אַך, יאָ“, זאָגט ער. און ער װאַרפֿט־אַװעק זײַן טיכל. צום אָנהייב דאַכט זיך, אַז איר גאַנצער װיזיט איז אַ פֿאַרשײַטער פּרוּװ און נישט מער: אַ ליצנותדיקער אויפֿטו. הײסן הײסט עס אַזוי: איצט אין מיטן לאַנגן און הײסן זומערטאָג װעט

זי שאַפֿן אַן אינטריגע. נאָר חיים־משה קוקט אויף איר און באַמערקט: אירע אויגן פֿאַלן פּלוצעם אַרײַן אין אַ פֿאַרטראַכטקייט און באַקומען מיט אַ מאָל אַ סך טיפֿן. זי קוקט זיך אַרום דאָ בײַ מלכן אין מאַגאַזין ווי אין אַן אַלטער היים. „גלײַך איך האָב דאָ אַמאָל עפּעס געקויפֿט“... אַזוי זאָגט זי, בשעת זי הייבט זיך אויף פֿונעם בענקל און פּרוּווט אַ שפּאַציר טאָן אין טיף פֿון צימער.

דעמאָלט שלאָגט חיים־משה איר פּלוצעם איבער די רייד; „גלײַך איר האָט דאָ אַמאָל עפּעס געקויפֿט — זאָגט ער — און האָט פֿאַרגעסן אָפּצוצאָלן“...

— יאָ, טאַקע... —חזרט־איבער חווה פּויזנער מיט אַזאַ פֿאַרוווּנדערט פּנים, גלײַך זי גלייבט נישט, אַז ער, חיים־משה, האָט עס געזאָגט — גלײַך איך האָב דאָ אַמאָל עפּעס געקויפֿט און האָב פֿאַרגעסן אָפּצוצאָלן...

זי זעצט זיך צוריק אויפֿן בענקל און זיצט אַזוי אַ ווײַלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איר איז, אַ פּנים, מיט אַ מאָל געוואָרן דאָ שווער, שטאַרק שווער. און חיים־משה קוקט אויף איר און שווײַגט. איצט געדענקט ער אירע בריוו, וואָס ליגן בײַ מלכן אין שופֿלאָד. קיין מאָל האָט ער זיי נאָך נישט געדענקט אַזוי קלאָר ווי איצט, בשעת ער קוקט אויף איר; איבערגעבונדענע ליגן זיי דאָרטן, אויסגעציילטע.

— איר בלײַבט דאָ, אין מאַגאַזין? — אַזוי פֿרעגט חווה פּויזנער און דער קאָפּ איז בײַ איר נאָך אַלץ אַראָפּגעלאָזן און די אויגן קוקן נאָך אַלץ פֿאַרטראַכט ערגעץ וווהין אונטער דער סטויקע אַרונטער — אַך, ניין.

חיים־משה האָט שוין דאָ איצט מער נישט וואָס צו טאָן. ער איז גרייט צו גיין, מיט אַלע כּבֿודן גרייט. ער פֿאַרשליסט אויף גיך די קאַנטאָרקע און דעם דרויסנדיקן שלאָס בײַ דער טיר און באַגלייט זי אַראָפּ צו דער מיט פֿון שטאָט. ער גייט מיט אַזאַ אויסזען, גלײַך ער האַלט זיך אין דער מעלה; איצטיקס מאָל מוז ער בײַשטיין דעם נסיון פֿון דאַמען־ערע. אין אָנהייב מאַרק שנײַדט זיי

איבער דעם וועג די אָרטיקע קאָמיסיע, וואָס גיט אַכטונג אויף ריינקייט. בראש פֿון דער קאָמיסיע גייט דער שטאָט־דאָקטער גראַביי. ער גייט, ווי זײַן שטייגער איז, פּוילבלעך און שווער, און זײַן פּנים איז אויסגעמאַטערט, צי פֿון נישט שלאָפֿן בײַ טאָג, צי פֿון יידישע צרות. ער איז פֿאַרטראָגן. נאָר דערזעענדיק חווה פּויזנער מיט חיים־משהן, גיט ער זיך העפֿלעך אַ בייג. זײַנע היפּשע גרויע אויגן טוען זיך פּלוצעם אַזאַ דערשרעק, גלײַך מע האָט אים נאָר וואָס אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, און באַלד טוען זיי זיך צוריק אַ צינדאָן און שמייכלען שוין מיט אַלע פֿיל קנייטשן, וואָס אַרום זיי. „קלוג ווי טויזנט רוחות — שמייכלען זיי וועגן זיך אַליין — איך פֿאַרשטיי אַלץ און גיב אײַך מײַן ברכה“. אַז ער גייט־אָפּ אַ ביסל, קוקט ער זיך נאָך אַ מאָל אום און טוט ווידער אַ שמייכל, נאָר ס׳ענטפֿערט אים נישט קיינער, נישט חווה פּויזנער און נישט חיים־משה. זיי זײַנען שוין נאָענט צו עזריאל פּויזנערס נײַעם הויז. זיי שטעלן זיך אָפּ נעבן גרויסן גאַניק, וואָס גייט־אַרויס ווי אַן אָפֿענע ווערענדע צום אײַנגעבראָכענעם מאַרק און ס׳דאַכט זיך, אַז עמעצער פֿון זיי וועט באַלד אָנהייבן ריידן. זיי וואַרטן אויף עפּעס. שטייען זיי אַזוי אַ ווײַלע און וואַרטן, נאָר קיינער הייבט נישט אָן צו ריידן. אַ פֿאַרבײַגייענדיק יינגעלע פֿאַרהאַלט זיך גאָר נאָענט נעבן זיי, באַטראַכט זיי מיט שעמעוודיקייט אין די אייגעלעך, מיט אַ שמייכעלע אינעם אײַנגעבויגענעם געשטאַלטל, און זיי באַמערקן עס נישט.

— איך האָף, אַז איר וועט נאָך אַרײַנקומען צו אונדז — אַזוי זאָגט חווה פּויזנער און אירע אויגן קוקן שוין ווידער צו אים אַרויף האַלב שמייכלדיק, שעמעוודיק קלוג: געכּשרטע אויגן.

— יאָ, — ענטפֿערט צעטראָגענערהייט חיים־משה — געוויס.

און אַ ווײַלע שטייט ער נאָך פֿאַרטראַכט אויפֿן אָרט; קוקט איר נאָך, ווי זי גייט־אַרײַן אין הויז און געדענקט די זאַך, וואָס ער שרײַבט דאָרטן בײַ יצחק־בערן אין וואַלד: פֿאַר וואָס איז שטענדיק, ווען ער קוקט אויף איר, ווילט זיך אים וואָס גיכער ענדיקן

די זאַך? ער מוז איצט קומען צוריק אין וואַלד אַרײַן און זיך נעמען פֿאַר דער זאַך.

## 11

מילא, האָט חווה פּויזנער נישט געהאַט מער וואָס צו פֿאַרלירן קענען און האָט געשוויגן. אירע קאָרטן זײַנען געווען אָפֿן. גאַנץ ראַקיטנע האָט געוווסט, אַז איר פּרעגער שטייט איצט אָפּ גאַנצע אָוונטן נעבן פּאַרקן, הינטערן אײַנפֿאָרהויז, וואָס נעבן מאַרק, שטייט ער און גלעט דאָרט כײַקע די דינסט פֿאַר דער האַנט. אַ שטיקל צײַט האָט זי ליב געהאַט מלכן. דאָס איז געשען פּונקט דעמאָלט, ווען גאַנץ ראַקיטנע האָט געוואַרט, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען. „מלך — האָט מען געזאָגט — האָט בײַ זיך געפּועלט חתונה האָבן מיט עטל קאַדיס. און אַז חווה פּויזנער שיקט אים אַ צעטעלע, ער זאָל קומען, קומט ער צו איר, האַ? ער קומט".

דעמאָלט איז חווה פּויזנער בכיוון אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים אויף אַ לענגערער צײַט, כּדי זי זאָל קאָנען שרײַבן מלכן שיינע בריוו. און נאָך דעם האָט געטראָפֿן דער נס; דעסלער הייסט דער נס; דעסלער פֿון די טאָרפֿזומפּן און פֿונעם גרויסן בעריזשינעצער בראַווער, אַן אינזשעניר, זאָגט מען, איז ער; ער איז רײַך, שטאַרק רײַך. אָבער וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט עס צו אים, חיים־משה? וואָס גייט עס אים אָן?

ער האָט פֿאַרגיכערט די טריט: „אַ מענטש, וואָס איז געקומען קיין ראַקיטנע אויסצופֿירן אַ גרויסן ענין, דאַרף גיין מיט גיכע טריט".

ער איז געקומען אין מיטן הייסן, העלן טאָג צוריק אין וואַלד אַרײַן, צוריק צו זיך אין צימער און האָט דאָרטן גאָר נישט געקענט טאָן: „טפֿו, צו אַל די שוואַרצע יאָר. ראַקיטנע נעמט־צו אָן אַ שיעור צײַט, און מער גאָר".

די פֿענצטער זײַנען געווען אָפֿן. די זון האָט דורך זיי שטאַרק

געבאַקט. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די קורצע, רויטע פֿאָרהענגלעך און האָט זיך אין די ווײַסע אַרבל צוגעלייגט אויפֿן בעט. נאָר די אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהענגלעך האָבן נישט געהאָלפֿן. די פּוסטקייט פֿונעם לאַנגן הייסן זומערטאָג האָט זיך אַהער געלאָזט פֿילן; פֿון דער זון, וואָס באַקט דעם וואַלד, האָט זי זיך אַהער געלאָזט פֿילן און פֿון דער אויסגעוועבטער וואָכעדיקייט, וואָס ציט זיך אַהער מיט אַלע וועגעלעך און שטעגעלעך פֿון ראַקיטנע דער שטאָט: „סאַראַ פּוסטע, וואָכעדיקע שטאָט! און ווי אַזוי האָסטו דאָ געלעבט, מלך?„

אָט שטייט ער, חיים-משה, דאָרטן, בײַ דער גרעבליע. אין סאַמע אָנהייב ראַקיטנע שטייט ער. אַזוי שטעלט ער זיך פֿאָר און קוקט, ווי ווײַט, ווײַט אין דער גאַס, אין איר טיפֿן הינטערגרונט, יאָגן זיך אירע וואָכעדיקע שאָטנס נאָך איר וואָכעדיק געלד. און די שטאָט אַליין איז אויסגעוועפּט, אַלט, אויסגעהוילט און טויט. מאַמעס שטאָפּן אייער אין די קינדער און שוויצן-צו; אַ טאַטע אַ קרעמער, אַ לוסטרינענער טאַטע, שטייט אויף דער שוועל פֿון דער גרויסער קלייט און געדענקט, וויפֿל פּאָר פּוישטן[27] ליגן בײַ אים אויפֿן בוידעם צוגעגרייט אויפֿן ווינטער. ער פּרוּווט אַלע מאָל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים ריין און לייגט-איבער די שטיקלעך וואַטע פֿון איין אויער אין צווייטן. און מלך האָט אָפּט געקאָנט אָפּזיצן אַ היפּשע צײַט נעבן אָט דעם רײַכן קרעמער אויף די טרעפּלעך און פֿירן מיט אים אַ שמועס. אַזוי דערציילט יצחק-בער.

— וואָס זשע מיינט איר? — שמייכלט דאָרטן איין מאָל צו אים שעמעוודיק מלך — צוויי יאָר פֿאַרשיקט זײַן קאָן טאָקע אַ מאָל אויך זײַן אַ שטיקל ענין. אַ מאָל קאָן מען דערפֿון האָבן אַ שטיקל נחת-רוח.

נאָר דער קרעמער גלייבט נישט אין אַזאַ נחת-רוח.

— עט! — אַזוי זאָגט ער און קראַצט זיך פּאַמעלעך אין דער באָרד. ער געדענקט נאָך אַלץ די פֿיל צוגעגרייטע פּוישטן, וואָס

[27] פּילץ.

בײַ אים אויפֿן בוידעם. ער גענעצט. נאָר מלך הערט נישט אויף צו שמייכלען — פֿון דעסט וועגן — זאָגט ער שטילינקערהייט — פֿון דעסט וועגן מוז מען מודה זײַן, אַז בײַ אייניקע מענטשן איז נישט דער גאַנצער עיקר פּרנסה.

נאָר עזריאל פּויזנער וויל נישט מודה זײַן.

— עט! — זאָגט ער און גענעצט ווידער — ס'איז חלומות, אין גאַנצן חלומות.

דעמאָלט קומט פּלוצעם אונטער דער פֿאַרוואָלטער פּרעגער און כאַפּט גלײַך, אין וואָס עס גייט דער שמועס. ער האָט פֿון תּמיד אָן נישט ליב אָט דעם לוסטרינענעם טאָטן. ער טוט עזותדיק אַ דריק־צו די פּענסנע צו דער נאָז און זאָגט:

— איז אפֿשר — זאָגט ער — וועט ר' עזריאל פּויזנער כאָטש אין עפּעס מודה זײַן? אפֿשר וועט ער, לפּחות, מודה זײַן, אַז עמע־צער אויף דער וועלט... אַז עוזר ליובער, למשל, פֿאַרמאָגט מער געלט פֿון אים?

אין דעם איז פּרעגער היציק. ער איז זיכער: ער האָט אים געפּאַקט, אָט דעם קרעמער; אין עפּעס וועט ער אים פֿאַרט מוזן מודה זײַן. ער קוקט, ווי דער קרעמער לייגט באַנײַס איבער די שטיקלעך וואַטע פֿון איין אויער אין צווייטן און קנייטשט מיט די אַקסלען. אין עפּעס וועט ער פֿאַרט מוזן מודה זײַן. נאָר עזריאל פּויזנער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און בלײַבט ווידער קאַלט, אין גאַנצן קאַלט.

— עט! — זאָגט ער — בײַ עוזר ליובער האָט קיינער נישט געציילט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז אָט...

חיים־משה האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין מלכס פּנים: „איז וואָס זשע בין איך מיט דעם אויסן, מלך?"... „אַז גאָר נישט, חיים־משה, אַז אַ קרעמער האָט ליב צו ציילן"... „און דו שמייכלסט אַלץ, מלך?"... „יאָ, חיים־משה, ווײַל אויך דו... אויך דו האָלטסט אין איין

ציילן. און נישט ווי אַ קרעמער ציילסטו, נאָר ווי אַ טײַוול״... „ווי אַ טײַוול?!‚

אַך, יאָ, מאָדנע, ווי קלאָר דער שעמעוודיקער מלך זעט עס איצט אַלץ פֿון דאָרטן, פֿון יענער וועלט... וואָס אַרט, אייגנטלעך, דעם טײַוול, אויב גאָט און איובֿ נאַרן זיך איינער דעם צווייטן? דער עיקר איז, וואָס גאָט האָט איובֿן געבענטשט... שׂמחה, בײַ אים אין הויז; אַלע וואָך קומען זיך צונויף די קינדער און דער טײַוול גייט־אַרום און אַרום דעם הויז, ווו ס׳קומט־פֿאָר די שׂמחה, און ציילט און ציילט; אַ פֿרעמדוועלטיקער גײַסט אָן לײַדנשאַפֿטן, אָן אייגענעם באַגער ציילט פֿרעמדע אומגליקן און פֿרעמדע גליקן. „אָבער אַ טעות, מלך, אַ גראָבער טעות״.

ער, חיים־משה, איז נאָך צו פֿיל געבונדן מיטן הויז, ווו ס׳קומט־פֿאָר די שׂמחה, און טראָגט אויף זיך אַחריות... דעם שטומען פּראָטעסט... ער וויל מער נישט זײַן דאָ, אין ראַקיטנע, קערט ער זיך אום צוריק אַהין אין דער גרויסער שטאָט. ער שטייט דאָרטן אויף אין איינעם אַ זומערדיקן פֿרימאָרגן, באַגלײַך מיט אַלע גרויסשטאָטישע לײַט שטייט ער דאָרטן אויף, און לאָזט זיך אַוועק אין גאַס. ער האָט ליב די גאַס אין איר פֿרימאָרגן; ער האָט ליב די זון, וואָס באַקט דעם שטיין, און דעם קילן שאָטן, וואָס אין דער זײַט. פֿאַרשיידענע גליקלעכע און אומגליקלעכע מענטשן אײַלן אין פֿאַרשיידענע זײַטן און אויך ער, חיים־משה, אײַלט מיט זיי, ער איז איינער פֿון זיי. אין מיטן בריק איז געפֿאַלן אַ פֿערד און גוססט, און מענטשן דערשיסן עס דאָ אויפֿן אָרט, מענטשן זײַנען גרויסשטעטיקע און באַשעפֿטיקט; זיי האָבן קיין צײַט נישט צו וואַרטן ביז דאָס פֿערד וועט אַליין אויסגיין און דערשיסן עס מיט זיכערקייט, אַז זיי טוען רעכט... נעכטיקע טעג. זיי קוקן זיך נישט אום צו אים, חיים־משהן, זיי פֿרעגן בײַ אים נישט, צי ער גיט דערויף זײַן הסכּמה...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפֿן טראָטואַר, מלך, גייט־אַרום אַן אַלטער קבצן, אַ בלינדער,

און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין. „כ'בין אַלט נײַנציק יאָר... — חזרט דער אַלטער — איך בין אַלט נײַנציק יאָר, גיט מיר אַ נדבֿה". און אַרום ווימלט די גאַס, מענטשן גייען־אָפּ און ־אויף, און אויך ער, חיים־משה, גייט מיט זיי; ער איז אײנער פֿון זיי. אײנע אַ פֿרוי, זעט ער, האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפֿן ברויט; זי דינגט זיך פֿאַרן ברויט; זי צעצאָלט זיך. נאָר, אַז זי קוקט זיך אום, דערזעט זי, אַז נעבן איר איז נישט געבליבן איר קליין פֿיריאָריק קינד. די שרעק פֿון גאָר דער וועלט איז בײַ איר אויפֿן פּנים. „אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, פּליעסקעט זי אויס מיט די הענט, נישטאָ מײַן קינד!"

אַ ביסל ווײַטער שטייט מען אַרום אַ האַלב נאַקעטער פֿרוי. זי האָט אַ צעריסן לײַב: אַ משוגענע, אַ פּנים; זי רײַסט זיך פֿאַר די פֿונאַנדערגעלאָזטע האָר און קלאַפּט מיט בײדע פֿויסטן אין קאָפּ; זי דערציילט וועגן אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפֿן: „אַלע יאָרן — דערציילט זי — האָט זי בײַ זיך אין דער היים געוואַרט אויף גאָט; זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט קומען. נאַרישקייטן, ער האָט גע־מוזט קומען. און הײַנט אין דער פֿרי איז ער צו איר געקומען און האָט זי נישט געטראָפֿן אין דער היים: זי איז אויף אַ רגעלע אַוועק־געגאַנגען פֿון דער היים"...

און אויפֿן טראָטואַר, מלך, אין דער זײַט גייט נאָך אַלץ אַרום דער אַלטער קבצן, דער בילנדער, און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין. ער הערט ניט גאָרנישט און זעט ניט גאָרנישט, מלך; ער געדענקט נאָר זיך און זײַנע נײַנציק יאָר און די נדבֿה, וואָס אים קומט פֿאַר זיי: „כ'בין אַלט נײַנציק יאָר... — חזרט דער אַלטער — איך בין אַלט נײַנציק יאָר, גיט מיר אַ נדבֿה".

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„וואָס זשע איז דערפֿון געדרונגען, מלך?"

„אַז גאָר נישט, חיים־משה, אַז דעם אַלטן מוז מען מאַכן זע־ענדיק".

אָבער ער איז אַלט נײַנציק יאָר, מלך, ער איז אויפֿגעהאָדעוועט אויף נדבֿות..."

„און וואָס קלערסטו טאָן?"

„כ'האָב אַ מיטל, מלך, אַ זיכער מיטל... וואַרט..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וווּהין זשע איז דאָס פּלוצעם מגולגל געוואָרן, ער, חיים־משה? אין אַ פֿרעמדער שטאָט איז ער מגולגל געוואָרן. ער קען נישט די גאַס. ער קען נישט די הײַזער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿרעמדער פּאַראַדנער טיר, ער האָט אָנגעקלונגען און זיך געשטעלט וואַרטן. קיינער האָט אים נישט געעפֿנט. ער האָט אַליין אַ שלעפּ געטאָן די טיר, זי איז אָפֿן. ער איז אַרײַנגעקומען אין פֿאָדער־צימער און האָט דערזען הענגען אַ פּאָר רעק. „גוט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — רמזים אויף מענטשן". נאָר די מענטשן אַליין זײַנען נישטאָ. ער וואַרט אַ ביסל און קומט־אַרײַן אין עסצימער. נאָר אויך דאָרטן איז קיינער נישטאָ. אָפּגעטרונקענע גלעזער טיי אויפֿן טיש און אַ סאַמאָוואַר אין דער זײַט; דו טוסט אים אַ טאַפּ, ער איז נאָך וואַרעם; אַן אָפֿן בוך ליגט אויפֿן טיש: עמעצער האָט, אַ פּנים, אין אים נאָר וואָס געלייענט, נאָר וואָס געזוכט מיט די אויגן צווישן די שורות. טירן זײַנען אָפֿן דורכויס אין די אַרומיקע צימערן, נאָר אויך דאָרטן איז קיינער נישטאָ. ער רופֿט, נאָר קיינער ענטפֿערט נישט. ער וויל אַוועקגיין, נאָר ער קען נישט; ער האָט מורא, טאָמער... טאָמער קומט־אַרײַן דער גנבֿ... „איז אָט, מלך, וואָס זשע דאַרף איך, נאָך דײַן מיינונג, טאָן?"

„היטן, חיים־משה, היטן, ביז וואַנען ס'וועט קומען דער באַלעבאָס".

„נו, און דו, מלך? וואַרט... ווי אַזוי ביסטו אַוועק?"

אַך, יאָ, מאָדנע: ווי אַלע דאָ, אין ראַקיטנע, מײַדן־אויס דעם שמועס וועגן מלכס אַוועקגיין, וועגן מלכֿס טויט. בײַ יעדערן איז פֿאַראַן אַ חשד, אַז מלך איז געשטאָרבן נישט פֿון זײַן האַרצפֿעלער אַליין, נאָר קיינער וויל דאָ וועגן דעם נישט ריידן. חנהקע ליובער ווערט בלאַס איטלעכס מאָל, וואָס ער, חיים־משה, פּרוּווט פֿאַרפֿירן מיט איר וועגן דעם אַ שמועס. און יצחק־בער, דער לאַנגער, לאָזט־

אַראָפּ די ברעמען, קנײטשט מיט די אַקסלען און שווערט זיך, אַז ער ווײסט ניִשט: זאָל אים שוין אַזוי וויסן בײז. „וואָס זאָל איך דיר דערויף זאָגן — פֿרעגט ער — איך ווײס? ער האָט אַוודאי געהאַט בײַ זיך אין אַפּטײק־מאַגאַזין אַלע גוטע זאַכן...“

נאָר אָט האָט מען אויך נאָך אים, חיים־משהן, דאָ אין ראַקיטנע אָנגעהויבן נאָכשפּירן. דער חשד איז געוואָרן ברײטער... נעכטן בײַ טאָג גײט ער אײנער אַלײן איבער דער גאַס. די גאַס איז פּוסט און אַקעגן גײען דרײַ דאַמען. אַלע דרײַ קוקן אויף אים פֿון דער ווײַטנס; אַלע דרײַ מאַכן אַזעלכע אָנשטעלן, גלײַך זײ קאָנען בײַ זיך בשום אופֿן ניט באַשליסן, צי זאָלן זײ אים אָפּשטעלן, צי ניין. אײנע פֿון זײ, די מיטלסטע, די געפּאַקטע, איז די מאַדאַם בראָמבערג. זי טראָגט פּענסנע און קוקט דורך איר האָפֿערדיק, ווײַל זי האָט זיך ניִשט מיט וואָס צו שעמען: אַלע דאָ אין שטאָט טוען איר נאָך. אַלע ווייסן, אַז זי איז אַ מוסטער פֿאַר דער שטאָט. זי האָט אַזאַ צונגיפֿגעשנורעוועט פּיסקעלע, גלײַך זי האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט אַ חכמה און וואַרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זי קומען אויסקושן. די צווייטע דאַמע איז אַן אומבאַקאַנטע, אַ נידעריקע, אַ שוואַרצע מיט אַ נײַגעריק אײַנגעפֿאַלן נעזל. און די דריטע, די ייִנגסטע, איז אויסגעצויגן לאַנג און דאַר, ווי נאָך אַ טיפֿוס. דאָס איז די פֿרײַע צוהערערין אסתּר פֿיך, וואָס איז צוריק מיט עטלעזע טעג אַראָפּגעקומען אַהער אויף די זומערדיקע וואַקאַציעס. זי איז מיד, פֿון אַ סך לערנען אין דער גרויסער שטאָט. זי איז אָנגעטאָן אין אַ לײַוונט ווײַסן אָנצוג מיט לאַנגע שלעכט־געפּרעסטע פּראָשוועס[28]; זי האַלט אײַנגעצויגן דעם קאָפּ און שמעקט פֿונעם קלײנעם געלן בלימל, וואָס זי האַלט אין האַנט. זי שמעקט פֿונעם בלימל אַזוי נאָענט, אַז אויפֿן שפּיץ נאָז בלײַבט בײַ איר אַ געלער פֿלעק. איר קלײן אויסגעמאַטערט פּנימל איז פֿאַרצויגן מיט אַ געפּודערט אָפּגעברענט הײַטל, נאָר די קלײנע אײגעלעך גלאַנצן מיט אַ הונגעריק

---

[28] קלינעס, אײַנגענײטע פּאַסן.

פֿײַערל און אין איר אין גאַנצן צאַפּלט נאָך איינס אַ מאָדנע לע־בעדיק אָדערל און לאָזט זי נישט רוען; דאָס אַרבעט זי מער פֿון אַלע, מע זאָל אים, חיים־משהן, אָפּשטעלן. די דאַמען לאָזן אים דורך גאָר נאָענט נעבן זיך און קוקן אויף אים, נאָר אַז ער גייט אָפּ עטלעכע טריט, רופֿן זיי אים דאָך צוריק. ס׳טרעט־אַרויס מיט אַ קליין שמייכעלע די מאַדאַם בראָמבערג און בעט, ער זאָל קיין פֿאַראיבל נישט האָבן. „די זאַך — זאָגט זי — באַשטייט דערין, וואָס זיי אַלע דרײַ, אָט די וואָס חיים־משה זעט דאָ פֿאַר זיך, האָבן אויף זיך גענומען דעם אָוונט, וואָס דאַרף אין גיכן געגעבן ווערן לטובֿת דער תּלמוד־תּורה. ווילן זיי אים, חיים־משהן, בעטן: ערשטנס, פֿאַר־שטייט מען, ער זאָל אויפֿן אָוונט זײַן, און צווייטנס — צווייטנס ווילן זיי, אַז חיים־משה זאָל זיך באַטייליקן אין דער פּראָגראַם“.

— אין דער פּראָגראַם?

חיים־משה זאָגט זיי, אַז צום באַדויערן האָט ער נישט מיט וואָס צו באַטייליקן זיך. חוץ דעם, וועט ער צום אָוונט געוויס שוין דאָ אין ראַקיטנע נישט זײַן... ער וועט שוין געוויס האָבן אַוועק־געפֿאָרן.

— נאָר אויב אַזוי — זאָגט די מאַדאַם בראָמבערג און וויל זיך אַנטשולדיקן — אויב אַזוי פֿאַלט דאָך אָפּ די גאַנצע זאַך...

נאָר דאָ שלאָגט איר איבער די רייד די פֿרײַע צוהערערין, אסתּר פֿיך. זי גלייבט נישט, אַז חיים־משה זאָל צו יענער צײַט שוין האָבן אַוועקגעפֿאָרן פֿון ראַקיטנע. זי שטייט די גאַנצע צײַט אין איין שורה מיט דער מאַדאַם בראָמבערג און שמעקט איר געל בלימל. אירע אויגן קוקן אויף חיים־משהן אָן אויפֿהער פֿון אונטן אַרויף; מיט אַ שמייכעלע און מיט נײַגעריקייט קוקן זיי אויף אים און הערן אים נישט אויף צו פֿאָרשן.

— איר קלערט דען בכלל אַוועקצופֿאָרן פֿון ראַקיטנע? — פֿרעגט זי בײַ אים.

און אין אַ רגע אַרום, ווידער מיטן זעלביקן שמייכל אין די

אויגן, מיט אַ רמז פֿון אַ קלוגיטשקער, וואָס ווייסט כּלומרשט זײַן סוד:

— איר זײַט דען פֿון אָנהייב אָן נישט געקומען קיין ראַקיטנע מיט דער דעה, אַז איר זאָלט דאָ פֿאַרבלײַבן?... אַז איר זאָלט מער קיין מאָל פֿון דאַנען נישט אַוועקפֿאָרן?...

— איך? — פֿרעגט חיים־משה — פֿאַר וואָס מיינט איר אַזוי?

זיי לאָזן זיך גיין אַראָפּ מיט דער גאַס. אין איין שורה מיט אים גייט די פֿרײַע צוהערערין אסתּר פֿיך און די איבעריקע צוויי דאַמען גייען־נאָך פֿון הינטן.

— מלך... — זאָגט אסתּר פֿיך — מלך האָט אויך פֿון אָנהייב געזאָגט, אַז ער פֿאָרט פֿון דאַנען אַוועק...

זי זאָגט עס, ווי גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. און חיים־משה באַמערקט, אַז שפּאַנען שפּאַנט זי גיך, גיך, און בשעת זיי גייען, קוקט זי אַראָפּ צו דער ערד. דערבײַ האָט זי אַ טבֿע אײַנצובייגן זיך אין צווייען, ווי אַ דינע זאַנג. ער געזעגנט זיך און קערט זיך אום אין וואַלד אַרײַן. ער שטרענגט זיך אָן און וויל זיך דערמאָנען, צי ער האָט זיך נישט ווען עס איז פֿאַר עמעצן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן דעם אַלעמען, אויף וואָס די פֿרײַע צוהערערין אסתּר פֿיך האָט געוואָרפֿן אַ רמז. ניין. אַלץ, וואָס ער האָט ווען ס׳איז וועגן דעם געטראַכט, איז געווען פֿאַרנעפּלט, פֿאַרנעפּלט אַפֿילו פֿאַר אים, חיים־משהן אַליין. די פֿרײַע צוהערערין פֿיך האָט גערעדט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. נאָר אויב אַזוי, וועט ער, חיים־משה, שוין מוזן זײַן אויפֿן אָוונט לטובֿת דער תּלמוד־תּורה, אסתּר פֿיך וועט דאָרטן אויך זײַן, און דעסלער און חווה פּויזנער... און אויך ער. חיים־משה, ער וועט דאָרטן מוזן זײַן.

## 12

אסתּר פֿיך איז ביז שפּעט אין אָוונט זיך פֿאַרזעסן בײַ חנהקע ליובער אין דער היים. אַרײַנגעקומען אויף אַ רגע, אויף איבער־

ריידן מכּוח די סערוועטן און טישטעכער, וואָס חנהקע האָט צו געבן אויפֿן אָוונט אין תּלמוד־תּורה, און פֿאַרזעסן זיך מיט גלײַכגילטיקייט צו היים, צו שלאָף, צו אייגענעם פֿאַנפֿעוודיק דינעם קולכל. איר אויסזען איז געווען אַ טרוימעריש לאַנגווײַליקער, אַ האַלב אויפֿגערעגטער, האַלב דרימלענדיקער. איר איינציקער ווײַסער אָנצוג, וואָס מיט די לאַנגע שלעכט געפּרעסטע פּראַשוועס, האָט אויסגעזען פֿאַריתומט, ווי זי, די פֿרײַע צוהערערין, אסתּר פֿיך אַליין. זי האָט שוין נישט געהאַט קיינעם דאָ אין שטאָט, אַחוץ אַן עלטערן ברודער, אַ האַלצהענדלער. איר פֿאָטער און מוטער זײַנען שוין לאַנג געשטאָרבן, און קיינער האָט נישט געוווּסט, צי מיט איר שוועגערין לעבט זי בשלום, צי נײַן. זי האָט גערעדט מכּוח דעם, וואָס ראַקיטנע צאַנקט: „ניט מע שטאַרבט, נישט מע לעבט אין ראַקיטנע, נאָר מע גוססט“.

חנהקע האָט זיך צוליב איר אויף גיך באַפֿרײַט פֿון דער קיכנעס חשבונות. זי האָט געלייגט מאָטיקן שלאָפֿן און האָט זיך אויף די שפּיץ פֿינגער אומגעקערט פֿון זײַן פֿינצטערן חדר צוריק אין גרויסן עסצימער. אַרום גרויסן ברענענדיקן הענגלאָמפּ האָבן די הויכע ווענט געגומען אויסזען בײַנאַכטיק און שטאַרק שפּעט, און די פֿרײַע צוהערערין איז דאָ נאָך אַלץ געזעסן און נאָך אַלץ גערעדט. ווער איז זי אַזוינס געווען, אָט די פֿרײַע צוהערערין? זי האָט דאָ אין שטאָט נישט געהאַט איר גלײַכן. מעגלעך, אַז אַ פֿרײַע צוהערערין איז זי געוואָרן נאָר דערפֿאַר, וואָס אַלע דאָ, אין ראַקיטנע, זײַנען געווען קורסיסטינס. איצט האָט זי, נאָך פֿינף יאָר לערנען, זיך אומגעקערט אַהער כּמעט אַ געענדיקטע, כּמעט אַ יוריסט. זי קוקט דאָ אויף אַלעמען פֿון אויבן אַראָפּ און איר איינציקער נאָענטער פֿרײַנד איז דאָ דער דאָקטער גראַביי. זי האָט גערעדט מכּוח דעם, וואָס פֿון זומער צו זומער קומט זי אַהער אַראָפּ אויף וואַקאַציע־צײַט און טרעפֿט דאָ אַלץ מער לאַנגווײַליקייטן, מער פּוסטקייט. „און אָט איז שוין געשטאָרבן מלך אויך; אויף זײַן אַפּטייקמאַגאַזין הענגט אַ שלעסל...“

אירע אויגן האָבן זיך געשמאָלט אין צוויי קליינע שלעפֿעריקע שפּעלטיקלעך. דער קליינער מאָגערער קערפּער אינעם גראַמען ווײַסן אַנצוג האָט זיך געשפּאַרט אויפֿן גליטשיקן זאַנטיק[29], און דאָס מויל האָט גערעדט און גערעדט, אַזוי אַז קוקנדיק אויף דעם האָט זיך געדאַכט, אַז ריידן רעדט עס פֿון זיך אַליין, אָט דאָס מויל; ס׳הענגט נישט אָפּ פֿונעם מוח און נישט פֿונעם גאַנצן שלעפֿעריקן קערפּער; ס׳איז אַ באַשעפֿעניש אַליין פֿאַר זיך און עס רעדט. איז אָט: אָקערשט נעכטן בײַ טאָג איז די פֿרײַע צוהערערין אין איינעם מיט חיים־משהן אַרײַנגעקומען אין מלכס אויפֿגעשלאָסענעם אַפּטייק־מאַגאַזין; זי האָט דאָרטן דערזען אין צווייטן קלענערן צימער דאָס אָפֿענע פֿאַרגעלטע אַפּטייק־פּודעלע, וואָס ליגט אויפֿן פֿאַרשטויבטן טישל, און האָט מיט אַ מאָל פֿאַרשטאַנען, אַז אַלע דאָ אין ראַקיטנע זײַנען פֿערד, פּשוטע פֿערד: „מלך איז דאָ געגאַנגען צום טויט מיט קליינע זיכערע טריט און קיינער האָט עס נישט באַמערקט. אַזוי האָט זי, די פֿרײַע צוהערערין, דאָרטן געזאָגט צו חיים־משהן. דער סם, וואָס מלך האָט אויסגעקליבן, איז געוויס געווען אַ גרינגער, אַ גאַנץ געוויינלעכער און אײַנגענומען האָט ער אים אין משך פֿון אַ וואָך צײַט אַלע טאָג צו ביסלעך. סאַראַ גרויל! אײַננעמען סם אין משך פֿון אַ וואָך צײַט אַלע טאָג צו ביסלעך...״

— געשיקט זיך? — האָט זיך געוווּנדערט חיים־משה — איר מיינט עס באמת?

— וואָס זשע דען? — האָט אים דערויף געענטפֿערט זי, די פֿרײַע צוהערערין — איך טרײַב מיט אײַך קאַטאָוועס?

אַליין דער דאָקטער, דער דאָקטער גראַביי, איז אָקערשט איצט איר, דעד פֿרײַער צוהערערין, מודה: „ער הייבט זיך אָן דערמאָנען — זאָגט ער — בעת מ׳האָט מלכן באַלד נאָכן טויט אַראָפּגעהויבן פֿונעם בעט, האָט ער דערזען אונטערן קישן אַ קליין קײַלעכיק אַפּטייק־פּודעלע, אַ ליידיקס און אָפֿנס, און נעבן דעם האָט זיך גע־

[29] שי׳רעם.

וואַלגערט דאָס קליינע דעקעלע. דאָס פּודעלע איז אינעווייניק געװען געל, ווי פֿון יאָדאָפֿאָרם. אַזוי זאָגט דער דאָקטער, נאָר אים איז דעמאָלט גאָרנישט ניט איַינגעפֿאַלן".

די גאַנצע ציַיט, וואָס מלך איז געלעגן צו בעט מיטן פּאָכיר[30] אײַז אויפֿן האַרצן, פֿלעגט ער, דער דאָקטער, צו אים אַלע ביַי טאָג אַריַינקומען און פֿאַרברענגען מיט אים אַ שעה אָנדערטהאַלבן אָדער צוויי. פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער אַלע מאָל געבעטן מלכן זיך אויפֿצוזעצן און האָט ביַי אים אויסגעהערט דאָס האַרץ. „נעכטיקע טעג — האָט ער דעמאָלט צו מלכן געזאָגט — ס'איז גאָר נישט; דאָס האַרץ וועט מוזן אויסהאַלטן".

— יאָ, געוויס! — האָט דערויף מלך געשמייכלט — מן הסתם וועט דאָס האַרץ מוזן אויסהאַלטן.

און דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען דעם סם האָט ער איַינגענומען מיט אַ רגע פֿריִער אָדער מיט אַ רגע שפּעטער נאָכן דאָקטערס אַוועקגיין. ער האָט געפֿירט אַלעמען פֿאַר דער נאָז, מלך... ווו זשע זיַינען דעמאָלט געווען מלכס גוטע פֿריַינד?

די פֿריַיע צוהערערין שפּעט־אָפּ פֿון אַלע גוטע פֿריַינד, מלכס. אַז זי לאַכט, הערט זיך, ווי גיפֿטיק ס'קלינגט איר דין פֿאָנפֿעוודיק קולכל. אין אירע אייגעלעך צינדט זיך אָן אַ פֿיַיערל. „עטל קאַדיס, זאָגט זי, האָט, דאַכט זיך, געהאַט פֿאַר וואָס צו זיַין מלכן געטריַי, פֿון דעסט וועגן האָט זי אים אַפֿילו איין מאָל דעם קישן נישט איבערגעשלאָגן און האָט נישט געוווּסט, וואָס ביַי אים צוקאָפּנס טוט זיך. ס'איז אַן אַקט... און חווה פּויזנער האָט זיך פֿאַרקריגט מיט מלכן פּונקט ערבֿ זיַין קרענק. זי האָט נישט פֿאַרגונען, אַזוי זאָגט מען אין ראַקיטנע... זי האָט נישט געוואָלט הערן, ווי מע שטויסט צימערינג ביַי עטל קאַדיס אין דער היים און ווי מע גרייט זיך דאָרטן צו דער חתונה, איז זי אַוועקגעפֿאָרן אין קריַיזשטאָט, זיך זען מיט דעסלערן. נו, מילא... אָבער פֿאַר וואָס האָט זי זיך נאָך

---

[30] פּענכער, אָנגעבלאָזן זעקל (מיט איַיז אָדער מיט הייס וואַסער).

דעם אומגעקערט און האָט אים אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אויפֿן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט?"

בכלל מוז די פֿרײַע צוהערערין מודה זײַן, אַז זי פֿאַרשטייט נישט אַ סך זאַכן. אָט איז, למשל, איצט אַהער אַראָפּגעקומען אָט דער חבֿר מלכס, חיים־משה, און דרייט זיך דאָ אַרום. ער גייט דאָ, זאָגט מען, אַרײַן אין די זעלביקע הײַזער, וווהין ס'פֿלעגט אַרײַנגיין מלך: ער באַגעגנט זיך מיט די זעלביקע מענטשן... חנהקע קאָן איר נישט קלאָר מאַכן: „וואָס טוט ער דאָ?"

בײַ אסתּר פֿיך איז, הייסט עס, געווען אַ חשד, אַז חיים־משהן געפֿעלט דאָ שוין צו פֿיל אַלץ, וואָס מלך האָט דאָ געטאָן... חנהקען איז צוויי מאָל אַריבערגעגאַנגען אַ גרויל איבערן לײַב, נאָר זי האָט געשוויגן. צום אָנהייב איז איר געווען אײַנגענעם, זי איז געווען די ייִנגסטע פֿון אַלע מיידלעך דאָ אין שטאָט, קיין מאָל האָט זי נאָך נישט גערעדט מיט איר אַזוי ערנסט ווי איצט, די פֿרײַע צוהערערין אסתּר פֿיך. דערנאָך האָט חנהקע ביסלעכווײַז טיף אין זיך אָנגעהויבן וועלן, אַז די פֿרײַע צוהערערין זאָל אַוועקגיין. וואָס מער זי איז געזעסן, אַלץ מער האָט זי געוואָלט זי זאָל אַוועקגיין. זי האָט אַליין פֿאַרשלאָסן נאָך אסתּר פֿיך די פֿאַראַדטיר און האָט זיך נאָך דעם אויסגעטאָן בײַ זיך אין צימער מיט אַן אומצופֿרידן געפֿיל בנוגע צו זיך אַליין, צו דער פֿרײַער צוהערערינס שפּעטן זיצן און צו אַלץ, וואָס זי האָט דאָ גערעדט. וואָס האָט זי אייגנטלעך געוואָלט, אָט די פֿרײַע צוהערערין אסתּר פֿיך? זי איז שוין געווען נישט קיין יונגע, לחלוטין נישט קיין יונגע. זי איז געווען עלטער פֿון אַלע מיידלעך דאָ אין שטאָט. דער איינציקער פּאַסיקער מענטש, מיט וועמען זי האָט זיך דאָ, אין ראַקיטנע, געקאָנט צונויפֿגיין, איז געווען דער העברייער אַנשל צודיק; אָט דער, וואָס איז שוין איין מאָל געווען אין פּאַלעסטינע און וואָס מע האָט שוין געדרוקט אייניקע זײַנע העברעיִשע מאמרים. די גאַנצע שטאָט האָט געוואָלט, ס'זאָל זײַן אַ שידוך. נאָר מיט אַנשל צודיק האָט זי זיך דאָ, אין ראַקיטנע, פֿון שטענדיק אָן געקריגט. תּמיד, אַז זיי האָבן זיך באַ־

געגנט, האָבן זיי געמוזט מיט עפּעס באַליידיקן איינער דעם אַנדערן, אַרײַנקומען אין כּעס און זידלען אַזוי שטאַרק איינער דעם צווייטן, אַז זײַטיקע מענטשן זאָלן זיי דאָרטן פֿונאַנדערנעמען.

*

אין אַ פּאָר נעכט אַרום האָט זיך חנהקען געחלומט, אַז אַהער קיין ראַקיטנע איז ווידער אַ מאָל אַראָפּגעקומען מלכּס שוועסטער, די פֿרעמד־שטעטלדיקע פּראָוויזאָרין; אַז עטל קאַדיס האָט זיך כּלומרשט אויך אַהער אומגעקערט; און אַז אַלע דרײַ, מלכּס שוועסטער, עטל קאַדיס און זי, חנהקע, גייען זיי נאָך אַ גרויסער לוויה. זיי קלערן נישט וועגן דער לוויה און ווייסן נישט וועמענס זי איז. און אין דרויסן איז מאָדנע, ס'איז פֿאַר נאַכט; אַז זיי קומען אויפֿן בית־עולם, זעען זיי, ווי מע נעמט גראָבן אַ גרוב אין עק בית־עולם, נעבן קאַרשנבוים. אין איין שורה מיט מלכּס קבֿר נעמט מען גראָבן די גרוב. מע איז מקבר דעם זשורנאַליסט, וואָס ווינט אין קרים מיט דער אַנטלאָפֿענער דאָקטערשע גראַביי. נאָר אַז מע לאָזט אים אַראָפּ אין גרוב און מע דעקט־אויף זײַן פּנים, זעט מען, אַז ס'איז נישט ער, ס'איז חיים־משהס פּנים...

חנהקע האָט זיך פּלוצעם, אין מיטן חלום, אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט און האָט מעכאַניש, מיט פֿאַרשלאָפֿענע פֿינגער און פֿאַרשלאָפֿענע גלידער, גענומען איבערפֿלעכטן אויף זיך דעם צאָפּ; תּמיד ווען זי איז געווען אומרויִק, האָט זי מעכאַניש איבערגעפֿלאָכטן אויף זיך דעם צאָפּ.

חנהקע האָט קיין מאָל נישט איבערגערעדט אירע חלומות. זי האָט אין זיי נישט געגלייבט. נאָר מיט די חלומות אַליין איז זי געווען אינעווייניק געבונדן; אַ האַלב יאָר, איידער איר מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי זי געזען אין חלום אַ טויטע, און מיט אַ חודש פֿריִער, איידער זייער טראָגנדיקע גויִשע וועשערין האָט געבוירן, האָט זיך איר געחלומט די וועשערין מיט אַ קליין מיידעלע אויף די הענט, אַ קליין מיידעלע מיט בלויע אויגן און מיט ליכטיקע האָר, פּונקט אַזאַ ווי זי האָט נאָך דעם געהאַט.

חנהקע האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעך אויפֿגערעגטן צעדרייטן פֿרימאָרגן און האָט מיט צו פֿיל מאַמעדיקער בייזקייט אָנגעשריגן אויף מאָטיקן: „מאָטיק, זיץ־אײַן. מאָטיק, לאָז מיך צו רו, איך בעט דיך".

איטלעכס מאָל, וואָס פֿון דער פּאַראַדטיר האָט זיך געהערט אַ קלונג, האָט זי באַקומען אַ בלאַס פּנים און האָט זיך אַהין אײַנגעהערט מיט אַזאַ פֿאַרשטאָרבן האַרץ, גלײַך דאָס גייט מען איר אָנזאָגן, אַז איר חלום איז מקוים געוואָרן. זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק מיד און דער קאָפּ האָט איר אַ ביסל ווי געטאָן. דערצו נאָך האָט זיך דער טאָג אַליין אויסגעגעבן זייער אַ הייסער, אַ נודנער טאָג און אַ מאָדנע לאַנגער. אין אַזאַ טאָג, האָט זיך געדאַכט, קאָן געשען אַלץ.

בײַ טאָג האָט חנהקע אָנגעטאָן יום־טובֿדיק זיך און מאָטיקן און האָט גענומען אויף עמעצן וואַרטן. נאָר צו זיי אין הויז איז קיינער נישט געקומען. און אַלץ אַרום האָט נאָך פֿון בײַ נאַכט אָן אויסגעזען מאָדנע. דער הייסער זומערטאָג איז דאָך געווען אַ פּשוטער, אַ וואָכעדיקער, און ערגעץ ווו נעבן דער קיך, האָט מען נאָך אַלץ געהאַקט מיטן שווערן האַקמעסער, געהאַקט אײַלנדיק, ווי ערבֿ שבת. חנהקע האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז די הייסע זון האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט. פֿון די הײַזער האָבן מיט גרויס פֿוילקייט גענומען אַראָפּקריכן די קרומע שאָטנס. דעמאָלט האָט חנהקע גענומען מיט זיך מאָטיקן און איז אויסגעפּוצטערהייט אַוועקגעגאַנגען מיט אים אַראָפּ מיט דער לאַנגער גאַס, צו גאַסט צו דער יונגער מאַדאַם בראָמבערג. פֿון איר האָט, ווי תּמיד, געשמעקט מיט פֿולן פֿריש אויסגעזייפֿטן פּנים און מיטן ריח פֿון נײַעם לייקענעם בײַטעלע, נאָר איינס אַן אויג האָט בײַ איר אונטערגעציטערט און דער קאָפּ האָט נאָך אַלץ פֿון בײַ נאַכט אַ ביסל ווי געטאָן. ס'האָט איר געשאָסן אין אַ שלייף.

נאָר בײַ דער מאַדאַם בראָמבערג אין דער היים האָט קיינער נישט דערמאָנט, נישט דעם וואַלד, נישט יצחק־בערן, נישט חיים־

משהן. הייסט עס, אַז דאָרטן איז מיט חיים־משהן גאָרנישט ניט געשען. בײַ דער מאַדאַם בראָמבערג איז, ווי תּמיד, אין שטאַרק הייסע זומערטעג, געווען היימלעך, קיל און גוט, ווײַל די באַלעבאָסטע איז געווען אַ גרויסע בריה, און ווײַל אויף דרײַ טרעפּלעך און הינטער אַ שווערער פּאָרטיערע האָט מען זיך אויפֿגעהויבן אין קליינעם עסצימער. געזעסן זײַנען דאָרטן די מאַדאַם בראָמבערג, די פּראָוויזאָרין ליפֿשיץ און די נײַע ראַבינערשע מיטן אײַנגעפֿאַלענעם נעזל און מיט די אָפֿענע קלעפּיק־קלוגע, טינטשוואַרצע אייגעלעך, געזעסן כּמעט אַלע מיט האַנטאַרבעט אין שויס, מיט אַן אויסזען פֿון מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך דאָ אויס אין דער קיל פֿון שטאַרק הייסן דרויסן, און גערעדט האָט מען וועגן דעם, וואָס פֿאַרבײַ ראַקיטנע דאַרף אין גיכן אָנהייבן דורכגיין אַ קורירצוג, און וועגן דעם, וואָס אין די גרויסע שטעט האָט מען שוין ווידער אָנגעהויבן טראָגן פּשוטע קליידלעך, גלאַטע אַזעלכע און שמאָלע: מע פּלאָנטערט קוים מיט די פֿיס.

חנהקע איז דאָרטן אָפּגעזעסן ביז נאָך בײַטאָגעדיקן טיי, אָפּגעזעסן מיט שווערקייט, מיט אָנשטענדיקער לאַנגווײַליקייט, דרך־ארץ צו דער באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען איר געשטאָרבענער מוטערס נאָענטסטער פֿרײַנד. און אַוועקגעגאַנגען איז זי סוף־כּל־סוף פֿון דאַנען מיט דער זעלביקער אומצופֿרידנקייט, מיט דער זעלביקער אויפֿרעגונג, מיט וועלכער זי איז אַהער געקומען; אַרויסגעגאַנגען אין איינעם מיט מאָטיקן אין דרויסן און ווידער אַ מאָל דערזען דעם ברענענדיקן זונען־אויסגאָס, דעם לאַנגן תּמוזדיקן טאָג. ער איז געווען פֿײַנלעך און אומענדלעך, אָט דער טאָג. זײַנע קורצע שאָטנס האָבן זיך קוים גערוקט, קוים געקראָכן און די אײנעווייניקסטע אומרויִקייט אויך. אויפֿן טראָטואַר, אין שאָטן, זײַנען אויסגעפּוצט, ווי אין יום־טובֿ, אַרומגעגאַנגען ביידע משרתים פֿון בראָמבערגס סקלאַד פֿון ערד־מאַשינען, זיך ליידיקגייעריש געװערטלט און ליידיקגייעריש געראַנגלט, און אין די צוויי קלויסטערס, וואָס אין ביידע עקן שטאָט, הינטער די בערג, האָבן שוין

ווידער, נאָך לאַנגער בײַטאָגעדיקער רו, גענומען קלינגען די גלאָקן; אָפּגעוואַרט אַזוי איינער דעם צווייטן, אָפּגעוואַרט שטיפֿעריש און יונג און ווידער אַ מאָל גענומען פֿאַריאָגן, פֿאַרקלינגען איינער דעם צווייטן. ס׳איז געווען אַ מיטזומערדיקער גויִשער חגא־טאָג, אַ חגא־טאָג וואָס געהייליקט ווערט ער אין די זאַטע, רויִקע דערפֿער אַרום און וואָס דאָס שטעטל דאָ נאָגט אים טיילווײַז אויס און איז אים האַלב מחלל; ס׳האָבן זיך ליידיקגייעריש געלאַנגווײַליקט אין מאַרק אַ פּאָר פֿאַרגעסענע גויִשע פֿורן, זיך געלאַנגווײַליקט מיט בענקשאַפֿט צו די אַוועקגעשאָקלטע האַלב שיכּורע באַלעבאַטים־פּויערים; ס׳איז געווען פּוסט אין שטאָט, און פֿון ווײַט, פֿונעם שיפּועדיקן באַרג, וואָס אַקעגן, האָט זיך אַהער אַרויסגעבלויט דער גרויסער וואַלד מיט זײַן אָנהייב גערדיכטעניש, אַ שנורגלײַכער בלויער וואַלד, וואָס קייטלט באַרג־און־הימל און טריפֿט איצט אין דער גרויסער היץ מיט בלויער פֿאַררויכלקייט אַרום זיך און אַרום זײַנע טיפֿן, און אַזוי נאָענט איז איצט אַהין, אַזוי נאָענט און אַזוי ווײַט. דאָרטן געפֿינט זיך איצט חיים־משה... פּלוצעם איז חנהקע געוואָרן שטאַרק רויט, קוקנדיק אַהין צו אָט דעם וואַלד; זי האָט מאַמעדיק אָפּגעהאַלטן מאָטיקן, ער זאָל נישט לויפֿן אַפֿריִער, און אַליין איז זי געוואָרן שטאַרק רויט, און די ברוסט האָט זיך אָנגעהויבן הייבן און ווערן פֿול מיט האַרץ, פֿול מיט האַרץ — דאָס ערשטע מאָל איז איר איצט אַרויפֿגעקומען אַ געדאַנק, נעמען מאָטיקן און אַרויפֿגיין מיט אים אַהין, אויפֿן באַרג, צו חיים־משהן; דאָס ערשטע מאָל האָט אַהין צו אים אַזאַ שטאַרקן צי געטאָן, און זי איז געוואָרן רויט, שטאַרק רויט. אייגנטלעך, איז ער איר געווען אַ פֿרעמדער, אָט דער חיים־משה. סך־הכּל אַ מאָל דרײַ איז ער געווען בײַ זיי אין הויז און מער איז ער שוין נישט געקומען. ער האָט אויפֿגעהערט צו גיין. חנהקע האָט אָפּגעהאַלטן מאָטיקן מיט כּעס אין קול: „מאָטיק, לויף נישט, איך בעט דיך“.

און שווער איז געווען צו וויסן, אויף וועמען איז זי אויפֿגעטראָגן: אויף זיך פֿאַרן געפֿיל, וואָס ציט אַהין אין וואַלד, צי אויף

מאָטיקן, וואָס פֿאַרלויפֿט אַפֿריִער און פּלאָנטערט זיך יעדערן פֿאַר די פֿיס.

*

אין עק מאַרק, אין אַלכסון, האָט חנהקע דערזען די יצחק־בעריכע. זי איז געזעסן אײנע אַליין אויף דער זון אויף אַ ווייס געפֿאַרבטער בריִענדיקער באַנק, וואָס אַקעגן אַ קלייט פֿון געפֿעס. חנהקע האָט זיך נעבן איר אָפּגעשטעלט:

— פֿרעג איך אײַך: אין אַזאַ היץ!...

די קרענקלעך געלע יצחק־בעריכע איז געזעסן אויפֿן בענקל אויסגעפּוצט ווי שבת בײַ טאָג; זי האָט פֿון גרויס היץ צעבונדן אויף זיך דאָס זײַדענע קאָפּטיכל און האָט געפֿאָכעט מיטביידע עקן אויפֿן שוויציקן פּנים. „אוי, איז הייס — האָט זי זיך געקלאָגט מיט אַ מינע פֿון פֿאַר חלשות — מע קאָן אויסגיין... און חנהקע, חנהקע איז נאָך אַ קינד, אין גאַנצן אַ קינד, אויב זי פֿרעגט, נאָך וואָס יצחק־בער דערלאָזט, זי זאָל זיך קראַנקערהייט אין אַזאַ היץ שלעפּן אין שטאָט אַרײַן. די זאַך באַשטייט דערין, וואָס יצחק־בער האָט זיך פֿון פֿרומקייט אָפּגעשאָקלט: „שוין אין גאַנצן אָפּגעשאָקלט, טעג און וואָכן, אין שטויב דאָרטן, צווישן די פּילשטשיקעס, און אין גאָט גלייבט ער נישט... ווייס איך, וואָס... ער גלייבט נישט“.

נאָך יענע וואָך האָט ער געהאַט יאָרצײַט, יצחק־בער, און פֿאַרגעסן, גאָר נישט געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן; זיך נישט אָפּגעוואַשן אַפֿילו.

איז נו, מילא, יצחק־בער, ווי ער וויל זיך, נאָר זי, די יצחק־בעריכע, זי האָט מורא פֿאַר גאָט; זי איז קראַנק... האָט זי איצט אָט דאָ גענומען מיט זיך אַ פֿונט ליכט און איז געקומען אין שטאָט אַרײַן. ליכט פֿון אַ יאָרצײַט זײַנען אָסור ווי אַ חרם. אָט דאָס זיצט זי דאָ אויפֿן בענקל נישט ווײַט פֿון דער שול און וואַרט: די שול איז נאָך פֿאַרשלאָסן. ס׳וועט קומען דער שמש, וועט זי אים די ליכט אָפּגעבן. און יצחק־בער? יצחק־בער ווייסט דערפֿון אַפֿילו

נישט, יצחק־בער איז נאָך גאַנץ פֿרי אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ מיטן וואַלד־פֿערד־און־וועגל.

חנהקע איז רויט געוואָרן:

— און חיים־משה?

זי האָט זיך פֿאַרלוירן. דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָט זי געפֿרעגט אויף חיים־משהן. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס וועט וועגן איר מיינען די יצחק־בעריכע. נאָר די יצחק־בעריכע האָט גאָר נישט געמיינט.

— וווּ? אָט דער רוח? — האָט זי זיך געוווּנדערט.

זי האָט אָנגערופֿן חיים־משהן „רוח", ווײַל קיין מענטש אין דער וועלט איז ניט אין שטאַנד צו לעבן אַזוי ווי ער לעבט. זי אַליין האָט באַלד נאָך פּסח געהייסן יצחק־בערן אָנשרײַבן חיים־משהן, ער זאָל קומען. זי האָט געמיינט: ער וועט דאָ אַרויפֿנעמען אויף זיך אַ ביסל לײַב. נו, איז דאָך עס אָבער אַ רוח, ניט קיין מענטש. אַנישט עסט ער? צי ער טרינקט? אַניט שלאָפֿט ער?... ער איז צעיאָצט, ער טומלט, און געגוג.

אַנומלטן איז געקומען צו פֿאָרן אין וואַלד אַרײַן יצחק־בערס שוועסטער מיט איר מיידעלע. שוין נישט קיין יונגע, אָט דאָס מיידעלע אירס, אַ יאָר אַכט־צען אַוודאי. ריידן רעדט עס שעפּעליאַ־ווע און אַליין איז עס געבליבן בײַם קינדערשן שׂכל; זיצט גאַנצע טעג אין דרויסן בײַ דער שטוב אויף דער ערד און שפּילט אין טשעריק. ציילט און ציילט און שפּילט נאָך אַ מאָל און ציילט נאָך אַ מאָל. האָט ער געקענט אַזוי אָפּזיצן אַקעגן איר גאַנצע שעהען, חיים־משה, און קוקן ווי זי שפּילט.

— איז וויפֿל האָסטו שוין געמאַכט? — פֿרעגט ער אַזוי בײַם מיידעלע.

— שוין טוידנט! — ענטפֿערט דאָס מיידעלע — אַ תּך, אַ תּך מאָל טוידנט!

— און איצט, וואָס וועסטו טאָן?

— איך וועל מאַכן נאָך טוידנט.

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער און קוקט איר אין פּנים אַרײַן — מאַך נאָך אַ מאָל טויזנט.

ער גייט־אַוועק צו זיך און פֿאַרשפּאַרט זיך. ער טוט דאָרטן, אַ פּנים, עפּעס. ווער ווייסט אים? תּמיד שמייכלט ער. אַז מע פֿרעגט אים, וואָס ער טוט, שמייכלט ער און ענטפֿערט נישט. און אונטער די אויגן איז אים שוין בלוי. ער איז הויט און ביין. בײַ נאַכט רעדט מען שעהענלאַנג בײַ אים אין צימער. זי, די יצחק־בעריכע, כאַפּט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט און הערט, ווי מע רעדט דאָרטן.

— חיים־משה, — קלאַפּט זי אים סוף־כּל־סוף אָן אין װענטל — ווער רעדט עס דאָרטן בײַ דיר, חיים־משה?

— ס׳איז גאָר נישט — שרײַט ער צו איר פֿון יענער זײַט ווענטל און איז פֿריילעך.

ער לאַכט:

— ס׳איז שדים — שרײַט ער צו איר — שדים טאַנצן אַרום מיר בײַ מיר אין צימער.

„זי, די יצחק־בעריכע, מוז זיך פֿאַר חנהקען מודה זײַן: זי איז שוין ניט צופֿרידן, וואָס ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, חיים־משה. זי האָט מורא פֿאַר אַזעלכע ווערטער. ווען חיים־משה זאָל זיך איצט וועלן באַזעצן ערגעץ אַנדערש, וואָלט זי אים געזאָגט אַ גרויסן דאַנק... נאָר פֿאַר וואָס איז חנהקע אַזוי בלאַס?... וואָס אײַלט זי אַזוי, חנהקע? זי גייט שוין אַהיים? און דער שמש פֿון דער שול איז נאָך אַלץ נישטאָ. זעט נאָר, איך בעט אײַך: די זון איז שוין נאָר אויפֿן דאַך, און די שול איז נאָך אַלץ געשלאָסן. ווען קומט שוין אַ מאָל דער שמש? נאָר חנהקע גייט שוין טאַקע? אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג.

*

חנהקע איז געווען נישט אַזוי דערשראָקן ווי בלאַס. פֿאַר וואָס האָט זי פּלוצעם דערפֿילט אין חיים־משהן אַזאַ אייגענעם, אַזאַ נאָענטן, גלײַך ער וואָלט געווען אירער אַן עלטערער געראָטענער ברודער. נאָך אַ סך, אַ סך אַ נענטערער ווי איר אייגענער עלטע־

רער ברודער; ער איז אַ סך, אַ סך יאָרן נישט געווען אין דער היים, ער האַלט נישט פֿון דער היים, און איצט איז ער אַראָפּגעקומען. נאָר פֿאַר וואָס האָט זיך געטראָפֿן, אַז פֿאַרפֿאָרן איז ער נישט גלײַך צו זיך, צו זיי אין הויז, נאָר אין וואַלד אַרײַן, צו דער יצחק־בעריכע, וואָס וואָלט געווען צופֿרידן, ווען ער קלײַבט זיך פֿון איר אַרויס? פֿאַר וואָס זאָל זיך דאָ, אין ראַקיטנע, נישט געפֿינען עמעצער, וואָס זאָל אים דאָס זאָגן? זי האָט אין זײַטיקן הינטערגעסל דערזען פֿון ווײַטנס דעם דאָקטער גראַביי און האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט: אפֿשר וואָלט עס אים געזאָגט דער דאָקטער גראַביי? ער קען דאָך חיים־משהן נאָך פֿון דער גרויסער שטאָט. אפֿשר וואָלט זי אים געבעטן...

נאָר דער דאָקטער גראַביי איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פֿאַרבײַ איר און האָט זי נישט באַמערקט. זײַן פֿריש געגאָלט פּנים, וואָס מיט די גראָבע און ליכטיקע פּריצישע וואָנצעס, איז געווען שוואַרץ אָפּגעברענט און פֿאַרשוויצט. צעטראָגן און אויסגעמאַטערטמיד פֿון ניט שלאָפֿן בײַ טאָג, האָט ער געוויגט זײַן פֿעסטן קערפּער אויף די קורצע און פֿעסטע רעסאָרנדיקע פֿיסלעך און איז איצט בײַ זונזעצן אַרומגעגאַנגען אין די הינטערגעסלעך מיט פֿאַרנאַכטיק שפּעטע וויזיטן צו זײַנע חולאים. צעטראָגענערהייט האָט ער געטראָפֿן אין אַ פֿרעמדער שטוב, נישט אַהין, וווהין מע האָט אים גערופֿן. אַ פֿאַרפּוצט מיידל האָט אים פֿון דאָרטן אַרויסבאַגלייט מיט גרויס דרך־ארץ און האָט אים שמייכלדיק אָנגעוויזן: „אָט אַהין... אין יענער שטוב האָט מען געוויס דעם דאָקטער געבעטן".

און ער האָט דעם מיידל שוין אַפֿילו קיין דאַנק נישט געזאָגט; ער האָט דערזען חנהקען מיט מאָטיקן דורכגיין, האָט ער פּלוצעם אויפֿגעוואַכט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זײַנע פֿאַרדרימלטע אויגן, און האָט אַ מאַך געטאָן צו חנהקען מיט דער האַנט: „אָט אַהין, אין יענעם הויז — האָט ער געזאָגט — ס'איז אַלץ איינס... נעכטיקע טעג..."

# 13

דער דאָקטער גראַבײ איז אַרומגעגאַנגען מיט דער קאָמיסיע, וואָס גיט אַכטונג אויף ריינקייט. ער האָט שלעכט באַזוכט זײַנע חולאים, אָפּגעכאַפּט זײַן אַרבעט אין שפּיטאָל און פּריציש שטום געטראָגן דעם עול פֿונעם אַראָפּגעקומענעם אינספּעקטאָר, דעם דאַרן, שטרענגן גוי, וואָס טראָגט בלויע ברילן און איז אין כּעס, משוגענערווײַז אין כּעס. ייִדן האָבן דעמאָלט גנבֿיש אונטערגעקוקט פֿון יעדן שמאָלן סיטקעלע; ס'איז געווען כּדאַי צו וויסן: „ווען פֿון זײַנע באַקאַנטע וועט דער דאָקטער לאָזן מאַכן אַן אַקט?“

נאָר דער דאָקטער האָט געהאַט אַ מיד פֿאַרשטײנערט פּנים, געהאַלטן די הענט אַרונטערגעלייגט אונטערן ווײַסן זומערדיקן רעקל און נאָכגעגאַנגען דעם אינספּעקטאָר מיט אַן אויסזען, גלײַך ער, דער דאָקטער, וואָס שטייט העכער פֿון אים, מישט זיך בכּיוון נישט און האַלט שטאַט; ער לאָזט אָט דעם שלעכטן וואַריאַט[31], דעם גוי, מאַכן אַקטן, ווען ער וויל.

דרײַ טעג כּסדר איז דער דאָקטער גראַבײ געווען אַזוי צו זאָגן פֿאַרקנעכט, שלעפּעריק און עפּעס ווי נישט מיט אַלעמען. און אויפֿן פֿערטן טאָג, נאָך וואַרעמס, ווען די קאָמיסיע איז אַוועקגעפֿאָרן, איז ער באַפֿרײַט געזעסן נעבן אַלטן מילשטיין, דעם טיש, וואָס אין שאָטן פֿון עזריאל פּויזנערס גרויסער קלייט. איצט איז שוין דאָ ווײַדער מער קיין עלטערס פֿון אים נישט געווען. ער האָט געשוויצט, געטרונקען די פֿלעשלעך לימאָנאַד, וואָס דער עלטערער קלייט־משרת עפֿנט פֿאַר אים מיט אַזאַ דרך־ארץ, גלײַך ער איז אַ חשובֿער קונה, אַ גלח. ער האָט שעלמיש געשמייכלט און האָט גערעדט מכּוח דעם, וואָס אַלץ איז גאָר נישט, בלאָטע שבבלאָטע: „גלייבט זשע מיר, ר' עזריאל פּויזנער, נעכטיקע טעג!“

— די הויפּטזאַך באַשטייט דערין, וואָס די לופֿט איז פֿול מיט

---

[31] משוגענער.

זיגערס... וויפֿל מענטשן, אַזוי פֿיל זיגערס, און יעדער פֿאַר זיך; יעדערער — אַ גרויסער, גרעסער יעדנפֿאַלס פֿונעם צווייטן... און אָט איז נאָך איינער, האַ?

דאָס האָט ער דערזען דעם לאַנגן אַנשל צודיק צוגיין, האָט ער צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט די פֿולע פּריצישע וואָנצעס, מיט די אויגן און מיט די פֿיל קלוגע קנייטשן אַרום זיי, און האָט אים געגעבן די האַנט. ער האָט אים געבעטן זיצן דאָ אַקעגן אים אויף דער באַנק און האָט אים שעלמיש אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל.

— אויך אַ זיגער! וואָס? נישט אַזוי?...

אַנשל צודיק האָט נאָר וואָס פֿאַרן אַרויסגיין פֿון דער היים געהאַט באַטראַכט אויף זיך אַקעגן שפּיגל זײַן ווײַסן קראַגן און האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז נישט מסוכּן, אַז מע קוקט זיך נישט צו גאָר נאָענט, זעט מען נישט, אַז דער קראַגן איז אַ גומענער. איצט איז ער געוועזן רויִק און האָט, ווי זײַן טבֿע איז דאָ אין גלות, געקוקט סקעפּטיש אויף דער וועלט און אויך אויפֿן דאָקטער גראַביי. ס'איז איצט געווען שטאַרק מאָדנע אויף אים צו קוקן, אויף אָט דעם דאָקטער. די גאַנצע שטאָט איז געווען פֿול מיט קלאַנגען וועגן דעם, וואָס זײַן אַנטלאָפֿענע פֿרוי, די זעלטענע פּאַרשוין, געפֿינט זיך איצט אין דער נאָענטער קרײַזשטאָט אין האָטעל, אַז צוזאַמען מיט איר געפֿינט זיך איצט דאָרטן דער גרויסשטעטיקער זשורנאַליסט, וואָס וווינט מיט איר די גאַנצע צײַט אין קרים, און אַז זי גרייט זיך אַראָפּצוקומען אַהער אַ קוק טאָן אויפֿן קינד. יעדן טאָג האָט זי געקאָנט אַהער אַראָפּקומען. די גאַנצע שטאָט האָט אים געהאַט אין מויל. און ער איז דאָ געזעסן מיט אַזאַ אויסזען, גלײַך אים איז אַלץ איינס, וואָס מע רעדט וועגן אים. ער האָט גערעדט מכּוח דעם, וואָס די לופֿט איז פֿול מיט זיגערס, און אַלץ איז בלאָטע. „נעכטיקע טעג".

דעסלער, דעסלער פֿון בעריזשינעץ, למשל, פֿאָרט אָפֿט אין קרײַזשטאָט; ער האָט דאָרטן, זאָגט מען, געשעפֿט. ער שטייט אויפֿן וואָקזאַל בײַ דער בילעט־קאַסע, אינעם האַרטן ברוינעם הוט און אין

די לײַקענע הענטשקעס שטייט ער דאָרטן, און פֿאַר אים שטייען נאָך דרײַ צי פֿיר מענטשן. אַלע דאַרפֿן בילעטן אין קרײַזשטאָט. יעדערער זאָגט דאָרטן צום קאַסיר: „מיר אויך אַ בילעט אין קרײַזשטאָט". נאָר אַז ס'קומט צו דעסלערן, טוט ער אַ שטילן הוסט און זאָגט: „און מיר אַ בילעט אין קרײַזשטאָט", ווײַל ער האַלט, אַז ער איז נישט גלײַך מיט אַלעמען, ניין, בשום אופֿן, פֿון אים הייבט זיך אָן אַ נײַע צאָל; נישט „ער פֿאָרט אויך, נאָר „ער" פֿאָרט, און אַנדערע פֿאָרן אויך". אים, דעם דאָקטער, איז שוין אַפֿילו אַ חידוש, ווי דערלאָזט עס דעסלער, אַז די ערע זאָל זיך אָנהייבן ציילן נישט פֿון אים, נאָר פֿון קריסטוסן. כע, כע, כע...

דער דאָקטער האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט פּריציש און גרינג און האָט געגעבן אַ קלאַפּ־צו מיט דער האַנט אויפֿן קאַלטן לימאָנאַד, וואָס אין גלעזל.

נאָר אָט ברענגט מען אַנומלטן צו אים, דעם דאָקטער, אין שפּיטאָל נאָך איינעם אַ זיגער... דאָס איז אַ געלבלעך דאַר און בלאַס עקסטערן־ייִנגל פֿון אַ נאָענט שטעטל. ער האָט שוין געשטודירט אין אָדעס און שלאָפֿט ניט בײַ נאַכט — אַזוי דערציילט די מוטער זײַנע. — יאָ, יאָ, — זאָגט זי — איר מעגט אים גלייבן".

נאָר דאָס ייִנגל אַליין שווײַגט און קוקט זיך אַרום גרויסמוטיק, נישט אויפֿן דאָקטער קוקט ער, נאָר אויף די ווענטבילדער, אויף די ביכער אין שראַנק. אויסריידן דאָ אַ וואָרט רעכנט ער נידעריקער פֿון זײַן כּבֿוד. ער גלייבט נישט אין מעדיצין, אַזוי ווײַזט זיך נאָך דעם אַרויס, „מיט וואָס — פֿרעגט ער בײַם דאָקטער — קאָנט איר היילן אָפּגעשוואַכטע ליבע? איר האָט נישט מיט וואָס זי צו היילן". — ער האַלט בכלל נישט פֿון וויסנשאַפֿט. אַלע געזעצן — זאָגט ער — רירן אים קוים אין פּיאַטע. „איר קענט, זאָגט ער, באַשטראָפֿן אַ מענטשן, וואָס צעברעכט מיר אַ ריפּ אָדער אַ ביין. אָבער מיט וואָס וועט איר אים באַשטראָפֿן, אויב ער צעברעכט מיר אַ געדאַנק אָדער אַ געפֿיל? איר האָט אַפֿילו קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז ס'קומט אים צו באַשטראָפֿן".

ער טיילט זיך אויס פֿון אַלע. ער זאָגט „איך" און „איר". קלאָר, ס׳איז אַ „זיגער". נאָר דעם דאָקטער אינטערעסירט דעמאָלט איין זאַך: „הערט, — פֿרעגט ער בײַם עקסטערן־ייִנגל — צי ווייסט איר נישט וועגן איינעם אַן אינזשעניר דעסלער? וועגן דעסלער פֿון בע־ריזשינעץ?"

— וועגן וועמען? — „אָך, ניין", דאָס עקסטערן־ייִנגל האָט קיין מאָל וועגן אים נישט געהערט.

דער דאָקטער האָט זיך ווידער פּריציש און גרינג פֿונאַנדער־געלאַכט, זיך פֿונאַנדערגעלאַכט פֿון דעם, וואָס איין „זיגער" אָנער־קענט נישט דעם צווייטן, און האָט חבֿריש אַרויפֿגעלייגט די האַנט צו אַנשל צודיק אויפֿן אַקסל: „נאָר אָט איז ער, דער דאָקטער גראַ־ביי אַליין, אויך אַזוי צו זאָגן אַ „געוועזענער זיגער"...

ער האָט איצט געוואָלט ריידן, דער דאָקטער, טרינקען לימאָ־נאַד דאָ אין שאָטן פֿון עזריאל פּויזנערס קלייט און ריידן, ריידן אָן אַ ברעג. ער האָט נישט געהאַט ווהין צו אײַלן. ווען ער קומט איצט אַהיים, וואָלט ער געפֿונען זײַן קליין דאָקטערש טרוקן הייפֿל פֿאַרגאָסן מיט זון און אינעווייניק, אין די צימערן, וואָלט ער קיי־נעם נישט געטראָפֿן, אַחוץ דער יונגער אויסגעמושטירטער גויע, דער דינסט, און אַחוץ זײַן איינציק זעקסיאָריק מיידעלע, וואָס די אַנטלאָפֿענע פֿרוי האָט אים דאָ געלאָזן. ס׳איז נישט לאַנג געווען קראַנק מיט דיפֿטעריט, אָט דאָס מיידעלע, און האַלט איצט אין גע־זונט ווערן; סע זיצט אין ווײַסן אָפּעראַציע־צימער אויף דער היל־צערנער סאָפֿקע, מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשעוועט העלדזל זיצט עס דאָרטן און שפּילט זיך מיט דער אַלטער פֿידל, וואָס די דינסט האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון בוידעם. דאָס איז דעם דאָקטער גראַבייס פֿידל. דעם ערשטן זומער, ווען ער איז קיין ראַקיטנע אַראָפּגעקומען, האָט ער נאָך געשפּילט גאַנצע שטיקער פֿון מענדלסאָנס קאָנצערט. שטאָטלײַט האָבן דעמאָלט געקאָנט אָפּשטיין גאַנצע זומער־אָוונטן אונטער זײַנע אָפֿענע פֿענצטער, הערן און שמועסן מכּוח דעם, וואָס

ער שפּילט גוט, דער דאָקטער: „ווי גאָר די גרויסע שפּילערס שפּילט ער״.

און איצט איז אָט די פֿידל געווען אָן אַ גריף [32] און סך־הכּל מיט איינער אַ מיטלסטער סטרונע, אָן אויסגעצויגענע אַזאַ און אַ פֿאַרדאַרטע. אַז מע האָט זי אַ פּיק געטאָן, האָט זי כּמעט נישט אַרויסגעגעבן קיין שום קלאַנג. דאָס איז געווען דעם דאָקטער גראַבייס אָפּגעשפּילטע פֿידל.

אַנשל צודיק האָט זיך געפֿילט לעפּיש דערפֿון, וואָס דער דאָקטער האַלט אַ לענגערע ווײַלע די האַנט אויף זײַן אַקסל; ער האָט פֿויל אונטערגעשמייכלט און האָט געקוקט אויפֿן דאָקטער סקעפּטיש: „אַ שטילער וואָרעם, אָט דער כּלומרשט העפֿלעכער דאָקטער, וואָס רעדט שטענדיק וועגן עולמותן. אין אַ קאָפּיקע פֿון דעסט וועגן גלייבט ער... מע זאָגט: ער האַלט אויסגעבאַהאַלטן דרײַסיק טויזנט ערגעץ אין קרײַזשטאָט אין אַ באַנק״.

און דער דאָקטער האָט אַלץ גערעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט אַמאָל, נאָכן ענדיקן אוניוורסיטעט, פֿיר יאָר נאָך אַנאַנד דעם סטודענטישן סורדוט נישט אויסגעטאָן. זײַן פּאַרטיי האָט אים דעמאָלט אַרומגעשיקט פֿון שטאָט צו שטאָט און ער האָט אָפּגעהאַלטן איין גלאַנציקע רעדע נאָך דער צווייטער. און אומעטום, וווּהין ער קומט, טרעפֿט ער אַ גרויסן זאַל איבערגעפֿולט מיט מענטשן; ער קען קיינעם נישט, נאָר אַלע קענען אים, דעם דאָקטער גראַביי.

קומט ער איין מאָל, זומער בײַ טאָג, אין אַ גרויסער שטאָט און אין זעלביקן אָוונט רעדט ער. דער זאַל איז מער געפּאַקט ווי תּמיד. אַ סך יונגע לײַט, מיידלעך, און איינע אַ מיידל באַגלייט אים נאָך דעם אַרויס פֿון זאַל. אַ שלאַנק שיין מיידל און העכער פֿון אים, דעם דאָקטער גראַביי, העכער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. זיי גייען ביידע אַראָפּ פֿון דריטן גאָרן מיט די טרעפּ. און אַרום איז פֿינצטער. די

---

[32] הענטל.

עלעקטרי אויסגעלאָשן. זיי ריידן פֿריילעך. פּלוצעם טוט זיך אַ דריי ער, דער דאָקטער, נעמט־אַרום דאָס מיידל און טוט זי אַ קוש...

נאָר פֿאַר וואָס פֿאַרכאַפּט זיך פּלוצעם דער דאָקטער און שטעלט זיך אָפּ? צי איז אָט דאָס מיידל נישט געוואָרן נאָך דעם זײַן פֿרוי, אָט די וואָס איז פֿון אים פֿאַר צוויי יאָרן אַנטלאָפֿן און וויל איצט פֿון קרײַזשטאָט אַראָפּקומען אַ קוק טאָן אויפֿן קינד?... יעדנפֿאַלס איז זי אויך זייער אַ שלאַנקע, אַ שיינע און איז אַ סך העכער פֿון אים, דעם פּריציש פֿולבלעכן דאָקטער גראַביי, העכער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. דער דאָקטער רעדט מער נישט. ער האַלט ביידע עלנבויגנס אויפֿן טיש און קוקט פֿאַר זיך אין מאַרק אַרײַן. אַנשל צודיק קוקט אויך. און פּלוצעם דערזעען זיי, ווי גאָר נאָענט פֿון דער קלייטס זײַט טוט זיך אַ שלײַך אַרויס חנהקע ליובער אין איר ווײַסן היטעלע און אין איר ווײַסן זומערדיקן קלייד. זי טראָגט עפּעס אַ שווערע זאַך אײַנגעוויקלט אין אַ שאַרף און וויל, אַ פּנים, אַז קיינער זאָל נישט זען, אַז די זאַך איז איר שווער צו טראָגן. דערזעענדיק דעם דאָקטער מיט אַנשל צודיק בײַם טיש זיצן, טוט זי זיך ווי אַ כאַפּ צוריק און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט דער שווערער זאַך. נאָר באַלד שטאַרקט זי זיך, זי טוט אַ שוואַכן שמייכל צו די, וואָס זיצן נעבן דער קלייט בײַם טיש, און לאָזט זיך אַוועק ווײַטער מיט דער מיטלסטער לאַנגער גאַס און מיטן וועג, וואָס פֿירט־אַרויס פֿון שטאָט.

*

טעג זײַנען אַלץ געשטאַנען טרוקענע, ברײַענדיקע. זון האָט געהינומט. חנהקע איז אין משך פֿון אָט די טעג צוויי מאָל געווען אין וואַלד, צוויי מאָל געטראָגן אַהין אײַנגעוויקלט אין שאַרף מלכס סטאַטועטע. און ביידע מאָל נישט געטראָפֿן חיים־משהן אין דער היים, אויף זײַן טיר איז געהאָנגען אַ שלעסל, און ביידע מאָל זיך שיִער ניט געעקט פֿון היץ. איר יונג פֿולבלעך פּנים איז געווען ביז צעגליִען אָנגעפֿײַערט און רויט, און נעבן די שלייפֿן און העכער דער אייבערשטער ליפּ זײַנען איר אַרויסגעטראָטן פֿיל פּיצע־

לעך קליינע טראָפּנס שווייס. זי האָט זיך געפּאָכעט און האָט גערעדט מיט דער יצחק־בעריכע וועגן יצחק־בערן, וועגן איר קרענק און וועגן פֿאַרשיידענע שטובזאַכן. זי איז געווען דאַנקבאַר דער יצחק־בעריכע, וואָס זי פּרעגט זיך נישט נאָך, צוליב וואָס זי, חנהקע, איז געקומען אין וואַלד אַרײַן. „פֿאַר וואָס זאָל זיך די יצחק־בעריכע נישט קורירן ווי עס געהערט צו זײַן? פֿאַר וואָס זאָל זי מיינען, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין רפֿואות אַחוץ טרוקענע באַנקעס און סינאַפּיזמעס [33] ?"

און אַרום און אַרום האָט געשמעקט מיט ערדענעם שטיבל, מיט ליימיקער פּאָדלאָגע און מיט טאָטערשע קרײַטעכצער, מיט פּרישן, גרינעם אָטשערעט [34], וואָס וואַלגערט זיך נעבן בעט און אונטער די פּיס און זעט־אויס מאָדנע, דערפֿאַר וואָס אין דרויסן איז שטאַרק הייס און אויף די פֿענצטער זײַנען דורכויס אַראָפּגעלאָזן די קורצע רויטע פֿאָרהענגלעך.

סוף־כל־סוף האָט חנהקע באַשלאָסן איבערצולאָזן חיים־משהן אַ צעטעלע: „זי האָט אים געבראַכט מלכס קליינע סטאַטוע; זי קלערט, אַז די סטאַטועטע געהערט געוויס גיכער צו אים, חיים־משהן, איידער צו איר. ער איז דאָך פֿאָרט געווען נענטער ווי אַלע מיט מלכן. זי איז זיכער, אַז דער מאַדאַם בראָמבערגס קרובֿ, דער סטודענט, וועט אויך אַקעגן דעם גאָר נישט ניט האָבן. זי האָט די סטאַטועטע געוואָלט צוטראָגן אים, חיים־משהן, צום טאָג פֿון זײַן געבוירן, נאָר זי ווייסט נישט, ווען ער יאָרט זיך. קיינער דאָ, אין ראַקיטנע, ווייסט נישט, ווען ער יאָרט זיך".

זי האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט איר צעטל און האָט זיך דערשראָקן. זיך דערשראָקן פֿאַרן געדאַנק, וואָס זי שרײַבט אים, חיים־משהן, אַ צעטעלע. חוץ דעם האָט זיך איר איר האַנטשריפֿט געדאַכט שרעקלעך. קיין מאָל אין לעבן האָט זי נישט באַמערקט, אַז זי האָט אַזאַ מיאוסע, העסלעכע האַנטשריפֿט, ווי זי באַמערקט

---

[33] היילמיטלען. — [34] זומפּ־שטעקעלעך.

עס איצט. זי האָט דאָס צעטעלע צעריסן און האָט געלאָזט זי סטאַ־טועטע בײַ יצחק־בעריכע. זי איז באַנײַס שטאַרק בלאַס געוואָרן, באַקומען אַ סך אויפֿרעגונג אונטער דער ברוסט און געבעטן די יצחק־בעריכע איבערגעבן חיים־משהן, אַז זי בעט אים אַרײַנקומען צו זיי אין הויז, פֿון אָנהייב דער נײַער וואָך בעט זי אים צו זיי אַרײַנקומען.

# 15

אין אָנהייב נײַער וואָך האָט אַראָפּ באַרג, אויף דער אַלטער שטאָט, גענומען ליאַרעמען דער גרויסער זומערדיקער יאָריאַריד; ער האָט געדויערט גאַנצע דרײַ טעג, זונטיק איז געווען דער ערשטער טאָג פֿון אָט דעם יאַריד. דאָס איז געווען אַ פֿריילעכער טאָג אויף דער אַלטער שטאָט פֿון ראַקיטנע.

די שניטקרעמערס, וואָס אין אונטערשטן שלעכט ברוקירטן מאַרק האָבן אַרויסגעהאַנגען רויטע יום־טובֿדיקע פֿאַטשיילעס אויף די טירן און האָבן פֿאַרפֿלייצט די געגנט מיט אַלערליי לײַוונטן און מיט וואָלוועלע שלעכט שמעקעוודיקע ציצן; זיי האָבן שמײַדיק, פֿון פֿרימאָרגן אָן, געוואָרפֿן זייער גליקלעכן טומל אַקעגן שפּאָגל נײַער זון, אַקעגן בריִענדיקן אָטעם פֿון יונגן, הייסן זומער און אַקעגן ווײַטן שהחיינו־בלויען הימל. און פֿון אַרום און אַרום, פֿון דערפֿער, וואָס ליגן באַגראָבן אין טיפֿע פֿאַרטויבטע טאָלן, פֿון שטעגלעך, וואָס פֿאַלן שעמעוודיק אַראָפּ פֿון גרינע באַאַרבעטע בערג, האָבן פֿאַרשוויצטע פֿוסגייערס און פֿורן נאָך אַלץ געהאַלטן אין אײַן ציִען.

אַרום עלף אַ זייגער אין דער פֿרי האָבן די איבערגעפֿולטע געסלעך, וואָס אין טאָל, שוין אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אַ לאַנגאָנעב־דיקן טויזנט מײַלערדיקן געמורמל, אַן אויסגעמישטן מיט עפּעס אַן אייביקן הבֿל־הבֿלים. מיט קלאַפּנדיקן פּיסק פֿון באַריידעוודיקער גויע און מיט פֿוילע בלאָנדזשענדיקע טענער פֿון אַן אייביק פֿאָנ־

פֿעוודיקער האַרמאָשקע. איבערן ריח פֿון פֿרישן צוגעטריקנטן גראָז האָבן דאָרטן אָן אויפֿהער געניסט די אויסגערוטע דאָרפֿישע פֿערד, געהייבן די קעפּ אין דער לופֿט און פֿריילעך געהירזשעט ערגעץ אַרויף צום הויכן, בלויען הימל. און אין דער זעלביקער צײַט איז דער רײַכער און ציכטיקער טייל שטאָט, יענער וואָס אין דער הייך נאָך אַלץ געבליבן רויִק, טיף אַרײַנגעטאָן אין דער נגידישער שטילקייט פֿון זײַן לאַנגער און פּוסטער זומערדיקער וואָך. אַ פֿאָרהאַנג אויף אַן אָפֿענעם פֿענצטער האָט געוואַרט, אַז אַ מינדסט ווינטל זאָל אים קומען אַ ריר טאָן, און אַ קבצן, אַ פֿאַרנודעטער, האָט דאָרטן געליטן פֿון גרויס היץ, אַרומגעשפּאַנט פֿון הויז צו הויז און געפּרוווט אַ שלעפּ טאָן איין געשלאָסענע פּאַראַדטיר נאָך דער צווייטער.

אויף דער לאַנגער מיטלסטער גאַס זעט מען קיין מענטשן נישט. זי איז זוניק און פּוסט. אין אָנהייב בעריזשינעצער וועג, נעבן די יונגע, גרויע טאָפּאָלן, איז אויך פּוסט. אויף עוזר ליובערס אָפֿענע וואָקזאַל־פֿענצטער הענגען די לאַנגע בכּבֿודיקע פֿאָרהאַנגען און אויך דאָרטן איז נישטאָ קיין מינדסט ווינטל, וואָס זאָל זיי אַ ריר טאָן. אינעווייניק אין הויז איז קיל און פֿריש. עוזר ליובער איז נאָך אַלץ נישטאָ אין דער היים און דער קליינער מאָטיק טוט אין טויט אַרײַן, מע זאָל אים פֿירן אַראָפּ אַ באַרג אויפֿן יאַריד; ער זיצט אויפֿן פּאַרקעט און קלאַפּט מיט די פֿיס; ער וויינט אויפֿן קול, און חנהקע דרייט זיך נעבן אים און איז אויפֿגערעגט.

גאַנץ פֿרי, ווען אַלע אין הויז זײַנען נאָך געשלאָפֿן, האָט עמעצער געטאָן אַ שאַרפֿן קלונג מיטן גלעקל פֿון פּאַראַדטיר. דאָס האָט געקאָנט אַ קלינג טאָן איינער פֿון די שקצימלעך, וואָס פּאַשעט זײַנע גענדז אויפֿן עקסטן ליידיק גרינעם פּלאַץ; אַ קלינג טאָן האָט דאָך אָבער געקאָנט אויך עמעצער אַנדערש; אַרויס דער שטאָט, אויפֿן שיפּועדיקן באַרג, איז דאָ דער וואַלד; אין וואַלד וווינט חיים־משה, און די יצחק־בעריכע האָט אים דאָרטן געקאָנט איבערגעבן...

אַלצדינג, וואָס זי, חנהקע, האָט געבעטן, האָט אים דאָרטן די יצחק־בעריכע געקאָנט איבערגעבן. חנהקע וואַרט, נאָר קיינער קומט נישט.

בײַ טאָג, ווען די ברײַענדיקע זון רוקט זיך אָפּ אַ ביסל אין אַ זײַט, מוז חנהקע צוליב טאָן מאָטיקן און זיך מיט אים אַראָפּלאָזן אַראָפּ אַ באַרג אויף דער אַלטער שטאָט צום יאַריד. מאָטיק שינדט פּאַסן, מע זאָל מיט אים גיין גיכער, און חנהקע פֿאַרקרימט אַ ביסל איר פּנים און האַלט אים אָפּ מיט געוואַלט, ווי אַ מאַמע: „וווּהין לויפֿט ער?... אָט איז מען שוין שיִער ניט איבערגעפֿאָרן אָט דעם מזיק“.

דערבײַ שפּיליעט זיך איר אָפּ איינע אַ נײַע לײַקענע הענטשקע און פֿון דער האַנט פֿאַלט איר אַרויס דער לײַכטיקער אויפֿגעשטעלטער זאָנטיק און בלײַבט ליגן אויף דער ערד. די קעכין, אַ פֿעסטע געשטופּלטע ייִדענע, וואָס קומט־אָן פֿון מאַרק פֿאַרשוויצט מיט אַ שווערן קלימעק אויפֿן בויך, הייבט חנהקען אויף דעם זאָנטיק און געפֿינט, אַז אָט דער קליינער מאָטיק איז גאָר קיין קינד נישט; ס'איז נאָר עפּעס אַן אָנשיקעניש, אַ שטיק קוועקזילבער איז עס: „ער וואָלט געקראָכן פֿערד אונטער די בײַכער, אָט דער מאָטיק“.

אין אָנהייב יאַריד, צווישן די ערשטע צוויי שורות אויסגעזעטע פֿערד, וואָס שטייען באַרג־אַראָפּ מיט די קײַענדיקע מײַלער צו די אויסגעשפּאַנטע וועגענער, פֿאָכען מיט ווידלען און מיסטיקן אַהער צום וועג צו, באַגעגענען זיי זיך מיט דער מאַדאַם בראָמבערגס שוואַרץ אַטלעסענעם פּאַלטאָ און מיט דער קורץ פֿיסיקער און קורץ נעזלדיקער ראַבינערשע, וואָס איז דאָ אין שטאָט נאָך אַ נײַע. די פֿרוי בראָמבערג פֿירט זי תּמיד אַרום אונטער דער האַנט; די פֿרוי בראָמבערג רעדט און זי קוקט מיט די קלעפּיק אָפֿענע שוואַרצע אייגעלעך און שווײַגט. ביידע זעען זיי איצט אויס אַזוי יומטובֿדיק, גלײַך זיי קערן זיך אום פֿון אַ באַדעקנס. איבער הויפּט די פֿרוי בראָמבערג, זי טראָגט איצט איר גאָלדענע פּענסנע, און אַז זי זאָגט־אָפּ אַ חכמה, שנורעוועט זיך צונויף דאָס פּיסקעלע און וואַרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל קומען זי אויסקושן; זי געדענקט

תּמיד, אַז זי איז אַ מוסטער. צוריק מיט אַ יאָר פֿערצן האָט זי די ערשטע דאָ אין געגנט חתונה געהאַט פֿאַר איר שוועסטערקינד „פּאָ ליובווי“[35], און איצט וויסן עס אַלע אין געגנט; אַלע אין געגנט מאַכן איר נאָך... איצט גייט זי פֿונעם יאַריד; זי האָט געהאַפּט צו קריגן עפּעס רעכטס צווישן די אַרויסגעפֿירטע ציצן; זי האָט גע־מיינט קויפֿן אַ מתּנה איר דינסט.

דרײַ אויפֿגעשטעלטע פּרויען־זאַנטיקעס שטייען אַ ווײַלע, ווי אַ סגל, דאָ אויף דער זון צווישן די מיסטיקנדיקע פֿערד, און די מאַדאַם בראָמבערג האַלט דערווײַל אין איין שלעפּן דעם ברוגזן מאָטיקן פֿאַרן אַראָפּגעלאָזטן בערדל. זי פֿאַרבײַסט אַזש מיט די ליפּן: „פֿאַר וואָס איז ער תּמיד אַזאַ שלעכטער, אָט דער מאָטיק? אַזאַ שלעכטער...“

אַלע פּאַנקעווען[36] אים, אָט דעם מאָטיקן; אַלע ווייסן, אַז זײַן עלטערער ברודער בומע איז אַן אומלײַט, אַ ניט־געלערנטער און אַן אויסוווּרף. ער האָט איין מאָל צוגעפּאַקט אַ היפּשע סומע געלט אין דער היים און איז אַנטלאָפֿן; ער איז געווען פֿאַרמישט אינעם סטודענט ברילס מיאוסע מעשׂים מיט לאהקע, דער שוואַרצער בייִ־טאָרין, און איצט, בײַ דרײַ און צוואַנציק יאָר, האָט מען אים קוים באַשטאַט[37] ערגעץ אין אויסלאַנד אין אַ טעכנישער מיטלשול און מע פּאַנקעוועט מאָטיקן, מע געדענקט, אַז די געראָטענע מאַמע איז אים צו יונג געשטאָרבן.

מע שטייט אַ ביסל און מע שמועסט מכּוח דער אַנטלאָפֿענער דאָקטערשע גראַביי, וואָס געפֿינט זיך איצט אין קרײַזשטאָט. צו וועמען, אַ שטייגער, וועט זי איצט אין ראַקיטנע פֿאַרפֿאָרן? געוויס צו דער מאַדאַם בראָמבערג אַהיים.

מע שטייט נאָך אַ ביסל, מע קוקט זיך אין די אויגן, ווי פֿאַר־ליבטע און מע שווײַגט. בײַ חנהקען ברענט שוין אַ גאַנצע האַלבע

---

[35] (רוסיש) דורך ליבע. — [36] האַלטן אים פּריציש (ווי אַ פּריץ). — [37] אײַנגעאָרדנט.

זײַט פֿון פּנים. זי ווייסט נישט, וואָס וויל פֿון איר אָט די נײַע קורץ נעזלדיקע ראַבינערשע, וואָס קער זיך אָן גאָר נאָענטע קרובֿים מיטן יונגן סטודענט בריל. די ראַבינערשע עסט זי ממש מיט די אויגן. „ווען מאָטיק — זאָגט חנהקע — איז אַ געטרײַ ברודערל, וואָלט ער זיך באַלד אומגעקערט אַהיים; ער וואָלט זי איצט מער נישט אַרומגעשלעפּט”. נאָר מאָטיק פּכינקעט[38]־אונטער און שלעפּט זי דווקא אַראָפּ, דווקא אין סאַמע טיפֿער געדיכטעניש פֿונעם מאַרקיאַריד, ווו מאַסן גויִים רײַבן זיך איינער אין אַנדערן און באַלאַגערן די בײַדלעך פֿון זעלצער־וואַסער. די היץ איז דאָרטן גרויס; עס שמעקט מיט מענטשנשווייס, מיט פֿוילן גערייכערטן פֿישל און מיט נײַעם פֿעטן שטיוול. אַז די מענטשן־כוואַליע נעמט זיי דאָרטן נאָר אַרײַן, שלעפּט זי זיי שוין אָן אויפֿהער מיט זיך. מע שטויסט זיי פֿון הינטן. חנהקען שטויסט עמעצער די גאַנצע צײַט פֿון הינטן אינעם עלנבויגן פֿון דער האַנט, און וועלכער זי האַלט דעם אויפֿגעשטעלטן זאָנטיק. זי וויל אַ קוק טאָן, ווער ס׳שטויסט זי, נאָר זי קאָן זיך נישט אַ דריי טאָן, זי איז אָנגעטאָן אין גאָרסעט. פּלוצעם וואַרפֿט זי די ענגע מענטשן־כוואַליע אַרויס אין אַ צווייטן מאַרק, אַ פֿרײַערן און אַ גרעסערן. ער רינגלט אַרום דעם גויִישן בית־עולם און ציט זיך נאָך דעם אַוועק אין ווײַטן פֿעלד אַרײַן. דאָ איז די לופֿט פֿול מיט פֿאָכערײַ פֿון ווידל און מיט גערוך פֿון פֿריש פֿערדיש קויט. אַ ים פֿון דישלען שטעקן אין דער הייך, ווי אַ וועלדל, און מאָטיק רײַסט זיך צום יונגן לאָשיקל, וואָס הירזשעט מיט שרעק, פֿאַרלירנדיק אויף אַ רגע די אַוועקגעלאָפֿענע שקאַפּע־מאַמע. דאָ פֿאַרקויפֿט מען פֿערד און דער טומל איז גרויס. מע לויפֿט אַדורך מיט די פֿערד פֿאַר די סוחרים, און קיין איין סוחר לאָזט זיך נישט נאַרן. און אַ ביסל ווײַטער אין אַ זײַט באַווײַזט מען צוויי גרויסע גלאַנציק שוואַרצע פֿערד דעם יונגן בעריזשינעצער דעסלערן. צוויי שטאַרקע און ספּריטנע פֿערד, וואָס האָבן קײַלעכיקע שטײַף אײַנגעבויגענע העל־

---

[38] שטופּט, שטויסט.

דזער מיט גוואַלדיקער גבֿורה אין די מוסקלען. מיט יעדן פֿון זיי פֿאָרקעט זיך אַ באַזונדערער מענטש און האַלט זיי קוים אײַן, און דעסלער קוקט אויף זיי רויִק קאַלט. ער קוקט זיך נישט אום צו די פֿאַרשוויצטע ליוועראַנטן, וואָס חנפֿענען אים. ער איז אויסגעפּוצט אין זײַן נײַעם שוואַרצן פּאַלטאָ מיט נײַע לײַקענע הענטשקעס, מיט נײַע לאַקירטענע שיך און מיטן באַזילבערטן אַנטיק־שטעקעלע אין האַנט, און אויפֿן קאָפּ טראָגט ער אַ נײַעם האַרטן און ברוינעם הוט, כאָטש די גאַנצע וועלט טראָגט שוין פֿון לאַנג שוואַרצע היט און ווייכע — אים געפֿעלן אויף צו להכעיס דער וועלט דווקא האַרטע היט און ברוינע — אַלע מאָל קויפֿט ער זיך אַ נײַעם ברוינעם און האַרטן הוט. זײַן געגאָלט און קורץ בערדל, וואָס אונטערן דינעם האַרט געשלאָסענעם און געגאָלטן מויל, איז אָפּגעהאַקט און שאַרף. שאַרף איז אויך דאָס טיפֿע שטרענגע פֿײַערל, וואָס אין זײַנע קלײנע שוואַרצע אויגן. די פֿאַרשוויצטע מעקלערס פֿאָרקען זיך אַרום אים, מע חנפֿעט אים, נאָר ער ענטפֿערט קיינעם נישט קיין וואָרט. אים וועט קיינער נישט נאַרן, ער קוקט רויִק צו די פֿערד. איצט טוט ער עפּעס אַ זאָג צו יאַנען, דעם יונגן אויסגעדינטן גוי, וועמען ער האָט אַראָפּגעבראַכט מיט זיך פֿון זײַנע מקומות. מע זאָגט: ער איז אין אים שטאַרק פֿאַרגלייבט, אין אָט דעם יאַנען. און יאַן הערט אים מיט גרויס אָפּשײַ. ער ענטפֿערט אים תּמיד ניט מער ווי Никак нет, так точно און אַזוי געשווינד, גלײַך מע טוט אין אים אַ דריק עפּעס אַ פֿאַרהוילן קנעפּל. ער איז אויסגעפּראַוועט און קאָן זיך חתמענען, אָט דער יאַן. ער טרעט־צו צו באַטראַכטן די פֿערד און קוקט זיי צו ערשט אַרײַן אין די מײַלער; ער ציילט בײַ זיי די יונגע ציין און זוכט עפּעס בײַ זיי צווישן די אויערן; ער הייבט־אויף בײַ יעדן פֿון זיי אַ פֿאָרנטיקן פֿוס און באַקוקט אויף גיך די קלאָען; ער פֿירט־איבער מיט דער האַנט איבער זייערע גלאַטע רוקנס פֿונעם האַלדז ביז די וויידלען און ענדיקט אַלע מאָל מיט אַ שלעפּ, מיט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ פֿאַרן וויידל, אַז דאָס גאַנצע פֿערד טוט ווי אַ וואַקלענדיקן ציטער. און דאָס אַלץ טוט ער אָפּ

אין אַזאַ אײַלעניש, מיט אַזאַ פֿאַרגעניגן, אַז עס פֿאַרכאַפּט בײַ אים דער אָטעם. ער בלײַבט שטיין צוריק אין איין שורה מיט דעסלערן און קוקט נאָך אַלץ מיט חשק. ער האָט נישט וואָס צו זאָגן: די פֿערד געפֿעלן אים... דעמאָלט מאַכט דעסלער אַ קליינע אָנשטרענגונג אויף צו טאָן אַ שמייכל, נאָר קיין שמייכל קומט נישט אַרויס. זײַן לענגלעך טונקלברוין פּנים בלײַבט פֿאַרהאַרטעוועט, ווי געווען. ער טוט עפּעס אַ זאָג צו די ליוועראַנטן. ער נעמט־אַרויס דעם טײַסטער און ציילט־אויס די ליוועראַנטן געלט, נײַ געלט און שמעקנדיקס; תּמיד איז בײַ דעסלערן זײַן געלט נײַ און שמעקט מיט פּאַרפֿומען. ער קויפֿט־אויס מיט אָט דעם געלט אַלע שענסטע זאַכן אין געגנט און איצט, זאָגט מען, ווערט ער אין גיכן אַ חתן פֿאַר חווה פּויזנער; זי איז אויך דאָס שענסטע מיידל אין ראַקיטנע, דאָס שענסטע מיידל אין דער גאַנצער געגנט.

נאָר מאָטיקן האָט שוין דערווײַל עמעצער אָנגעטראָטן אויף אַ פֿיסל; ער וויינט. חנהקע בייגט זיך אָן, כּדי צו נעמען אים אויף די הענט. פּלוצעם אָבער פֿאָרט־אָן אַ פֿור מיט אַ סך אונטערגעבונדענע פֿערד; ס׳רוקט זיך אָן אַ געשריי מיט אַ שרעק. אַ שוידער טוט אַ יאָג איבערן גאַנצן לײַב. מע שטויסט איינער דעם צווייטן. עמעצער נעמט־אָן חנהקען אין איינעם מיט מאָטיקן און רוקט זיי אָפּ אין אַ זײַט. און מיט אַ מאָל, צווישן דעם טומל און מישמאַש, טוט גאָר נאָענט אַ שווינדל אַ האַלבע זײַט פֿון חיים־משהס פּנים מיט איינעם פֿון זײַנע אַקסלען. ס׳טוט אַ נאָג אין האַרצן. צי דאָס האָט ער זיי אָפּגערוקט אין אַ זײַט? בכלל, צי איז ער דאָ געשטאַנען די גאַנצע צײַט און האָט געקוקט, ווי דער יונגער דעסלער פֿון בעריזשינעץ קויפֿט זיך נײַע פֿערד? אָך, ניין. חיים־משה שמייכלט: דאָס איז געווען, זאָגט ער, בײַ איר, חנהקען, אין דער היים. ער האָט זי שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט זען.

# 16

אין יענעם זעלביקן זונטיק איז קײן ראַקיטנע אויפֿן יאַריד מיט זײַן אײגענעם אויסגעפּוצט פֿערד־און־װעגל אַרויסגעפֿאָרן דער בעריזשינעצער אַגענט פֿון זינגערס נײ־מאַשינעס זאַלקער.

אַרויסגעפֿאָרן איז ער גאַנץ פֿרי, װען די זון האָט נאָך ניט שטאַרק געבראָטן, און די הויכע גראָבנס אין בײדע זײַטן װעג האָבן נאָך אָפּגעװאָרפֿן דעם נשאר פֿון טונקל־פֿײַכטע קאַיאָר־שאָטנס. דאָס פֿערד איז פֿרײלעך אונטערגעשפּרונגען. דאָס געלע אָפּגעטאָקטע רעסאָרן־ברישקעלע האָט געפֿינקלט מיט באַשלאָגענעם מעש, מיט פּילפֿאַרביקע קוטאַסן, װאָס אין דער יאַמשאָװער בײַטש און אין די העל־געלע לײצעס; די קײַלעכיקע גלעקלעך האָבן פֿאַרקלונגען די קורצע לויפֿנדיקע װיאָרסטן. און זאַלקער אַלײן מיט זײַן קלײנעם ייִנגלש־רירעװדיקן גופֿל, מיטן שײגעצדיק־רויטן פּנימל און מיט די ענגע לאַקירענע שטיװל, איז געזעסן אין ברישקעלע װי פֿאַרשלאָפֿן. ער האָט פֿון רגע צו רגע געדרימלט, זיך פֿון רגע צו רגע אויפֿגעכאַפּט מיט שרעקיקן װוּנדער, מיט פֿאַרשלאָפֿענעם התפּעלות, װאָס ס׳איז פֿאַראַן אַ זונטיק גאַנץ פֿרי אויף דער װעלט און װאָס אין מויל איז אים זויער און קלעפּיק; זויער פֿון די נעכטיקע שבתדיקע ביסלעך בראָנפֿן, פֿון דער אײגענער בײזקײט און פֿונעם אײגענעם לאַנגן צעקראָכענעם װײַב, װאָס דאָרטן, אין בעריזשינעץ, אין דער שטילער פֿאַרװאָרפֿענער הײם. איצט, פֿאָרנדיק אַזוי אײנער אַלײן און דרימלענדיק אויף האַלב, אויף דרײַ פֿערטל, האָט זיך די גאַנצע צײַט געדענקט, װי אַזוי אָט דאָס װײַב זײַנס רעדט תּמיד צעקראָכן און בײז; עלטער איז זי פֿון אים סך־הכּל אויף אַ קלײניקײט, אויף אַ פּאָר יאָר, נאָר פֿאַרמאָגן פֿאַרמאָגט זי שוין ניט קײן אײן אײגענעם צאָן אין מויל. אַז זי לײגט זיך שלאָפֿן, נעמט זי אַרויס די צװײ קאָסטנס פֿרעמדע ציין פֿון מויל, װיקלט זײ אײַן אין אַ גלאָז װאַסער און שטעלט זײ אַנידער אויפֿן

נאַכט־שאַפֿקעלע צווישן ביידע בעטן, און נאָך דעם שלאָפֿט זי שוין אַזוי אַ גאַנצע נאַכט; אַ גאַנצע נאַכט אָן איין צאָן אין מויל. טפֿו!

זאַלקער האָט צום לעצטן מאָל אויסגעשפּיגן פֿון נאָך די נעכטיקע שבתדיקע ביסלעך בראָנפֿן, פֿון נאָך דער נעכטיקער בייזקייט, און האָט מיט באַשלאָסנקייט פֿאַרקערעוועט לינקס מיט דער בערע[39], וואָס ציט זיך הינטערן ראַקיטנער באַרג פֿאַרביי די ריטניצער זומפּן. נעבן זוניק־זילבערנעם ריטניצער טייַכל האָט ער דערזען די גוייִשע פֿור, וואָס האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ יאָג־אַרויס פֿונעם קליינעם זייַטיקן כוטאָר און וואָס איז געשווינד אַוועק באַרג־אַראָפּ מיטן ראַקיטנער וועג אויפֿן יאַריד. ער האָט געפּרוּווט אַ ווּנק טאָן צו דער אויסגעפּוצטער שיקסע, וועלכע איז געזעסן דאָרטן אויפֿן וואָגן מיט די פּלייצעס צו טאַטע גוי, וואָס טרייַבט די פֿערד; דערביי האָט ער אויף גיך אָפּגעשפּיליעט זייַן רויט געליאַמעוועט פֿאָרכאַטל. ער האָט געשווינד אַראָפּגענומען דעם קאַפּטור[40] פֿון קאָפּ און האָט באַוויזן דער שיקסע אַ שייגעצדיק־רויט פּנימל מיט אַ קונציק אונטערגעשוירן בערדל, אַ שטעכעדיקס און אַ יונג גרוילעכס, און מיט אַ גלאַנציקן לאַקירענעם דאַשיק ביים היטל. ער האָט צוגעמאַכט איינס פֿון זייַנע גרינע עזותדיקע אייגעלעך, פֿאַר וועלכע ס׳ציטערן אַלע שנייַדערס אין געגנט, און מיטן צווייטן אייגעלע, דעם אָפֿענעם, האָט ער געטאָן צו דער שיקסע אַזאַ מין ווּנק, וואָס האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן. נאָר די שיקסע איז געבליבן קאַלט, גלייַך נישט זי מיינט מען. זי האָט פֿויל אויסגעשנייַצט די נאָז אין דער גאַנצער האַנט אַריין און האָט נאָך דעם לאַנג די האַנט געווישט אין הילצערנעם זייַטל פֿון וואָגן. דעמאָלט האָט זאַלקער דער אַגענט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין לאהקע, דער שוואַרצער נייטאָרין פֿון ראַקיטנע, וואָס האָט פֿאַר פּסח גענומען ביי אים אַ ניימאַשין אויף אויסצאָלן, און זיך מיט אַ מאָל דערפֿילט ייִנגלש און פֿריילעך; מיט אַ מאָל האָט ער דערפֿילט, אַז ער האָט פֿייַנט זייַן

[39] דער שמאָלער וועג. — [40] קאָפּצודעק.

צעקראָכן ווײַב, אַז צוליב איר, לאהקע דער שוואַרצער, איז ער הײַנט, זונטיק, אויפֿגעשטאַנען בײַ זיך אין דער היים אַזאַ גרויסן גאַנץ פֿרי און פֿאַרשלאָפֿענערהייט דאָרטן גענומען באַטראַכטן זײַן בריטשקעלע. צוליב איר פֿאָרט ער איצט קיין ראַקיטנע אויפֿן יאַריד, און זען — ער וועט זי באַלד זען... פֿריילעך און רירעוודיק האָט ער צעשמיסן זײַן פֿערד, איבערגעיאָגט די גוייִשע פֿור, וואָס איז גיך געבליבן ווײַט פֿון הינטן און איז געשווינד אַוועק באַרג־אַראָפּ. באַלד האָט ער גענומען אויספֿעלן פֿאַרשיידענע שווער באַלאָדענע פֿורן אויף רעכטס און אויף לינקס; ער האָט דערגרייכט די הילצערנע ראַקיטנער גרעבליע, וואָס איז שוין באַגאָסן מיט שטאַרק הייסער זון און איז באַלאַגערט מיט די פֿיל שוואַרצע פֿורן, וואָס ציִען צום יאַריד.

*

הימל האָט געבלויט. באַזונטע ערד האָט ווי פּריסיק[41] געבריט אין די פּיאַטעס, און באָרוועסע שיקסעפֿיס האָבן אויף איר געטראָטן, געטראָטן.

זאַלקער האָט געגעבן אַ שטאַרקן צי די באַפּוצטע העלגעלע לייצעס און פּלוצעם אָפּגעשטעלט זײַן פֿערד־און־וועגל.

— דו, אַהערצו גיי!

אין אָנהייב יאַריד, צווישן די ערשטע גלחישע פֿורן, וואָס שטייען האַלב אויסגעשפּאַנט נעבן די קלייטן, האָט ער דערזען שאולקע שנײַדער; שאולקע הפֿקר־יונג, וואָס מאָנט אים אײַן די חובֿות בײַ די ראַקיטנער שנײַדערס, און האָט אים צו זיך גערופֿן:

— הער נאָר, דו!

שאולקע האָט זיך אָבער נישט אײַנגעהערט. פֿאַרמוחט, מיט אַ פֿאַררוקט היטל צום נאַקן און מיט אַ קורצן ברוינעם שטערן, וואָס שוויצט אונטערן אַרויסגערוקטן ציגײַנעריש־שוואַרצן טשוביק, איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין אַ וואָגן, געקײַט

---

[41] פּײַערדיק.

אַ שטרוי און געקוקט פֿאַר זיך מיט פֿאַרטראַכטע ממזריש ספּריטנע אויגן. אויפֿן רוף איז ער סוף־כּל־סוף צוגעגאַנגען פֿאַרטראַכט, ווי נישט ווילנדיק. נאָר זאַלקער האָט שוין אין זײַן זײַט נישט געקוקט. טוענדיק אַ פֿאָך מיט דער יאַמשאָוור בײַטש ערגעץ אין אַ זײַט, האָט ער באַקומען אַ פֿאַרשטיינערט פּנים און גענומען קוקן ערגעץ ווײַט איבערן פּערדס אויערן. פֿון נאָכן לאַנגן אָפּגעשוויגענעם פֿרי־מאָרגן, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט פֿאַרנדיק, האָט איצט זײַן קול אָפּגעקלונגען אַ ביסל געלעגערט, הייזעריקלעך און בייז.

— מיכל קראַוועץ האָט אײַנגעצאָלט?

— האָ?

שאולקע האָט פֿויל אַרויפֿגעשטעלט אַ פֿוס אויפֿן נידעריקן אַרויפֿקריך פֿון וועגעלע און האָט אַלץ אויסגעזען פֿאַרמוטשט. ער האָט אַלץ געקײַט די שטרוי.

— אײַנגעצאָלט — האָט ער פֿויל געענטפֿערט — וואָס זשע?

— און יאָסל קירזשנער?

— געסילוקט.

— דער אַמעריקאַנער שנײַדער?

— שוין לאַנג, נאָך שבת־צו־נאַכטס.

— וואַרט, די בוטווינעווקער גלחטע?

— יאָ, נאָר וואָס.

— נו, און לאהקע די שוואַרצע?

שאולקע האָט פֿאַרמאַכט איין אויג און מיטן צווייטן, דעם שמייכלענדיקן, האָט ער אַ קוק געטאָן צו זאַלקערן חבֿריש און בעטלעריש:

— אָט דאָס וואַרט איך אויף איר... זי האָט צוגעזאָגט... אָט באַלד, ווי איך בין אַ ייִד, פּאַני זאַלקער!...

נאָר בײַ זאַלקערן האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעצונדן דאָס שיי־געצדיק רויט פּנימל. די גרויע עזותדיקע אייגעלעך האָבן פּלוצעם געגעבן אַ גלאָץ אויף שאולקען און זײַנען אַזוי אויף אַ ווײַלע אין זייער בייזקייט פֿאַרגליווערט געוואָרן:

— וועסט מאַכן מיט דער שוואַרצער קונצן נאָך דעם, אַז זי וועט אײַנצאָלן... דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר, פֿערד אײנער!

און נישט אויסריידנדיק מער אַ וואָרט, נישט אומקוקנדיק זיך צו שאולקען אַפֿילו, האָט ער אַוועקגעשמיסן ווײַטער מיט דער טיפֿער געדיכטעניש פֿון יאַריד. ער האָט פֿאַרבײַפֿאָרנדיק אַרײַנגעשריגן אַ פּאָר ווערטער אין אײנעם אַ באַקאַנטן בײַדל, ווו מע פֿאַרקויפֿט גויִשע קאַרעלן און האָט, אויסמײַדנדיק דעם יאַריד, אַוועקגעשמיסן אַרויס שטאָט מיט זון און מיט וועג, וואָס פֿירט אין וואַלד אַרײַן. ער האָט דאָרטן, בײַ יצחק־בערן אין וואַלדשטיבל, נישט געטראָפֿן קײנעם, אַחוץ דער קראַנקער יצחק־בעריכע, וואָס ליגט אין בעט, און האָט איר איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ קונה אויפֿן אײנוועגטאַר מיט די מעדיקאַמענטן, וואָס בײַ מלכן אין אַפּטייק־מאַגאַזין.

— איז אָט: ווי הייסט ער, אָט דער יונגער מאַן, וואָס וויל פֿאַרקויפֿן די מעדיקאַמענטן? חיים־משה הייסט ער? נו, גוט, טאָ זאָל ער זיך מטריח זײַן צו אים, זאַלקערן. ער שטייט־אײַן אויף דער אַלטער שטאָט, בײַ זײַנוול מוסר, בײַ זײַנוול פּאָטשטער שטייט ער אײַן. מע קאָן אים דאָרטן טרעפֿן אַ גאַנצן בײַטאָג.

*

בײַ זײַנוול פּאָטשטער אינעם לאַנגן אַכסניהדיקן אונטערהויז בײַם טויער שמעקט מיט נאַסן פֿערדישן געלעגער און מיט בהמהשן הויף. אונטערן לעכערדיקן דאַך גוואַדזשעט [42] אַ קײַלעכיק יאָר אונטער די פּיס. ס׳איז דאָרטן תּמיד פּאַרנע און הייס. פֿליגן ווידמענען זיך אויף זונפֿלעקן צווישן אומרייניע ערטער און דער האַרבער ריח פֿאַרגייט דאָרטן תּמיד ביז צום ניסן, ביז דערוואָרגן צו ווערן. איצט פֿילט זיך נאָך אַהער דער ווײַט צעשפּרייטער יאַריד. פֿון ערגעץ גאָר נאָענט קלינגט מען מיט לאַנגע שטאָלענע שנײַדמעסערס; ס׳הירזשען פֿריילעך פֿערד.

גאָר אַנדערש איז אַ ביסל טיפֿער אין הויז נעבן דער שוואַרץ

---

[42] רוישט, טומלט זיך.

אָפּגעשמאַליעטער קיכטיר און נעבן דער דייזשע דאָרטן איז די גריבלדיקע ערד ריין פֿאַרקערט און באַלעבאַטיש באַגאָסן פֿון אַ טשײַניק. דער שטויב שמעקט דעריבער מיט פֿריש אויסגעקערטן בית־מדרש; די לופֿט איז קעלערדיק קיל און שטיל, און רופֿט־אַרויס אַ חשק צו דרימלען, זיצן אַזוי רויִק, גאָרנישט ניט טאָן און דרימלען.

בײַ דער קאַמער, נעבן אַ פֿאַרשפּרייט טישל, זיצט אַ היפּשער ברייט־ביינערדיקער פֿאַרשוין אין אַ בְרייטער גרין וואָלענער בלוזע. ער מאַכט צו רעכט דעם קלאַווישן־טייל פֿון אַ גרויסער פֿונאַנדערגעשרויפֿטער האַרמאָניע. אַ נאָז האָט ער ברייט אײַנגעפֿאַלענע, פֿאַרריסן צו די אויגן צו מיט היפּשע און שוואַרצע צוויי פּיראַמידן־לעכער, ליפּן — אַנטבלויזטע, פֿולע, וואָס שאָקלען זיך אײנערט, אײדער דאָס מויל הייבט־אָן ריידן, און אַ באָרד — עטלעכע געציילטע אָן־קאָלירענע האָר, וואָס זײַנען בײַ אים, אַ פּנים, געצערטלט און טײַער, שטאַרק טײַער. טוענדיק זײַן אַרבעט, וואַרפֿט ער בליקן צו דעם גרויסן אָפֿענעם טויער, צו די זונפֿלעקן, וואָס אויפֿן פּיטשנאַסן פֿערדישן מיסט. ער זעט, ווי זאַלקער דער אַגענט פֿאַרפֿאָרט אין הויז אַרײַן. ברייטלעך ווי אַ פּריץ פֿאַרפֿאָרט ער. דער הינקנדיקער שייגעץ, דער סטרוזש, שפּאַנט אים אויס דאָס פֿערד, און זאַלקער אַליין שווײַגט. ער ציט בייזלעך אַראָפּ פֿון זיך זײַן פֿאַרשטויבט פֿאָרכאַלאַטל און זעצט זיך צו אויפֿן שטאַפּל פֿון לייטער, וואָס פֿירט אויפֿן בוידעם. ער זיצט אַזוי ברייטלעך און באַטראַכט אויף זיך די ענגע און קונציקע לאַקירטע שטיוול; ער וויל איצט אויף צו להכעיס נישט טראַכטן נישט וועגן שאולקען און נישט וועגן לאהקע דער שוואַרצער. שפּעטער, בײַ טאָג, וועט ער זי זען, נאָר דערווײַל וויל ער נישט.

אָט שרײַט ער בייזלעך אָן אויפֿן קרומען שייגעץ, וואָס איז זיך נוהג נישט ווי עס געהער צו זײַן מיט די צוויי שפּאָגל־נײַע ביימאַשינעס, וואָס ער נעמט־אַראָפּ פֿון בריטשקע.

— דו! ווי דו גייסט דאָרטן! פּאַמעלעך! מיט אויגן קוק...

און פּלוצעם האָט זיך פֿון דער קאַמערזײַט דערהערט אַ גע־כּפּלטער הוסט פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿאַרלאַנגט, מע זאָל אים באַ־וויליקן: „קכע! קכע!“ ,

זאַלקער האָט זיך אַהין אומגעקוקט. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ צעפּליעטשטער נאָז און מיט די קײַלעכיקע ברייט צעשטעלטע אויגן, וואָס אין אירע בײדע זײַטן. אויגן וואָס שטאַמען, אַ פּנים, נישט פֿון דער היגער וועלט און זאָגן דאָ, אויף דער היגער וועלט, גאָר נישט; זיי זײַנען שטומע. „יעס, יעס... — האָבן אַרויסגעשאָקלט די פֿולע אַנטבלויזטע ליפּן — זינגער עט קאָמפּאַ... אויך אַ שטיקל סחורה, קאָן מען זאָגן, אַ?“ Первый классъ исключительно![43]...

זאַלקער האָט נישט אויפֿגעהערט צו קוקן אויף אים און אויף זײַן גרינער בליוזע. ווער איז ער, אַ שטייגער, געווען, אָט דער פֿאַרשוין? אַן אורח בײַ זײַנוול פּאָטשטער, אַ דורכגייער אַ ווײַטער, אַ יאַרידמענטש; פֿאָרט־אַרום פֿון יאַריד צו יאַריד און מאַכט צו רעכט פֿרעמדע קאַליע האַרמאָשקעס. און קיין היים האָט ער, מן הסתם, נישט און קיין טאַטן אויך נישט, אַז מע וויל זיך פֿאָרשטעלן, סאַראַ טאַטן ער האָט געהאַט, קאָן מען נישט. „טצע־“

זאַלקער האָט אויסגעשפּיגן קונציק פֿון צווישן צונויפֿגעדריקטע ציין. ער איז נאָך אַלץ געווען בייז. ער האָט זיך דערפֿרעגט, צי דער פֿאַרוואַלטער פּרעגער איז דאָ אין דער היים, און איז אַוועק־געגאַנגען צו אים אין צימער.

*

פּרעגער האָט שוין געהאַט פֿונאַנדערגעלאָזט די תּלמוד־תּורה אויף זומער. אין אַ טאָג צען אַרום שטעלט ער דעם ספּעקטאַקל מיט די קינדער; ס׳גייט דער אָוונט לטובֿת דער תּלמוד־תּורה. און נאָך דעם: פֿרײַ. גאַנצע אַכט וואָכן פֿרײַ און גוט אויפֿן האַרצן; גוט, וואָס פֿאַר זײַן עזות האָבן אים ראַקיטנער ייִדן פֿײַנט נישט ווייניקער ווי ער זיי. גוט, וואָס כּײַקע די דינסט גייט שוין אַרום גאַנצע טעג אויסגעפּוצט ווי אַ כּלה. גוטע פֿרײַנד זאָגן איר, אַז זי איז

---

[43] ערשטער קלאַס אויסשליסלעך.

משוגע: „פּרעגער וועט דיך אין אַ יאָר אַרום אַוועקוואַרפֿן, דו, נאַר אײנע“.

און זי ענטפֿערט זיי, ווי אַן עקשן, אַ הוילער עקשן: „איין יאָר מיט פּרעגערן — זאָגט זי — איז בעסער ווי אַ גאַנץ לעבן אָן אים“.

„מאָלאָדיעץ, כײַקע!“ — פּרעגער פֿילט, אַז זי איז ווערט צו זײַן זײַן כלה. ער איז פֿרײַ און צופֿרידן.

און אָט איז אַ הייסער שבתדיקער פֿרימאָרגן, אַ טאָג אַ הײ־ליקער, אַ שטאָט אַ שבתדיקע, אַ זון וואָס בריט, און ווײַסע טשאָלנט־אויוונס זײַנען דורכויס באַקלעפּט מיט שוואַרצע פֿליגן, מיט אָן אַ שיעור שוואַרצע פֿליגן.

ווויל איז די הײַזער, וואָס האָבן שבת פֿון גאַנץ פֿרי אָן אַן אייגן שטיקל שאָטן אַרום די אָפֿענע פֿענצטער. ס׳הערט זיך פֿון זיי נישט מער ווי מיידלעך ריידן. שבתדיק אַזוי ריידן זיי, בנעימות און מיט בושה, גלײַך דעם דרויסן קאָן פֿאַרדריסן, הלמאַי זיי גייען אין אונטערשטע ווײַסע קליידלעך בײַ טיי טרינקען. און מאַנצבילן פֿעלן, מאַנצבילן זײַנען אין שול.

פּרעגער גייט אויפֿן פּוסטן ברוק. שבתדיק לאַנגווײַליק, שבת־דיק באַגאָסן מיט זון ציִען זיך אין דער לינקער זײַט די געשלאָסענע קלייטן. ס׳קומט נישט אָן קיין פֿור. פּרעגער באַגעגנט נישט קיין איין מאַנצביל. אים דערמאָנט עס זײַן ערשטן זומער דאָ אין ראַ־קיטנע. ער איז צופֿרידן. ער טראָגט אַ האַנטעך אין האַנט און גייט זיך באָדן. נאָר אַז ער גייט־דורך אין עק שטאָט, פֿאַרבײַ די פֿונאַנדערגעעפֿנטע שולפֿענצטער, וואָס אויף אַ בערגל, אַקעגן נידעריקן שמאָל באַגרינטן טײַך, דערהערט ער דעם שבתדיקן נוסח פֿון „ברוך שאָמר“. ס׳אַר אַן אַלטער אײַנגעגעסענער נוסח! ער לייקנט אַלע נײַסן, וואָס זײַנען אויפֿגעטאָן אויף דער וועלט. און פּרעגערן פֿאַרדריסט פּלוצעם, הלמאַי דער נוסח איז אַזאַ אנײַ־געשפּאַרטער; הלמאַי איז ער, פּרעגער, נישט קיין רויכערער. אויף צו להכעיס אַלע פֿײַנע מזרח־ייִדן, וואָס קוקן אים נאָך פֿון די אָפֿענע שולפֿענצטער, וואָלט ער איצט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער באָדט

זיך נאָך דעם אין שמאָלן טײַכל בכּיוון אויף אַזאַ אָרט, אַז מע זאָל אים אַרויסזען פֿון די אָפֿענע שולפֿענצטער. זאָלן זיי דאָרטן זען, ווי ער זייפֿט זיך און פּליושקעט זיך לאַנג, לאַנג, ביז ער ווערט מיד. אין די אויגן בלענדט דאָס שמאָלע טײַכל, זונט און שטראַלט. אין די אויערן מורמלט, גלײַך זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט וואַסער. און פּרעגער ווישט זיך, ווישט זיך און ווישט. ער טוט זיך אָן. ער הערט, ווו מע האַלט אין שול: „אור חדש על ציון תּאיר".

און פּלוצעם דערזעט ער, ווי אויפֿן צווייטן ברעג, קעגנאיבער דעם שמאָל באַגרינטן טײַכל שימערט עפּעס אויף דער זון. אַ גרין זײַדן קאַפּטל רוקט זיך דאָרטן אונטער אַ העלרויטן זײַדענעם זאָנטיק. ווער זאָל דאָס זײַן? אים טוט פּלוצעם אַ טיאָך אין האַרצן: „ס'איז נישט חווה פּויזנער?... ניין, ס'איז נישט זי".

און אין אַ רגע אַרום נאָך אַ גרויסער טיאָך: „יאָ, ס'איז זי". דאָס שטעגעלע דאָרטן אויפֿן צווייטן ברעג טײַכל באַהאַלט זיך אין הויכן גראָז. אירע פֿיס ווערן דאָרטן פֿאַרפֿאַלן, מע זעט זיי נישט גיין, און דער רויט־זײַדענער זאָנטיק מיטן גרינעם קאַפּטל שוועבן, שוועבן; כּדי אויסצומײַדן די שול, איז זי, אַ פּנים, אַרומגעגאַנגען דעם טײַך מיט די גוייִשע סעדלעך און איז אָנגעקומען מיטן צווייטן ברעג; זי גייט זיך באָדן. אָט דערגרייכט זי דאָרט דעם אָנהייב פֿון יונגן געדיכטן וועלדל און פֿאַרשווינדט הינטער אַ בוים. זי קומט־אַרויס פֿון דאָרטן אין אַ לאַנגן ווײַסן העמד און וואַרפֿט זיך אַרײַן אין טײַך אַרײַן. זי שווימט, זי קאָן שווימען. ס'איז בײַ איר אַ ירושה־זאַך. איר פֿאָטער שווימט אויך איבער אַ מאָל אין אַ פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט דעם גאַנצן טײַך אין דער לענג, און ייִנגלעך, מיט וועלכע ער האָט קיין מאָל קיין וואָרט נישט גערעדט, שטייען דעמאָלט בײַם ברעג און קוקן. איר שטאַלטנער קערפּער אינעם ווײַסן ברייטן העמד ליגט אין גאַנצן פֿון אויבן אויף דעם וואַסער, די האָר זײַנען צוזאַמענגענומען הויך אויפֿן קאָפּ, כּדי זיי זאָלן זיך נישט פֿאַרנעצן, די שיינע שלאַנקע הענט צעברעכן שטראַלן מיט יעדן שטרעק און דאָס פּנים, דאַכט זיך, שמייכלט. נאָר וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין? אין

שול האַלט מען ערשט „אל אדון״, הייסט עס, אַז ער, פֿרעגער, האָט אַ טעות געהאַט. אים האָט זיך פֿריִער געדאַכט, אַז ער הערט קלאָר דעם נוסח פֿון „אור חדש על ציון תאיר״... נאָר אויב אַזוי, איז נאָך פֿרי. ער קאָן נאָך אַ ביסל אַוועקגיין מיטן ברעג טײַך אין יונגן וועלדל. וויפֿל יאָר איז, אַז ער, פֿרעגער, איז אַראָפּגעקומען אַהער קיין ראַקיטנע? אַ יאָר זעקס. דעמאָלט זײַנען נאָך דאָ אין יונגן וועלדל געווען צעוואָרפֿן אַ סך אַלטע הויכע ביימער און איצט האָט מען זיי שוין אַלע אויסגעהאַקט. געבליבן זײַנען פֿון זיי נישט מער ווי וואָרצלען, יעדערער מיט זײַן פֿאַרעלטערט געלן אָפּשניט. זיי זײַנען צעוואָרפֿן איבערן גאָרן וועלדל און זעען־אויס ווי בענקלעך. פֿרעגער זעצט זיך צו אויף איינעם פֿון זיי. ער שאַרט נעבן זיך מיטן שטעקל, נאָר פֿונעם מוח גייט אים נישט אַרויס דער שטאַלטנער קערפּער אינעם ברייטן, ווײַסן העמד, וואָס שלענגלט זיך מיט הנאה פֿון אויבן אויפֿן וואַסער. ער האָט זי שוין לאַנג נישט געזען אַזוי נאָענט ווי הײַנט, חווה פֿויזנערן. און דאָס האַרץ נאָגט דערפֿאַר אַזוי, נאָגט און נאָגט, ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען זי פֿלעגט אָפֿט בײַ טאָג אַרויסקומען צו אים אַהער אינעם דאָזיקן וועלדל. איצט איז ער פֿאַר איר אַזאַ ווײַטער, ווײַטער. זי ענטפֿערט נישט אויף זײַנע בריוו. ער ווייסט נישט, צי זי האָט אים איצט געזען אַקעגן, אויפֿן צווייטן ברעג טײַך, צי ניין.

נאָר אָט טיאָפּקען טריט הינטער אים אויפֿן שטעגעלע. דאָס איז זי, חווה פֿויזנער; דאָס זײַנען אירע טריט. זי קערט זיך אום דאָ אַרום אַהיים; זי וועט דאָ דורכגיין גאָר נאָענט. נאָר פֿאַר וואָס טופּעט זי אַזוי שטאַרק מיט די פֿיס? צי וויל זי נישט, אַז ער, פֿרעגער, זאָל זיך צו איר אומקוקן? ניין, זי זעט אים. זי טוט זיך אַפֿילו קיין נייג נישט. אַ שפּאָטיק קנייטשעלע באַגראָבט זיך נאָר אין לינקן ווינקל נעבן אירע ליפּן. אירע היפּשע, כּמעט בולטע אויגן טוען אויף אים אַ קוק מיט וווּנדער, גלײַך זיי וואָלטן נישט גלייבן, אַז דאָס איז ער. ער לעבט נאָך? ער איז נאָך אַלץ דאָ אין ראַקיטנע? און מער גאָר נישט, גאָר נישט. זי איז שוין פֿאַרבײַ און קוקט זיך

אַפֿילו איין מאָל צוריק נישט אום. זי דערווײַטערט זיך און פֿאַרשווינדט. נאָר אָט... צי ווייסט זי, אַז כײַקע, כײַקע די דינסט פֿון אײַנפֿאָרהויז, גייט־אַרום גאַנצע טעג אויסגעפּוצט ווי אַ כּלה, און אַז אין אײַנפֿאָרהויז טוט זי שוין גאָר נישט; זי האָט געהייסן איר באַלעבאָסטע זיך צוזוכן וואָס גיכער אַן אַנדער דינסט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איז אָט פֿון ׳ענעם שבת אָן האָט פרעגער באַמערקט, ווי כײַקע די דינסט הייבט־אָן ווערן צו אים אַלץ מער און מער אָפגעקילט. פרעגער האָט גענומען אַרבעטן אויף אַלע כלים מיט אימפעט און גרויס פאָמפע. ער האָט צוגעזאָגט כײַקען, אַז אויף דער חתונה וועט ער אַראָפברענגען די בעריזשינעצער כלי־זמר. מע וועט גיין איבער דער שטאָט מיט אַ מאַרש. צו דער חופה וועלן, אַחוץ די פֿידלען, שפילן צוויי קליינע טרובעלעך, אַ פֿלייט, אַ קלאַרנעט מיט אַ טראָמבאָן; מע וועט קלאַפן אין דער גרויסער פויק; פֿאַר די כלי־זמר וועלן לויפֿן באָרוועסע ייִנגעלעך מיט שיקסעלעך, און זאַלקער דער אַגענט וועט פֿון מיטן עולם צינדן פֿײַערווערק און וועט וואַרפֿן אין דער לופֿט אַזעלכע שוועבעלעך, וואָס ברענען לאַנג. כײַקע מעג זיך שוין אויף זאַלקערן פֿאַרלאָזן, ער קאָן קריגן אַלץ. אָבער אויך דאָס האָט אויף כײַקען ווייניק געווירקט. זי איז שוין ווידער געווען אָנגעטאָן אין די צעריסענע שיך אויף די באָרוועסע פֿיס און צוריק געאַרבעט אין אײַנפֿאָרהויז ווי אַן אייזל. זי האָט מודה געווען פרעגערן, אַז ער איז איר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. זי וועט אים אייביק נישט פֿאַרגעסן. נאָר וואָס זאָל זי טאָן, אַז אַלע לײַטישע מענטשן האַלטן זי אָפ, אַלע זאָגן איר, אַז זי וועט זיך נאָך דעם באַוויינען אויף אַלע אירע יאָרן. „אַלע לײַטישע מענטשן? אַדרבא...“

פרעגער האָט געוואָלט וויסן בײַ כײַקען, ווער זײַנען די לײַטישע מענטשן. נאָך זײַן מיינונג זײַנען אין ראַקיטנע בכלל קיין לײַטישע מענטשן נישטאָ. אַדרבא, זאָל זיי כײַקע אָנרופֿן בײַ די נעמען. נאָר כײַקע איז שוין צוריק געגאַנגען אין די צעריסענע שיך,

אויף די באָרוועסע פֿיס און איז געווען עקשן, הוילער עקשן. זי האָט קיינעם נישט געוואָלט אָנרופֿן.

דערצו נאָך האָט דעמאָלט צו כּײַקען הינטערן אײַנפֿאָרהויז אַלע פֿאַר נאַכט אָנגעהויבן קומען דער עלטערער משרת פֿון פּויזנערס קלייט, יוסף, אַ געזונטער פֿיר און צוואַנציק יאָריקער בחור, אַ רי־רעוודיקער, מיט קרומלעכע אויגן און מיט נײַע גלאַנציקע שטיוול, וואָס האָבן געהאַט אויף אויבן ווײַסע, גענייטע שטעך. אַז פּרעגער האָט אים איין מאָל פֿאַר נאַכט דאָרטן הינטערן אײַנפֿאָרהויז גע־טראָפֿן וואַרטן און אים געפֿרעגט, וואָס טוט ער דאָ, האָט אים יאָסל גאָרניט נישט געענטפֿערט. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף אים אין אַלכסון[44] מיט די קרומלעכע אויגן. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אויפֿגעהויבן אַ שטרוי און האָט גלײַך גענומען אָפּטרעטן. ער איז אַריבערגעקראָכן איבערן פּלויט פֿונעם נאָענטן פֿאַרוואַקסענעם גוייִשן גאָרטן און איז דאָרטן פֿאַרשוווּנדן.

דעמאָלט איז פּרעגערן גלײַך אײַנגעפֿאַלן דער חשד: איז אָט, ווער די לײַטישע מענטשן זײַנען!...״

ער האָט געפּאַקט צו זיך אַהיים דעם קליינעם לייזערן, דעם צוועלפֿיאָריקן לעבעדיקן און תּמיד שמייכלענדיקן פּעמפּיק, וואָס מ׳האָט צוגענומען פֿון דער תּלמוד־תּורה צו פּויזנערן אין קלייט און מע האָט אים דאָרטן אָנגעטאָן אַ פֿאַרטעך. אין די פֿרײַע בײַטאָגע־דיקע שעהען איז אָט דער לייזער געשטאַנען אין פֿאַרטעך מיט אַרונטערגענומענע הענט אויף דער שוועל פֿון פּויזנערס גרויסער קלייט, געשטאַנען מיט דרך־ארץ צום בעלעבאָס, וואָס שרײַבט דע־מאָלט איבער פֿון אײַן בוך אין צווייטן, און מיט אַ שמייכל צו אַלע דורכגייערס, וואָס קענען אים, דעם פּעמפּיק, און ווייסן אַז ער איז אַ דורכגעטריבענער, אַ קלוגער.

פּרעגער האָט אָפּגעהאַלטן אָט דעם לייזערן בײַ זיך אין צימער אַ גאַנצן שבתדיקן בײַטאָג און איז בײַ אים געוווּיר געוואָרן אַ סך

[44] אין אַ משופּעדיקער ליניע.

וויכטיקע זאַכן: חווה פּויזנער, איז ער געוואָרן, האָט די לעצטע צײַט אָנגעהויבן זיך זאָרגן פֿאַרן פֿאָטערס געזונט. זי איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי געטרײַ, גלײַך מער האָט זי שוין קײנעם נישט אויף דער גאָרער וועלט. בײַ טאָג, ווען ער לייגט זיך שלאָפֿן, קומט זי אים פֿאַרבײַטן אין קלייט אַרײַן. זי זיצט מיט אַ בוך נעבן דער קאַסע, זי קוקט־אַרײַן, נאָר לייענען לייענט זי קנאַפּ. זי פֿאַרטראַכט זיך. זי פֿאַרקוקט זיך אַזוי אויף יאָסלען, דעם עלטערן משרת, און זאָגט, אַז ער איז אַ גאַנץ פֿײַנער בחור. אַ שיינער, זאָגט זי, איז ער, נאָר אַ נאַר, אַ גרויסער נאַר: „פֿאַר וואָס, למשל, זאָל ער זיך ניט שדכענען צו כײַקען פֿון אײַנפֿאָרהויז? פֿאַר וואָס זאָל ער נישט חתונה האָבן?“

יאָסל ווערט רויט ווי אַן אינדיק און ווייסט נישט ווהין צו קוקן מיט די קרומלעכע אויגן. ער קוקט דערפֿאַר צו אים, לייזערן, וואָס שטייט אויף דער שוועל. דו. — שרײַט ער צו אים — וואָס קרימסטו די אָפּצאַסן?“

נאָר לייזער קרימט נישט די אָפּצאַסן; ער שטעלט נאָר אַרויס יאָסלען די צונג. סוף־כּל־סוף זאָגט יאָסל אַרויס זײַן מיינונג: „כײַקע — זאָגט ער — איז אַ דינסט“.

נאָר חווה פּויזנער געפֿינט, אַז ס׳איז נישט ריכטיק. „אויף כײַקען קאָן מען בשום אופֿן נישט זאָגן, אַז זי איז אַ דינסט. כײַקע ציט זיך אויף בײַ איטע־לאהן אין אײַנפֿאָרהויז פֿון קינדווײַז אָן. איטע־לאה איז אַ קראַנקע און האָט קיין קינדער נישט. איר מאַן, וואָס אין אַמעריקע, האָט זי שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפֿן. ער האָט דאָרטן אַן אַנדער ווײַב. איטע־לאה אַליין זאָגט, אַז אויב כײַקע וועט זיך האַלטן אין דער מעלה, אויב זי וועט חתונה האָבן פֿאַר אַ פֿײַנעם יונגן מאַן, וועט זי איר, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, לאָזן דעם אײַנפֿאָרהויז מיט אַלץ, וואָס זי פֿאַרמאָגט...“

אַך, איז אָט וואָס? אים, פּרעגערן, רעכנט נישט חווה פּויזנער פֿאַרן פֿײַנעם יונגן מאַן. זי האָט זיך אין גאַנצן איבערגעביטן, חווה פּויזנער, און שפּילט אַ ליבע מיט איר טאַטן, דעם רײַכן קרעמער.

זי איז געוואָרן מיושבֿדיק און בעסער, אַ סך בעסער ווי זי איז געווען. זי טוט, זאָגט מען, אַ סך טובֿות אָרעמע ייִדן בײַ דעסלערן און פֿילט זיך פֿאַר אַלץ פֿאַראַנטוואָרטלעך; זי וויל פּשוט אַ טובֿה טאָן כּײַקע דער דינסט און איר קלאָר מאַכן, אַז זי וועט זיך נאָך דעם באַוויינען, זי וועט אַרײַנפֿאַלן אין שלעכטע הענט. און אפֿשר... אפֿשר טוט עס שוין חווה פּויזנער נישט גאָר פֿון הוילער גוטסקייט? אפֿשר פֿאַרדריסט זי נאָך אַ ביסל, וואָס כּײַקע וועט האָבן אים, פּרעגערן?... זי קען עס נישט איבערטראָגן... נאָר אויב אַזוי, טײַטשט זיך עס גאָר אַנדערש. צי הייסט עס נישט, אַז ער, פּרעגער, האָט נאָך אַ האָפֿענונג? אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט קאָן חווה פּויזנער שטילערהייט אַרײַנקומען צו אים, אַהער צו זײַנוול פּאָטשטער אין זײַן צימער, און זיך דאָ אַנטשולדיקן ווי אַמאָל, זיך נעמען שלאָגן על־חטא...

אין יענעם שבתדיקן בײַטאָג דריקט פּרעגער אינטענסיווער ווי אַלע מאָל די פּענסנע צו דער נאָז. ער דרייט זיך אַרום בײַ זיך אין צימער און טראַכט. סוף־כּל־סוף שרײַבט ער חווה פּויזנערן אַ בריוו: „ער ווייסט פֿון אַ סך מעלות אירע. נישט לאַנג האָט ער געזען, ווי זי קען שווימען... נאָר פֿון איר לעצטער מעלה האָט ער נישט געוווסט; ער האָט נישט געוווסט, אַז זי קען קאַליע מאַכן שידוכים“.

ער ווייסט, אַז אויך אָט דער בריוו זײַנער וועט בלײַבן אָן אַן ענטפֿער, נאָר ער וואַרפֿט אים דאָך אַרײַן אין פּאָסטקאַסטן. ער דערוואַרט זיך קוים ביז פֿאַרנאַכט און גייט־אַוועק צו כּײַקען הינטערן אײַנפֿאָרהויז. „נו, וואָס הערט זיך? כּײַקע האָט זיך שוין באַטראַכט? זי האָט זיך אַרויסגעשלאָגן דאָס משוגעת פֿון קאָפּ? וואָס, ניין? זי איז נאָך אַלץ עקשן? זי אַרבעט נאָך אַלץ אין אײַנפֿאָרהויז ווי אַן אייזל? פֿאַר וואָס זשע שווײַגט זי? פֿאַר וואָס זאָל זי נישט זאָגן קלאָר און אָפֿן, אַז ער, פּרעגער, געפֿעלט איר מער נישט? פֿריִער איז ער איר געפֿעלן און איצטער נישט“. נאָר אויב אַזוי, איז נאָך אפֿשר ניט אַלץ פֿאַרפֿאַלן. ער קאָן אויף זיך נעמען ווערן לײַטישער. ער וועט זיך דאָ אין ראַקיטנע מער מיט קיינעם נישט

קריגן. ער האָט נישט קיין עלטערן, ער האָט נאָר אַ שטיפֿמאַמע ערגעץ אויף דער וועלט, וועט ער איר אָנשרײַבן, זי זאָל קומען, זאָל זי פֿירן צו דער חופּה. זאָל מען וויסן, אַז אויך ער שטאַמט נישט ערגעץ פֿון הינטער אַ פּלויט... נאָר פֿאַר וואָס שטייען בײַ כײַקען טרערן אין די אויגן? זי קאָן נישט לײַדן, ווי ער רעדט? וועט ער מער נישט ריידן, ער בעט נאָר, זי זאָל אים איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל ענטפֿערן: יאָ אָדער ניין. נאָר כײַקע וויל געבן דעם ענטפֿער ערשט דינסטיק נאָכן יאַריד... איז מילא, וועט ער וואַרטן, וועט ער וואַרטן ביז דינסטיק נאָכן יאַריד.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אויף דער אַלטער שטאָט און האָט באַנײַס גענומען אַרומשפּאַצירן בײַ זיך אין צימער, באַנײַס אַ קאָן געדריקט מיט די מיטלסטע פֿינגער די פּענסנע צו דער נאָז: „ווי אַזוי דאַרף מען אויסטײַטשן כײַקעס וואַרטן ביז נאָכן יאַריד?“ צי הייסט עס נישט, אַז זי האָפֿט פֿאַר אָט דער צײַט זיך נאָך אַ מאָל זען מיט חווה פּויזנערן און נאָך אַ מאָל פֿרעגן בײַ איר אַן עצה? נאָר אויב אַזוי, וועט איר כײַקע דערציילן אַלץ, וואָס ער, פּרעגער, האָט איר הײַנט געזאָגט, אַפֿילו די מעשׂה מיט זײַן שטיפֿמאַמע וועט זי איר דערציילן; דערויף איז זי כײַקע...

בײַ פּרעגערן קלאַפּט פֿון גרויס אויפֿרעגונג אין האַרץ. ער וואַרט. ער לעבט אין האַלב־שיכּורן טשאַד. די קלאָרע הייס זומערדיקע טעג זײַנען איצט זײַנע אייגענע; זייער נאָמען איז — חווה פּויזנער. זיי זײַנען העלבלוי און פֿול מיט איר געדעכעניש. סוף־כּל־סוף דערוואַרט ער זיך.

אין איינעם אַ בײַטאָג ברענגט מען אים אַרײַן אַ קליין בריוועלע פֿון פּאָסט און מע בריט אים אָפּ; דאָס בריוועלע שמעקט מיט חווה פּויזנערס האַנטשריפֿט און באַשטייט סך־הכּל פֿון צוויי ווערטער:

אַך! איז אָט וואָס: חווה פּויזנער נעמט־אָן אויף איר אייגענעם חשבון אַלע גוטע ווערטער, וואָס אַ פֿײַנער מאָנצביל זאָגט כײַקען דער דינסט, ווען קיינער הערט נישט, הינטערן אײַנפֿאָרהויז. חווה

פּויזנער ווייסט, אַז זי איז מיידל נומער איינס. זאָל מען אַ קוק טאָן בײַ איר אין צימער אויף איר ווײַסן בעט און אויף אַלע קלייניקייטן אַרום, וועט מען גלײַך מודה זײַן, אַז די פּרוי — דאָס איז זי, חווה פּויזנער; אַלע איבעריקע זײַנען נאָכגעמאַכטע, פֿאַלשע אַסיגנאַציעס. נאָר אויב אַזוי, איז גוט. זײַן פֿאַרבינדונג מיט חווה פּויזנערן איז נאָך אַלץ נישט איבערגעריסן. הוראַ! זאָל לעבן די פֿאַרבינדונג מיט חווה פּויזנערן אַפֿילו דעמאָלט, ווען צי׳ען ציט זי זיך נישט מער ווי דורך איין כּײַקע דער דינסט.

*

זונטיק יאַריד. אַרום צוויי אַ זייגער בײַ טאָג, ווען אויף דער אַלטער שטאָט אַרום זײַנוול פּאָטשטערס אַכסניהדיק לאַנגן הויז האָט זיך גענומען שטאַרקן מיטן קלונג פֿון די לאַנגע שטאָלענע שנײַד־מעסערס, וואָס מע פֿאַרקויפֿט דאָ נישט ווײַט נעבן דער שטוב, דאָס פֿריילעכע הירזשען פֿון די פֿערד, האָט מען בײַ פּרעגערן אין צימער זיך געזעצט צום מיטלסטן פֿאַרשפּרייטן טישל. זײַנוול פּאָטשטער האָט געהאַט געלע קאָרענע „סטאַרקע" פֿאַרפּראַוועט מיט מאַראַנצן־שאָלעכץ און מיט וואָרצלען. ווען זאַלקער מיט פּרעגערן האָבן אויסגעטרונקען פֿון אָט דער „סטאַרקע" די ערשטע צוויי קעלי־שיקלעך, האָבן זיי גלײַך אַ קוק געטאָן איינער דעם צווייטן אין פּנים אַרײַן און האָבן ביידע מודה געווען, אַז דער שנאַפּס איז אַ גלאַטער ווי אַ בוימל. אין מויל פֿילט מען אים ווי געוויינלעכע לעבלעכע וואַסער, נאָר אַז ער קומט־אַראָפּ אינעווייניק, טוט ער גלײַך אַ ברי; ער צינדט־אָן.

— איז וואָס זשע קלערט איר?

— איבערחזרן? האַ?

— אַוודאי.

מע האָט פֿאַרביסן מיט קאַלטע זויערע אוגערקעס, געביסן זיי גאַנצערהייט אַזוי, אַז די זאַפֿט איז גערונען איבער די פֿריש גע־גאָלטע אונטערמײַלער און האָט געגעסן און האָט געקילט. מע איז געווען רו׳ק. נאָר נאָכן פֿערטן גלעזל האָט דאָך אַ מאָדנע פֿרייד

אַ ברויז געטאָן איבערן גאַנצן קערפּער און געגעבן אַ שלאָג גלײַך אין קאָח אַרײַן. ס׳האָט זיך מיט אַ מאָל פֿאַרשטאַרקט דער קלאַנג פֿדן די שנײַדמעסערס, דאָס הירזשען פֿון די פֿערד; די גויעס מיט די גויִים האָבן אָנגעהויבן ריידן העכער, דרייסטער און דער גאַנצער פֿריילעכער יאָריאַריד, דער טומל איצט מיטן הייסן העלן זומערטאָג האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ טרעט־צו צו דער שטוב מיט די אָפֿענע פֿענצטער און האָט זי אַרומגענומען. אַלץ איז געוואָרן נאָענט, מיט די הענט צו דערלאַנגען, און אַפֿילו זי, חווה פּויזנער. פּרעגער האָט זי דערפֿילט אַזוי נאָענט, גלײַך זי שפּרײַזט אַרום נעבן זײַן צימער הינטער דער שטוב. און אין האַרצן האָט געגעבן אַ כוואַליע פֿון נײַער יונגער פֿרייד:

— וואַרט! ווו זשע איז נאָך עולם?

— ווו איז דער גילגול?

— ווער? דער וואָס מאַכט צו רעכט קאַטערינקעס?

— זײַנוויל! ברענגט אים אַהער!

ער האָטווירקלעך איצט געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון אַ גילגול, אָט דער וואָס מאַכט צו רעכט האַרמאָניעס. ער איז אַרײַנגעקומען אַהער אין צימער מיט אַ גרויסער האַרמאָניע אונטער דער האַנט. אַז מע האָט אים דאָ געבעטן זיצן, האָט ער זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן נישט אויפֿן גאַנצן בענקל, נאָר אויף אַ שפּיץ. מיט זײַנע דאַרע לאַנגע פֿינגער האָט ער אַ טאַפּ געטאָן דעם עק פֿון די אייב־ציקע שיטערע האָר, וואָס שטעקן אונטער זײַן מויל און זײַנען בײַ אים, אַ פּנים, שטאַרק טײַער. דערבײַ האָבן זײַנע שטומע אויגן קוים־קוים אונטערגעשמייכלט און געקוקט אַזוי מאָדנע, גלײַך ער גלייבט נישט, אַז אים האָט מען טאַקע באמת אַהער גערופֿן; בײַ אים איז רעכט, אַז אין אַ רגע אַרום זאָל מען אים הייסן נעמען דעם וועג.

— פֿון וואַנען זײַט איר, פֿעטער?

— פֿון אומעטום.

— און מעד טרינקט איר?

— כע... כע...

— טאָ גיסט אים אָן, זאַלקער; ער וועט אונדז שפּילן.

— היידאַ, פֿאַני!

דער גילגול האָט זיך פֿאַררויטלט באַלד נאָכן צווייטן גלעזל און האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿוס איבער אַ פֿוס; אָנגעשפּאַרט אויף דער שפּיציקער קני די גרויסע האַרמאָניע, וואָס איז באַשלאָגן מיט פֿיל ציכטיק אויסגעריבענע מעשענע טשוועקלעך, און זיך נידעריק־נידעריק איבער איר איבערגעבויגן. ער האָט זי געגעבן אַ שלעפּ פֿאַר די אויערן און גלײַכצײַטיק אַ דריי מיטן קאָפּ אין ביידע זײַטן, גלײַך ער ווייסט נאָך נישט, מיט וואָסער אַן אויער זאָל ער זיך אָנהייבן צוהערן: מיטן רעכטן, צי מיטן לינקן. און מיט אַ מאָל איז דאָס חדר פֿול געוואָרן מיט אומרויִקע קלאַנגען, וואָס פֿאַרלויפֿן טאַנצנדיק איינער פֿאַרן צווייטן, שטעלן זיך הינטערפֿיסלעך און קוליען זיך, קוליען זיך, ווי די קליינע פֿריילעך שפּעטנדיקע קאָמעדיאַנטלעך.

— וואָס שפּילט איר? שאָפּענען, פּעטער?

— יעס, יעס. ס׳טרעפֿט צווישן איין יאַריד און צווייטן, כע... כע... מע מוז גיין איבער די דערפֿער, מע שפּילט אין די פּריצישע הויפֿן...

און ווידער קלאַנגען, קלאַנגען. ער האָט געאָטעמט שווער, ניט ווינציקער ווי דער היפּשער פֿיל־געקנייטשטער אינסטרומענט. ער האָט געקײַכט און געפּאָנפּעט אין איינעם מיט די קלאַנגען. און אַלע זײַנען געווען נתפּעל. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי אין טיר האָט זיך צוויי מאָל באַוויזן שאולקע שנײַדער, איין מאָל אַ פֿאַרוואונדערטער, מיט אויגן וואָס גאַפֿן און גלייבן נישט, אַז דאָס, וואָס זיי זעען, קומט ווירקלעך פֿאָר. און דאָס צווייטע מאָל אַן אונטערטעניקער און נישטיקער, מיט מתּנות אין די פֿול־געשטאָפּטע טאַשן, מיט אַ מינע פֿון אַ געכאַפּטן גנבֿ, וואָס חנפֿעט זיך און וויל, מע זאָל אים באַוויליקן, פֿאַרגעסן זײַן שולד.

— הערט זשע אויס, פֿאַני זאַלקער!

דאָס שפּילן האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעריסן.

— אַוועק פֿון די אויגן, ממזר!

— גוט, וועל איך נאָר אַנידערשטעלן אויפֿן טיש אָט דאָס אָ.

און ער האָט, ווי אַ קונצנמאַכער, גענומען שלעפּן פֿון אַלע טאַשן פֿאַרחתמעטע פֿלעשלעך פֿון פֿאַרשיידענער גרייס. אין יעדערן פֿון די פֿלעשלעך האָט זיך געבויטעט אַ שווער געטראַנק. סאַר אַ טיפֿע טאַשן אָט דער שאולקע שנײַדער האָט געהאַט! אויפֿן טיש זײַנען שוין געשטאַנען בײַ אַ האַלב טוץ פֿולע פֿלעשלעך, און די טאַשן זײַנען נאָך אַלץ נישט געווען אויסגעליידיקט. דאָס האָט ער, אַ פּנים, געוואָלט זיך פֿאַרגיטיקן.

— פּאַני פּרעגער, — האָט ער זיך בײַם פֿאַרשוויצטן פֿאַרוואַלטער געבעטן — זאָגט אים איר, איך בעט אײַך, וואָס האָט ער פֿאַראיבל?

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, אים איז עפּעס אײַנגעפֿאַלן: „אָט זאָל ער זאָגן איין וואָרט, האָט ער אַ וווּנק געטאָן אויף זאַלקערן, זאָל ער נאָר אַ פּיפּס טאָן, ברענג איך אים באַלד ט׳אַהער די שוואַרצע. ווי איך בין אַ ייִד, כ׳ברענג זי אים ט׳אַהער... נו? וואָס? זאָל איך גיין?...“

פּלוצעם האָט זיך אין צימער מיט אַן אומרויִקן פּנים באַוויזן דער לאַנגער זײַנוול און האָט מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן אַזאַ צייכן, גלײַך ס׳איז עפּעס געשען.

— וואָס איז?

ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל. זאַלקער האָט באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן אַ פּאָר פֿלעשלעך פֿונעם טיש און זיי אַראָפּשטעלן אונטערן בענקל. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָנגעקלעפּט אויף דער טיר. און אויף דער שוועל, הינטער דעם הויכן זײַנוולס פּלייצעס, איז שוין געשטאַנען אַ העל־בערדלדיקער יונגער מאַן אין אַ גרוי יעגער־רעקל מיט טונקעלע בלישטשענדיק פֿאַרוווּנדערטע אויגן. די אויגן האָבן געשמייכלט צוזאַמען מיטן בלאַסן פּנים און באַוווּנדערט, אַ פּנים, דאָס בילד. דאָס איז געווען דער יונגער מאַן, וואָס וווינט בײַ יצחק־בערן אין וואַלד און וואָס אין שטאָט רופֿט מען אים חיים־

משה, מלכּס חבֿר, חיים־משה. ער האָט געפֿרעגט אויף זאַלקערן דעם אַגענט. ער האָט געוואָלט מיט אים זיך דורכריידן וועגן דעם קונה אויפֿן אינווענטאַר און אויף די מעדיקאַמענטן, וואָס בײַ מלכן אין מאַגאַזין.

## 17

אויפֿן יאַריד, נעבן טומלדיקן פֿערדישן מאַרק, נישט ווײַט פֿון גויִשן צווינטער, ווו חיים־משה מיט חנהקען האָבן זיך פֿריִער אַ ביסל באַגעגנט, איז געווען אוממעגלעך אײַנצושטיין; מע האָט געשטויסן פֿון אַלע זײַטן. חיים־משה האָט אָפּגעפֿירט חנהקען אַ ביסל אין אַ זײַט און זיך אָפּגעשטעלט מיט איר ריידן: „נו?“.

און פּלוצעם דערזען עפּעס אין אירע בלוילעכע פֿאַרשמאַכטע אויגן; פּלוצעם באַנומען מיט ברוסט און האַרץ די אויפֿגעציטערטע אומרויִקייט, וואָס זיי באַהאַלטן־אויס אין זייער שטומער טיף, בשעת זיי האַלטן צו אים אַזוי אין איין שטומען אַרויפֿקוקן: „וואָס קומט פֿאָר? חנהקע...“

און נאָך: „איר זײַט צוויי מאָל געווען אין וואַלד?“

נאָר ווידער קיין ענטפֿער נישט באַקומען, אַחוץ דעם שטומען אונטערטעניקן קוקן. „וואַרט“.

פֿון הינטן איז באַנײַס אָנגעפֿאָרן אַ פֿור מיט אַ סך אונטערגעבונדענע פֿערד, האָט ער חנהקען נאָך טיפֿער אין אַ זײַט אָפּגעפֿירט, ער האָט זי גענומען אונטער דער האַנט, האָט זי אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און האָט אויפֿגעוואַכט:

— ווו איז מאָטיק?

— אָט איז ער.

מאָטיקן האָט מען דאָ אויפֿן אָרט געמוזט קויפֿן אַ קײַלעכיקן הילצערנעם לעפֿל, אַ רויטיק גלאַנציקן, מיט גאָלד געקעסטלטן, איינעם פֿון די פֿיל לעפֿל, וואָס אַ באָרוועסער, פֿאַרשוואַרצטער גוי האָט געהאַלטן נעבן זיך צעשאָטן אויף דער ערד, אויף אַ זאַק.

דערנאָך האָט מאָטיק זיך ווידער אַ מאָל צעוויינט אויף אַ קול. ער האָט דערזען טראָכימען, זייער פֿורמאַן, וואָס קערט זיך אום מיט אַ נאַס אָפּגעוואַשענער געלער בריטשקע און מיט אָפּגעבאָדענע פֿערד ערגעץ פֿון אַרום שטאָט, פֿונעם טײַך. מאָטיקן האָט מען געמוזט אָפּשיקן מיט טראָכימען אַהיים, און אַליין זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען ווײַטער, מיט אַ נײַעם זײַטיקן מאַרק. לעמער האָבן דאָרטן אויף דער הייסער זון געמעקעט געבונדערנערהייט, בעת מע האָט זיך אויף זיי אָנגעלייגט און געשוירן זייער וואָל. פֿון ערגעץ ווײַטער האָבן חזירים געגרילצט מיט אַזעלכע קולות, גלײַך מע איז זיי דורס, מע קײַלט זיי אויפֿן אָרט. און אַקעגן איז שוין מער קיין יאַריד נישט געווען; אַקעגן האָבן פֿרײַע גרויע פֿעלדער אַרויסגעפֿירט זייערע ברייטע שטויביקע וועגן ווײַט אין וועלט אַרײַן, און אַ פֿור, אַ זוניק פֿריילעכע, אַ וואָגלענדיקע און צעבײַטשלטע, האָט שוין אויף איינעם פֿון אָט די וועגן געהאַט געטראָגן איר שמײַעדיקן אַוועקלויף. די ערשטע פֿור, וואָס שפּעניקט־ווידער און אַנטלויפֿט פֿון יאַרידעוודיקער שטאָט און פֿון סאַמע טומלדיקן מיטן פֿון הייסן ברענענדיקן בײַטאָג.

— און מיר, ווי אָט די פֿור...

חנהקע האָט ווידער אַ מאָל, ווי אין ציטער, אויפֿגעוואַכט. ווער האָט עס געקאָנט זאָגן אָט די ווערטער: חיים־משה? נאָר אפֿשר האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, אַז זי הערט זיי. יעדנפֿאַלס האָט חיים־משה איצט נישט געהאַט קיין אויסזען פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָר וואָס עפּעס געזאָגט, ער איז געגאַנגען פֿאַרטראַכט, שטאַרק פֿאַרטראַכט.

זיי זײַנען געגאַנגען מיט אַ גרוילעך שמיטהדיקן הפֿקר־פֿעלד, געגאַנגען גלאַט אַזוי, ווי אָן אַ ציל. און נאָך דעם זײַנען זיי מיט אָט דעם פֿעלד צוגעקומען ביז אַ גרין צעשאָקלטער זאַנגענבייט און ביז דעם שטילן באַהאַלטענעם וועג, וואָס צווישן אָט די זאַנגען, אַ שמאָלן וועג, וואָס פֿירט צו אַ ווײַטן עק וואַלד אַקעגן, צו יענעם ווײַטן עק וואַלד, וואָס מע האָט אים שוין צוריק מיט אַ יאָר אַכט אין גאַנצן

אויסגעהאַקט און איצט איז דאָרט זוניק, יונגע ביימלעך איבערן גאָרן וואַלד צעשפּרייט, און פֿאַרהאַקטער טויער היט זיי דאָרטן, און קיינער, קיינער דאַרף אַהין נישט פֿאָרן.

זיי האָבן אָפּגערוט. זיי זײַנען געזעסן אויפֿן פֿריש באַגרינטן הויכן גראָבן נעבן אָט דעם יונגן וועלדל און געהערט, ווי קריכוואַרג גרילצט אינעם גראָז.

— חיים־משה...

און מער האָט זי נישט געקאָנט ריידן. ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, מיט גוטן, אַזוי האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן. נאָר בשעת זי האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס ערגעץ אין דער טיף פֿון זייערע קלוגע גוטמוטיקע פֿײַערלעך, האָט זיך איר פּלוצעם גע־נומען דאַכטן, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי וויל אים זאָגן, ווייסט ער שוין פֿון לאַנג. זי איז שוין איין מאָל געזעסן דאָ מיט אים אויפֿן גראָבן, זי האָט אים שוין איין מאָל געזאָגט. נאָר אויב אַזוי, וועט זי אים זאָגן נאָר איין וואָרט: „איר איז גוט... פֿון אַלץ איז איר איצט אין אָט דער רגע גוט, אַפֿילו פֿון דעם, וואָס מאָטיק האָט קיין מאַמע נישט... ווי מאָדנע דאָס איז!... זי האָט אים נאָר געוואָלט זאָגן, אַז זי פֿאָדערט פֿון אים גאָר נישט. זי וויינט... ניין, ס׳איז גאָר נישט... ס׳איז גאָר נישט אָט דאָס, וואָס זי וויינט. זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אין מלכן... נאָר אָט...״

זי האָט געטראָגן אַ ימל פֿרייד אונטער דער ברוסט און אין די אויגן. דעם גאַנצן וועג, וואָס חיים־משה האָט זי באַגלייט צוריק אַהיים, האָט זי נישט געקאָנט ריידן. זי האָט נישט געפֿרעגט, ווען זי וועט זיך נאָך אַ מאָל זען מיט חיים־משהן. דער עיקר איז געווען, וואָס חוצן קליינעם מאָטיקן איז איר איצט אין מיטן הייסן זומער צוגעקומען אַ נײַ און גרויס לעבן. איר איז, אַ פּנים, געווען גוט, שטאַרק גוט.

אַז חיים־משה האָט זיך נאָך דעם אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן, האָט ער זי געדענקט אין איינעם מיט אָט דעם נײַעם צו־

געקומענעם לעבן אירן, זי געדענקט נאָך דעם, ווען ער איז שוין נאָך אַ מאָל געווען אויף דער אַלטער שטאָט און האָט אָפגעזוכט זאַלקערן דעם אַגענט בײַ פרעגערן אין צימער; וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען ער קערט זיך איצט אום צו חנהקען אַהיים און זאָגט איר דאָרטן אויס אַלץ און הייבט־אָן ריידן מיט איר אָפֿן, ווי מיט מלכן? וואָס וואָלט געווען, ווען דאָרטן, בײַ עוזר ליובערן אין הויז, טוט פלוצעם אַ קלונג דאָס פאַראַד־גלעקל, און חנהקע דער־זעט, אַז אַרײַנגעקומען איז נאָך אַ מאָל ער, חיים־משה? נאָר אַליין איז ער שוין געשטאַנען אויף דער אַלטער שטאָט, אין נידעריק געבויטן אַכסניה־הויז, אויף דער שוועל פֿון פרעגער דעם פֿאַרוואַל־טערס שיכּור ווערנדיקן צימער, און האָט געזען פֿאַר זיך ליידיקע און פֿולע פֿלעשער פֿון פֿאַרשיידענער גרייס. פֿלעשער־העלדזלעך שטעקן דאָ און דאָרטן אָן אַ סדר, ווי אין אַ טומלדיקן ווײַנשענק, און צווישן זיי שאָקלען זיך די פֿאַררויטלטע און בלאַסע פנימער פֿון די וואָס טרינקען. איינער האַלט אַ גרויסע האַרמאָניע אויפֿן שויס. אַ צווייטער, אַ רירעוודיק פֿעסטער, מיט ענגע לאַקירענע שטיוול, שרײַט־אָן אויפֿן לאַנגן, דעם שנײַדעריונג, וואָס שטייט מיט שולדיקע פלוידער־אויגן בײַ דער טיר; ער קלאַפט מיטן צעכליופעטן קעלישיק אין טיש:

— איז געגאַנגען און געבראַכט זי די מינוט! דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר, הונט איינער?

און יענער קראַצט זיך פֿויל אין נאַקן און פֿאַרשווינדט.

חיים־משה האָט געפֿרעגט:

— און ווו איז דאָ זאַלקער? זאַלקער פֿון בעריזשינעץ?

האָט זיך פֿון בענקל אויפֿגעהויבן דער זעלביקער קליינטש־קער מיט די ענגע לאַקירענע שטיוול, וואָס האָט נאָר וואָס גע־קלאַפט מיטן קעלישיק אין טיש.

— איך. וועגן אינוווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן אפֿשר?

— יאָ, יאָ.

— איז אָט, פרעגער: דאָס מעקלערײַ אויף שנאַפּס, ווי איך בין

אַ ייִד, ביז איין פּרוטה. שרעקט זיך נישט, פּאַני, זיצט... מיר זײַ־
נען מענטשן, פּשוטע. איר וועט פֿאַרזוכן אַ קאַפּעלע?

און מע האָט גלײַך אָנגעגאָסן עמעצנס אַ קעלישיק, וועלכן מע האָט פֿריִער אַפֿילו ניט אויסגעשווענקט, און זיך גענומען קלאַפּן מיט אים אין גלעזל.

— לחיים!

— פֿאַר אײַער געזונט.

— זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער פּײַנע און לײַטישע באַלעבאַ־
טים.

*

— טרינקט!

דער גילגול מיט דער צעפּליעטשטער נאָז האָט גלײַך באַ־
מערקט, אַז דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן נישט צו אים. ער האָט שטיל געגעבן אַ הוסט, אַ טאַפּ געטאָן מיט די לאַנגע פֿינגער די שיטערע האָר אונטערן מויל און האָט זיך אָפּגערוקט מיטן בענקל אַ ביסל ווײַטער פֿון טיש. ער האָט דערפֿילט, אַז ער גייט־אָפּ אויפֿן צווייטן פּלאַן. פּלוצעם האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַלע טענער פֿון דער האַרמאָניעס געעפֿנטע קלאַווישן און האָט זיך אָפּגעהאַקט. דאָס האָט ער אַרויסגעלאָזן פֿונעם אינסטרומענט די לופֿט און איז אַזוי געבליבן זיצן.

— איר זײַט דאָך עפּעס אַ רעוואָלוציאָנער, האַ?

— אַ רעוואָלוציאָנער?

חיים־משה האָט געמוזט אָפּטרינקען פֿון גלעזל; ער האָט זיך אומגעקוקט אויף פּרעגערן: „ניין. ער ווייסט נישט. אפֿשר אַמאָל געווען...״

— וואָס זשע? איר שעמט זיך, פּאַני?

דאָס האָט זאַלקער אויסגעצויגן די פֿיס מיט די ענגע לאַקירענע שטיוול אונטערן טישל, זיי אויסגעצויגן אין גאַנצן אויף זייער גאַ־
רער לענג און זיך ברייט פֿונאַנדערגעוואָרפֿן אויפֿן אָנלען פֿון בענקל. „כע, כע!״

בײַ אים, זאַלקערן, איז אויך פֿאַראַן אַ ייִנגערער בראַטאָק[46], אַ רעוואָלוציאָנער. דרייט זיך אַרום די גאַנצע צײַט ערגעץ צווישן כערסאָן און ניקאָלאַיעוו. אַ כוואַט אַ בחור. באַגעגנט ער זיך מיט אים איין מאָל, אין אָדעס, מיט אָט דעם בראַטאָק זײַנעם. פּשוט אויף דער גאַס באַגעגנט ער אים און זאָגט צו אים אַזוי:

— וואָס זשע הערט זיך עפּעס, יונה? — זאָגט ער צו אים.

— וואָס זשע זאָל זיך הערן? — ענטפֿערט יונה — ס'וועט זײַן גוט.

— ניין, נישט דאָס מיין איך! — זאָגט ער צו יונהן — ס'איז דאָך שוין אַ פּאָר יאָר אין גאַנצן שטיל בײַ אײַך.

— האָב קיין יסורים נישט! — ענטפֿערט יונה.

— טאָ זע זשע, — זאָגט ער צו יונהן — זע זשע, ס'זאָל די גבֿירים נאָך אַ מאָל אַ קיל טאָן אין פּופּיק. כּע־כּע־כּע!

ער האָט זיך ווידער צעלייגט אויפֿן בענקל, אַזוי אַז זײַנע פֿיס אונטערן טיש האָבן זיך געגעבן אַ הייב־אויף אין דער לופֿט, און האָט זיך פֿריילעך פֿונאַנדערגעלאַכט אויפֿן קול. נאָר פּרעגער האָט שוין אַפֿילו נישט געפֿילט די פּאָר פֿליגן, וואָס בײַ אים אויפֿן גלאַנציקן פּליך און אויפֿן הויכן שטערן. ער איז געווען ערנסט:

— וואַרט...

די אויגן זײַנען בײַ אים געווען אָנגעגאָסן, די צונג אַ ביסל געלעגערט, נאָר דער מוח האָט שנעל געאַרבעט. ער האָט געוואָלט ריידן... דריקן די פּענסנע צו דער נאָז און ריידן. ער וויל, ראשית־כּל, טרינקען לחיים פֿאַר חיים־משהן. ער גלייבט נישט קיין געלערנטע. זיי טראָגן צוויי פּאָר ברילן דעמאָלט, ווען זיי קאָנען זיך באַגיין מיט איין פּאָר; זיי זײַנען מטהר אַ שרץ מיט ק"ן טעמים. נאָר אַ שרץ בלײַבט אַ שרץ. חיים־משה, אָבער, טראָגט בכלל נישט קיין ברילן; ער, פּרעגער, האָט עס שוין איין מאָל געזאָגט בײַ בראָמבערגן אין הויז. אַזוי דאַכט זיך אים. און דערפֿאַר וויל ער אויס־

---

[46] אַ ברודער אַ כוואַט, אַ יונג אַ ברען.

טרינקען פֿאַר אים. לחיים! מלך איז אויך געווען אַזעלכער. ער האָט זיך געפֿירט גלײַך מיט אַלעמען. צוליב שלום, מסתמא. ווען ער, פּרעגער, איז נאָכגעגאַנגען נאָך מלכס לוויה, האָט ער אַ טראַכט געגעבן: געשיקט זיך, אַז אָט דער מענטש האָט קיין מאָל אין זײַן לעבן קיינעם נישט געוואָלט אָנשפּײַען אין פּנים אַרײַן? נאָר אויב יאָ, איז ער, פּרעגער, נישט מחויב זיך פֿאַר אים צו שפּײַען. איז אַקעגן וואָס זשע זאָגט ער עס?... אַקעגן דעם, וואָס ער, פּרעגער, האַלט ניט פֿון שלום; ער איז איין צד און גאַנץ ראַקיטנע אַ צווייִ־טער צד. אָט זאָל זאָגן זאַלקער. ער, פּרעגער, איז אַ רעוואָלוציאָ־נער, כאָטש ער האַלט אַ ביסל פֿון פּאַלעסטינע. נישט דערפֿאַר, וואָס ער איז, חלילה, אַ ציוניסט, נאָר פּשוט, ווײַל אין פּאַלעסטינע, גלייבט ער, קאָנען נישט אויסוואַקסן אַזעלכע טאַטעס ווי עזריאל פּויזנער. דאָס איז אַ זײַדענער קרעמער. און ער, פּרעגער, זאָגט: „דאַלאָי[47] דאָס זײַדנס פֿון די קרעמערס! נאָר עזריאל פּויזנער וויל נישט אַראָפּציִען פֿון זיך דאָס זײַדנס און פּראַוועט אַלע פֿרײַטיק־צו־נאַכטס טישן. ער פֿאַרבעט איין מאָל אים, פּרעגערן, צו אָט דעם טיש און בעט אים דאָרטן זייער איידל, ער זאָל אויפֿהערן זיך באַ־געגענען מיט זײַן טאָכטער. מחמת, זאָגט ער, זי איז נאָך אַ יונג קינד, און איר אַנטוישט זי אין אייניקע אידעאַלן. אין וועלכע אידעאַלן?! — אַזוי שרײַט ער דעמאָלט אויס צו עזריאל פּויזנערן, — איר האָט דען עפּעס געגעבן, אַחוץ קנאָבל און ברויט?"

— מאָלאָדיעץ! אָט אַזוי! — האָט פֿריילעך איבערגעשלאָגן זאַל־קער. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון האַלבן דרימל, אַ צי געטאָן פּרעגערן פֿאַרן אַרבל און גענומען קלאַפּן זיך מיט אים אין די גלעזלעך:

— אין פּאַטילניצע אים, דעם ממזר!

ער האָט זיך געוואָלט קושן. נאָר פּרעגער האָט זיך צו אים

---

[47] נידער! אַראָפּ!

נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך אין דער צעכראַסטעטער בליוזע אויפֿגעהויבן פֿון בענקל און ער האָט אויסגעלאָזן:

— דעריבער זאָג איך: לחיים! זאָלן ברענען אַלע זײַדענע קרעמערס!... זאָלן...

נאָר פֿאַר וואָס וויל שוין אַוועקגיין חיים־משה?... פֿאַר וואָס אײַלט ער אַזוי?... וואָס זשע, זײַנע שיפֿן אויפֿן ים וועלן אונטערגיין?

„אַך יאָ" — חיים־משה געפֿינט, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז פֿרעגער טאַקע גערעכט, זײַנע שיפֿן אויפֿן ים וועלן נישט אונטערגיין... ער קאָן דאָ נאָך אַ ביסל זיצן. ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז מלך וואָלט מיט פֿרעגערן געוויס נישט מסכּים געווען. מלך וואָלט געזאָגט: מע דאַרף אַראָפּצײַען פֿונעם זײַדנס דעם קרעמער. נאָר דאָס זײַנען קלייניקייטן... דער עיקר איז, וואָס דאָ אין צימער איז הייס, שטאַרק הייס, אַ הויכע אַטמאָספֿער... זי ווירקט. זאָל אים, חיים־משהן, דערלויבט זײַן, זיך נאָר איבערצוזעצן אַהין, נענטער צום אָפֿענעם פֿענצטער. ער האָט אויך אייניקע טענות קעגן ראַקיטנע. אויך ער איז נישט מיט אַלץ צופֿרידן. ווי שטאַרק הערט זיך אַהער פֿון אַלע זײַטן דאָס ווימלען פֿונעם יאַריד! אָט למשל: ווען ער מיט פֿרעגערן לייגן זיך אַנידער אין איינעם אַ פֿרימאָרגן און שטאַרבן־אַוועק, וואָלט מען זיי דאָ געלייגט אין עק בית־עולם בײַם פּאַרקן. אין ראַקיטנע האָט מען אַזאַ טבֿע: מע לייגט יונגע לײַט אין עק בית־עולם בײַם פּאַרקן. פֿאַר וואָס, למשל, האָט מען דאָרטן געלייגט מלכן? ער, חיים־משה, הייבט עס נישט אָן צו פֿאַרשטיין. ער פֿרעגט זיך נאָך, נאָר דעם אמת קאָן ער בײַ קיינעם נישט דערגיין... און מעגלעך, פֿון דעסט וועגן... מעגלעך, אַז פֿון ראַקיטנע זאָל בלײַבן נישט מער ווי דער בית־עולם און אויפֿן בית־עולם איז מלך דער עיקר. ער וואָלט דאָרטן באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן, דאָס ערשטע פּלאַץ. איז אָט: לחיים!... זאָל פֿרעגער מוחל זײַן, וואָס ער האָט זיך אַ ביסל פֿאַררעדט אין אַ זײַט... ער האָט לחלוטין נישט געמיינט מיט דעם, ווי פֿרעגער זאָגט, זיך אָנטאָן אין ברילן. ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אין זײַנס אַ באַקאַנטן

היסטאָריקער, וואָס איז איין מאָל אַרויפֿגעקומען אויף אַ בית־עולם און האָט זיך דאָרטן געזעצט שרײַבן די געשיכטע פֿון דער נאָענטער שטאָט. פֿאַר געשיכטע, מוז ער צוגעבן, זײַנען שטענדיק די טויטע לעבעדיק און די לעבעדיקע — טויט. נאָר אייגנטלעך האָט ער, חיים־משה, איצט געוואָלט עפּעס פֿרעגן בײַ אים, פֿרעגערן. ער האָט געוואָלט וויסן, ווער איז אַזוינס אָט די חוה פּויזנער, וואָס גאַנץ ראַקיטנע האָט זי אין מויל? אים אינטערעסירט עס איבער געוויסע „טעמים“.

— ווער? חוה פּויזנער?

פּרעגער קאָן עס אים זאָגן מיט גרויס פֿאַרגעניגן. דאָס איז אַ מענטש, וואָס וואָלט אַ בעלן זײַן גלײַכצײַטיק פֿליִען און גיין האַרט בײַ דער ערד. דאָס איז פּערזענלעך זײַנע, פּרעגערס, אַ צרה. נאָר אַז ער וויל, איז דאָס נישט נאָר זײַן צרה, דאָס איז אַ צרה פֿון דער גאַנצער וועלט. זי איז געראָטן אין איר טאַטן. אַמאָל האָט זי אים שטאַרק פֿײַנט געהאַט, דעם טאַטן, און איצט טוט זי אַלץ, וואָס ער הייסט. זי איז אין אים פֿאַרליבט... זי צעקלאַפּט אַליין אָלע פֿרימאָרגן פֿון זײַנעטוועגן די אייער, זי באַזאַלצט זיי אים און טרעט פֿון אים נישט אָפּ, ביז וואַנען ער זופּט זיי אין גאַנצן נישט אויס... זי האָט כּלומרשט חרטה אויף אַלע אירע מיידלשע זינד, נאָר אַז מען וועט דאַרפֿן, וועט זי אָנהייבן זינדיקן באַנײַס אַ קאָן, נאָך מיט מער אימפּעט. נאָר וואַרט, זאַלקער!... וווהין?!

— טו נאָר אַ קוק, ווער קלאַפּט דאָרטן פֿון יענער זײַט טיר?

*

אינעם צווייטן פּוסטן אַכסניהדיקן חדר פֿון יענער זײַט טיר האָט זיך שוין עטלעכע מינוט צײַט געפֿונען שאָולקע, שאָולקע שנײַדער מיט לאהקע דער שוואַרצער. לאהקע די שוואַרצע איז געווען אײַנגעהילט אין איר מוטערס לאַנגן וואַרעמען שאַל און האָט געזאָטן. אָט דער ווערעמדיקער שנײַדעריונג האָט זי אָפּגענאַרט; ער האָט זי גערופֿן אויסטענהן זיך בײַם אַגענט, פֿאַר וואָס זי האָט נישט אײַנגעצאָלט פֿאַר איר מאַשין דאָס וואָכנגעלט אין צײַט און האָט

זי אַרײַנגעפֿירט אין אָט דעם לײדיקן אַכסניהדיקן צימער, װוּ ס׳איז ניט געשטאַנען גאָרנישט, אַחוץ אַ בעט מיט אַן אומרײנעם מאַטראַץ. לאַהקע האָט באַלד בײַם אַרײַנקומען געװאָלט פֿאַרקערעװען און אַװעקגײן צוריק אַהײם, נאָר שאָולקע האָט איר אויף דער שװעל פֿאַרצוימט דעם װעג.

— װוּהין?

— לאָז!

— האָב צײַט!

לאַהקע די שװאַרצע האָט מער צום שנײַדעריונג קײן װאָרט נישט געװאָלט אויסרײדן. זי האָט אַריבערגענומען די שאַל איבערן קאָפּ, אַזוי אַז פֿרײַ געבליבן זײַנען בײַ איר מער נישט װי די נאָז, דאָס מויל און די אויגן, און האָט מיט שטײַפֿע כּעסדיקע טריט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער. דער עיקר איז בײַ איר איצט געװען נישט צו לאָזן אים אויף זיך קוקן. נאָר דער שנײַדעריונג איז געבליבן רויִק. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַרומגעװישט דעם שװייס פֿון אונטער דער טשופּרינקע און האָט גענומען פֿאַרדרײען אַ ציגאַר:

— האַ, דו! סטערװע[48] אײנע, אַנטלויפֿן?... נאָר דו, גאָר אַנטלויפֿן? און פֿון ברילן, פֿונעם סטודענטיק פֿון דײַנעם, ביסטו אויך אַזוי גיך אַנטלאָפֿן?...

דעמאָלט האָט לאַהקע נאָך מער זידן אָנגעהויבן; זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלײַך צו דער זײַטיקער טיר פֿונעם צװײטן חדר, פֿון װאַנען ס׳הערט זיך רײדן, און האָט גענומען אין איר מיט אַלע כּוחות קלאַפּן. נאָר שאָולקע האָט נישט דערלאָזט. טוענדיק אַ װאָרף אָפּ פֿון זיך דאָס היטל מיטן ציגאַר, װאָס ער האָט גענומען דרײען, האָט ער זיך גלײַך אַ יאָג געטאָן אויף איר און האָט זי אַ כאַפּ געגעבן פֿון הינטן אַרום דער טאַליע:

— קום־אַװעק, זאָג איך דיר!

---

[48] פּאַסקודסטװע, נידערטרעכטיקע.

— איכ'ל נישט גיין.

— קום, זאָג איך!...

לאהקע האָט נישט געפאָלגט. דעמאָלט האָט זיך בײַם שנײַדער־יונג מיט אַ מאָל דאָס פּנים מיט די אויגן מיט רויטן אָנגעגאָסן. ער האָט זי געגעבן אַ שלעפּ־אָפּ פֿון טיר, צוגעדריקט זי צום בויך און צו דער ברוסט און זי אונטערגעהויבן. ער האָט זי אַזוי גענומען טראָגן צוריקוועגס צום בעט מיטן ברודיקן מאַטראַץ. נאָר אויפֿן וועג האָט זי זיך געגעבן צו אים אַ דריי־איבער אויג צו אויג און מויל צו מויל. דעמאָלט האָט ער זי אַ הייב געטאָן העכער; ער האָט זי אַנידערגעוואָרפֿן מיט די פּלייצעס אויפֿן בעט און אָנגעלייגט זיך אויף איר מיט זײַן גאַנצער וואָג. אירע הענט זײַנען געווען שטײַף און בייגיק, ווי רעסאָרן. ער האָט נאָך מער אָנגעלייגט זיך אויף זי. בײַ אים האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם:

— האָ! זע נאָר אַ מאַרדעטשקע, אַ פּאַכטע [49]! און שמעקט אַזוי, האָ? דעם סטודענטיק ברילס שמעקכצן?

זײַנע אויגן האָבן געקוקט, ווי געשווינד זי דרייט אַהין און צו־ריק מיטן פּנים. זי לאָזט נישט, ער זאָל פּאַקן מיט די ליפּן איר מויל. זי טוט זיך אַ וואָרף־אונטער און גראָבט־אײַן די ציין טיף־טיף אין זײַן אַקסל. און פּלוצעם הייבט זיך אָן עפֿענען פֿון הינטן דאָס טירל צו פּרעגערן אין חדר...

*

חיים־משה איז שוין דאָרטן אין צימער נישט געווען. ער האָט שוין געהאָט איבערגעגעבן זאָלקערן אַלע חשבונות פֿונעם אינוועג־טאַר מיט די מעדיקאַמענטן און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד. דער גילגול מיט די שיטערע האָר אונטערן מויל איז שוין ווידער געזעסן איבערגעבויגן איבער דער צעצויגענער האַרמאָניע און האָט געפּאָכעט און געכאָרכלט צוזאַמען מיט אַלע קורץ־אָטעמ־דיקע און לאַנג־אויסגעצויגענע טענער. פּרעגער איז געלעגן אויפֿן

---

[49] אַן אויסגעוואַשענע.

האַרטן סאָפּקעלע מיט בײדע עלנבויגנס אונטערן קאָפּ און האָט פֿאַרטראַכטערהײט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פֿון דעם, וואָס ס׳איז הײַנט פֿאָרגעקומען; אים איז הײַנט, נאָך לאַנגן פֿאַרשווײַגן, אויסגעקומען נאָך אַ מאָל צו רײדן וועגן חווה פּויזנערן. ער האָט זיך געפֿילט אין גאַנצן אויפֿגערודערט און מיד. און אין צימער אַרײַן האָט זיך שוין פֿון דרויסן געפֿילט דער נאָענטער פֿאַרנאַכט, די זון, וואָס האַלט בײַם זעצן זיך, און דער ערשטער יאַרידטאָג, וואָס האָט שוין אָפּגעליאַרעמט און האַלט בײַם גוססן. פֿורן צעפֿאָרן זיך שוין, מן הסתם, מיט די וועגן אין אַלע עקן שטאָט, לויפֿן אַזוי, אײַלן, און חזירים קוויטשען, ליגן אַזוי געבונדענערהײט אין די אַוועקלויפֿנדיקע וועגענער און קוויטשען. ערגעץ קלאַפּט מען אין אַ בובען[50]: אַ גויִשע כאַסלערע[51] דאָרטן, צי גלאַט אַזוי, שקצים זײַנען שיכּור, שיקסעס טאַנצן. זאַלקער, וואָס איז אײנער אַלײן געבליבן זיצן בײַם טיש מיט די פֿיל לײדיקע און האַלב פֿולע פֿלעשער, האָט גענומען האַלב שיכּורערהײט רופֿן צו זיך פֿון צווײטן צימער שאָולקען מיט לאהקע דער שוואַרצער. דעמאָלט האָט זיך פּרעגער אויפֿגעהויבן פֿון סאָפּקעלע, זיך אָנגעטאָן און איז מיט זײַן האַלב ניכטערן, האַלב אויפֿגערעגטן צושטאַנד אַוועקגעגאַנגען בלאָנקען אָן שום ציל איבערן יאַריד. דער הײַנטיקער יאַרידטאָג איז פֿאַר אים פֿון אַלע יאָר געווען אַ מאָדנער. אין הײַנטיקן יאַרידטאָג האָט ער געקאָנט גײן איבער פֿאַרשײדענע מערק און זען, ווי זײַנע תּלמידים, זײַנע תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך, שטײען דאָ און דאָרטן אונטער די בײַדלעך און העלפֿן לײזן די פֿאַרשוויצטע קרעמערס, טאַטעס. זײ האָבן אים ליב, אָט די קינדער זײַנע.

— המורה! — שרײַען זײ צו אים פֿון אַלע זײַטן פֿון הינטער די בײַדלעך און זײַנען גליקלעך, און זײ לאַכן.

און פֿאַר נאַכט, אַז ער גײט־דורך די לײדיק געוואָרענע מערק, זעט ער זײ ווידער אַ מאָל, אָט די קינדער־תּלמידים זײַנע. זײ האַלטן

---

[50] פּויק. — [51] אַ גויִשע חתונה.

דעמאָלט אין איין שאַרן צווישן פֿאַרשיידנפֿאַרביקן פּאַפּיר און צעבראָכענע קעסטלעך, וואָס בלײַבן נאָך די שטעלן: אין איין שאַרן און זוכן, אין איין שאַרן און זוכן.

## 18

ס׳איז געווען דינסטיק פֿאַר נאַכט, ווען די לעצטע יאַריד־פֿורן זײַנען זיך צעפֿאָרן, ווען אין די פּוסט ווערנדיקע מערק בייגן זיך קינדער, שאַרן און זוכן צווישן צעבראָכענע קעסטלעך און פֿיל־פֿאַרביקן פּאַפּיר.

אין שטאָט דרייט זיך אַרום אַ שפּאָגל נײַער בליאַסקענדיקער פֿאַעטאָן, אַ טיפֿער, אַ בכבֿודיק שווערער, אויף גומענע רעדער, מיט ווייכע רעסאָרן און מיט אַ הויכן און ווייכן בלוי קאָרטענעם אָנשפּאַר, וואָס באַשטייט פֿון געהעפֿטע פֿיר־עקיקע קישעלעך. שטאַרקע פֿערד מיט פֿריילעך געבויגענע העלדזער לויפֿן מיט אים יונג איבער די גאַסן. קלאָען טופּען. רעסאָרן וויגן זיך און ברומען. שנעל רירעוודיקע רעדער־שפּיצן דרייען דעם פֿאַרבײַלויפֿנדיקן בליאַסק פֿון פֿאַרגײיענדיקער זון. און דער פֿורמאַן איז יאַן, דעסלער בעריזשינעצערס יאַן. ער טראָגט אַ געקנייטשט צעראַטן היטל מיט מעשענע קנעפּ אינעם לאַנגן בורנעס[52] און די בײַטש האַלט ער ווי גאָר די גרויסע פֿורמאַנעס.

ס׳איז בכלל אַ ביסל קשה: צוליב וואָס, אַ שטייגער, דרייט ער זיך אַרום גאַנצע שעהען איבער ראַקיטנע?

נאָר אויף מאָרגן פֿאַר נאַכט באַווײַזט ער זיך דאָ ווידער; ווידער יאָגט ער פֿריילעך אַרום, אַהין און צוריק, איבער די גאַסן. צי הייסט עס נישט, אַז פֿאַר אָט די שטאַרקע שוואַרצע פֿערד איז אַ פֿאַר טאָן פֿון בעריזשינעץ קיין ראַקיטנע גאָר נישט ניט ווערט?

---

[52] כאַלאַט.

צי אַפשר איז אָט דער שפּאָגל נײַער שפּאַן מיט עפּעס נײַס צוגעבונדן געוואָרן צו ראַקיטנע? שטאָט איז נײַגעריק, זי וויל וויסן.

איצט זיצן אויפֿן פֿאַעטאָן דעסלער מיט חווה פּויזנער. דעסלער אין זײַן האַרטן ברוינעם הוט, מיטן קאָפּ אַ ביסל אין אַ זײַט, און חווה פּויזנער אין אַ ווײַס דעקאָלטירט באַטיסטן־קלייד מיט הוילן קאָפּ, מיט אַנטפּלעקטן שמייכלענדיקן פּנים אַקעגן פֿלי‏ענדיקער לופֿט און מיט גלאַט־געקעמטע, קוים געגרײַזלטע האָר, וואָס הייבן זיך און ציטערן־אויף בײַ יעדן קילן בלאָז פֿון שוואַכן ווינט.

ווײַבער קוקן אויף איר פֿון יעדער געעפֿנטער טיר; ווײַבער שמועסן, אַז זי איז שוין רעכט שיין, אָט די חווה פּויזנער:

— אַ מלכותדיקע צורה.

— און בכלל...

— וואָס זשע דען?

— מע האָט דען פֿרי‏ער נישט געוווּסט, אַז ס׳איז קינדערשע זאַכן: זי האָט זיך כּלומרשט דאָ אַרומגעשלעפּט מיט פּרעגערן; זי האָט זיך סוף־כּל־סוף באַטראַכט און איז געקומען צום שׂכל.

און געווען איז גראָד טונקלדיק. אַ האַלב פֿאַרכמאַרעטער שעמעוודיקער דרויסן.

קורצע פֿאַרדומפּענע קנאַלן הערן זיך צו בין־השמשות צו פֿון לינקן ווײַט פֿאַרשוואַרצטן הימל־ווינקל. אָפּגעריסענע און ווײַטע קנאַלן, אַזוי אַז מע קאָן נישט וויסן, צי דאָס דונערט, צי דאָס לערנט מען זיך שיסן ערגעץ אינעם זומערדיקן לאַגער, ווײַט אַרום בערײזשינעץ. זומערדיקער גליוועד: מע ווייסט נישט, צי ס׳וועט גיין אַ רעגן אָדער ניין. ס׳שמעקט מיט פֿײַכטע גראָזן און דער בליאַסקענדיקער פֿאַעטאָן האַלט זיך אַלץ אין איין אַרומיאָגן, טראָגט זײַן שטילן רעסאָרנדיקן מורמל באַרג־אַראָפּ, אויף דער אַלטער שטאָט. וואָס האָבן דאָרטן דעסלער מיט חווה פּויזנער צו טאָן? זיי באַלײדיקן דאָרטן נישט קיין איין קליין און נישטיק הינטערגעסל און אַפֿילו דאָס געסל, ווו ס׳געפֿינט זיך זײַנוול פּאָטשטערס אַכסניהדיק לאַנג אונטערהויז און ווו ס׳וווינט פּרעגער, דער פֿאַרוואַלטער פּרע־

גער. ווען זיי פֿאָרן עס אַדורך, אָט דאָס געסל, האַלט חווה פויזנער פונקט אין מיטן דערציילן עפּעס דעסלערן, פונקט אין מיטן לאַכן אויפֿן קול. און אויך דעסלער שמייכלט. ער טוט איר אויף אַזוי פֿיל צוליב און הייבט־אָן מיט חסד צו שמייכלען.

*

איז אָט. אין יענעם זעלביקן פֿאַרנאַכט שיקט מען עס רופֿן עזריאל פויזנערן פֿון קלייט אַהיים. מע זאָגט אים, אַז זײַן פֿרוי רופֿט אים: „זי דאַרף אים עפּעס זאָגן".

פֿויל אַזוי גיט מען עס אים איבער און פֿויל לאָזט ער זיך אַהיים גיין; טרעפֿט די פֿרוי אײנע אַליין אין עסצימער אין אַ מאָדנע אײַלנדיק באַלעבאַטעווען איצט צו פֿאַרנאַכט־צו און בלײַבט שטיין אַ ביסל אין אַ זײַט, בלײַבט מיט קאַלטער וואַכעדיקייט אין די אַקסלען, מיט געלאָסענעם וואַרטן און קורצזיכטיקן בליק און מיט פּאַמעלעכער האַנט, וואָס גלעט די באָרד, ווי זײַן טבֿע איז, אַרונטער צום האַלדז צו:

— נו?

— גאָר נישט. וואָס זאָל זײַן?

און ווינקען ווינקט זי אַהין, צום ווײַטלעכן צימער, ווו ס'געפֿינען זיך איצט חווה מיט דעסלערן.

— איז זי פֿריִער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען, חווה, און האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף עפּעס צוגרייטן: הײַנט אין אָוונט, זאָגט זי, וועט זײַן דאָס קנס־מאָל.

— אַזוי?...

און ווידער געבליבן אַזוי שטיין מיט וואַכעדיקייט אין קול און אין קורצזיכטיקן בליק, געגלעט פּאַמעלעך און פֿויל די באָרד אַרונטער צום האַלדז צו. נאָר פלוצעם דערזען, ווי די פֿרוי נעמט אויף גיך פֿאַרשפּרייטן אַ נײַ געפּרעסטן, ווײַסן סערוועט אויפֿן צערוקטן טיש, און מלמדיש אָנגענומען דעם סערוועט פֿאַר די געבליבענע פֿרײַע צוויי עקן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געהאָלפֿן דער פֿרוי פֿאַרשפּרייטן דעם טיש מיט אַ ווײַסן סערוועט. ווי אויף

צו להכעיס איז די דינסט נישט געווען אין דער היים, זי איז נאָך בײַ טאָג אויסגעפּוצטערהייט אַוועקגעגאַנגען צו אירע קרובֿים אויף דער אַלטער שטאָט. מע האָט אַוועקגעשיקט דעם קליינעם לייזערן זי זוכן.

עזריאל פּויזנער איז אַרײַנגעקומען אין שלאָפֿצימער. ער האָט אַרויסגערוקט די שבתדיקע שיך פֿון אונטערן בעט, זיך צוגעזעצט און גענומען אויף זיי פֿאַרטראַכט קוקן, נאָר געטראַכט האָט ער נישט וועגן זיי, נאָר וועגן זיך, וועגן דעסלערן און וועגן שידוך, וואָס ער מאַכט. „ער איז רײַך, דעסלער, שטאַרק רײַך... דעם שידוך טוט דעסלער מיט חווהן, און מער נישט מיט קיינעם”. אויב ער, עזריאל פּויזנער, מיט דער פֿרוי וועלן זיך איצט נעמען שטאַרק אויספּוצן, וועט עס הייסן, אַז זיי זײַנען פֿון דער הינטערגאַס, אויפֿגעקומענע זײַנען זיי... קלייניקע...

אַז די פֿרוי איז אַרײַנגעקומען זיך איבערטאָן, האָט זי אים נאָך געטראָפֿן אַזוי זיצן.

— כ׳מיין, מע דאַרף גאָר נישט... — האָט ער אויסבאַהאַלטן, ווי פֿון אונטער דער נאָז, צו דער פֿרוי אַ זאָג געטאָן — ס׳מעג זײַן אַזוי...

— האַ? — האָט די פֿרוי אין וואַרטעניש איבערגעפֿרעגט. און געבליבן איז, אַז מע וועט זיך נישט איבערטאָן, מע בלײַבט אין דעם, וואָס מע טראָגט.

מע האָט זיך אומגעקערט צוריק אין עסצימער און געהאָלפֿן דער פֿריש געקומענער דינסט דעם גרויסן לאָמפּ אָנצינדן. נאָר אין עק עסצימער, בײַם אַרײַנגאַנג, איז שוין געשטאַנען דער שמש פֿון דער נאָענטער שול. אַ קליין יידל, אַ קאַרליק, וואָס איז אין דער וואָכן אַ קירזשנער און האָט דערפֿאַר תּמיד טינט־שוואַרצע הענט. אָט דער שטײַפֿער, רירעוודיקער קאַרליק האָט שוין ערגעץ אָנגעשמעקט וועגן דער שׂמחה, אָנגעשמעקט געשווינד, ווי אַ קבֿורה־מאַן שמעקט־אָן אַ מת. ער איז געקומען מיט אַ גרייט צעטל פֿון אַלע פּויזנערס גוטע פֿרײַנד. נאָר עזריאל פּויזנער האָט אים אין

גאַנצן דאָס צעטל אויסגעמעקט און האָט אים געהייסן רופֿן נישט מער ווי דעם חזן, דעם רבֿ און נאָך איינעם עפּעס אַן אַלטן אָרעמען קרובֿ זײַנעם, וואָס וווינט אויף דער אַלטער שטאָט. ער האָט נאָך דעם צוריקגערופֿן דעם שמש נאָך אַ מאָל און האָט בײַ אים געפֿרעגט, צי אויף אַ קנס־מאָל מוז מען רופֿן דעם שוחט אויך. ער איז, אַ פּנים, דאָך געווען אַ ביסל צעטראָגן, עזריאל פּויזנער. פּונקט איצט, אינעם דאָזיקן מאָמענט, האָט ער פֿאַרגעסן, צי ס׳איז אַ מוזאַך און צי אויף אַ קנס־מאָל מוז מען רופֿן דעם שוחט אויך.

*

אויפֿן ווײַס געשפּרייטן טיש, צווישן אַ פּאָר בלומען מיט הויכע גלעזערנע כּיבֿוד־קלאָשן, האָבן געברענט ליכט, העלע, לוסטיקע ליכט, געשטאַנען אַזוי אין זילבערנע רערן־לײַכטער און געציטערט צנועהדיק מיט פֿולע יום־טובֿדיקע פֿלעמלעך.

און אַרום און אַרום איז געווען וואָך, גרויער וואָכעדיקער אָוונט נאָך לאַנגן יאָריאַריד.

עזריאל פּויזנער, אין וואָכעדיקן לוסטרינענעם סורדוט, האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין איין־אייציק וואָרט, מיט וועלכן ער וואָלט זיך איצט קאָנען ווענדן צום אײַנזשעניר דעסלער; געזעסן אויבן אָן, ווי מיט גוואַלד, געשפּיליעט אויף זיך די קנעפּלעך, און אַז עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן: „מחותּן!“... האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רופֿט מען נישט אים, נאָר עמעצן אַ צווייטן, אַ סך אַן עלטערן און בכּבֿודיקערן, וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, לאַנג אַוועק און פֿאַרשוווּנדן פֿון דער וועלט.

חוה פּויזנער איז אויך געווען אָנגעטאָן אינעם זעלביקן גלאַטן ווײַס באַטיסטענעם קלייד, אין וועלכן זי איז אַ גאַנצן פֿאַרנאַכט אַרומגעפֿאָרן מיט דעסלערן איבער דער שטאָט; זי איז ווי אַ פֿאַרגעסענע געזעסן בײַ דער זײַט, ווײַט פֿונעם טיש אויפֿן קליינעם קורצן סאָפֿקעלע, און האָט געהאַט אַזאַ גלײַכגילטיק אויסזען, גלײַך אַט דאָס קנס־מאָל לעבט זי איבער דאָס צענטע מאָל אין משך פֿון איר לעבן; ס׳איז נמאס, און זי וויל, ס׳זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן.

דערפֿאַר, וואָס דעסלער, אינעם נײַעם וויזיט־רעקל און מיטן ווײַסן טיף אויסגעשניטענעם האַרץ, איז געזעסן בײַם טיש אָן אַ היטל און האָט גערעדט רוסיש, האָבן זיך דער רבֿ, דער שוחט און דער חזן געהאַלטן אין הערט[53], געזעסן אין איין שורה און אין אַלץ, ווי מאַלפּעס, נאָכגעטאָן איינער דעם צווייטן. זיי האָבן דערפֿאַר אויסגעזען ווי סטאַטיסטן אין געלײַענע קאַפּאָטעס מיט צוגעקלעפּטע בערד. זיי האָבן געמאַכט איבעריקע לעפּישע[54] באַוועגונגען און נישט געוווּסט וואָס צו נעמען צו דער טיי. סוף־כּל־סוף האָבן זיי זיך אָן שום זײַטיקער איניציאַטיוו איבערגעזעצט צום קליינעם ווײַס פֿאַרשפּרייטן טישל און בײַ דער שײַן פֿונעם איין און איינציקן ליכט אַלע אין איינעם גענומען שרײַבן די תּנאים, גלײַך אויף אָט דער אַרבעט איז קאַרג איינער. און נאָר דער אָרעמער קרובֿ פּויזנערס, דער גרײַזגרויער ייִד פֿון דער אַלטער שטאָט, איז ווי פֿריִער רויִק געבליבן זיצן אין עק טיש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נײַעם סאַמעטענעם קאַשקעט, מיט אַ גאַרטל אויף דער אַלטער אַטלעסענער קאַפּאָטע, און זײַן פּנים מיט דער היפּשער גרויער זיקנה האָט זיך געדאַכט ווי פֿריש פֿון מרחץ. ער האָט צוגערוקט צו זיך איינעם אַ דרײַערנדיקן לײַכטער און זיך ערנסט אָנגעבויגן איבער זײַן אַלטן היפּשן ספֿרל און געהאַלטן אין איין ערנסטן זאָגן, אין איין זיסן וואַרטן, צי אויף עולם־הבא, צי אויף די געשמאַקע מאַכלים, וואָס ער וועט הײַנט אין אָוונט עסן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ רוף פֿונעם קליינעם זײַטיקן טישל, ווו מע שרײַבט די תּנאים:

— מחותּן!

האָט עזריאל פּויזנער געמוזט אַהין צוגיין, געמוזט הייסן אויסשטרײַכן אַלץ, וואָס געהויבענע מחותּנים שטעלן אין די תּנאים אַרײַן, און אַז ס'איז געקומען צום אָרט, ווו מע דאַרף אַרײַנשרײַבן דעם חתן, האָט קיינער נישט געוווּסט, ווי אַזוי זײַן פֿאָטער הייסט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער וווינט אין דער ווײַטער, גרויסער שטאָט,

---

[53] אין דער מעלה, סטאַטעטשנע. — [54] תּמעוואַטע.

ער איז דער ריַיכסטער בעל־טאַקסע אויף גאָר דער וועלט, נאָר ווי אַזוי מען רופֿט אים בײַם נאָמען, האָט קיינער קיין מאָל נישט געהערט; מע האָט געמוזט אַלע ווערן רויט און צוקוקן, ווי דער שמש גייט־צו צו דעסלערן און פֿרעגט עס בײַ אים, בײַם חתן אַליין. פּלוצעם האָט מען שטילערהייט גענומען חווה פּויזנער אַרויסרופֿן פֿון עסצימער אין קאָרידאָר אַרײַן און פֿון דאָרטן ווײַטער, אין קיך אַרײַן. זי האָט זיך דאָרטן אָפּגעזאַמט אַ פּאָר געציילטע מינוטן. נאָר אַז זי איז נאָך דעם אַרײַנגעקומען צוריק, האָט בײַ איר פֿון גרויס כּעס געברענט דאָס פּנים, און איינעם אַ מוילווינקל האָט בײַ איר עטלעכע מאָל אַ ציטער געטאָן די אונטערשטע ליפּ. איר איז פֿון קיך נאָכגעגאַנגען די מוטער און האָט בײַ איר עפּעס געפֿרעגט, נאָר זי האָט נישט געקאָנט רײדן. Как нахально и грубо האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך „קיין מאָל נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַ מענטש איז פֿעיִק אויף אַזעלכע מיאוסע, גראָבע טריט".

*

נאָך דעם האָט מען געשמועסט אין שטאָט: אַרום איינס אַ זייגער בײַ נאַכט, נאָך תּנאים־לייענען און נאָך טעלער־ברעכן איז מיט אַ מאָל געוואָרן פֿריילעך בײַ פּויזנערן אין הויז. געקומען זײַנען אַהין אָפּגעבן מזל־טובֿ די מאַדאַם בראָמבערג מיט דער נײַער ראַבינערשע און מיט נאָך אייניקע נאָענטע מענטשן; מע האָט דאָרטן כּלומרשט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. און פֿריִער אַ ביסל איז אַהין, אויף דער הינטערטיר, כּלומרשט אַרײַנגעקומען איינער אַ מענטש. ער איז אַרײַנגעקומען אויף דער קיך און האָט זיך דערפֿרעגט בײַ דער דינסט: „ס'איז ריכטיק? ס'קומען טאַקע פֿאָר תּנאים בײַ חווה פּויזנער מיט דעסלערן?"

קיינער האָט נישט געוואָלט אָנרופֿן אָט דעם מענטשן בײַם נאָמען און אַלע זײַנען דאָך אויף מאָרגן נאָכן קנס־מאָל מיט גרויס אינטערעס געלאָפֿן צו דער טיר אַ קוק טאָן אויפֿן דורכגייענדיקן פֿאַרוואַלטער פּרעגער. דאָס האָט געקאָנט זײַן פּשוט דערפֿאַר, וואָס אַלע דאָ אין שטאָט זײַנען אים געווען שׂונאים. מיט דרײַ פֿערטל

שטאָט איז ער געווען צעקריגט. פרעגער אַליין אָבער איז געווען רויִק און קאַלט. אַך, יאָ, ווען ער זאָל געווען ווערלן דערלאָזן, ס׳זאָל אים אָנגייִן כאָטש אַ העלפּט פֿון דעם, וואָס ראַקיטנע ווינטשט אים, וואָלט שוין לאַנג געווען געבליבן פֿון אים נישט מער ווי אַ ביסל אַש און שטויב. ער האָט נאָר מיט אַ מאָל אָנגעווירן זײַן גאַנצן אימפּעט בנוגע צו כײַקע דער דינסט. ער איז מער נישט געגאַנגען צו איר הינטערן אײַנפֿאָרהויז. אים האָט נישט געאַרט, ס׳זאָל דאָרטן מיט איר גאַנצע פֿאַרנאַכטן אָפּשטײַן יאָסל דער קלייט־משרת. אַדרבא, אויף דעם דאָזיקן געביט האָט ער איר געווונטשן אַל דאָס גוטס, אָט דער כײַקען.

אַליין האָט ער זיך צו מאָרגנס נאָכן קנס־מאָל, ווי אַ געזעצ־טער באַיאָרטער מענטש, באַוויזן אין שטאָט אין זײַן וואַרעמען ברוינעם בורנעס. נאָר אויך דאָס האָט געקאָנט זײַן פּשוט דערפֿאַר, וואָס אין שטוב איז אים זיך שווער געזעסן און אין דרויסן איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווינטיק און עסעדיק קיל, גלײַך דער זומער האָט זיך שוין אין גאַנצן געפּעלט און ס׳גייט אַ ביטערע צײַט, ס׳גייט ווינטער אויף דער וועלט. פרעגער האָט דעם גאַנצן בײַטאָג פֿאַרבראַכט בײַ בראָמבערגן אין הויז און האָט דאָרטן גערעדט, אַ סך גערעדט. דערנאָך האָט ער זיך באַגעגנט אין גאַס מיט חיים־משהן און האָט מיט אים באַנײַס פֿאַרפֿירט אַ שמועס: „צי דאַכט זיך נישט אויס חיים־משהן, אַז די שטאָט האָט אַ גאַנצע נאַכט גע־הוליעט ערגעץ אויף אַ שׂמחה און איז נאָך דעם געשלאָפֿן שפּעט אויפֿן טאָג? ער, פרעגער, האָט איצט יעדן פֿאַלס אַזאַ באַגריף. ווו ער באַגעגנט נישט מענטשן, גענעצן זיי; צענומען גרויסע מײַלער און גענעצן... נאָר אָט, ווי געפֿעלט עס חיים־משהן? הײַנטיקע נאַכט איז ווירקלעך אין שטאָט עפּעס פֿאָרגעקומען; הײַנט בײַ נאַכט איז חווה פּויזנער אָפּיציעל אַ כלה געוואָרן פֿאַר דעסלערן פֿון בעריזשי־נעץ... „פֿיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ, הײַנטיקע נאַכט האָט דער רוח חתונה געהאַט מיטן טײַוול“.

פרעגער האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. זיך פֿונאַנדערגעלאַכט מיט

אַזאַ הנאה און מיט אַזעלכע פֿונאַנדערגעטרייסלטע אַקסלען, אַז די פּענסנע האָט זיך אים כמעט אין גאַנצן פֿון דער נאָז אַראָפּגערוקט און ער האָט זי געמוזט אונטערכאַפּן מיט ביידע הענט. „ניין, ער זאָגט עס נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריַין". ער האָט זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין אין איין שורה מיט חיים־משהן אַ ביסל אַראָפּ מיט דער גאַס צום ברייטן האַלב קייַלעכיקן מאַרק צו: — „דער עיקר איז, וואָס אָט דער דעסלער איז טאַקע ווירקלעך אַ טייַוול; ער האָט זייער ווינציק ענלעכקייט צו אַ מענטשן, כאָטש ער איז אַן אינזשעניר; ער שפּייַט קייַלעכיק".

צוריק מיט אַ יאָר פֿיר, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען און האָט געקראָגן אַ חלק אין די ריטניצער טאָרפֿזומפּן, האָט ער אָנגעטאָן לאַנגע שטיוול און האָט צוויי וואָכן צייַט אַרומגעשפּאַנט איבער די זומפּן; ער מיט יאַנען, דעם געטרייַען גוי, וואָס ער האָט מיט זיך אַראָפּגעבראַכט. און באַזעצט האָט ער זיך נאָך דעם אין בעריזשינעץ, נישט בייַ אַ ייִדן, נאָר בייַ אַ גוי, בייַם וועגמייַסטערס אַלמנה, אין אַ האַלבער זייַטשטיבל, און האָט דאָרטן אַ גאַנצן אָנהייב ווינטער אַרומגעשפּאַנט אינעם לאַנגן געראַמען כאַלאַט און אין די ווייכע שטובטופֿליעס.

— יאַן! — האָט ער גערופֿן זייַן געטרייַען גוי דורכן פֿענצטער — יאַן!

און אַז יאַן איז אַרייַנגעקומען, האָט ער אים געהייסן אַ קוק טאָן אויפֿן זייגער:

— דו וועסט אַרייַנקומען צו מיר פּונקט אין זיבן און פֿערציק מינוט אַרום, פֿאַרשטאַנען?

Так точно — האָט געענטפֿערט יאַן.

און ער איז אַרייַנגעקומען פּונקט אין זיבן און פֿערציק מינוט אַרום. געזעסן אין דרויסן אויף דער פּריזבע מיטן סאָלדאַטן־זייגער אין האַנט און אַכטונג געגעבן, ער זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן אויף קיין סעקונדע.

דאָס האָט דעסלער אויסגעמושטירט זײַן גוי, יאַנעץ. אַז ער פֿאָרט אין קרײַזשטאָט, דעסלער, פֿאַרגעסט ער נישט צו ברענגען פֿון דאָרטן אַ פּאָר שפּײַטעפּלעך. ער שטעלט־אַוועק די שפּײַטעפּלעך אין קאָרידאָר צווישן זײַן האַלב און צווישן דער האַלב, וווּ ס׳וווינט דעם וועגמײַסטערס אַלמנה, און לערנט די גויע אַ גאַנצן ווינטער, אַז זי מיט די קינדער דאַרפֿן שפּײַען נישט אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, נאָר אין די טעפּלעך, פּונקט אין די טעפּלעך. דערנאָך קומט דער זומער, און בײַ אים אין בעריזשינעץ ווערט פֿאַרטיק דער נײַער גרויסער בראָווער. אַלע פֿרימאָרגן גייט ער אַהין אויסגעפּוצט אין זײַן נײַעם פּאַלטאָ, אין די הענטשקעס און אינעם האַרטן ברוינעם הוט, ווי אויף אַ ברית. און אַז אַ ייִד, אַ מעקלער, גייט אים דעמאָלט נאָך מיט אַ פּראָבע גערשטן אין האַנט, קוקט ער זיך נישט אום און ענטפֿערט נישט קיין וואָרט: ער פֿאַרקרימט נאָר אַ ביסל דאָס מויל און שפּאַנט־אַוועק גיכער.

הייסן הייסט עס: „אין קאַנטאָר בין איך פֿאַר אײַך אַ סוחר און אין גאַס קיין מחותּן נישט״. ער זאָגט עלטערע ייִדן „דו״. און אין בראָווער דאָרטן בײַ אים, בעת ער קומט־אַרײַן, אַ בית־עולם: שטאַרק שטיל. זאַלקער דער אַגענט איז דאָרטן איין מאָל געווען, דערציילט ער, אַז פֿלעשער ציטערן. און די שליסלען פֿאַרגלייבט ער דאָרטן נאָר יאַנעץ דעם גוי, און מער קיינעם.

קומט ער איין מאָל, אין אַ הייסן זומערדיקן בײַטאָג, אַהין צו זיך אין קאַנטאָר, דעסלער, און טרעפֿט דאָרטן דעם בוכהאַלטער, פֿרויקע נעכעס, בעת ער זיצט איבער די ביכער אָנעם רעקל, אין די ווײַסע אַרבל זיצט ער, און אַרום שטייען עטלעכע קונים און וואַרטן, ער גיט זיי אַרויס חשבונות. דעסלער זאָגט דעם בוכהאַלטער גאָר נישט. ער גייט־אַרײַן גלײַך אין זײַן באַזונדער צימער. נאָר אַ ביסל שפּעטער שיקט ער דעם בוכהאַלטער אַרײַנרופֿן און זאָגט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג.

— איר הערט, וואָס מע רעדט צו אײַך? — זאָגט ער — נעמט אײַך דעם וועג!

ער שרײַבט באַלד אָן אַ בריוו און שיקט־אַוועק יאַנען אין קרײַזשטאָט נאָך אַן אַנדער בוכהאַלטער. דער בוכהאַלטער שטייט. ער וויל וויסן פֿאַר וואָס? ער וויל עפּעס זאָגן. נאָר דעסלער וויל נישט הערן. „קיינע טענות“. בײַ אים אין קאַנטאָר, הייסט עס, איז נישט קיין בית־מדרש, ווו מע שפּרייט זיך פֿונאַנדער אין די ווײַסע אַרבל.

דער בוכהאַלטער האַלט־אויס דאָ אין ראַקיטנע אַ מוטער אַן אַלמנה. אירע קלענערע ייִנגלעך לערנען אַלע בײַ אים, פּרעגערן, אין תּלמוד־תּורה, גייט זי אַרום צו אַלע אָנגעזעענע מענטשן און וויינט: „אַז וויי און ווינד איז מיר, מײַן פֿרויקע איז דאָך שוין פֿרײַ... ער גייט שוין ווידער אַרום מיטן בײַטשל...“

נאָר קיינער קאָן איר מיט גאָר נישט העלפֿן: דעסלער האַלט נישט פֿון קיינעם. דעמאָלט נעמט אויף זיך די זאַך חווה פּויזנער. זי געפֿינט זיך פּונקט אין אַזאַ צײַט, ווען זי איז געוואָרן לײַטיש און טוט טובֿות אַ סך אָרעמע מענטשן. זי דינגט דעם שענסטן פֿאַעטאָן אין ראַקיטנע און פֿאָרט־אַוועק גלײַך צו דעסלערן אין בראָווער; זי פֿאַרברענגט מיט אים אַ שעה צײַט אין קאַנטאָר און פּועלט בײַ אים. זי מאַכט אים שמייכלדיק: „גוט, ער נעמט אים צוריק צו, דעם בוכהאַלטער“.

איז אָט: דעמאָלט איז עס געשען בײַ חווה פּויזנער און בײַ דעסלערן. פֿון יענער גוטער זאַך אָן האָבן זיי אָנגעהויבן, אַזוי צו זאָגן, מיטפֿילן איינער דעם צווייטן.

נאָר וואָס איז אַזוינס מיט חיים־משהן? ער זעט־אויס צעטראָגן. ער הערט כּמעט נישט, וואָס מע רעדט צו אים. ער שטייט אין מיטן גאַס אין איין שורה מיט פּרעגערן און האַלט אין איין קוקן אַראָפּ צום אײַנגעבראָכענעם האַלב־קײַלעכיקן מאַרק צו און צו פּויזנערס גרויסער קלייט. דאָרטן, אינעם שמאָלן געסעלע, וואָס נעבן אָט דער קלייט, באַווײַזט זיך אַ פֿיגור פֿון אַ מיידל, אָנגעטאָן אין ווײַסן מיט אַ זאָנטיק אין האַנט. צוויי מאָל באַווײַזט זיך דאָרטן די פֿיגור. ס'דאַכט זיך, אַז דאָס איז חנהקע ליובערס פֿיגור. זי קוקט זיך אַהער

אײַן, זי לאָזט זיך אַהער גיין, נאָר זי באַקומט איבער עפּעס חרטה און קערט זיך אום צוריק. ס׳דאַכט זיך, אַז פּונקט אַהין קוקט צעטראָגענערהייט חיים־משה. נאָר ניין. ער וואַרט, אַז פֿון בעריזשינעץ זאָלן אָנקומען די צוויי פֿורן, וואָס זאַלקער דער אַגענט דאַרף צושיקן נאָכן אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן פֿון מלכס מאַגאַזין. „אַ מאָדנע זאַך, — זאָגט ער — די פֿורן האָבן נאָך באַדאַרפֿט קומען נעכטן“.

און פּלוצעם דערמאָנט ער זיך אין עפּעס און אַנטשולדיקט זיך פֿאַר פּרעגערן. ער מוז באַלד זיך אומקערן צוריק אין מלכס אַפּטייק־מאַגאַזין. ער האָט דאָרטן עפּעס פֿאַרגעסן.

נאָר פּרעגער האָט איצט נישט וווהין צו אײַלן. ער איז גרייט צו באַגלייטן חיים־משהן אין אַפּטייק־מאַגאַזין.

דאָרטן, אין מאַגאַזין, איז שוין אַלץ פֿאַרפּאַקט, אָפּגערוקט פֿון ווענט און גרייט צוליב די פֿורן, וואָס דאַרפֿן קומען פֿון בעריזשינעץ. די שפּיגל־שאַפֿעס זײַנען אַרומגעוויקלט מיט רעדנעס [55] און אין מיטן צימער ליגן אָנגעוואַלגערט איינס אויפֿן אַנדערן אַ סך פֿאַרפּאַקטע קאַסטנס. איצט געדענקט פּרעגער די מיאַטע־בלעטלעך [56]. ער פֿלעגט זיי נעמען בײַ מלכן נאָך יעדן שנאַפּס, כּדי דער בראָנפֿן זאָל זיך נישט פֿילן. „זעלטענע בלעטלעך...“

נאָר חיים־משה ענטפֿערט ניט גאָרנישט. ער איז פֿאַרנומען מיט אויסליידיקן אײנעם אַ שופֿלאָד פֿון מלכס טיש און פֿאַרפּאַקן דאָס אַלץ אין אַ באַזונדער קעסטל. חיים־משה נישטערט דאָרטן געשווינד צווישן די פּאַפּירן און זוכט עפּעס. ס׳פֿלײַען פֿון שופֿלאָד אין קעסטל אַרײַן גאַנצע הויפֿנס בריוו, אַ גרויסער טײַסטער מיט אַ פּאָר טאַש־ביכעלעך. אין די אויגן טוט סוף־כּל־סוף אַ שווינדל אַ קליין נישטיק פּעקעלע, וואָס חיים־משה וואַרפֿט עס געשווינד אַראָפּ צו זיך אין דער הויזנטאַש. איצט איז שוין אַלץ פֿאַרטיק. חיים־משה פֿאַרקלאַפּט דאָס קעסטל מיט מלכס בריוו און בעט פּרע־

---

[55] טיכער. — [56] מענטע.

גערן דערמאָנען דעם אַגענט זאַלקערן: „דאָס איז אַ באַזונדער קעסטל; ס׳געהערט נישט צום אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן״.

*

פרעגער האָט זיך נאָך דעם אָפּגעוואָלגערט אַקעגן אַ פּאָר מעת־לעת בײַ זיך אין צימער אויפֿן הארטן סאָפּקעלע און האָט געוואַרט אויף אַ נס: „זאָל כאָטש עמעצער ווער קומען צו אים אַהער אין זײַן חדר״.

נאָר קיינער איז צו אים אַהער נישט געקומען, אַחוץ שאָולקע שנײַדער, וואָס האָט געמיינט דאָ טרעפֿן זאַלקער דעם אַגענט. סוף־כּל־סוף איז שאָולקע אויך געווען בײַ אים אַ גאַסט. ער האָט געגנו־מען פּרווון מיט אים זײַנוולס „סטאַרקע״, אַזוי פֿאַמעלעך, נישט ערנסט, נאָר דאָך אַרײַנגעצויגן געוואָרן צו ביסלעך. ער האָט אַזוי פֿאַרבראַכט אין איינעם מיט שאָולקען אַ קאַרגן מעת־לעת. און נאָך דעם איז פרעגערן, ווי געוויינלעך נאָך אַ לענגערן טרונק, געווען מיאוס דאָס לעבן דאָ אין ראַקיטנע. ס׳האָט זיך געוואָלט אַוועק ער־געץ אין דער וועלט אַרײַן. ער איז ווידער געלעגן בײַ זיך אויפֿן הארטן סאָפּקעלע און האָט געטראַכט וועגן זיך, וועגן חווה פויזנער און וועגן פֿאַרשיידענע מיטלען, מיט וועלכע מענטשן מאַכן אַ מאָל אַ סוף צו אַ נישט־אײַנגעגנעמער לאַגע. נישט וועגן זיך האָט ער געטראַכט, נאָר וועגן אַנדערע מענטשן. אויפֿן זינען זײַנען אים אַרויפֿגעקומען אַ האַנטעך, אַ פּשוטער לאַנגער האַנטעך, וואָס הענגט אויף אַ קרוק אין מיטן סטעליע, און אַ פּעקעלע, אַ קליין פּעקעלע, וואָס האָט אויף זיך אַן עטיקעטל מיט אַ שוואַרצן שאַרבן און מיט צוויי איבערגעצלמטע מענטשן־ביינער. ווו האָט ער, פרעגער, נישט לאַנג געזען אַזאַ מין פּעקעלע? ער האָט אָנגעשטרענגט אין גאַנצן דעם זכּרון און האָט זיך דערמאָנען נישט געקאָנט.

סוף־כּל־סוף איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען דער אַגענט זאַלקער. מע האָט אים באַדאַרפֿט איבערגעבן וועגן באַזונדערן קעסטל, וואָס שטייט בײַ מלכן אין קליינעם צימער און געהערט נישט צום אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן. און פּלוצעם האָט זיך פרעגער

דערמאָנט אין דעם פּעקעלע, וואָס חיים־משה האָט דאָרטן אויף זיך אויסגעטיילט, זיך דערמאָנט, נאָר געבליבן אַזוי פֿאַרווונדערט און נישט געגלייבט.

# 19

חיים־משה האָט אומגעקערט חווה פּויזנערן אייניקע פֿון אירע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפֿונען בײַ מלכן. אַזוי האָט מען איבערגעגעבן אינעם נאָמען פֿון אסתּר פֿיך. „נו, יאָ, — האָט חיים־משה כּלומרשט געזאָגט — וואָס וועלן זיך אָט די זאַכן וואַלגערן בײַ יצחק־בערן אין וואַלד?“ ער, חיים־משה, האָט זיי נישט וווּהין צו נעמען.

דערנאָך האָט מען חיים־משהן אַ גאַנצן בײַטאָג געזען אויף אַ סך ערטער אין שטאָט, און אַן אויסזען איז בײַ אים געווען אַזאַ, גלײַך ער פּאַקט די טשעמאָדאַנעס און גרייט זיך אין וועג אַרײַן; ער אײַלט און וויל פֿאַרטיק ווערן וואָס גיכער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויך אויף דער אַלטער שטאָט און איז דאָרטן געווען בײַ פֿישל ריכטמאַן אין שטוב, בײַ יענעם זעלביקן פֿישל ריכטמאַן, וואָס האָט דאָ אַמאָל, אין איינעם מיט אים, אין איין חדר געלערנט און האָט נאָך דעם אויך געפּרוווט זײַן אַן עקסטערן, און איצט האַנדלט ער, ווי דער שווער זײַנער, מיט אַלטע זעק.

— וואָס זשע הערט זיך עפּעס, חיים־משה? — אַזוי האָט בײַ אים געפֿרעגט פֿישל ריכטמאַן. ער איז געזעסן בײַ זיך אין דער אַלטער געירשנטער שטוב מיט אַ קליין קינד אויף די הענט און האָט געוואַרט אויפֿן ווײַב, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען צו גאַסט אויף דער נײַער שטאָט — איז וואָס, חיים־משה, האָסטו עפּעס מתקן געווען אין ראַקיטנע?

דערויף האָט אים חיים־משה געענטפֿערט, אַז גאָר נישט.

— וואָס זשע מיינסטו, פֿישל? — האָט ער אים געענטפֿערט — כ׳האָב דאָ טאַקע גאָר נישט מתקן געווען.

און ער איז דערפֿון, אַ פּנים, געוואָרן אַ ביסל אומרויִק. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב. ער האָט אויסגע־הערט בײַ פֿישלען אַ סך נײַסן פֿון שטאָט, דערנאָך האָט ער ווידער אַ מאָל גענומען אײַלן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן, צוריק צו זיך אין צימער: „דער עיקר איז אומרו, מלך".

און נאָך: „ביסטו גרייט, מלך?"

„כ׳בין גרייט, חיים־משה".

„טאָ קום, מלך, קום צום דין־וחשבון".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אויב אַפֿילו יצחק־בער, אויב יצחק־בער איז עפּעס אויסן גע־ווען מיט זײַן שטומען ערנסט, איז יעדן פֿאַלס נישט נאָכצוטאָן דיר, מלך, נאָר פֿאַרקערט, טאָן דעם היפּוך. ער האָט זיך דאָך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט".

„איז צוליב וואָס ניצט די ווייכקייט בנוגע צו אַ וועלט, וואָס מע אָנערקענט זי נישט? צוליב וואָס שמייכלסטו, מלך?"

נאָר אַקעגן, אויפֿן נישט־געפֿאַרבטן קאָמאָד, שטייט מלכס קליי־נע סטאַטועטע און שמייכלט אַלץ מיט איר שטענדיקן שעמעוודיקן שמייכל.

חיים־משה זעט זי פֿון אַקעגן, פֿון בעט, און ווערט אומרויִק: „וויפֿל פֿאַנאַטיזם! וויפֿל עקשנות אין אָט דער גוטסקייט, מלכס!..."

„און דו האָסט דאָך אויך נישט אָנערקענט די וועלט, מלך; פֿאַר וואָס זשע ביסטו אַזוי שטיל אַוועקגעגאַנגען?"

אַדרבא: „אַוועקגיין דאַרף מען מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פֿון טיר, און זאָל אַ ציטער טאָן די שטוב, זאָלן זיך אויפֿכאַפּן די קליינע קינדער".

נאָר יצחק־בער איז אָפּגעשטאַנען און אַלט. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי אַ קלאַפּ צו טאָן מיט דער טיר און טראָגט שטומערהייט דעם יאָך פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט.

אַלע פֿאַרנאַכט, נאָך חשבונות מיט פּילשטשיקעס[67], נאָך קרי־גערײַ מיט פֿרומער ייִדענע־װײַב און מיטן צװייטן ייִנגערן װאַלד־נאַמן, װעמען ער איז חושד אין גנבֿה און פֿאַרגלייבט אים נישט די קאַסע, קומט ער אַהער צו אים, חיים־משהן, אין צימער, יצחק־בער, קומט מיט פֿאַרלייגטע הענט אין די אַרבל און מיט גרויס אומעט פֿון אַן אָבֿל, װאָס האָט באַגראָבן זײַן גאָט. ער זאָגט דאָ גאָר נישט. ער שפּאַרט זיך נאָר אָן מיט די פּלייצעס אין דער װאַנט און שטייט דאָ אָפּ אַזוי שעהען לאַנג אין דער פֿינצטער מיט טיפֿן אַנגסט, מיט שטומען מאָנען, אַז ער, חיים־משה, זאָל „נתגלה װערן"...

הייסן הייסט עס אַזוי: „איך, יצחק־בער, האָב אָנגעהויבן, און דו, חיים־משה, מוזסט ענדיקן; אויף דיר ליגט דער חובֿ".

נאָר װאָס קאָן דען ער, חיים־משה, טאָן? פּרעגער דער פֿאַר־װאַלטער זאָגט, אַז ער איז זיך נישט מחויבֿ צו שפּײַען פֿאַר מלכן. „זאָל יעדער — זאָגט ער — שפּײַען פֿאַר זיך אַליין".

אַך, יאָ, מאָדנע: „ער אָנערקענט נישט קיינעם, אָט דער פּרע־גער" — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּרעגער שפּײַט איינער אַליין פֿאַר זיך. ער נעמט־אַרײַן צו זיך אין צימער זאַלקער דעם אַגענט מיט שאָולקע שנײַדער און טרינקט מיט זיי לחיים: „זאָלן פּלאַצן אַלע געהויבענע און פֿײַנע לײַט!"

און איצט גייט ער אַרום אין שטאָט, פּרעגער, און דערציילט אַלעמען, אַז צו אים אין צימער איז אַנומלטן געקומען ער, חיים־משה: „ער האָט בײַ מיר פֿאַרבראַכט — זאָגט ער — אַ גאַנצן בײַ־טאָג". אַזוי גיט־איבער פֿישל ריכטמאַן.

מע פֿרעגט בײַ אים: „פּרעגער, װי איז אײַער מיינונג װעגן חיים־משהן?"

דעמאָלט טוט ער ערנסט מיט די מיטלסטע דרײַ פֿינגער אַ דריק־צו די פּענסנע צו דער נאָז און זאָגט, אַז דער עיקר איז, װאָס

---

[57] די אַרבעטער־זעגערס.

אויך ער, חיים־משה, איז אַן אומצופרידענער. „פֿון אומצופֿרידענע — זאָגט ער — וועט געהאָלפֿן ווערן די וועלט".

נאָר אין דעם איז אַנשל צודיק שוין בשום אופֿן מיט אים נישט מסכּים; ער איז איינער פֿון די, וואָס שטייען אין מיטן מאַרק אַרום פּרעגערן און הערן, ווי ער רעדט שטותים. „נו, און אַז זאַלקער דער אַגענט — זאָגט ער — איז נישט צופֿרידן מיט זײַן ווײַב, און אַז שאָולקע שנײַדער וויל לאהקע די שוואַרצע און קאָן זי נישט דערגרייכן, וועט אויך דערפֿון געהאָלפֿן ווערן די וועלט?"

ער איז אַ סקעפּטיקער, אַנשל צודיק, און שוין אַ פּאָר יאָר געוועזן אין פּאַלעסטינע; ער גלייבט בכלל נישט, אַז דאָ אין גלות זאָל עפּעס אויפֿגעטאָן ווערן.

אַזוי האָט אים, חיים־משהן, דערציילט פֿישל ריכטמאַן וועגן אַנשל צודיק. דערנאָך איז פֿון דער נײַער שטאָט צוריקגעקומען פֿישלס ווײַב און איז געווען צופֿרידן, וואָס חיים־משה פֿאַרברענגט בײַ איר אין שטוב.

— זע נאָר — האָט ער געזאָגט — טאָקע אַ געהויבענער גאַסט.

זי האָט צוגענומען בײַ פֿישלען דאָס קליינע זויגקינד, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אויף די הענט, און האָט זיך אוועק־געזעצט מיט דעם אַקעגן זיי בײַם טיש. זי האָט נאָר געוואָלט פֿאַר־שפּרייטן דעם קאָלירטן סערוועט אויפֿן הוילן טיש, און אַז חיים־משה זאָל נישט אַוועקגיין פֿון טיי; זי וועט שטעלן דעם סאַמאָוואַר.

— אַז שוין יאָ אַזאַ גאַסט — האָט זי געזאָגט — טאָ זאָל כאָטש זײַן אין שטוב יום־טובֿ.

און זי האָט איינס און צוויי אים געמאַכט, אָט דעם יום־טובֿ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז שוין גאָר נישט אַזאַ פּראָסטע, אָט די פֿרוי פֿישלס. נישט אומזיסט האָט זי פֿון אַלע יונגע לײַט דאָ אין ראַקיטנע אויסגעקליבן דווקא פֿישלען, וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַן עקסטערן. מיטן פּנים איז זי אַ ביסל עלטער פֿון פֿישלען, נאָר אַליין האָט זי אין זיך אַן אָדער פֿון אַ מענטשן, וואָס שטרעבט צו אַ העכערער מדרגה. זי איז בטבֿע געווען אַ שטילע. איר גאַנצע

אָרטיקע אָפּגעקומענע משפּחה איז געווען אַ שטילע, נאָר זי ווייסט פֿון אַלע זאַכן, וואָס טוען זיך אָפּ אין שטאָט. זי רעדט בכלל פּאַמעלעך. זי רעדט ווי אַ רביצין, וואָס האָט פֿײַנט יענעם צו באַריידן. נאָר יעדע זאַך איז שוין, נאָך איר מיינונג, גאָר נישט אַזוי פּראָסט.

— יעדע זאַך — זאָגט זי — האָט אויף זיך אַן אייבערשלאַק און אַן אונטערשלאַק, און אין מיטן איז נאָך אויך עפּעס פֿאַראַן.

— ווי, ווי? — פֿרעגט־איבער חיים־משה און בײַ אים צינדן זיך אָן צוויי שמייכלדיקע פֿײַערלעך אין די אויגן.

— וואָס זשע? — זאָגט זי — בײַ אײַך איז עס אַ נײַס?

נאָך איר מיינונג האָט חווה פּויזנער שוין גאָר נישט אַזוי גרינג דערגרייכט דעסלערן.

— ער איז איר אָנגעקומען — זאָגט זי — מיט די גרינגע ווערעם.

זי בײַט־איבער דאָס קינד פֿון איין ברוסט צו דער צווייטער און גיט־צו:

— וואָרעם רירן אַזאַ מין אײַז ווי דעסלערן, נאָך דעם ווי מע האָט אַליין שוין געהאַט זיבן אַנדערע, איז שוין אויך נישט גאָר פֿון די גרינגע מלאכות.

— און עוזר ליובער — זאָגט זי — עוזר ליובער בלײַבט לחלוטין נישט אומזיסט גאַנצע דרײַ חדשים אין קיִעוו.

— ס'אַ סבֿרא, אַז ער האָט שוין שׂכל צו לעבן דאָרטן מיט עמעצן, און דווקא נישט מיט קיין ייִדישע... דווקא מיט אַ גויע. וואָס הערט ער די שטאָט? אַז ער מאַכט פֿאָרט גליקלעכע געשעפֿטן אין דער מיל. מע וועט געווויר ווערן וועגן דער גויע? וועט ער געבן נאָך אַ טויזנטער אויף שטאָטזאַכן.

— און חנהקע ליובער? גאָר אַן אַנדער זאַך איז חנהקע. זי איז ווי צוויי טראָפּנס געראָטן אין דער מוטער אירער; זי, פֿישלס ווײַבל, האָט זיך אָנגעקערט מיט אירע ווײַטע קרובֿים און האָט זי שוין איין מאָל גוט געקענט.

— אַזוינס — זאָגט זי — איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אַך יאָ, אָט די חנהקע, וואָס איז געראָטן אין איר מוטער און וווינט אַליין מיט מאָטיקן דאָרטן, אינעם גרויסן, הויכן הויז, און קיינער ווייסט נישט צי זי ווייסט, וואָס איר פֿאָטער טוט דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט צי ניין; ס'איז געוויס כּדאַי געווען צו זיצן דאָ נאָך אַ ביסל און אויסהערן וועגן איר פֿישל ריכטמאַנס פֿרוי, נאָר חיים־משה האָט שוין, אַ פּנים, מער קיין צײַט נישט געהאַט דאָ צו זײַן; ער האָט געאײַלט, זיך געזעגנט און געאײַלט.

*

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט חיים־משה דאָך באַגעגנט זיך מיט חנהקען נעבן די יונגע גלײַכע טאָפּאָלן, וואָס אויפֿן עקסטן לײדיקן גרינעם פּלאַץ. דאָס איז געווען אין אַ הייסער שעה בײַ טאָג, ווען אויף דער גאַס איז שטיל און פּוסט. גאַס איז געווינט צו מײדלעך, וואָס זיצן דעמאָלט אין דער היים אין דער קיל.

בײַ חיים־משהן האָבן זיך אָנגעצונדן די שמייכלדיקע פֿײַער־לעך אין ביידע אויגן. נאָר בײַ חנהקען איז מיט אַ מאָל פֿאַרשטאָרבן געוואָרן דאָס האַרץ. די ערשטע ווײַלע האָט זי לחלוטין נישט גע־קאָנט ריידן.

— איר פֿאָרט־אַוועק. — האָט זי סוף־כּל־סוף אַרויסגערעדט — מיר האָט געזאָגט אסתּר פֿיך.

— אסתּר פֿיך?

— יאָ. איצט, האָט אסתּר פֿיך געזאָגט, איז שוין באַשטימט, אַז חיים־משה פֿאָרט־אַוועק.

— וואַרט...

אים האָט ווירקלעך אַנומלטן באַגעגנט אסתּר פֿיך. „וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער רײַזע?‟, האָט זי בײַ אים געפֿרעגט. „וואָס זאָל זיך הערן?‟, האָט ער איר געענטפֿערט, „מסתּמא וועל איך סוף־כּל־סוף אַוועקפֿאָרן‟. מער האָט ער איר בכלל גאָרנישט ניט גע־זאָגט.

דעמאָלט געשעט עפּעס מיט חנהקען. אַ פּנים, ס'וועַרגט זי אין האַלדז, זי הייבט פּאַמעלעך אויף די לאַנגע וויִעס און טוט אויף

חיים־משהן אַ קוק. איצט גלייבט זי אים, אַז מער האָט ער אסתּר פֿיך גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי לאָזן זיך ביידע גיין אַרויף מיטן גרינעם פלאַץ, מיט די יונגע טאָפּאָלן, וואָס פֿירן נעבטער צו ליו־בערס הויז. נאָר חנהקען איז נאָך אַלץ שווער צו ריידן.

— מעגלעך — זאָגט זי — אַז זיי וואָלטן זיך איצט באַלד באַ־דאַרפֿט צעשיידן, זי און חיים־משה.

— חנהקע איַלט ערגעץ?

אַ פּויזע.

—ניין. גלאַט אַזוי...

חנהקע קוקט נישט צו אים. זי זאָגט: „אויב זי און ער זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער היים, כּדי צו גיין אין פֿאַרשיידענע זײַטן, וואָלטן זיי אפֿשר אַזוי באַדאַרפֿט טאָן אויך ווײַטער... זי איַלט נישט אין ערגעץ. זי קלערט נאָר, אַז אַזוי וואָלט געווען גלײַכער. זי וואָלט איצט צוגעגאַנגען אָט דאָ נישט ווײַט, סך־הכּל צוויי גאַסן, און וואָלט זיך דערפֿרעגט, צי עטל קאַדיס קומט נישט די טעג אַהיים. דערנאָך וואָלט זי זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. דעמאָלט וואָלט מיט איר גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען. נאָר אָט... אָט האָט זי חיים־משה איצט אָנגענומען פֿאַר דער האַנט, און זי פֿילט, אַז מיט איר קומט־פֿאָר... ניין, ס'איז נישט קיין נאַרישקייטן, ווײַט נישט קיין נאַרישקייטן. זי פֿאַרגעסט אין גאַנצן אין מאָטיקן. די ערשטע צײַט האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי דאַרף גאָר נישט פֿון אים, חיים־משהן, זי דאַרף אים אַפֿילו נישט זען. זאָל ער נאָר זײַן אין וואַלד. און זאָלן קלינגען צו זיי אין פּאַראַדטיר פֿאַרשיידענע מענטשן. זי וועט דאָך קלערן, אַז דאָס איז ער. דערנאָך האָט זיך איר שטאַרק פֿאַרוואָלט אים זען. דאָס איז געווען איין מאָל, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פּויזנערס קלייט און האָט דערזען, ווי ער, חיים־משה, מיט פּרעגערן שטייען פֿון ווײַטנס. פֿאַר וואָס איז דאָרטן חיים־משה אַזוי לאַנג געשטאַנען פֿון ווײַטנס?... מסתּמא איז בײַ איר, חנהקען, דאַן געווען אַ נאַריש אויסזען. זי האָט זיך אַלע מאָל געלאָזט גיין צו אים און האָט זיך אַלע מאָל אומגעקערט צוריק... זי שעמט זיך עס דערציילן: זי האָט

קיין מאָל נישט געקלערט, אַז זי קען עפּעס אָנשרײַבן, נאָר די טעג האָט זי דאָך עפּעס אָנגעשריבן. ס'איז געווים נאַריש; זי האָט עס נעכטן בײַ טאָג צעריסן, נאָר געטאָן האָט זי עס נאָר דערפֿאַר, וואָס איר האָט זיך שטאַרקט פֿאַרוואָלט אים זען... זי האָט פֿון תמיד מורא פֿאַר שטאַרק וועלן. אפֿשר איז זי רעליגיעז, ווי איר מוטער איז געווען. זי ווייסט נישט. דאָס איז געווען, ווען איר מוטער איז געשטאָרבן און מאָטיק איז געבליבן אַ קליינינקער. דערצו נאָך האָט דעמאָלט איר עלטערער ברודער צוגענומען פֿון דער קאַסע אַ ביסל געלט און איז אַנטלאָפֿן; דעמאָלט האָט זי, חנהקע, דערפֿילט, אַז אויב זי וויל עפּעס שטאַרק, איז עס אַ פֿאַרברעך. זי, חנהקע, טאָר עס קיין מאָל נישט דערלאָזן... נאָר אָט, פֿאַר וואָס טראַכט זי כּסדר, אַז אים, חיים־משהן, איז ערגער פֿון איר... תּמיד זיצט זי און טראַכט, אַז אים איז אַ סך, אַ סך ערגער. זי ווייסט נישט, ווו וואָלט, אַ שטייגער, אים, חיים־משהן, געווען גוט. דערצו נאָך קומט צו איר אָפּט אָט די פֿרײַע צוהערערין אסתּר פֿיך און רעדט און רעדט: „אָט וועט איר זען, זאָגט זי, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן... אַך, ביין".

חיים־משה באַמערקט, אַ פּנים, אַז חנהקען איז שוין ווידער אַ מאָל שווער צו ריידן, און וויל איר מאַכן גרינגער. ס'איז גאָר נישט, ס'איז גאָר נישט ניט ווערט: „אים איז לחלוטין נישט ערגער. אַדרבא, צײַטנווײַז לײַדט ער דערפֿון, וואָס אים איז בעסער, פֿיל בעסער, למשל, ווי יצחק־בערן. חנהקע קען יצחק־בערן? נאָר איצט האָט ער גראָד אין איינעם אַ זומער נאָך אַ מאָל אַ פּרווו געטאָן אויף זיך ראַקיטנע, די שטאָט ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און איצט האָט ער שוין פֿאַרקויפֿט דעם אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן זאַלקער דעם אַגענט און וואַרט, ער זאָל צושיקן דאָס געלט פֿאַר מלכּס מוטער און זאָל צונעמען די זאַכן. ער גייט אַלע טאָג אין שטאָט אַרײַן, נאָר זאַלקער שיקט נישט צו די פֿורן. איצט איז ער געגאַנגען צו חנהקען אַהיים און האָט זי שטאַרק געוואָלט זען; ער טראַכט וועגן איר אויך איצט, בעת ער האַלט זי אַזוי פֿאַר דער

האַנט און קוקט איר אין פּנים אַרײַן. וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען מלך לעבט, און ער מיט חנהקען וואָלטן איצט צו אים אַרײַנגעקומען? חנהקען וואָלט זיך נישט וועלן איצט זען מלכן?... נאָר פֿאַר וואָס ווערט חנהקע בלאַס?... פֿאַר וואָס דאַכט זיך אים, חיים־משהן, אַז אָט־אָט וועט חנהקע פֿאַרמאַכן די אויגן און וועט אָנהייבן שעפּטשען, בעטן פֿאַר עמעצן גאָט מיט די ליפּן? אַך, ניין, אויב דאָס שרעקט זי, וועט ער מער אַזוי נישט ריידן. ער וועט זי נאָר צופֿירן ביז זייער הויז און וועט זיך אומקערן צוריק אין וואַלד אַרײַן. ער האָט דאָרטן נאָך עפּעס צו טאָן, ער מוז דאָרטן עפּעס פֿאַרענדיקן.

און ער האָט זיך אומרויִקערהייט אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן, צוריק צו זיך אין צימער; ער האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אָפּגעהיט בײַ זיך אין מוח דעם געדאַנק: „אַך יאָ, אָט דער מלך...“

ער האָט זיך גלײַך צוגעזעצט צו די ניט־דערשריבענע בלעטלעך, וואָס בײַ אים אויפֿן טיש — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אייגנטלעך איז בענקשאַפֿט גאָרנישט ניט ווערט, מלך, בענקען בענקט מען נאָך געשטאָרבענע. זיי ווערן באַנײַס געבוירן, חיים־משה“.

נאָר אין צימער איז שוין געווען האַלב טונקל און פֿאַרנאַכטיק טויט. שטומער וואַלדאָוונט האָט פֿון דרויסן בלאַס פֿאַרקלעפּט די אָפֿענע פֿענצטער. בלויע בלינדקייט האָט פּאַמעלעך געמעקט דעם שמייכל פֿון מלכס קליינער סטאַטועטע און ווידער האָט מען אים, חיים־משהן, דאָ געשטערט פֿאַרענדיקן זײַן זאַך. פֿריִער האָט זיך געהערט, ווי אין נאָענטן קאָרידאָר האָט שטיל אַ סקריפּ געטאָן די טיר, אַ סקריפּ געטאָן נאַכטיק אַזוי, שלעפֿעריק און זיך שטילערהייט פֿאַרריגלט. און נאָך דעם האָט פּאַמעלעך גענומען סקריפּען און עפֿענען זיך די טיר, וואָס פֿירט צו אים, חיים־משהן, אין צימער, און עמעצער האָט אָנגעהויבן אַהער גיין.

ווער איז דאָרטן, האָ?

— ס'איז קײנער נישט. ס'איז איך, יצחק־בער, חיים־משה.

# 20

סוף־כּל־סוף זײַנען פֿון בעריזשינעץ געקומען זאַלקער דעם אַגענטס צווײ פֿורן און האָבן פֿאַרנומען דעם אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן פֿון מלכס אַפּטײק־מאַגאַזין.

אַ גאַנצן פֿרימאָרגן זײַנען די פֿורן געשטאַנען אין דרויסן נעבן מאַגאַזין און האָבן זיך באַלאָדן, זיך געפּאַקט פֿויל, אָן חשק. די האַלב־אויסגעשפּאַנטע פֿערד האָבן הימלעך געכראַמטשעט דעם האָבריק פֿון די נידעריקע זעק, פֿרעמדע פֿערד, וואָס פֿאַרגעסן אַ רגע, אַז זײ קײַען, שטעלן־אָן די אויגן, און קוקן און דערקענען נישט די שטאָט.

סוף־כּל־סוף האָבן זיך די פֿורן גערירט פֿון אָרט. אַרום צווײ אַ זײגער בײַ טאָג האָבן זײ אָוועקגעסקריפּעט אַראָפּ־שטאָט מיט דער מיטלסטער לאַנגער גאַס, הויך באַלאָדן מיט שראַנקען, שאַפּ־קעלעך און קאַסטנס. פֿון אויבן — מלכס צוגעבונדן בעט און נאָך העכער — אַ פּאָר איבערגעקערטע בענקלעך, וואָס שטעקן מיט די פֿיסלעך צום הימל און שאָקלען זיך אַראָפּ, אַראָפּ צום באַגרינטן בעריזשינעצער וועג.

איצט איז שוין אין שטיבל גאָרנישט ניט געבליבן, אַחוץ הוילע קויטיקע ווענט און אַחוץ פּאַפּירן, אַ סך צעריסענע פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט דורכויס אויף די פּאַדלאָגעס אונטער די פֿיס. פֿון דרויסן, אויף דער טיר, איז שוין מער נישט געהאַנגען דאָס שלעסל, און חיים־משהן האָט מען שוין גאָר זעלטן געזען אין גאַס.

נאָך דעם האָט זיך פּלוצעם אײַליק גענומען אָנרופֿן דער טאָג מיטן אָוונט לטובֿת דער תּלמוד־תּורה. און אַלע זײַנען מיט אַ מאָל געוואָרן אומגעדולדיק און צעיאָגט, ווי ערבֿ אַ גרויסאַרטיקער שטאָט־

חתונה, ווי ערבֿ אַ חתן־מאָל, אויף וועלכן גאַנץ ראָקיטנע זײַנען מחותּנים. אַלע גרייטן זיך צום טאַנץ.

אין יענעם טאָג האָט מען זיך פֿריִער ווי תּמיד אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיטאָגס. מאַמעס האָבן פֿון פֿרימאָרגן אָן געצוואָגן די קינדער; טאַטעס האָבן געמסחרט פֿויל, אָן שום זיכערקייט און אָן גלויבן, ווי אויף קאַטאָוועס; ווינטיקע הייסע זונענלופֿט האָט געבריט און געדינט, בריהש פֿאַרטריבן די שווימענדיקע שטיקער כּמאַרע, דעם חשד פֿון רעגן, צום עקסט ווײַטן הימל־ווינקל, און אויפֿן ראָג פֿון זײַטגעסל, גאָר נאָענט, הינטער בראָמבערגס ראָז געפֿאַרבטע הייפֿלעך, איז שוין געשטאַנען אויסגעפּוצט, אויסגעווײַסט און אויסגעשטעלט דער גרויסער אָפּגעדונגענער מאַגאַזין, וווּ דער אָוונט וועט פֿאָרקומען. חנהקע ליובער און אסתּר פֿיך זײַנען דאָרטן געבליבן די לעצטע; זיי האָבן אויף גיך פֿאַרשפּרייט די טישן און זײַנען אַוועק אַהיים זיך איבערטאָן.

מע האָט געשמועסט, אַז די מאַדאַם בראָמבערג האָט אָפּגערעדט מיט צוויי קאָמפּאַניעס כּלי־זמר, מיט דער אָרטיקער און מיט דער בעריזשינעצער, אַז אַחוץ ספּעקטאַקל, אַחוץ געזאַנג מיט דער דעקלאַמאַציע פֿון די תּלמוד־תּורה־קינדער, וועלן פֿאָרקומען נאָך צוויי נומערן: אַנשל צודיק וועט נאָכמאַכן אַ פֿרומען בעל־דרשנס אַ רעדע און איינער אַ גימנאַזיסט פֿון אַ נאָענט שטעטל וועט קומען אויפֿן אָוונט אין איינעם מיט זײַן שוועסטער דער קורסיסטין און אין איינעם מיט איר רײַכן חתן, וואָס וועט זיך לאָזן קאָסטן אַ סך געלט. דער גימנאַזיסט וועט שפּילן פֿידל און ער וועט אין דער זעלביקער צײַט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן אויף דער פּיאַנע. מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַרום דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג, און איבער דער שטאָט האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה, אַז עוזר ליובער איז געקומען. מע איז געוואָרן אַנטציקט: עוזר ליובער האָט דאָך פֿון תּמיד אָן אַרײַנגעטראָגן אויף אָט דעם אָוונט מער הכנסה איידער אַלע איבעריקע. דאָס איז געווען זײַן חזקה.

מע האָט געשמועסט: „נו, ווי געפֿעלט ער אײַך, עוזר ליובער?‟

„זע נאָר, ער האָט׳ך טאַקע אין זיבען געהאַט אָנצולויפֿן פּונקט צום אָוונט”.

„פֿײַן. זייער פֿײַן”.

מע האָט גענומען אײַלן מיטן איבערטאָן זיך. און פּלוצעם, ווי אומגעריכט, האָבן אויפֿן ראָג נעבן בראָמבערגס הייפֿל אַ זעץ געגעבן בײדע קאָמפּאַניעס כּלי־זמר מיט אַ מאָל, אַ קלאַפּ געטאָן דעם ערשטן מאַרש מיט בײדע קליינע און גרויסע פּויקן, מיט אַלע מעשענע טרובעס און מיט אַלע פֿלייטן און פֿידלען. מע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טירן קוקן: אַ פֿאַרשטאַרקטער היציקער ווינט האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ פּאַטש איבערן גאַנצן שטויב, וואָס אויף דער לאַנגער מיטלסטער גאַס, געגעבן אים אַ הייב־אויף אין דער לופֿט, אײַנגעהילט אין אים די טענער און האָט אַוועקגעיאָגט אַראָפּ־אַראָפּ, צום ווײַטן ווינקל, ווּהין ער האָט אַ גאַנצן פֿרימאָרגן געטריבן די שוואַרצע שווימענדיקע שטיקער וואָלקן. און פֿון אַקעגן, פֿון יענעם עק שטאָט, וואָס גרינט־אַוועק צו גויִשע הײַזער צו, האָבן זיך שוין אַהער געטראָגן גאַנצע הערטן באָרוועסע שקצימלעך און פֿילפֿאַרביקע שיקסעס; אַ באָרוועסע ניאַנקע האָט אַהין אַוועקגעטענצלט מיט היפּנדיקע טריט, מיט אַ צעטרייסלט וויגקינד אויף די הענט, און מיט דאָרשט צו פֿרייד, צום קלאַנג פֿון מעשענע געשרייען און פֿון הילכיק קלינגענדיקע טאַצן. און כּלי־זמרישע כּלים האָבן נאָך אַלץ אַהין געבעטן און גערופֿן, נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אונטערטרײַבן די, וואָס קעמען זיך איבער בײַ זיך אין דער היים. אַ פּאָר נאַקעטע אַקסלען האָבן אויף אַ רגע אַ שווינדל געטאָן אין אַ געעפֿנטער טיר, אַ פּאָר נאַקעטע אַקסלען פֿון אַ פֿרוי, וואָס טוט זיך איבער; אַ נאַקעטע יונג־מיידלשע האַנט האָט זיך דאָרטן אויסגעצויגן אַ קניפּ צו טאָן דאָס קליינע ברודערל, וואָס זאָגט זיך איצט אָפּ פֿון צו פֿאָלגן אַ גאַנג. און די מיטלסטע גאַס איז שוין געווען רויִק און אין גאַנצן פּוסט; מע האָט דאָרטן קיינעם נישט געזען. מיט אַ געפּודערט פּנים און מיט צו פֿיל פֿעטע פֿרישע געקעמטע האָר האָט דאָרטן נאָר אַדורכגעאײַלט די נײַע קורצנעזלדי־

קע ראַבינערשע. זי האָט אויפֿן אָוונט אָנגעפֿירט דעם בופֿעט און האָט באַדאַרפֿט קומען אַהין די ערשטע.

*

עולם האָט זיך אויפֿגעקליבן אין מאַגאַזין. שוואַרצע און ווײַסע פֿלעקן האָבן געבלאָנדזשעט אין זײַן צוגעגרייטער קיל. נאָר אין מאַגאַזין איז נאָך אַלץ געווען גראַם: ער איז געווען גרויס, שטאַרק גרויס.

נאָענט בײַ דער טיר, נעבן די כּלי־זמר, האָבן אַ פּאָר מיידלעך־חבֿרטעס געפּרוּווט זיך אַ דריי טאָן דעם וואַלץ, וואָס די כּלי־זמר שפּילן גלאַט אַזוי פֿאַר זיך. נאָר נישט אַרויסגערופֿן קיין שום אינטערעס בײַ די אַרומיקע, נישט אויסגענומען, און מיט אַ מאָל איבערגעריסן, אויפֿגעהערט, זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען חרטהדיק, מיט שולדיק שמייכלענדיקע פּנימער. אין אַ שווערן שוואַרצן אָנצוג און מיט אַ צו פֿיל ווײַסן געפּרעסטן קראַגן, אַ גראַמלעכן, ווי אַ געלעגענער, האָט דורכגעבלאָנקט דער פֿאַרוואַלטער פּרעגער און גענומען נישטערן און זוכן, אויפֿקלײַבן די תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך און זיי שפּאַרן אין ווײַטן ווינקל הינטערן אַראָפּגעלאָזטן סצענע־פֿאָרהאַנג. זיך געיאָגט צערודערטערהייט, האַלב הייזעריק און האָט געשריִען. באַלד האָט דער עולם אָנגעהויבן זיך אַרײַנשפּאַרן און וואַקסן. די לופֿט אין זאַל איז געוואָרן טונקל. מע האָט גערעדט אַלע אין אײנעם, און אין דרויסן איז עמעצער געקראָכן אויפֿן דאַך. מע האָט געשיקט אַראָפּשלעפּן פֿון דאָרטן דאָס פֿריילעך צעהוליעטע שייגעצל, וואָס קריכט משוגענערווײַז אויפֿן דאַך, נאָר אַרויסשפּאַרן זיך אין דרויסן איז געווען כּמעט ווי אוממעגלעך. אַזוי פֿיל עולם האָט דאָרטן שוין געשטעקט, זיך געפּרעסט און געשטופּט בײַם טויער. פֿון הינטן, אין סאַמע עק פֿון אָט דעם עולם, איז געשטאַנען די האַלב־קראַנקע יצחק־בעריכע, געפּרוּווט אַ פּאָר מאָל זיך דורכשלײַכן, נאָר אַלע מאָל אָפּגעשטויסן געוואָרן און געבליבן אומבאַהאָלפֿן און ווײַט פֿון הינטן.

— זעט נאָר, איך בעט אײַך! — האָט זי זיך געקלאָגט — ס׳איז דאָך גאָר ערד־טרעטעניש, ממש ערד־טרעטעניש.

זי איז געווען אָנגעטאָן שבתדיק, מיטן נײַעם זײַדענעם קאָפּטיכל, און האָט געהאַלטן אײַנגעקניפּט אין עק נאָזטיכל דאָס ביסעלע געלט, וואָס זי וויל געבן צו לייזן לטובֿת די אָרעמע תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך. איר איז דאָ סוף־כּל־סוף געקומען צו הילף שאולקע שנײַדער, שאולקע שנײַדער וואָס העלפֿט דאָ איבערטראָגן די טישן און אויסשטעלן די בענק. „לאָזט־דורך! — האָט ער געשריִען — ס׳איז די יצחק־בעריכע״.

ער האָט זי אָנגענומען ווי אַ קליין קינד פֿאַר דער האַנט און זי גענומען נאָך זיך שלעפּן, שלעפּן און שטופּן זיך, טרעטן אויף פֿיל באָרוועסע שיקסעפּיס. און פּלוצעם האָבן די כּלי־זמר אין מאַגאַזין גענומען שפּילן אַן אײַלנדיקן „וויוואַט״. און פֿון אָנהייב איז מען געווען פֿאַרוווּנדערט; מע האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז לכּבֿוד דער אַרײַנגעקומענער מאַדאַם בראָמבערג, וואָס האָט אַלע יאָר דעם גרעסטן חלק אין אָט דעם אָוונט. דער דאָקטער גראַבײ אַליין האָט איר געזאָגט, אַז ער הייסט שפּילן פֿון אירעט וועגן אָט דעם „וויוואַט״, און אַלע האָבן איר גענומען פּליעסקען, מען האָט זיך געזעצט צו די לאַנגע ווײַס געשפּרייטע טישן, וואָס פֿאַרבײַ די ווענט, און מע האָט גענומען טרינקען טיי.

חנהקע ליובער איז נאָך אַלץ געשטאַנען קעגנאיבער דעם בופֿעט נעבן דער נײַער ראַבינערשע. געשטאַנען אינעם ווײַס געשטיקטן האַלב טיולענעם קלייד און אין די לאַנגע ווײַסע הענטשקעס אָן די פֿינגער און האָט זיך געשטאַרקט. דער פֿאָטער אירער איז פּלוצעם געקומען פֿון וועג מיט צען מינוט פֿריִער איידער זי האָט באַדאַרפֿט אַהער אַוועקגיין; מאָטיק — מאָטיק איז דאָרטן געבליבן מיט אים אַליין. זי האָט שטייענדיק דאָ, אַקעגנאיבער דעם בופֿעט, געמוזט האַלטן קאָפּ און געדענקען, וויפֿל מע דאַרף לייזן פֿאַר יעדער מאַכל, וואָס צווישן די בלומען. און פּלוצעם האָט זי אין מיטן זאַל דערזען חיים־משהן אין זײַן גרויען וואָכעדיקן יעגער־

רעקל. אַזוי איז ער אַהער אַרײַנגעקומען: צעטראָגן און אומגעריכט, און פּשוט, אין זײַן גרויען, וואָכעדיקן רעקל. ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן. ער האָט געזוכט עמעצן מיט די אויגן. „חנהקע, חנהקע! לאָזט־דורך!“

זי האָט געמוזט דורכלאָזן צווישן זיך און בופֿעט דער מאַדאַם בראָמבערגס גרויסן אויפֿגעזאָטענעם וואָקזאַל־סאַמאָוואַר, וואָס צוויי מענטשן האָבן אים געטראָגן. זי האָט אָפּגעטראָטן אַ ביסל אין אַ זײַט, נאָר דאָרטן אין דער טיף, נעבן חיים־משהן, איז שוין געשטאַנען חווה פּויזנער אין איר גלאַטן דעקאָלטירטן שוואַרצן קלייד און אויף די שטאַרק הויכע שיכקאָרקעס. אויף אַ רגע האָט ער זיך פֿון דאָרטן באַגעגנט מיט חנהקעס אויגן. דעמאָלט האָט זיך חנהקע אויף אַ רגע אָנגעבויגן צו אַ יונגער מוטער מיט אַ קליין מיידעלע, וואָס פֿאַרדרייט די יאָרן און האַלט אין איין קלײַבן צווישן די זיסע זאַכן אויפֿן בופֿעט. חנהקע האָט מיט אַ מאָל דערפֿילט, אַז דער גאָר־סעט איז אויף איר ענג. איר האָט פֿאַרקלעמט בײַם האַרץ: „וואָס ווילסטו, מיידעלע?“ און אַז זי האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט, האָט זי שוין דערזען חווה פּויזנער זיצן מיט חיים־משהן אויפֿן רויטן סאַמעטענעם סאָפֿקעלע, וואָס אין ווײַטן עק. ער האָט אַלץ געוואָרפֿן בליקן אַהער צום בופֿעט צו, חיים־משה, נאָר ער האָט געשמייכלט, געהערט, וואָס חווה פּויזנער דערציילט אים, און האָט געשמייכלט.

*

אַלע האָבן דאָ געוואָלט כּבֿוד, ווי אויף אַ חתונה.

אסתּר פֿיך האָט זיך באַלד צעקריגט מיט אַ פּאָר ווײַבער, וואָס זײַנען אַליין געקומען מיט די גלעזער צום סאַמאָוואַר זיך אָנגיסן טיי. אסתּר פֿיך האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן זײַן אַזוי גוט און אָנידערשטעלן די גלעזער, זיך אַנידערזעצן אויף זייערע ערטער און אַז זיי זײַנען שוין גענוג געזעסן און האָבן שוין גענוג געוואַרט, וואַרטן, מע וועט זיי דערלאַנגען. נאָר די ווײַבער האָבן געענטפֿערט, זיי האָבן באַצאָלט פֿאַרן אַרײַנגאַנג גלײַך מיט אַלעמען; זיי האָבן נישט געקלערט, אַז דאָ גיט מען כּיבוד נאָר אייגענע, באַקאַנטע.

דערויף האָט זיי אסתּר פֿײַג געענטפֿערט, אַז זיי זײַנען ביידע „נאַכאַלקעס" [58], זיי קענען נעמען זייער געלט צוריק און זיך גיין געזונטערהייט. די ווײַבער האָבן זיך באַליידיקט און האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, נאָר אסתּר פֿײַג האָט געשריגן, אַז קיין טיי וועט זי שוין נישט געבן, זיי זאָלן אַפֿילו צעשפּרונגען ווערן. ס'האָבן זיך געמוזט אַרײַנמישן זײַטיקע און זיי אײַנגעשטילט. די כּלי־זמר האָבן דערפֿאַר אויפֿגעהערט צו שפּילן, און אַלעמען איז מיט אַ מאָל געוואָרן לאַנגווײַליק און נישט גוט. אַלע האָבן מיט אַ מאָל באַקומען אַזאַ געפֿיל, גלײַך מיט זייער קומען אַהער זײַנען זיי אויסן געווען נישט קיין שיינע כּוונות. דערנאָך האָבן די כּלי־זמר נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן שפּילן, און מיידלעך האָבן נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן טאַנצן. געפּרוּווט מיט אַ כּוונה צו פֿאַרגעסן אין דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען, נאָר פֿאַרגעסן נישט געקאָנט.

אויבן אָן, ווי מחותּנים בײַם אָנגעזעענעם ווײַס געשפּרייטן טיש, זײַנען געזעסן צוויי גבֿירים פֿון שטאָט, עוזר ליובער און דער יונגער בראָמבערג. ביידע אין שוואַרצע סורדוטן, ביידע שווערלעכע, בכּבֿודיקע, מיט אַזעלכע ריין אויסגעזייפֿטע האַלדז־און־נאַקנס, גלײַך זיי האַלטן זיך תּמיד אין דער היים אין איין צוואָגן, נאָר ביידע אָרטיקע שטאַרק־האָנערדיקע, און דערפֿאַר וואָכעדיק קאַלטע, גלײַכגילטיקע צו דעם, וואָס מע האָט זיי דאָ אַנידערגעזעצט איינעם אַקעגן אַנדערן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווילן אויף צו להכעיס איינער מיטן צווייטן נישט ריידן. דער יונגער בראָמבערג האָט דאָך פֿון הוילער לײַטישקייט וועגן געגעבן אַזאַ קנייטש מיט די קורצזיכטיקע אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, וואָס האָט ער געזאָגט אויף אָט דעם אָוונט פֿאַר אַ יאָרן. ער האָט זיך סוף־כּל־סוף אַ שאָקל געטאָן. „וואָס אמת איז אמת, — האָט ער געזאָגט — דער פֿאַרוואַלטער פּרעגער האָט פֿאָרט געמאַכט אַ לײַט פֿון דער תּלמוד־תּורה".

---

[58] געמיינע, פּאַסקודניאַטשקעס.

נאָר עוזר ליובער האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ קליינעם חכם. אים איז נישט אָנגעגאַנגען, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט זיך דערפֿאַר צו אים נישט אומגעקוקט און האָט, ווי פֿריִער, געקלאַפּט מיט די פֿינגער אויפֿן טיש ווי אין אַ פֿאָרטעפּיאַן. ער איז געווען באַוועגלעכער און לעבעדיקער פֿון אַלע טאַטעס. פֿון אים האָט געשמעקט מיט שטאַרקן אָדעקאָלאָן, מיט טײַער שטיקל זייף, און אין גאַנצן מיט זײַן פֿריש צעקעמטן רויטלעכן בערדל, וואָס קומט־אָן אָקערשט הײַנט פֿון וועג, האָט ער דערמאָנט אין דער גויקע, מיט וועלכער ער וווינט. די גילדענע פּענסנע האָט געריטן האָפֿערדיק אויף זײַן גראָבלעכער נאָז, און אַליין האָט ער געהאַט אַזאַ פֿריילעך אויסזען, גלײַך ער איז תּמיד גרייט צו זאָגן: „אַ חיות, בנאמנות, אויסצוּוואַקסן אין אַ קורצער צײַט מיט אַ גרויסער און רויטער דרײַגאָרנדיקער מיל, מיט אַן אייגן טשיקאַווע הויז און מיט אַ נאָמען און מיט אַן אַרויסגעשטעלטער פּײַג איבער דער גאַנצער געגנט“.

אויף אַ רגע איז דאָ דורכגעגאַנגען דער דאָקטער גראַביי. געוואָלט, אַ פּנים, זיך פֿאַרהאַלטן נעבן חווה פּויזנער מיט חיים־משהן און עפּעס זאָגן. נאָר באַלד אַוועק צוריק צום בופֿעט און געהייסן דאָרטן פֿאַרמאַכן דאָס פֿענצטער, וואָס מע האָט שוין ווידער געעפֿנט פּונקט אַנטקעגן דער טיר. סוף־כּל־סוף זײַנען דאָ איצט געווען אַלע זײַנע פּאַציענטן; אויב עמעצער פֿון זיי וועט כאַפּן אַ צוגלופּט, וועט עס סײַ ווי סײַ אויסגיין צו זײַן קאָפּ. „אײַ, איר דאָרטן! — האָט ער געשריגן — פֿאַרמאַכט, וואָס שטייט איר?“

און אַז ער האָט זיך אַהער אומגעקערט, האָט מען שוין געקלונגען צום דריטן מאָל. אַלע האָבן זיך אויף גיך אויסגעזעצט אויף די בענקלעך און די סצענע האָט זיך געעפֿנט. ס'האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ וואַלד: קינדער האָבן געבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. די ערשטע צוויי קינדער האָבן אָפּגערעדט, אַז זיי לאָזן זיך אין צוויי פֿאַרשיידענע זײַטן זוכן דעם וועג. פּלוצעם האָבן אַלע די, וואָס זיצן אויף די בענקלעך, אין דער טונקלקייט גענומען דרייען די קעפּ

צום גרויסן טויער פֿון אַרײַנגאַנג; אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן שעפּטשען, אַז דעסלער איז געקומען: „דעסלער פֿון בעריזשינעץ".

די מאַדאַם בראָמבערג איז אים געגאַנגען באַגעגענען. די קינדער אויף דער סצענע האָבן זיך אויף אַ רגע פֿאַרלוירן. דער ספּעקטאַקל האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. און נאָך דעם האָט מען שוין אין די רייען גערעדט די גאַנצע צײַט, וואָס דער ספּעקטאַקל איז געגאַנגען. קיינער האָט נישט געהאַלטן פֿון דעסלערן און אַלע האָבן זיך דאָך געהויבן פֿון די ערטער, כּדי צו זען אים אין פּנים. און נאָך דעם האָבן זיך שוין אין אַ ווײַטן ווינקל, אין עק, געהאַלטן אין איין סודען דער גימנאַזיסט פֿון באָענטן שטעטל, זײַן שוועסטער די קורסיסטין און איר חתן, וואָס האָט זיך דאָ געזאָלט לאָזן קאָסטן אַ סך געלט. אַלע זײַנען זיי געווען שטאַרק אויפֿגעבראַכט, הלמאַי מע האָט זיי דאָ אָפּגעגעבן ווינציק כּבֿוד, און האָבן איצט, אין מיטן ספּעקטאַקל געוואָלט אַוועקפֿאָרן אַהיים. מע האָט צו זיי אונטערגעשיקט חנהקען, וואָס האָט פֿאַר זיי שיִר ניט געוויינט: „מע וועט זיי אָפּגעבן אַן אָרט אָט בײַ יענעם באַזונדערן טישל. מע פֿאַרזיכערט זיי, אַז זיי וועלן זיך דאָרטן פֿילן גוט".

און פּלוצעם האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיט חנהקען, מיט חנהקען אַליין איז דאָרט עפּעס געשען. מע איז געגאַנגען צו איר הינטערן בופֿעט אינעם פֿאַרהאַנגענעם האַלב פֿינצטערן ווינקל, וווּ די לאַנגע טישן זײַנען געווען פֿול מיט אָנגעשניטענע געבעקסן און מיט געפּעס. געגאַנגען איז אַהין אויך עוזר ליובער. מע האָט איר דאָרטן געגעבן אַ זופּ טאָן וואַסער און מע איז געוווּיר געוואָרן, אַז ס'איז איר גאָר נישט, חנהקען, זי זאָגט זיך אָפּ פֿון צו גיין מיטן פֿאָטער אַהיים, זי וויל דאָ בלײַבן אויף ווײַטער. דעמאָלט האָט מען זיך אומגעקערט צוריק אין מאַגאַזין און מע האָט דערזען, אַז דער ספּעקטאַקל האָט זיך שוין געענדיקט, מע רוקט־אָפּ אַלע טישן אין אַ זײַט צו די ווענט, און שאולקע שנײַדער באַגיסט די ערד פֿון מאַגאַזין פֿון אַ טשײַניק, כּדי דער שטויב זאָל זיך אָפּזעצן. מע שטייט

שוין ווידער נײַגעריק אין אַ גרויסן קײַלעכדיקן ראָד און מע וואַרט אַלץ אויף עפּעס נײַס.

מע האָט געהייסן שפּילן די כּלי־זמר.

*

אַרום איינס אַ זייגער בײַ נאַכט איז עמעצער אַנטדרימלט גע־וואָרן אין עק מאַגאַזין אויף אַ בענקל. אַנטדרימלט געוואָרן זיצנדיק און אָפּגעדרימלט אַזוי אַ ווײַלע מיט אַ צעשאָקלטן קאָפּ, וואָס באַמ־בלט זיך פֿאַרלוירענערהייט אַראָפּ און אַרויף, נאָר פּלוצעם געגעבן אַן אומגעריכט צעשראָקענעם בליק מיט די שווערלעכע פֿאַרשלאָ־פֿענע אויגן אָקעגן זיך און האָט דאָס אָרט נישט דערקענט, אַזוי פֿאַרענדערט און טיף נאַכטיק האָט אויסגעזען אַלץ אין מאַגאַזין: ס'האָבן זיך צעזעצט אַלע דרײַ הענגענדיקע בליצלאָמפּן און זיך געוויקלט צי אין נעפּל, צי אין שטויב. אויף דער פּויק איז שוין לאַנג, אַ פּנים, געהאַט אַנדרימלט געוואָרן די טאַץ, און געקלאַפּט האָט זי דערפֿאַר איינטאָניק, פֿויל און פֿון זיך, ווי אין חלום. די כּלי־זמר האָבן געשפּילט דרימלדיק און מיד, און דער עולם אין דעם גרויסן בלײַענעם ראָד האָט נאָך אַלץ, ווי אַ פֿאַרשיכּורטער, ווי אויף צעפּיקעניש עמעצן אַ שטאַרקן און גרויסן, זיך געריינגלט אין אַ פֿאַרשוויצטער שווינדלענדיקער אײַלעניש, געהיפּעט און געטופּעט דעם מאָדנע לאַנגן טאַנץ, זיך אָפּגעשטעלט אַלע ווײַלע מיט אַ שטאַרקן אָפּגעהאַקטן קלאַפּ פֿון פּויק, געלאָזט אַן אָטעם טאָן די כּלי־זמר און זיך ווידער אַ מאָל גענומען דרייען און אויפֿהייבן דעם שטויב.

דעסלער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן דער מאַדאַם בראַמבערג זײַן שמעקנדיק געלט אין קאָנווערט און איז פֿאַר פֿרי אַוועקגעפֿאָרן אַהיים. עוזר ליובער מיט בראַמבערגן האָט מען שוין דאָ אויך מער נישט געזען, און יונגוואַרג איז דערפֿאַר געוואָרן פֿרײַ און לוסטיק. דער גימנאַזיסט אין מיטן טאַנצנדיקן ראָד האָט באַוויזן, ווי אַזוי צען מענטשן קענען זיך אָנהאַלטן איינער אין צווייטן און גיך דרייען זיך אַזוי משוגענערווײַז, אַז דער קאָפּ זאָל זיך שווער פֿאַרדרייען

און זיי זאָלן נאָך אַלץ שמייכלען, אָפּאָטעמען מיטן לעצטן אָטעם און שמייכלען און ווידער אַ מאָל זיך נעמען דרייען, זיך הילן אין גאַנצע וואָלקנס שטויב.

— אוי, ס׳שטיקט...

— גייט־אַרויס פֿון דאַנען.

אסתּר פֿיך האָט געהאַט קראַנקע לונגען. דער דאָקטער גראַבײַ האָט זי עטלעכע מאָל אַוועקגעשיקט צו דער אָפֿענער טיר, נאָר זי איז געווען אַ ביסל אויסגעטרונקען און האָט געוואָלט זײַן דווקא דאָ, ווו ס׳זיצן דער דאָקטער מיט חיים־משהן. „ניין. זי וועט זײַן דאָ. זי וועט דאָך נישט לאָזן, אַז דער דאָקטער מיט חיים־משהן זאָלן אַוועקגיין אײדער ס׳ווערט טאָג. פֿאַר אַ יאָרן, אויף אָט דעם אָוונט, איז געווען מלך און אויך אים האָט מען דעמאָלט נישט געלאָזן אַוועקגיין אײדער ס׳וועט אָנהייבן טאָגן. זי און נאָך אַ נײַער מענטש האָבן אים דעמאָלט נישט געלאָזן. איצט איז אָט דער מענטש אָפּגעגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אויפֿן צווייטן פּלאַן... איר קוקט אים איצט אָן, אָט דעם מענטשן?... כּי, כּי, כּי“... און זי האָט גענומען ווינקען אויף חווה פּויזנער, וואָס זיצט פֿאַרגאַפֿט אײנע אַליין אין עק מאַגאַזין אויפֿן קורצן סאַמעטענעם סאָפֿקעלע.

אין יענעם אָוונט האָט פּרעגער דער פֿאַרוואַלטער באַוויזן פֿון ס׳נײַ צו באַליידיקן חווה פּויזנער און זי אָנרירן מיט אַ פּאָר ווערטער, אַזוי אַז זי זאָל ווערן שטאַרק אויפֿגעבראַכט און רויט, און זאָל זיך נאָך דעם קיין אָרט נישט געפֿינען אַ גאַנצן אָוונט. פֿון אָנהייב האָט זי געפּרוווט ריידן פֿאַרן דאָקטער אויף אָט די אַלע ייִדישע יונגע לײַט וואָס טאַנצן. „קוקט, ווי זיי שפּרינגען! — האָט זי געזאָגט צום דאָקטער — סאַראַ מיאוסע באַוועגונגען; קוקט, ווי זיי זײַנען אַלע העסלעך“. אַלץ אין זיי איז, נאָך איר מיינונג, געווען עקלדיק. זי, חווה פּויזנער, האָט בכלל אין משך פֿון איר לעבן אַזוי זעלטן וועגן זיי געטראַכט. „איין מאָל זײַנען צוויי פֿון זיי אַרײַנגעקומען צו איר אַהיים. זי איז נאָך דעמאָלט געלעגן אין בעט, נאָר

זי איז געווען גרייט זיי גלײַך אַרײַנצולאָזן צו זיך אין צימער, אויף אַזוי פֿיל האָט זי זיי נישט גערעכנט פֿאַר מאַנסבילן״.

חווה פּויזנער האָט אויך געפּרוּווט זיצן אַ ביסל מיט חיים־משהן און אים פֿאַראינטערעסירן. „יצחק־בער דאַרף זײַן, נאָך איר מיינונג, אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אַן אָפּגעשלאָסענער, ער גלייבט זייער ווינציק מענטשן״. נאָר חיים־משה האָט נאָר געהערט און מער גאָר. געהערט און געשמייכלט. גלײַך אויך ער איז עפּעס ווי אָנגעשטויסן אויף איר, אויך ער גלייבט איר נישט.

סוף־כּל־סוף איז חווה פּויזנער געבליבן זיצן איינע אַליין אויפֿן קורצן סאַמעטענעם סאָפֿקעלע און גענומען וואַרטן ס'זאָל טאָג ווערן. „געשיקט זיך, אַז דאָ וועט זיך נישט געפֿינען קיינער, וואָס זאָל זי איצט באַגלייטן אַהיים?!״

זי האָט געקוקט, ווי דער עולם טאַנצט און הייבט אַרום זיך דעם שטויב, און געפֿילט, אַז דאָרטן, אין ווינקל, קעגנאיבער די פֿאָרהאַנגען, וווּ ס'שטייען די טישן מיטן געפּעס און מיטן געבעקס, האַלט זיך עפּעס אין איין טאָן, מע האָט זי דאָרטן אין מויל.

אַך, יאָ. דאָרטן, הינטערן פֿאָרהאַנג, אינעם האַלב פֿינצטערן ווינקל, האָט זיך די גאַנצע צײַט עפּעס געטאָן. שאולקע שנײַדער האָט דאָרטן באַקומען זײַן לוין דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאָלפֿן אויפֿן אָוונט באַדינען; ער האָט געזופּט פֿון אַלע נישט־אויסגעליידיקטע פֿלעשער. געטרונקען האָבן דאָרטן, חוץ אים, פּרעגער, אַנשל צודיק און אויך אסתּר פֿיך. אסתּר פֿיך האָט דאָרטן ווי אַ מאַנסביל געפּרוּווט אַרײַנגיסן אין זיך עטלעכע פּשוטע ביסלעך בראָנפֿן און האָט געהאַלטן אין איין לאַכן אויף איר דינעם פֿאָנפֿעדיקן קולכל. פּרעגער האָט דאָרטן געפּרוּווט אַלעמען אײַנשטילן; ער האָט גערעדט אויף אַלע לײַטישע און געהויבענע ראַקיטנער באַלעבאַטים. נאָר דער אויסגעטרונקענער אַנשל צודיק האָט נישט געוואָלט הערן און איז געבליבן שטאַרק אויפֿגעראַמט און צופֿרידן. ער האָט געקוואָלן פֿון זיך, אַנשל צודיק אַליין, פֿון דעם וואָס ער אַליין טרינקט, און פֿון דעם, וואָס ער אַליין פֿאַר זיך רעדט אויף חווה פּויזנער. „אַ

קרעפּס! — האָט ער געשריגן אויפֿן ערנוואָרט — אַ קרעפּס!״... און ער האָט אַליין געטײַטלט מיטן פֿינגער אַהין צום סאַמעטענעם סאָפּקעלע, ווו ס׳זיצט חווה פּויזנער.

שיכּורערהייט, מיטן גלעזל אין האַנט, איז ער אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו עמעצן פֿון די אַרומיקע, צוגעגאַנגען מיט אַזאַ מינע, גלײַך ער האָט מורא, אַז יענער וועט אים נעמען קיצלען, און גענומען עפּעס שעפּטשען אויפֿן אויער. אים איז אַרויף אויפֿן זינען אַ גלענצנדיקער אײַנפֿאַל: אַ קרעפּס האָט אַ שטיקל צײַט, ווען עס פֿאַלן אים אַראָפּ פֿון די קלעמערס די האָרן־ביינדלעך, ער האָט זיך דעמאָלט נישט מיט וואָס צו קנײַפּן. ער פֿאַרקלײַבט זיך דעמאָלט אין אַ ווינקעלע, ווי אַ סטאַטעק, און וואַרט־איבער די שלעכטע צײַט, איז אָט: „פּונקט ווי חווה פּויזנער איצטער...״

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער געדאַנק איז אַ גלענצנדיקער. נאָר קיינער האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף. שיכּורערהייט איז ער נאָך אַ מאָל מיט אָט דער המצאה צוגעשטאַנען צו חיים־משהן; ער האָט פֿאַרגעסן, אַז ער איז שוין איין מאָל צו אים צוגעשטאַנען. „טוט אויף איר אַ קוק!״ — האָט ער אָנגעקוואָלן.

נאָר חיים־משה האָט ווידער אַ מאָל גלײַכגילטיק אויסגעהערט. ער האָט בכלל אויסגעזען גלײַכגילטיק צו אַלץ, וואָס דאָ אויפֿן אָוונט קומט־פֿאָר. ער האָט אַלץ געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, גלײַך ער זוכט עמעצן מיט די אויגן. נאָר סוף־כּל־סוף איז ער אַרויסגעגאַנגען צום אָפֿענעם טויער פֿון מאַגאַזין און זיך געשטעלט וואַרטן, ס׳זאָל טאָג ווערן. פֿון הינטן, הינטער די פּלייצעס, האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט די פּויק. ס׳האָבן זיך נאָך אַלץ געזעצט די לאָמפּן און פֿאַר די אויגן האָט זיך געבלאַנקט דער אינעוויייניקסטער ציכטיקער פֿאַסאַד פֿון בראָמבערגס אַרומגעפּוצטן ראָז געפֿאַרבטן הויז. ערד־מאַשינעס האָבן זיך דאָרטן געשוואַרצט, געגרינט אין לאַנגע, לאַנגע שורות, און שפּײַכלערס האָבן געדרימלט אין דער זײַט, פֿולע שפּײַכלערס, זיכערע אַזעלכע און באַשטאַטע, באַשטאַטע. מאָדנע, ווי פֿעסט ער האָט זיך דאָ אײַנגעפֿונדעוועט, אָט דער פּאַמעלעכער, קורצזיכטיקער און

פּולבלעכער בראָמבערג. נאָר אָט: וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייטן עס קו־מען איצט אַרויף אים, חיים־משהן, אויפֿן זינען... וואָס גייט עס אים אָן? ס׳איז אפֿשר גלײַכער, וואָס ער איז סוף־כּל־סוף נישט צוגע־גאַנגען צו חנהקע ליובער. און די נאַכט, וואָס ער האָט דאָ פֿאַר־בראַכט? ער האָט פֿון אָנהייב אָן אַזוי געטראַכט: „תּמיד שלאָפֿט מען נישט אַ נאַכט אײדער מע פֿירט־אויס אַ געוויסן ענין". נאָר אָט אַקעגן הייבט שוין אָן גרוי ווערן און טאָגן דער פֿײַכטער סוף פֿון נאַכט. ס׳איז דאָ מער נישט געבליבן וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט צוריק אין מאַגאַזין אַרײַן, צו די הענגענדיקע לאָמפּן, וואָס זעצן זיך נאָך אַלץ אין נעפּל; אײגנטלעך דאַרף ער, חיים־משה, זיך מיט קײנעם דאָ נישט געזעגענען. ער מעג גײן.

*

ער איז געגאַנגען אײנער אַלײן מיט דער סוף־נאַכטיקער גרוי־קייט אַרויס דער שטאָט. געשפּאַנט שמײַדיק מיטן טויִק־פֿײַכטן שטויב אויפֿן וועג און האָט נאָך אַלץ אין זינען געהאַט דעם פֿריִער־דיקן געדאַנק: תּמיד שלאָפֿט מען נישט אַ נאַכט אײדער מע פֿירט־אויס אַ געוויסן ענין.

צוריק מיט אַ יאָר האָט אויף אָט דעם אָוונט פּונקט אַזאַ נאַכט פֿאַרבראַכט מלך. נאָר מלך איז אין דער פֿרי אַוועק פֿון דאָרטן רויִק, מיט זײַן שטענדיק שעמעוודיקן שמייכל. מלך האָט געטאָן אַנדערש. ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן מיט אַ נאַכט פֿריִער, אײדער ער איז שטיל אַוועקגעגאַנגען. ער איז געווען אויסגעהאַלטן ביזן סוף, מלך, און האָט געשמייכלט. אויב שטומער, נאָר „שטומער פּראָטעסט", איז קײנעם נישט פֿאַרוווּנדערן. אַך, יאָ, ער, חיים־משה, האָט שוין דאַכט זיך, אײן מאָל וועגן דעם געטראַכט:

„פֿאַר וואָס ביסטו אַזוי שטיל אַוועק, מלך?"

„דו ווייסט, חיים־משה".

„כּדי נישט אויפֿצוּוועקן קלײנע קינדער?"

„יאָ, חיים־משה, זאָלן דרימלען קינדער; זאָלן דרימלען קינדער מיט בלאָסע בעקלעך".

„אָבער ס׳איז דאָך הוילער שד, מלך, הוילער שד, אין גוטסקייט און אין שעמעוודיקן שמייכל...״

ער איז אַריבערגעקראָכן דעם וואַלדטויער און האָט געטראָפֿן די טיר פֿון יצחק־בערס דרימלדיקן שטיבל, ווי אין שטילער וואַרטעניש, נישט פֿאַרריגלט אינעווייניק. אַך, מאָדנע... מאָדנע, ווי אָט דער יצחק־בער האָט זיך תּמיד פֿאַר אים, חיים־משהן, געזאָרגט. דאָס האָט ער, אַ פּנים, נעכטן אין אָוונט אין זינען געהאַט דאָ אַרומצוגיין און פֿאַרמאַכן צו דרויסן די לאָדנס פֿון זײַנעם, חיים־משהס, צימער; ער האָט אין זינען געהאַט נישט צו פֿאַרריגלען פֿון אינעווייניק די טיר, כּדי ער, חיים־משה, זאָל נישט דאָרטן קלאַפּן.

ער איז שטיל אַרײַנגעקומען צו זיך אין צימער און האָט פֿאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר און ערשט נאָך דעם באַמערקט, אַז ער האָט אין דרויסן פֿאַרגעסן עפֿענען די לאָדנס פֿון זײַנע פֿענצטער. נאָר אומקערן זיך און עפֿענען איז געווען איבעריק. דער גרויער אָנהייב טאָג האָט שוין סײַ ווי אַרײַנגעדרונגען דורך די שפּאַלטן און האָט געלויכטן. ער האָט זיך צוגעלייגט אויפֿן בעט און איז אַזוי אָפּגעלעגן לאַנג, לאַנג, מיט אָפֿענע אויגן אַקעגן דער סטעליע.

וואָס איז איצט געבליבן צו טאָן?

זיך שלעפּן פֿאַר די האָר און אויפֿרײַסן, ווי ס׳פֿאָדערט יצחק־בער, „נתגלה״ ווערן און טאָן דעם שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר, אָדער נאָכגעבן דעם געפֿיל, וואָס האָט הײַנט אַ גאַנצע, אַ גאַנצע נאַכט צו איר, צו חנהקען, געצויגן, נעמען מיט זיך חנהקען אַהין צוריק אין דער גרויסער שטאָט, און זאָל זי זיצן דאָרטן בײַ אים הינטערן פֿאָרהאַנג, זאָל זי הערן, ווי ער קנעלט מיט היפּשע ייִנגלעך און מיט מיידלעך מיטן אַלטן ניגון פֿון פּרק...

Итак... чему равняется (а+в)$^2$

און נאָך אַן אויסוועג איז פֿאַראַן, נאָך אַ מיטל: „אַך, יאָ, מאָדנע, ער געדענקט עס געוויס...״

איין מאָל, שאַרנדיק בײַ מלכן אין שופֿלאָד צווישן זײַנע פּאַפּירן, האָט ער געפֿונען אַ קליין פּעקעלע מיט אַ שוואַרצן מענטשן־שאַרבן אויפֿן עטיקעטל און מיט צוויי איבערגעצלמטע ביינער. ער

האָט עס דעמאָלט אַראָפּגעלאָזן צו זיך אין הויזנטאַש, נאָר ער געדענקט נישט, וווהין ער האָט עס נאָך דעם אַהינגעטאָן. ער קאָן זיך בשום אופֿן נישט דערמאָנען, וווהין ער האָט עס דעמאָלט אַוועקגעלייגט.

ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן אומרויִק. ער האָט אויף גיך אַרויסגערוקט פֿון הינטערן קאָמאָד זײַנע צוויי טשעמאָדאַנעס און האָט געשווינד גענומען אין זיי זוכן. ער איז אַזוי געשטאַנען אויף די קני נעבן די טשעמאָדאַנעס און האָט געהאַלטן אין איין נישטערן אין זיי און זוכן. און פּלוצעם האָט ער מיט אַ מאָל אויפֿגעהערט; ער האָט אָנגעשטעלט אַן אויער צו דער שײַן פֿון איינעם אַ לאָדנשפּאַלט און האָט זיך גענומען אײַנהערן.

מע האָט געקלאַפּט אינעם לאָדן, שטיל אַזוי און נישט זיכער האָט מען אין לאָדן געקלאַפּט, אָפּגעהיפּערט אַלע מאָל אַ בײַע וואַרטנדיקע ווײַלע און ווידער אַ מאָל געגעבן עטלעכע שטילע, נישט־זיכערע קלעפּ.

פּאַמעלעך און אויף די שפּיץ פֿינגער, גלײַך ער קאָן עמעצן אויפֿוועקן, איז ער צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און האָט עס געעפֿנט אין דרויסן אַרויס, דאָס פֿענצטער, אין איינעם מיטן לאָדן; ס'איז שוין געווען אין גאַנצן טאָג, ממש טאָג. ערגעץ ווײַט, פֿאַרשטעלט מיט די ווײַטסטע און העכסטע ביימער־שפּיצן פֿון וואַלד, איז אויפֿגעגאַנגען די זון, און אַקעגן, נעבן דעם פֿײַכטן, קאַלטן בײַשטידל פֿון פֿענצטער איז מיט אַ בלאַס און צעשראָקן פּנים געשטאַנען אַ פֿרוי. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געהעפּט ווײַסן האַלב טיולענעם קלייד מיט ווײַסע און לאַנגע הענטשקעס אָן פֿינגער. אירע אויגן האָבן אויף אים געקוקט גלײַך פֿון אַקעגן, ווי פֿאַרגליווערטע האָבן זיי אויף אים געקוקט, ווי גלעזערנע, וואָס קאָנען נישט ריידן.

ער האָט זי דערקענט:

— אַך, חנהקע...

אָנגעהויבן אין יאָר 1913,
געדרוקט אין יאָר 1920,
אין זאַמלבוך אייגנס, קיִעוו.

# פון „בירעבידזשאנער“

# אַ קאַפּיטל

— 1 —

אין קאַנטאָר האָט „אָפּגעשפּילט“ אַ סקאַנדאַל דער באָברויסקער איבערוואַנדערער, דער בלעכער, הלמאַי גיט מען אים נישט קיין בילעט אויף אַוועקצופאָרן אויף צוריק; ער האָט געקלאַפּט אין טיש:

— מע האָט מיר אַהער גענומען אויף צו דעקן דעכער, נישט אויף שוואַרצער אַרבעט. איך וויל פֿון גאָרנישט ניט וויסן!

ער האָט נאָך דעם געגוואַלדעוועט אין דרויסן, נעבן איבערוואַנדערער־באַראַק:

— אַ תּירוץ! — „נאָך נישטאָ קיין בלעך“, „נאָך נישט פֿאַרטיק די דעכער“...

— „געעפֿנט אַ קאַנטאָר פֿאַר שטעלעס“...

— האַלט זיך אײַן!...

— נישט אויף מיר וועט איר דאָ האָבן שטעלעס.

זײַוול בראָדסקי האָט צוגעפּאָנפּעט:

— גערעכט, ווי גאָט אַליין.

פּעסל איז אַהין צוגעקומען מיט ווײַט־פֿאַרקאַשערטע נאַסע הענט — געהאַלטן אין מיטן אַן אַרבעט אַרום באַראַק. זי האָט דערהערט ווי זײַוול זאָגט וועגן דער קאַנטאָר:

— איך קאָן זיי לאָזן ביליקער: איך נעם בײַ זיי אַ בילעט קיין וולאַדיוואָסטאָק... ווייסט איר גאָר וואָס? זאָלן זיי מיך צושטעלן קיין כאַבאַראָווסק: דען קיין שטאָט נישט? איך האָב דאָרט אַ געשוועסטערקינד, לעבט זיך אים נישקשה...

אין פּעסלס פֿאַררויטלטע באַקן, אין אירע וואַרעם ברענענדיקע אויגן, אַפֿילו אין אירע געקרײַזלט שוואַרצע האָר האָט זיך אָנגע־

צונדן אַ פֿײַער, ווי פֿון אַ גאַנצער ברענענדיקער שטאָט. זי האָט געזאָגט צו זײַוולען:

— ווער האַלט דען אײַך דאָ? פֿאָרט קיין כאַבאַראָווסק. אפֿשר זײַט איר טאַקע גאָר צוליב דעם אַהער געקומען?

זײַוול האָט אויף איר שטעכיק אַ קוק געטאָן:

— וואָס איז? ביסט „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט"?

פּעסל האָט אים דערויף געענטפֿערט:

— פּאַסט אײַך נישט?

זי האָט צוגעגעבן נישט אָן האָנער:

— יענער, וועמען איך געפֿעל נישט, קאָן זיך זוכן אַן אַנדערע...

דערבײַ האָט זי באַקומען שטײַפֿקייט אין די אַקסלען, ווי זי פּערזענלעך וואָלט טאַקע זײַן אַ שטיקל „דיקטאַטור". זי איז אַוועק אין קאַנטאָר פֿרעגן:

— צו וואָס האַלט מען זיי דאָ, דעם באָברויסקער, זײַוולען, יודל ליפֿשיצן און יענע אַלע מיוחסים, וואָס זאָגן זיך אָפּ פֿון שוואַר־צער אַרבעט, אויף נאָסעניע [1] ?

נאָר אָט האָט מען פֿון איבערוואַנדערער־פּונקט ווידער אָפּגע־שיקט אַ קליינע פּאַרטיע צו בירער פּרוופֿעלדער. אייניקע פֿון די „מיוחסים" האָבן ביסלעכווײַז אויסגעטריקנט. ס'איז אָנגעקומען אַ צוג מיט מאַשינען. אַרקע, מאָטל און וועלוול אַרבעטן שוין מער נישט בײַם טײַך. זיי לאָדן־אויס דעם צוג. עס הערן זיך פֿון דאָרט קלעפּ פֿון האַמער, שיפּענדיקער גערויש פֿון פֿײַלן, הילכיק קנאַלערײַ, ווי בײַם אויספּרווון פּולעמיאָטן:

— פּעכ... פּעכ!...

— פּעכ... פּעכ... פּעכ, פּעכ! פּעכ!

דאָס פּרווט מען ערגעץ אַ מאָטאָר.

דאָס גאַנצע בירעבידזשאַנער דערפֿל טיכאָנקע מיט די פּאָר

---

[1] גרייטן צום פּאַרזיי.

געסלעך, כאַטעס און פּלויטן, ווי עס וואָלט גאַנצע טעג זיך איינ־הערן און שטוינען:

— וואָס טוט זיך עס?

אַפּילו פיאָטער אַקסענטיעוויטשן, וואָס אַרבעט ווי אַ בויער בײַם נײַעם איבערוואַנדערער־הויז, איז אויך אַ ביסל נײַ די מעשׂה. ווי אַלע אָרטיקע, איז ער צוגעוווינט: ווונדער קומען פֿון אַרומיקע בערג, פֿון דער נאָענטער טײַגע[2], פֿון אַרומיקע טײַכן. עס מאַכט זיך: די בערג טוען פּלוצלינג אַ קוק, ווי בלינדע, ברוגז אומרחמנו־דיקע באַשטראָפֿערס, און שיקן אַהער וואָלקנס, שנייען אָדער רעגנס. עס טרעפֿט: דאָס דערפֿל ווערט פֿאַרפֿלייצט פֿון טײַכן. נאָר פֿאַר־פֿלייצט ווערן גאָר פֿון מענטשן? פּיאָטער אַקסענטיעוויטש, אַ בכבֿו־דיקער אָרטיקער אײַנוווינער, מיט אַ בכבֿודיקער באָרד, מיט קאַלט־לעך ריינע אַש־קאָליריקע אויגן, ווי אַלע אָרטיקע האָט ער אַ ביקס אויף צו גיין מיט איר אין דער טײַגע אויף יאַגד. אויף זײַן פּלויט טריקנט זיך אַ נעץ אויף צו כאַפּן פֿיש אין בירע. אַרום זײַן כאַטע — נישט קיין גרויסער גאָרטן, אַ שטיקל פֿעלד. אַליין זאָגט ער זיך נישט אָפּ צו אַרבעטן ווי אַ בויער בײַם נײַעם איבערוואַנדערער־הויז. ער איז נאָך אַלע סימנים אַ מענטש וואָס האַלט זיך בײַם כּלל:

— אַלץ איז גוט צו ביסלעך.

זײַן שטונדיסטישע[3] משפּחה האָט אַהער אויסגעוואַנדערט נאָך אין אַלעקסאַנדער דעם דריטנס צײַטן. קיין ייִדן האָט ער אויף זײַן לעבנסטאָג נישט געזען, געהאַט בלויז בקבלה פֿון די עלטערן, אַז זייער גלויבן קומט־אַרויס פֿון „העברעיִשע הייליקע אָבֿות“, וואָס האָבן, אים צו לענגערע יאָר, געהייסן מיט זייערע וואַזשנע נעמען:

— „אַבראַ־אַם“...

— „איסאַ־אַק“...

---

[2] ווילד פֿאַרוואַקסענע וואַלדגעגנט. — [3] פֿון דער רעליגיעזער סעקטע שטונדיסטן, וואָס איז פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן אין רוסלאַנד (1893—1895).

— „יאַקאָוו... אָן זשע יזשראַעל"[4]...

מסתּמא זיי האָט דאָס אין זינען געהאַט דער אַראָפּגעקומענער פון קאַנטקאָם[5], וואָס האָט דאָ פּרילינגצײַט געגעבן צו וויסן: „די פרײַע ערדן דאָ, אין בײַ־אַמורערער פּאַס, זײַנען דורכן צאַק פּסטר[6] אויסגעטיילט געוואָרן פֿאַר די נויטן פון אַרבעטנדיקע ייִדן". אַזאַ קלאַנג האָט זיך דעמאָלט פֿאַרשפּרייט אין דאָרף און אַזאַ געפֿיל איז טאַקע געווען בײַ פּיאָטער אַקסענטיעוויטשן בײַם אָנקומען פון די ערשטע איבערוואַנדערערס:

— „מאַזלטאָוו"...

— אַבראַ־אַם, יאַקאָוו, אָן זשע יזשראַעל, איז געקומען.

ערשט נאָך דעם, ווען מע האָט אויף די איבערוואַנדערערס אַ קוק געטאָן, איז אויסגעקומען אַ קאַפּעלע זיך צו ווונדערן:

— עפּעס צו וואָכעדיקע „הייליקע אָבות".

און פון דענסטמאָל אָן האַלט דער ווונדער אַלץ אין איין וואַקסן.

עס טרעפֿט: פּיאָטער אַקסענטיעוויטש געפֿינט זיך אויסערן דערפֿל אויף דער הויכער גרין ביימערדיקער סאָפּקע — ער האַקט פֿאַר זיך האָלץ אויף ווינטער. אויף דער הויכער טײַגישער סאָפּקע ווערט ער אַליין אויך אַ שטיק טײַגע. מיט די אויגן פון דער טײַגע קוקט ער אַראָפּ אויפֿן דערפֿל, צום מענטשן־געווימל וואָס נעבן דער באַנסטאַנציע, אַרום דעם קאַנטאָר און אַרום איבערוואַנדערער־באַראַק. ווי אײַלנדיקע גרויע און שוואַרצע מוראַשקעס יאָגן זיי דאָרט אין אַלע זײַטן. פון טאָג צו טאָג קומען זיי אַהער, אַלץ נײַע און רעשיקע, טאַראַראַמעווען דאָ אָפּ. אייניקע נעמען זיך דאָ צו שנײַדערײַ, צו שוסטערײַ, צו סטאָליער־אַרבעט. אַנדערע שיפֿן זיך אַריבער אי־בערן טײַך בירע, פֿאַרקריכן טיפֿער אין לאַנד. מע באַוויזט זיך נישט אַרומצוקוקן, ווי עס קומען־אָן נײַע, ווי אויף אַ פֿאַרהוילענער קאָ־מאַנדע, לאָדן זיי אויס וואַגאָנען, קלאַפּן, שרויפֿן, רײַסן־אויף קאַסטנס,

[4] (רוס׳ש) ער איז עס ישראל. — [5] (ראשי־תיבות) קאָמיסאַר פון דער געגנט. — [6] העכסטע מאַכט פון ראַטן־פֿאַרבאַנד.

זאָטלען־אָן אײַזערנע מאַשינען. פּיאָטער אַקסענטיעוויטש מיט דער האַק אין האַנט — אַ שטיק לעבעדיקע טײַגע; ער האָרכט, קוקט און וואַרט:

— מעט [7] לעבן, וועט מען זען.

דערנאָך: אין איינעם מיט פּיאָטער אַקסענטיעוויטש און מיטן גאַנצן דערפֿל טיכאָנקע האָט איין מאָל די אַרומיקע טײַגע דער־הערט מאָדנע רעשיקע געשרייען. מע איז אַרויסגעלאָפֿן כמעט פֿון אַלע הײַזער, עלטערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט קינדער. געלאָפֿן צו איינעם פֿון די געסלעך, געשטאַנען און געגאַפֿט: איבערן געסל, וואָס פֿירט צום טײַך בירע, איז געקראָכן אַ גרויסער אײַזערנער היישעריק, צי אַזאַ זשוק. אויפֿן אײַזערנעם זשוק איז, ווי האַלב רײַטנדיק, געזעסן דער קאָמיוגיסט [8] אַרקע, געציטערט אין איינעם מיט אַלע אײַזערנע גלידער, וואָס דער זשוק פֿאַרמאָגט, שטײַף גע־האַלטן אין זײַנע הענט דאָס רייפֿל מיטן אײַזערנעם דראָנג, וואָס איז אײַנגעשרויפֿט אין זשוקס קאָפּ, אים געדרייט, געקערעוועט און גע־צוווּנגען שלעפּן נאָך זיך צוויי שווערע וואָגנס מיט מאַשין־טיילן. דער אײַזערנער זשוק האָט ווי נישט אויפֿגעהערט צו שרײַען:

— וואָס האָט מען צו מיר?

— כ׳וויל נישט!

פֿון אַרום און אַרום האָט מיט אָן אַ שיעור ווידער־קולות נאָך העכער געשריִען די טײַגע, געגוואַלדעוועט ווי אויף צו פֿאַרשרעקן.

אַרקע אויפֿן טראַקטאָר האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט האָבן שטאַרק פֿאַרקוועטשט די ציין. זײַנע אויערן — טויב פֿאַר אַלע אַרו־מיקע געפּילדערס: ער ווײַזט דער טײַגע וואָס ער קען — ער וועט רײַסן פֿון איר שטיקער.

— 2 —

געווען אַ מעשׂה מיט יודל ליפּשיץ נאָך איידער ער איז געפֿאָרן קיין בירעבידזשאַן — ער איז דענסטמאָל בײַ זיך אין דער היים

[7] (פֿאַרקירצונג) מען וועט. — [8] יוגנטלעכער קאָמוניסט.

געוועזן אין „קראָליק־קאָלעקטיוו" — איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פֿון אַ האַלב פֿאַרגעסענעם פֿרײַנד פֿון אַמעריקע. יענער האָט געגעבן צו וויסן, אַז אין אַמעריקע שרײַבט ער אין די צײַטונגען, געבעטן אים אָנשרײַבן ווי אַזוי לעבט זיך אין שטאָט. ליפֿשיץ האָט געענטפֿערט מיט אַ גאַנצן „באַשרײַבעכץ", ווי אַזוי קיין רײַכע לײַט זײַנען שוין נישטאָ, ווי אַזוי און בײַ „וועמען" מע איז אַצינדער דאָ אין די הענט, ווי אַזוי „מע טאָר נישט גלייבן זייערע צײַטונגען". דענסטמאָל זײַנען אים פֿון אַמעריקע אָנגעקומען עטלעכע דאָלער מיט אַ פאָר ווערטער: „ס'איז מיר צו נוץ געקומען, שרײַבט אָפֿט". ליפֿשיץ האָט זיך געזאָגט: היטן זיך פֿון דעסט וועגן שאַט נישט.

די זאַך איז אַוועק בסוד־סודות: פֿאַרשטעלטע, נישט־אונטערגעשריבענע בריוו „מיטן ריינעם אמת" וועגן באָלשעוויקעס. אַלע מאָל פֿאַר עטלעכע דאָלער פֿון אַמעריקע. ליפֿשיץ איז געוואָרן אַ מין שטיקל אויסלענדישער קאָרעספאָנדענט. דערנאָך האָט פלוצלינג אויפֿגעהערט אָנקומען פֿון אַמעריקע סײַ געלט, סײַ ידיעות. ער האָט געלערנט דעם פשט: אין פאָטשט [9] האָט מען מן הסתם זיך אומגעקוקט אויף אַ פאָר בריוו... מע וואַרט אויף נאָך... אויב אַזוי, איז בפֿירוש בעסער, אַז דער „טאַטע" פֿון די בריוו זאָל זיך דאָ נישט געפֿינען. יודל ליפֿשיץ האָט גערעכנט: די אייגענע בריוו וועט מען קאָנען שרײַבן פֿון בירעבידזשאַן. ערשט אין בירעבידזשאַן האָט ער זיך אַרומגעקוקט. מע געפֿינט זיך דאָ מיט פֿיל מענטשן אין איין באַראַק — גיי, שרײַב די בריוו פֿאַר אַלע אין די אויגן. און חוץ דעם: דאָ איז נאָענט צו דער גרענעץ און די פאָטשט קען דאָ האַלטן אויפֿן אויג גאָר איבער אַנדערע טעמים. די בריוו טראָגט ער אַרום בלויז בײַ זיך אין קאָפּ, און דאָס רייצט אים מסוכן אויף. עס ציט זיך שוין אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. ער געפֿינט זיך די גאַנצע צײַט אין אַ צושטאַנד פֿון אַ מענטשן, בײַ וועמען עס רײַסט טאָג ווי נאַכט אַ פֿליוס [10] און איז גרייט אויפֿצופּלאַצן, ווי נאָר מע רירט אים אָן.

---

[9] פאָסט. — [10] בלאָטער.

הײַנטיקן פֿרימאָרגן איז אָבער יודלען אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה גאָר איבער אַנדערע זאַכן — הײַנט האָט ער אַ נגעשוואָלן האַרץ, סײַ אויף דער „קאַנטאָר" [11], סײַ אויף יענע עטלעכע אי־בערוואַנדערערס, וואָס האָבן גלײַך מיט אים געפֿאָדערט, מע זאָל זיי געבן בילעטן אויף אַוועקצופֿאָרן. טאַקע וועגן די לעצטע קאָן ער איצט נישט טראַכטן אַנדערש ווי מיט רויט אָנגעגאָסענע אויגן און מיט ציין־קריצעניש.

— הולטײַעס! אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן!

אים, ליפֿשיצן, האָבן זיי דאָ אַרויסגעשטעלט פֿאַרן ערשטן שייגעץ, געהאַלטן אין איין שיקן אין „קאַנטאָר":

— „וואָס שוויגסטו"?

— „מאַך זיי דאָרט די ברכה".

— „מע זאָל דערהערן אין דער צענטער גאַס"...

ער, הייסט עס, וועט זיך שוואַרצן פֿאַר זיי זײַן פּנים — זיי וועלן שטיין פֿאַר אים שטאָל און אײַזן. דער סוף איז געווען: אַלע זײַנען זיי זיך צעפֿאָרן אויף אייגענע הוצאות — נאָך גאָר געהאַט יעדער איינער אויסגעבאַהאַלטענע געלטער: יודל ווינטשט זיי דערפֿאַר: „האָבן זאָלן זיי די צען־יאָריקע קדחת, סע זאָל מיט זיי וואַרפֿן העכער אַלע דעכער". די לעצטע זײַנען שטילערהייט אויס־גערונען זײַוול בראָדסקי און דער געצאַצקעטער ייִד, וואָס האָט דאָ אַלע טעג געהאַט צרות בײַם האָבן דעם מאָגן (ווײַל „ער איז צוגעווינט צו אַ ברעטל"). זײַוול — דער רוח ווייס אים, צי האָט ער נאָך אַליין געהאַט געלט אויף אַוועקצופֿאָרן, צי ער האָט גע־מאַכט עפּעס אַ „קאָמבינאַציע" מיטן געצאַצקעטן ייִדן — זײַוול, ערשט איצט זעט יודל אַרויס: אַ פּאַסקודנער וואָרעם, פֿול און פֿול מיט „קאָמבינאַציעלעך", ער וועט דיר דורכקריכן אַלע שמאָלע

[11] אַדמיניסטראַציע.

לעכער, פֿון דעם לעבט ער. נישטאָ גאָר אויף אים קיין פּאָהיבל[12], געמאַכט די גאַנצע צײַט אַן אָנשטעל: „פּערווע[13] גוטער ברודער", געהאַלטן אין איין אונטערבורען: „יודל, מע דאַרף מאַכן סקאַנדאַלן". לסוף אים געלאָזט דאָ איינעם אַליין מיט אַ מיאוס פּנים. טאַקע דאָס פֿאַרדריסט יודלען ביז גאָר. אַלע, זעט ער, קענען אים דאָ שוין. עס קומט־אויס, מע טײַטלט אויף אים מיט די פֿינגער. הײַנט אין דער פֿרי, ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין דער רעגיסטראַטור, האָט ער באַלד באַמערקט: מע איז געבליבן שטיל — מע קוקט נישט אויף אים. דער הויפּט־רעגיסטראַטער, דער רויטלעכער, פּוכקער, ווייכער פֿעסטמאַן, שמייכלט־צו, סאָרטעוועט בײַ זיך אויפֿן טיש גאַנצע פּעק מיט צעטלען, הייבט נישט אויף די אויגן, ענטפֿערט לעבלעך, אַן לונג־און־לעבער:

— אין וואָס זײַט איר מיר חושד?

— גלייבט מיר: נעבן זיך דאַרף איך אײַך דאָ נישט האָבן.

— ווען איך האָב געלט, קויף איך אײַך פֿון מײַן קעשענע אַ בילעט, איר זאָלט אַוועקפֿאָרן...

יודל האָט אָנגעקוקט פֿעסטמאַנען מיט צוזאַמענגעצויגענע אויגן, אויף זײַן צונג שוין גרייט די ווערטער:

— אַ דאַנק אײַך פֿאַרן „זיסינקן" ענטפֿער — גאָלע בוימל... איך ווייס דען נישט וואָס אונטער דעם ליגט?...

אויב ער האָט די ווערטער נישט אַרויסגעלאָזט, איז עס געווען, ערשטנס, ווײַל פֿעסטמאַנען האָט ער שוין פֿון פֿריִער געהאַט אָפּגעשאַצט: „צושטיין צו אָט דעם אָ איז ווי שלאָגן אין אַ קישן — ער וועט דיר אַלץ איבערשלאָגן און נאָך דערבײַ צושמייכלען", צווייטנס, האָט פֿעסטמאַן שוין געהאַט באַוויזן גאַנץ ערנסט אַ זאָג צו טאָן:

— אויף אַוועקצופֿאָרן טאָר איך קיין געלט נישט געבן, איך זאָל אַפֿילו האָבן. מיר קלערן, אַן אָרעמאַן, וואָס האָט טאַקע נישט

---

[12] בראָך. — [13] סאַמע בעסטער (ערשטער).

אויף אַוועקצופֿאָרן, קאָן דאָ געפֿינען אַרבעט און לעבן. ער וועט אין ערגעץ נישט מאַכן בעסער. איר זעט דאָך: אַלע „יענע" האָבן אַליין געהאַט געלט אויף אַוועקצופֿאָרן.

ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף ליפֿשיצן מיט אַ מער נאָענטן בליק:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת: ווען ס'וואָלט נישט געווען די סקאַנדאַלן, וואָס איר האָט געמאַכט, האָבן מיר געמיינט: איר זײַט דער רײַכ־סטער צווישן זיי.

יודל, אַן אָנגעצונדענער, האָט שיעור ניט אויסגעשאָסן:

— איר מעגט איבערקומען אויף מײַן פֿאַרמעגן.

נאָר דאָ האָט מען נאָר וואָס געהאַט דערמאָנט יענע, וואָס האָבן אים אין „קאַנטאָר" אַרויסגעשטעלט פֿאַר זייער „שייגעץ" און זיך אַוועקגעפֿאָרן, אים דאָ געלאָזט איינעם אַליין.

ער האָט געוואָלט וויסן, וווהין זײַנען זיי געפֿאָרן.

— איר ווייסט נישט?

פֿעסטמאַן האָט דערויף געענטפֿערט נישט באַלד, אַ ביסל באַ־לײדיקט:

— וואָס פֿרעגט איר בײַ מיר? איר דאַרפֿט עס גיכער וויסן...

יודל האָט דערפֿילט, אַז דאָ, אין דער רעגיסטראַטור ,האָט ער מער נישט וואָס צו טאָן. ער איז אַרויס צוריק אין הויף מיט אַזאַ געפֿיל, ווי פֿאַר זײַוולען, פֿאַרן געצאַצקעטן ייִדן מיטן „פֿײַ־נעם מאָגן", האָט ער זיך געלאָזט שוואַרצן זײַן פּנים און בײַ זיי דערפֿאַר אַפֿילו קיין האַלב קערבל נישט באַקומען. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן די בריוו קיין אַמעריקע, וואָס ער קאָן פֿון דאַ־נען ניט שרײַבן, האָט אָנגעהויבן אַרויסצולאָזן פֿון זיך דאָס לאַנג געציקלטע זיפֿצעלע, נאָר זיך פֿאַרכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט, צי קיי־נער האָט נישט געהערט, צום ערשטן מאָל ווי דערפֿילט: זײַן „זיפֿצעלע" איז דאָ אַ קנאַפּע „סחורה". פֿון ווײַטנס האָט ער געזען, ווי דער געוועזענער בעדער, בעני פּרינץ, און פֿראָ‌ים טשערנאָבי־לער וואַרפֿן־אַראָפּ אין עק הויף ברעטער פֿון צוויי געבראַכטע פֿורן,

נאָך ווײַטער שטעלט מען קראָקוועס [14] אויף אַ נײַ הויז. עס הערן זיך קלעפּ פֿון טעסענדיקע העק. יאָסל פּעקער — איינער פֿון די צוויי ברידער מוליאַרעס — קומט אַהער מיט טענות, הלמאַי מע שיקט נישט צו קיין קאַלך. ערגעץ אויף דער גאַס דרינזשעט און פּיכקעט [15] אַ טראַקטאָר, שלעפּט נאָך זיך פֿון ברעג טײַך צוויי וואָגנס מיט שטיינדלעך אויף צו פֿאַרשיטן נאָך די רעגנס די בלאָטיקע גריבער אויפֿן וועג. נאָך ווײַטער, ערגעץ פֿון אויסער דעם גאַנצן ישובֿ, הערן זיך איבערגעריסענע אײַנדרימלדיקע און אויפֿוואַכנדיקע קוויטשערײַען, ווי פֿון אַן אַרבעטנדיקער זעגמיל, און דאָס אַלץ דערמאָנט אין דער הויפּטאַרבעט, וואָס ערגעץ ווײַטער מיט גאַנצע זעכציק קילאָמעטער. דאָס אַלץ האָט יודלען, אי גערייצט, אי אַרויסגערופֿן טיף אין אים עפּעס אַן אומבאַגרײַפֿלעכן פֿאַרדראָס. פֿון אַרום דער קיך איז פֿאַרפֿאָרעט אָנגעקומען פֿראָיִם טשערנאָבילערס מיידל, פּעסל, גענומען צעהענגען גראָבע געוואַשענע האַנטעכער אויף אַ שטריק. יודל האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ, זיך באַגעגנט מיט פּעסלס בליק, שיעור ניט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס קוקסטו אַזוי, וואָס לויזסטו מיך?...

און ווידער אַ מאָל געוואָרן פֿול מיט פֿאַרדראָס. ווי אויף צו להכעיס פּעסלען זיך אַ לאָז געטאָן צום אינזשעניר טאָדין אין צימער, אַרײַנגעשפּאַנט אַהין מיט דער כּוונה צו ריידן בפֿירוש הויך, אָט מע זאָל דערהערן אין הויף, נאָר באַקומען אַן אומגעריכטן ענטפֿער „קומט, מיר'ן גיין — איר וועט מיר זאָגן אין דרויסן“, דערזען דעם גראַם צעשפּיליעטן קאָלנער פֿון טאָדיס רויטאַרמייער־העמדל און דווקא אינעם גראַמען רויטאַרמייער־העמדל גלײַך דערפֿילט:

— „אויב מיט געשרייען, וועט דער שמועס זײַן זייער אַ קורצער“...

אײַנהאַלטנדיק טיף אין זיך זײַן „זיפּצעלע“, איז ער אַרויס מיטן אינזשעניר אין דרויסן.

---

[14] קלעצער. — [15] ציטערט און סאָפּעט.

— 3 —

דער אינזשעניר טאָדי האָט בײַ יודלען געפֿרעגט:

— וואָס האָט איר צו זאָגן?

יודל האָט אַ זײַטל געטאָן די אויגן, אַ זוך געגעבן טיף אין זיך, געפֿונען: האָבן האָט ער וואָס צו שרײַען, וואָס צו זאָגן — האָט ער גאָר נישט. טאָדי גייט גיך. ניט אָפּשטייענדיק פֿון אים אין גאַנג, שעמט יודל זיך אונטערצוהינקען. צוריקגערעדט: דאָס, וואָס ער הינקט טאָמער אַ קאַפּעלע צו, איז בײַ אים גיכער אַ טבֿע־זאַך איידער אַ נויט־באַדערפֿעניש — ס׳האָט געפּאַסט צום „זיפּ־צעלע“. דאָ אָבער, פֿאַר טאָדין אין רויטאַרמײיִשן צעכראַסטעטן העמדל, פֿילט יודל, איז עס אַ קליינע „מעלה“. אין עק הויף דערלאַנגט מען טאָדין אַ געבראַכט צעטעלע פֿון אָרטיקן מעדפּונקט[16]. טאָדי שטעלט זיך נישט אָפּ, לייענט דאָס צעטעלע אין גאַנג, דרייט זײַן קאָפּ צום לינקן אַקסל, שטופּט דאָס צעטעלע טיף־טיף אין לינקן הויזנטאַש. ווי באַלד ער האַלט שוין דעם קאָפּ נעבן אַקסל, כאַפּט ער שוין פֿאַר איינס פֿון דער קרום אַ זײַטיקן בליק אויף יודלען. ער טוט פּלוצלינג אַ פֿרעג:

— פֿון וואָס האָט איר געלעבט — פֿריִער, פֿאַרן קאָלעקטיוו מיט די קראָליקעס?

— פֿון וואָס?

יודל טוט אַ קוק פֿון דער זײַט אויפֿן אינזשעניר: צי האָט ער זיך נישט דערוווסט וועגן אַמאָליקן ווײַנשענק? דאָס איז געווען פֿאַר דער מלחמה. יודלען ווערט דערפֿון אַזוי נודנע. עס ווילט זיך אַרויסלאָזן דאָס „זיפּצעלע“.

— פֿון וואָס זאָל איך געווען לעבן? — אַ שטיקל סלוזשעשטשע[17]...

ער זאָגט ער זייער שטיל. דער אינזשעניר, דאַכט זיך, האָט נישט אײַנגעהערט, זיך גאָר פֿאַרקוקט אויף אַ גרוב, וואָס איז

---

[16] מעדיצינישער אַמט. — [17] אָנגעשטעלטער.

פֿריש פֿאַרשאָטן מיט שטיינדלעך. מע גייט ווייַטער. טאָדי טוט באַנייַס אַ פֿרעג:

— וואָס קלערט איר, וועט איר טאָן, אַז איר וועט קומען צו־ריק אַהיים? — אירווילט דאָך אַוועקפֿאָרן...

אויף אַזאַ פֿראַגע האָט זיך יודל נישט געריכט — טאַקע, וואָס וועט ער טאָן, אַז ער וועט קומען־צוריק? קיין גרעסערער „מיוחס" ווי ער איז געווען וועט ער דאָרט נישט ווערן און, אַחוץ דעם, אפֿשר זוכט מען דאָרט אויף אַן אמת דעם „טאַטן פֿון די בריוו"... אין אויער קלינגען די נאָר וואָס געהערטע ווערטער: „איר ווילט דאָך אַוועקפֿאָרן", הייסט עס: מע וועט געבן אויף אַ בילעט?... יודל וואָלט אַ בעלן זייַן צו האַלטן דאָ דעם אינזשעניר פֿאַרן וואָרט, נאָר פֿון דער אַנדערער זייַט: די אַוועקגעפֿאָרענע זייַוול בראָדסקי און די אַנדערע — זיי האָבן עפּעס ווי פֿאַרדולט דעם קאָפּ יודלען. דאַכט זיך: בלויז זיי זייַנען שולדיק, וואָס ער האָט די גאַנצע צייַט נישט אַ טראַכט געטאָן:

— „וואָס וועל איך טאָן, אַז איך וועל קומען־צוריק אַהיים?"...

טאָדי, נישט אומקוקנדיק זיך, צו יודלען:

— וויפֿל זייַט איר אַלט? אַ יאָר זיבן און פֿערציק?

אויף אַזאַ פֿראַגע האָט יודל ווידער אַ מאָל זיך נישט געריכט. ער איז דווקא נאָך נישט אַלט געווען קיין פֿולע פֿינף און פֿערציק. נאָר אים האָט נישט געאַרט, וואָס מע גיט אים צו אַ פּאָר יאָר. פֿאַרקערט, אפֿשר וועט עס צו עפּעס העלפֿן. פֿון אַנטקעגן האָט אַ גלאַנץ געטאָן די בירע, פֿון רעכטס האָט גרין אַ בליק געטאָן די סאָפּקע, פֿון אונטער איר — די ווייַט־ווייַטע בערג. שווער באַ־לאָדן מיט משׂא־פֿורן האָט קווער, איבערן ברייטן טייַך, פּאַמעלעך זיך גערוקט דער פּאַראָם [18]. פֿון דאָרטן אַרויס, אין דער ריכטונג צום טייַך, האָבן איינס נאָך איינס זיך שווערלעך גערוקט פֿולע טאַרעטייַקעס [19] — דאָס האָט מען געפֿירט פּראָוויזיע [20] פֿון דער

---

[18] באַרזשע, אַ שיף אויף אַריבערצופֿירן וועגענער איבערן וואַסער. — [19] וועגעלעך. — [20] שפּייַז־פּראָדוקטן.

טיכאָנקער באַזע צו די הויפּט־אַרבעטן, וואָס ווײַטער מיט זעכציק קילאָמעטער, ערגעץ אַרום בירער פּרוווּפֿעלדער. איינער אַליין, עפּעס אין אַ מין פּאָפּעליאַטן פֿאָרכאַלאַט האָט אויף אַ צוויירעדערדיקער רעסאָרן־בודקע איבערגעיאָגט די טאַרעטײַקעס דער הויפּט־פֿאַרזאָרגער פֿון דער טיכאָנקער אָפּעראַטיווער קאַנטאָר. דער אינזשעניר טאָדי האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט, צו אים עפּעס אַ געשריי געטאָן, נאָר יענער האָט נישט דערהערט, פּאַמעלעך אַ פֿאָך געגעבן מיטן בײַטשל איבערן העלן, קליין אויסגעפּאַשעטן סיבירער פֿערדל, און אין איינעם מיטן פֿערדל זיך אונטערגעטוקט אין אַ וואָלקנדל שטויב. אויף יענעם אָרט, ווו מע שטויסט־אָפּ קלעצער פֿון ברעג, איז קיינער נישט געווען. דער קאָמיוגיסט אַרקע האָט געשלעפּט מיטן טראַקטאָר וואָגנס שטיינדלעך אויף צו פֿאַרשיטן די וועגן. די קאָמיוגיסטן וועלוול יאַראָשעווער, מאָטל שקלאָווער האָבן זיך געפֿונען נידעריקער אַראָפּ־וואַסער, פֿון גאַנץ פֿרי אָן געלאָדן ברעג־שטיינדלעך אין די ליידיק צוריקגעקומענע וואָגנס. דאָרט, נעבן דעם קליינוווקסיקן מאָטל שקלאָווער, האָט דער אינזשעניר טאָדי זיך פֿאַרהאַלטן. נישט וויסנדיק אויף וואָס וואַרט ער, איז יודל געשטאַנען בײַ דער זײַט, צוגעהערט אָן אַ מינדסטן אינטערעס, וואָס מע רעדט — ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן פֿאַראייניקן נעבן בירער פּרוווּפֿעלד אַ צוויי־דרײַ קליינע קאָלעקטיווועלעך. מאָטל זאָל עס זײַן דער, וואָס וועט עס טאָן. טאָדי האָט באַדויערט, וואָס דער הויפּט־פֿאַרזאָרגער איז שוין אַוועקגעפֿאָרן.

— כ׳האָב דאָך געמיינט: איר וועט פֿאָרן אין איינעם מיט אים. קומט־צו מיט מיר אין קאַנטאָר.

— טאַקע שוין?...

מאָטל — אַ בלאָנדער, אַ יונג־פֿאַרוואָקסענער, מיט אַן אָפּגעברענטן פּנים, פֿול און פֿול מיט צעטיילטע זון־לישײַעס [21] — האָט געהאַלטן אין האַנט די אײַזערנע לאָפּעטע, גרייט אויף אָנצו־

[21] פּליכן, געפּלעקטע ערטער, אויף וועלכע ס׳וואַקסט נישט קיין האָר.

נעמען מיט איר שטיינדלעך, אַ וואָרף טאָן אין וואָגן... פֿאַרווונדערט האָט ער אַ קוק געגעבן, פֿריִער אויפֿן אינזשעניר טאָדי, אויפֿן דערבײַ שטייענדיקן וועלוועלען, דערנאָך אויך אויף דער אײַזערנער לאָפּעטע, ווי ער וואָלט בײַ איר פֿרעגן:

— אויף וועמען זשע וועל איך דיך דאָ לאָזן?

טאָדי האָט עס באַמערקט, אַ זוך געגעבן אַרום זיך עמעצן מיט די אויגן, דערזען יודלען:

— אַנו, — האָט ער ווי אויף טשיקאַוועס צו יודלען אַ זאָג געטאָן — נעמט בײַ אים די לאָפּעטע.

יודל האָט זיך געוווּנדערט, זיך געפֿילט מאָדנע, ווי אויף עפּעס אַן עקזאַמען. ער איז אַלט געווען באַלד פֿינף און פֿערציק יאָר. ער האָט קיין מאָל אין לעבן נישט געאַרבעט. ער איז די לעצטע יאָרן געווען אָן פּרנסה. ווען נישט די בריוו קיין אַמעריקע, וואָלט ער געקאָנט אויף זיך זאָגן — אַן אָרעמאַן. נאָר אָ דאָס אָ...

ער האָט שוין געהאַט געהאַלטן די לאָפּעטע אין די הענט... ס'איז שוין געווען ווי פֿאַרפֿאַלן. כּוח האָט ער דווקא געהאַט — פֿאַר אים אַליין איז דאָס געווען אַ נײַס. ער האָט געגראָבן צו טיף אין די ברעגשטיינדלעך, אָנגענומען צו פֿולע לאָפּעטעס, צעשאָטן אין די זײַטן בײַם אַרײַנוואַרפֿן אין וואָגן. אויף יענער זײַט וואָגן האָט וועלוועל פֿריילעך אַ פּלאַפּל געטאָן:

— כאַפּט נישט!

— ס'איז נישט קיין הייסע האַלושקעס[22].

— מע בייגט נישט די קני.

— ט'אַזוי: מע טרעפֿט פֿון ווײַטנס אין וואָגן אַרײַן.

דער אינזשעניר איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ קלאַפֿטער פֿופֿציק, זיך פֿאַרהאַלטן, געדרייט זײַן קאָפּ אויף צוריק. מאָטל האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. ביידע האָבן געקוקט: בירעבידזשאַן, אַ ברעג פֿונעם גרויסן נײַעם לאַנד, קנעלט־אײַן מיט איינעם דעם יושר

---

[22] לאַטקעס.

פֿונעם פֿעסטן סאָציאַליסטישן געזעץ: „ווער עס אַרבעט נישט, יענער עסט נישט" — יודל האָט געהויבן אַלע מאָל אַ נײַע פֿולע לאָפּעטע, געוואָרפֿן די שטיינדלעך אין וואָגן. ער איז געווען נישט מער ווי איינער, געקאָנט דאָ בלײַבן אָדער נישט בלײַבן. אין איינעם מיט אַנדערע האָבן נאָך אויסלייזונג אַהער געדאַרפֿט קומען טויזנטער אַזוינע ווי ער און מיט אַלעמען זאָל דאָ אײַנגעקנעלט ווערן אָט דאָס פֿעסטע געזעץ.

# גראד ז׳

# גראָד זי

זי איז אַ קינדער־דאָקטער און וווינט אויסער דער שטאָט, נישט ווײַט פֿון דער סטאַציאָנאַרער קינדער־קליניק, מיט וועלכער זי פֿירט־אָן.

בײַ איר אויף דער געדונגענער דאַטשע — אַ צימער מיט אַ גרויסער רויט־געפֿאַרבטער וועראַנדע — קלײַבן זיך צונויף יעדן זונטיק אַלע קרובֿים. די רויטע וועראַנדע אויף יענער זײַט הויכשטאַמיקע סאָסנעס האַלט פֿון סאַמע גאַנץ פֿרי אָן ווי אין איין אײַנקוקן זיך צו יעדן דורכגייער אין גאַס:

— דאַכט זיך, אַ קרובֿ, אַ?... ניין, אַ טעות.

עס גייט נישט אַריבער קיין שעה נאָך זונאויפֿגאַנג, ווי אין איינעם מיט דער וואַרענאַדע קוקט זיך שוין אײַן פֿון דאָרט אין גאַס אויך די באַלעבאָסטע.

*

אירע גלאַט אַרומגעקעמטע האָר זײַנען ממש ווײַס, ווי די האָר בײַ אַ פֿידל־סמיטשיק. אירע קײַלעכיקע ראָזלעכע באַקן זײַנען דורכויס באַשאָטן מיט גאָר־גאָר דריבנע קנייטשעלעך, וואָס זעען זיך קוים אָן. נעבן איר קליינעם מויל גייען זיך די באַקן פֿונאַנדער, ווי אונטער זיי וואָלט זי תּמיד געהאַלטן צוויי האָזענע ניסלעך. אַלע אירע תּנועות זײַנען נישט קיין אײַלעוודיקע און נישט קיין פּאַמעלעכע. אַזעלכע זײַנען אויך שטענדיק אירע פֿאַראָרדענונגען, ווען זי קלײַבט אַרום זיך צונויף דאָס גאַנצע פּערזאָנאַל אינעם אַנשטאַלט, וואָס מע האָט איר פֿאַרגלייבט. די פֿויסטלעך פֿון אירע רויִקע הענט זײַנען דערבײַ, מעשׂה מאַנסביל, טיף פֿאַררוקט אין די טאַשן פֿון איר געשטריקטן קאָראַלן־רויטן קאָפֿטל — דאָס איז איר געליבטע פֿאַרב נאָך פֿון גאָר אַמאָל, פֿון מיידלווײַז אָן. די שטילע

ווערטער שיטן זיך פֿון איר מויל זייער גלאַט, אָן שום אינטאָנאַציעס און אָן יעדער מינדסטער גרימאַסע אויפֿן פּנים. אירע רויִקע גרוי־לעכע אויגן — גוטע אויגן פֿון אַ פֿאַרעקשנט־פּינקטלעכן מענטשן — האַלט זיך בײַם רײדן אין איין שמעלערן. דעריבער דאַכט זיך דעמאָלט, אַז די אויגן ווערן פֿון רגע צו רגע בײַ איר אַלץ מער שלעפּעריק. זי איז אַ פֿרוי אין די זעכציקער, נאָר איר זעלטן פּראָ־פֿאַרציאָנעלע, נישט גאָר הויכע פֿיגור האָט נאָך אַלץ פֿאַרהיט אין זיך עפּעס זייער שלאַנקס, גרינגס און פּשוטס. אפֿשר דערפֿאַר טאָ־קע רופֿן זי אַלע אין דער קינדער־קליניק אַזוי גרינג און פּשוט:

— דאָקטער ניוטע.

*

אַ סך, אַ סך יאָרן האָט זי פֿײַנט געהאַט אירע קרובֿים און האָט געהאַט דערויף געניג גרונט. פֿון איר משפּחה — נישט אַזאַ פֿאַר־מעגלעכע ווי אַ ביז גאָר פֿרומע — איז זי זייער יונג אַוועק צו דער רעוואָלוציע פֿונעם פֿינפֿטן יאָר, צו פֿאַרשיקונג, צו לערנביכלעך און ווידער צו דער רעוואָלוציע.

איר ווילדפֿרומער פֿאָטער, ווי צו איר איז דעמאָלט דערגאַנ־גען, איז מיטלעלטעריש־פֿאַנאַטיש אָפּגעזעסן אַ שעה שבֿעה נאָך איר, זײַן מיזינקע, וואָס איז אַרויס „לתּרבות רעה", זיך געלאָזט רײַסן קריעה און האָט פֿאַרווערט צו דערמאָנען בײַ זיך אין שטוב איר נאָמען.

פֿון יאָר צו יאָר איז גרעסער געוואָרן דער ריס צווישן איר מיט די אייגענע. מיט גרויס פֿאַרשפּעטיקונג האָט זי זיך דער־וווּסט פֿון דער ווײַט, אַז די מוטער איז געשטאָרבן און אַז דער פֿאָטער האָט, ווי דער דין צי דער מנהג בײַ פֿרומע אין זײַן גראַד, זיך צו פֿיל צוגעאײַלט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער. זי אַליין האָט דעמאָלט געהאַט געניג אייגענעם טרויער — בײַ אַ פּרוּוו צו אַנט־לויפֿן פֿון פֿאַרשיקונג איז צו יענער צײַט אומגעקומען איר בעס־טער חבֿר און מאַן.

ביסלעכווײַז האָט די משפּחה פֿאַרגעסן אין איר און ביסלעכ־

ווײַז האָט זי פֿאַרגעסן אין דער משפּחה. זיך דערמאָנען אין אַ נאָענטן צי אין אַ ווײַטן קרובֿ האָט אויסגעמאַכט פֿאַר איר דאָס אייגענע, וואָס דערמאָנען זיך אין עפּעס ביז גאָר אַ פֿאַרעלטערטס און אָפּגעשטאַנען־פֿאַרדריסלעכס — בפֿירוש פֿאַרדריסלעכס. ווײַל קרובֿים דערמאָנען, אַזוי צי אַנדערש, אין אייגענעם בלוט, אין שטריכן אויף פּנימער, וואָס זײַנען ענלעך צו שטריכן אויפֿן אייגענעם פּנים. און עס ווילט זיך נישט פֿילן אָט די ענלעכקייט, אויב זי שלעפּט כּסדר די געדאַנקען און די געפֿילן ערגעץ־וווהין אויף צוריק, אויף צוריק צו דעם, וואָס איז געווען נעכטן. ניוטע האָט מיט לײַב־און־לעבן געקערט צו יענע, וועלכע האָבן געקוקט דורכויס צו דעם, וואָס עס וועט זײַן מאָרגן.

דערנאָך איז געקומען די צווייטע רעוואָלוציע און האָט גענומען אין אַלץ אויסגלײַכן מענטשן. נישט אין איין טאָג און נישט אין איין יאָר איז דאָס געשען.

*

בײַ ניוטען — זי האָט אָקערשט פֿאַרענדיקט איר לערנען אויף קינדער־דאָקטער — האָבן ווי פֿון זיך געצומען זיך בײַטן די געפֿילן צו אירע אייגענע. איר פֿאָטער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. אַ קרובֿ, געקומען פֿונעם ווײַטן שטעטל, אַז ער פֿלעגט זיך דערפֿרעגן צו איר דאָ אין דער גרויסער שטאָט, פֿלעגט ער אויסזען אין ניוטעס אויגן אי שעמעוודיק־שולדיקלעך, אי נעבעכדיק אין זײַן ניט־וואַזשנעם אָנטאָן, אי אומבאַהאָלפֿן מיט זײַן געפֿיל, אַז פֿאַרן נײַעם לעבן האָט ער נישט קיין שום אַנדערע פֿאַרדינסטן אַחוץ דעם, וואָס אָט: ער לעבט...

דאָס אַליין האָט שוין במילא געפֿירט דערצו, אַז ניוטע זאָל דעם קרובֿ אין שטאָט קומען צו הילף און אַז די משפּחה־שטריכן, וואָס זי באַמערקט אין זײַן פּנים, אין זײַן קול און אין זײַן ריידנס־ניגון, זאָל אַרויסרופֿן בײַ איר אַ קלעמענדיק געפֿיל צי פֿון רחמנות צי פֿון בענקשאַפֿט.

אַזוי איז געווען, ווען איר סאַמע עלטסטע שוועסטער איז גע־

בראַכט געוואָרן אַהער אין שטאָט זייער אַ קראַנקע און זייער אַן אָפּגעפּרעמדטע. ניוטע האָט איר אָפּגעגעבן, ווו זי האָט געהאַט אַ פּרײַע מינוט, געוואַכט נעבן איר גאַנצע נעכט אין שפּיטאָל און זיך אַלץ געוווּנדערט אויף דער קאַלטער ניכטערקייט, מיט וועלכער זי טוט עס. אַקאָרשט צום סאַמע סוף, ווען ניוטע מיט איר אייגענער האַנט האָט דער שוועסטער באַלד נאָכן טויט, טאַקע דאָרטן אין שפּיטאָל, פֿאַרמאַכט די אויגן, האָט זי דערפֿילט, אַז זי פֿאַרמאַכט אויף אייביק עפּעס אַן אַלטן זייער אָנגעווייטיקטן חשבון און, אַז אויב זי באַווייַנט אָט דעם אַלטן חשבון, איז עס דערפֿאַר, וואָס מיט אַלע אירע חושים און מיטן גאַנצן האַרצן איז זי גרייט צו עפֿענען אַ נײַעם.

*

דער נײַער חשבון האָט אין גיכן זיך אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס צו איר אין דער וווינונג, דאָ אין שטאָט, האָט זיך איין מאָל גאַנץ פֿרי זיך אַרײַנגעשטעלט אַ יונג תּמעוואַטע בחורל — אַ קליינשטעט־טלדיקער חבֿרה־מאַן מיט אַ ווילדפֿרעמדער ברייטלעכער נאָז, מיט אויך אַזאַ ווילדפֿרעמדן קורצן און בולטן שטערן, נאָר מיט עפּעס זייער היימישעס אַרום די שולדיק־שמייכלדיקע אויגן. פֿאַרקנייטשט דעם שטערן, ווי ווײַט עס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט דאָס בחורל זיך פֿאַרקוקט אויפֿן באַלקן, ווי עס האָט זיך געדאַכט, נישט מיט די אויגן, נאָר מיט די זייער געדיכטע שוואַרצע ברעמען. מיט אַ צע־קרימטער מינע אויפֿן פּנים, ממש ווי בײַ מודה זײַן זיך אין עפּעס אַ חטא, האָט ער טרויעריקלעך אַ שמייכל געגעבן:

— כ׳הייס מאיר...

ערשט נאָך דעם האָט ער געפּועלט בײַ זיך אויסצוזאָגן, אַז ער איז חיימס אַ ייִנגל. חיים האָט מען גערופֿן אײנעם פֿון ניוטעס על־טערע ברידער, וואָס איז צו יענער צײַט שוין געווען אויפֿן עולם־האמת. דער נײַנצן־יאָריקער „כ׳הייס מאיר“ האָט זיך געניטיקט אין אַ סך זאַכן, אָנגעהויבן פֿון אַ וועלכן־ניט־איז נישקשהדיקן אָנ־טאָן און אויסלאָזנדיק מיט אַ וועלכן־ניט־איז טועכץ. ניוטע האָט

אים צוגעזוכט אַרבעט אויף אַ זאַוואָד און אים גלײַך געהייסן אַרויסרופֿן אַהער זײַן ייִנגערע שוועסטער סימע — אַ נאָמען נאָך ניוטעס מוטער.

סימע, אַ קאָפּיע פֿון ניוטען אין דער יוגנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ מיידל אַ מזיק. זי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דאָ אין שטאָט די פֿעלדשער־קורסן, ווי זי האָט מיט ניוטעס הילף געגעבן איינס־און־צוויי אַ שלעפּ־אַרויס אַהער אירע צוויי קלענערע ברידערלעך, ליפּען און משהלען, כּדי צו באַשטאַטן זיי אין אַ פֿאַבזאַוווטש [1], שפּעטער — ליובע, דער מומע ביילעס און כאַסקל דעם פֿעטער נחס, און פֿאַראיינוועגס שוין אויך צירל, דעם מחותּן אַבֿרהמס, מיט איר ברודער שוויליקן, כאָטש אין דער היים פֿלעגן זי, סימע, און ער, שוויליק, זיך רײַסן ווי די קעץ בײַ יעדן צונויפֿקומעניש, ווײַל ער אין איר איז געווען פֿאַרליבט און זי אין אים — נישט.

סימע האָט געשלעפּט אַהער וואָס מער קרובֿים און ניוטע, בײַ איר גרויסער איבערגעלאָדנקייט אין אַרבעט, האָט אָפּגעזוכט צײַט אויף אַרונטערצונעמען זיי אונטער אירע פֿליגל און זיי ברענגען צו אַ תּכלית.

אין איינעם אַן אויגוסט־טאָג האָט סימע געבראַכט צו ניוטען אין ווינונג אַ גאַנץ ווירקיקן, זייער אויסגעפּראַוועטן און זייער אָפּגעברענטן חבֿרה־מאַן אין רויטאַרמייִשע קליידער.

— מאַטוויי גאַלקין! — האָט דער גאַסט, אויסגלײַכנדיק די ברוסט זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אויף צו כּלומרשט ערנסט מיט אַ געמאַכטן באַריטאָן־באַס, און ווי אָפּשפּעטנדיק פֿון אַלערליי צערעמאָניעס בײַם פֿאָרשטעלן זיך, האָט ער דאָ באַלד אַ ווונק געגעבן צו סימען — נו, דערזאָג שוין דו...

גאַלקין איז געווען די פֿאַמיליע פֿון ניוטעס שטיפֿמאַמע. די שטיפֿמאַמע, בעת זי האָט חתונה געהאַט פֿאַר ניוטעס פֿאָטער, האָט

---

[1] (אין סאָוויעטישן סטיל, פאַרקירצט) פאַבריקשול.

זי געבראַכט מיט זיך צו אים אין שטוב אַ יינגל פֿונעם ערשטן מאַן. איז דאָס איז ער.

— נו, מאָטיע... — האָט פֿאַרענדיקט פֿאַר אים סימע — מאָטיע דער שטיפֿבאָבעס...

מאָטיע־מאַטוויי, ווי ס׳איז באַלד קלאָר געוואָרן, האָט מיט עפּעס זיך אויסגעצייכנט אין מאַנעוורעס, וואָס האָבן ביי נאַכט זיך פֿאַרענדיקט ערגעץ נישט ווייט פֿון דער שטאָט. אין דער רויטער אַרמיי איז ער אַוועק נאָך בעת דעם בירגערקריג. מע האָט אים אַהער געשיקט אויף קורסן און ער קען, אַ סבֿרא, בלייבן דאָ אויף שטענדיק אין אָרטיקן גאַרניזאָן.

זוכן נאָך ווייטערע קרובֿים איז שוין געווען נישט שייך.

*

אין צענטער פֿון פֿיל פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, געשוועסטערקינדער און גליד־געשוועסטערקינדער איז ביוטע, ווי אַ פּאַטריאַרך, געשטאַנען אויף דער שטענדיקער וואַך — גראָד זי, ביוטע, וועמענס נאָמען איז דורך איר פֿאָטער, דעם סאַמע עלטסטן אין דער משפּחה, געווען פֿאַרבאָטן צו דערמאָנען.

באַגלייט מיט אירע עצות, מיט איר צער און מיט אירע פֿריידן, זיינען אירע משפּחה־מענטשן אַריינגעוואַקסן געוואָרן, ווער פֿריִער, ווער שפּעטער, אינעם אַרומיקן זידעוודיק־פֿליסיקן לעבנשטראָם. ווי פֿיל אַנדערע אַרום זיי און ווי ביוטע אין איר צייט, האָבן זיי זיך געלערנט, נישט אָפּרייסנדיק זיך פֿון דער אַרבעט; זיך אויסגעלערנט אַ פֿאַך, האָבן זיי זיך גענדראַפּעט פֿון שטאַפּל צו שטאַפּל, אַרויסגעגעבן פֿון צווישן זיך מעכאַניקערס, אינזשענירן, טעקסטיל־ספּעציאַליסטן, אַרכיטעקטן, אייזנבאַנערס, קאָנסטרוקטאָרס, פּעדאַגאָגן, ספּעציאַליסטן אויף פֿאַרשיידענע בויונגען אין לאַנד. ביוטע איז יעדן ביי־געשטאַנען אין די סאַמע שווערע צייטן, אויסגעהאַלטן ביי זיך אין וווינונג וועמען מע האָט באַדאַרפֿט, דיזשורירט גאַנצע נעכט, אויב מע איז קראַנק געוואָרן . ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַ בריגאַדע קרובֿים — און דווקא אין דער שפּיץ מיט דעם באַ־

טאַליאָן־קאָמאַנדיר מאָטיע־מאַטוויי — האָבן געמוזט נעמען אויף איר אַ שטיקל אָפּעקע [2]. איין קרובֿ האָט אויפֿגעוואָרפֿן דעם צווייטן:

— לייגסט זיך צו פֿיל אָן אויף ניוטען!... יאָ, יאָ, מעגסט זיך שעמען!

נאָר ניוטע האָט אַלץ געהאַוועט, געהאָלפֿן, געכאָוועט, געטרייסט, געזאָגט מוסר. ס'האָט אויסגעזען, ווי די ווײַט נישט גרינגע אַרבעט פֿון אַ פֿירנדיקן קינדער־דאָקטער וואָלט געווען בײַ איר נישט מער ווי אַ הילפֿמיטל אויף אָנצופֿרעסן זיך מיט משפּחהדיקייט, פֿון וועל־כער זי איז אַזוי פֿיל יאָרן געווען אָפּגעריסן — פֿרעסן און פֿרעסן און זיך אַלץ נישט פֿילן זאַט.

און דאָ פּלוצעם איז געקומען די מלחמה און באַלד נאָך דעם — דער באַפֿעל צו עוואַקויִרן שנעל־שנעל איר סטאַציאָנאַרע קינ־דער־קליניק.

*

איבער אָט דער שנעלקייט האָט ניוטע פֿאַרגעסן מיטצונעמען פֿיל פֿון אירע סאַמע נייטיקע זאַכן. נאָר איין זאַך האָט זי געדענקט:

— פּאָסטקאַרטלעך... וואָס מער, וואָס מער.

די פּאָסטקאַרטלעך, באַשריבן מיט איר גרינגער האַנט, זײַנען אויף דער הייסער מינוט זיך צעפֿלויגן פֿון אַלע באַנסטאַנציעס, ווו איר צוג מיט איר עוואַקויִרטן אַנשטאַלט האָט זיך אָפּגעשטעלט. צו יעדן קרובֿ — דער זעלביקער נוסח. דאָס פֿאַרגרינגערט דעם גאַנצן ענין, און מע קען דאָס טאָן אין וואַגאָן אויף אַן עק פֿון אַ באַנק, כאָטש סע טרייסלט נישקשהדיק און אַליין איז מען טויטמיד. די האַנט שרײַבט שוין דאָס וויפֿלטע מאָל פֿון זיך: „איך עוואַקויִר זיך אַהין און אַהין. מײַן אַדרעס איז דערווײַל דער און דער. שרײַבט באַלד וועגן זיך — ווער, ווען, וווהין".

דער ניצלעכער זין פֿון די קאַרטלעך האָט אין גיכן זיך גע־לאָזט פֿילן. דורך ניוטען האָט די צעזייט געוואָרענע משפּחה גע־

---

[2] אויפזיכט.

פֿירט איר חשבון אין די ערשטע מלחמה־וואָכן, געוווּסט אין וועלכן טייל פֿון הינטערלאַנד אָדער אויף וועלכן פֿראָנט יעדער נאָענטער און ווײַטער קרובֿ געפֿינט זיך. ניוטעס פּאָסטקאַרטלעך האָבן באַוויזן ווונדער.

עלטערן האָבן פֿאַרלוירן קינדער.
קינדער האָבן פֿאַרלוירן עלטערן.

נישט ווייניק פֿון זיי האָט ניוטע צונויפֿגעפֿירט. דער נאָמען פֿונעם ווײַטן פּונקט אין הינטערלאַנד, וווּהין זי מיט איר אַנשטאַלט האָבן זיך עוואַקויִרט, האָט אין מויל פֿון אירע אייגענע גענומען קלינגען ווי דער נאָמען פֿון אַ באַרימטן וועלטצענטער. אַהין זײַנען געלאָפֿן פּאָסטקאַרטלעך, בריוו און אָנפֿרעגנדיקע טעלעגראַמעס. צום בײַשפּיל: „לאַנג ניטאָ בריוו כאַסקל פֿעטער נחס מומע ביילע זייער דערשלאָגן סימעס נײַע פֿעלדפּאָסט 070784“. ניוטעס ענטפֿער: „כאַסקל געווען גרינג פֿאַרוווּנדעט זיך אויסגעבעטן פֿונעם סאַנבאַט[3] צוריק אויפֿן פֿראָנט אַלץ אין אָרדענונג סימעס נײַע פֿעלדפּאָסט האָב שוין“.

די צאָל אַדרעסן בײַ ניוטען איז כּסדר געוואַקסן. אינעם גראָבן העפֿט, וווּהין זי האָט די אַדרעסן אַרײַנגעשריבן, האָט מער נישט געקלעקט קיין אָרט. ניוטע האָט געמוזט פֿאַרפֿירן אַ קאַרטאָטעק — אַן אמתע קאַרטאָטעק מיט באַזונדערע קאַרטלעך פֿאַרן אַדרעס פֿון יעדן קרובֿ און פֿאַראייניגוועגס שוין אויך פֿאַר די אַדרעסן פֿון פֿרײַנד און באַקאַנטע. איר „קליִענטור“ האָט כּסדר זיך פֿאַרגרעסערט. אייגע — אַ לחלוטין אומבאַקאַנטע מעדשוועסטער[4] — וועלכע האָט זיך געפֿונען אין איינעם מיט סימען אויפֿן פֿראָנט, האָט איר געהאָלפֿן אויפֿזוכן דעם פֿאָטער, וואָס איז אָנהייב מלחמה אַוועק אין אָפּאָלטשעניע[5]. זי האָט אָנגעהויבן אויפֿשטעלן פֿאַרבינדונג צווישן מענטשן, וועלכע זי האָט קיין מאָל אין פּנים נישט געזען. גראָד זי,

---

[3] סאַניטאַרער באַטאַליאָן. — [4] שפּיטאָל־באַדינערין. — [5] ווי אַ פּרײַוויליקער.

וואָס איז אין אײַערע בעסטע יונגע יאָרן געוועזן אַזוי שטאַרק אָפּגע־ריסן און אָפּגעפֿרעמדט פֿון איר משפּחה, איז געוואָרן אַ בריה אויף צונויפֿפֿירן און באַהעפֿטן קרובֿים, וועלכע האָבן איינס דאָס אַנדערע פֿאַרלוירן. אָן עדות וועגן דעם איז איר קאַרטאָטעק מיט די אַדרעסן. זי האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט אַהיים פֿון דער עוואַקואַציע, און פֿון מאָל צו מאָל פֿאַרשרײַבט זי אין איר אַ נײַעם אַדרעס נאָך איצט, אַ יאָר נאָך דער מלחמה.

*

איצט, אַ יאָר נאָך דער מלחמה, זײַנען ניוטעס גלאַט אַרומגעגעקעמטע האָר ווײַס־גרוי, ווי די האָר בײַ אַ פֿידל־סמיטשיק. זי איז ווידער אַרומגערינגלט מיט קרובֿים, ווי אַ מין נײַער הײַנטצײַטיקער משפּחה־פּאַטריאַרך. זי טראָגט אַ שפּאָגלנײַ געשטריקט קאָפּטל, נאָר ווידער אַ קאַראַלן־רויטס — זי גיט נישט אויף די געליבטע פֿאַרב אירע, פּונקט ווי איר נישט גאָר וווקסיקער קערפּער גיט נישט אויף זײַן שלאַנקייט, זײַן גרינקייט און זײַן פּשוטקייט. זי וווינט אויף אַ דאַטשע נישט ווײַט פֿון דער סטאַציאָנאַרער קינדער־קליניק, מיט וועלכער זי פֿירט־אָן, און אַלע זונטיק קלײַבן זיך אָן בײַ איר אויף דער רויט־געפֿאַרבטער וועראַנדע אירע קרובֿים.

הײַנט איז אויך אַזאַ זונטיק.

הײַנט איז דער ליכטיקער טאָג פֿון זײַן סאַמע זונאויפֿגאַנג, זייער אַ הייסער און אַ שטילער — אַזאַ וואָס לעכצט נאָך אַ מינדסט ווינטעלע. שטראַלן בריִען ווי פּריסיק. אַ מינדסט אָרט אין שאָטן איז ווערט גאָלד און די גרויסע שטאָט, ערגעץ לינקס, אויף יענער זײַט פֿיל און פֿיל קילאָמעטער, הערט נישט אויף צו דערלאַנגען אַהער דאָס געפּילדער פֿון אַלץ נײַע און נײַע פֿול־געפּאַקטע דאַטשע־צוגן, וועלכע זי לאָזט־אָפּ פֿון זיך פֿרײלעך, ווי מיט אויסגעשאָסענעם געלעכטער.

צו ניוטען אויף דער דאַטשע הערט מען, ווי עס הילכט די פּוסטקייט אונטער בריקלעך, איבער וועלכע די צוגן טראָגן זיך דורך. דעמאָלט דאַכט זיך, אַז אין איינעם מיטן גערויש טראָגט זיך

אַ ווינטל איבער דעם גאַנצן אַרומיקן וואַלד — אומעטום טראָגט זיך דאָס ווינטל, נאָר אַהער, צו דער רויטער ווערע אַנדע, דערגייט עס ניט.

אַרום צוועלף אַ זייגער בײַ טאָג זײַנען דאָרט אויף דער ווע־ראַנדע שוין פֿאַרזאַמלט אַלע קרובֿים. אַ נײַער פּלוצעמדיקער גאַסט איז דאָרט דאָס מאָל דער בנעימותדיק־שטילער „כ'הייס מאיר" — אַ ספּעציאַליסט אויף בויען בריקן בעת דער מלחמה און איצט אַן אינזשעניר אויף אַ נײַער בויונג ערגעץ אַרום באַרנאַול. ער זעט זיך דאָ צום ערשטן מאָל נאָך גאַנצע פֿינף יאָר מיט זײַן שוועסטער סימע, וואָס האָט באַקומען אַ צוויי־וואָכעדיקן אורלויב אין איר מי־ליטער־טייל ערגעץ נעבן בערלין. ריידן שטייט זיי פֿאָר סײַ וועגן פֿריילעכע זאַכן, סײַ וועגן טרויעריקע. עס פֿעלט זייער ייִנגערער ברודער ליפּע, וואָס איז געפֿאַלן אין שלאַכט. נישט אומגעקערט פֿון דער אָפּאָלטשעניע האָט זיך דער פּעדאַגאָג שוליק, וואָס פֿלעגט שטענדיק פֿאַרליבטערהייט זיך קריגן מיט סימען און האָט נישט באַוויזן צו דערקריגן זיך מיט איר ביזן סוף. עס פֿעלן נאָך אַנדערע, שוין אָפּגערעדט פֿון אַלע קרובֿים און באַקאַנטע אינעם ווײַטן היי־מישן שטעטל אין דרום.

אַרום מאירן מיט סימען שטופּן זיך אויף דער ווערע אַנדע אַלע קרובֿים. ציוויל אָנטאָן מישט זיך אויס מיט דער אוניפֿאָרעם פֿון אײַזנבאַנערס. דאָ און דאָרט שווינדלען־דורך גאָלדענע פּאָגאָנעס[6], פֿאַרבליבענע מעשענע קנעפּלעך אויף רעקלעך פֿון דעמאָבאָליזירטע און פֿאַרשיידענע פֿאַרביקע פּאַסיקלעך פֿון אָרדנס און מעדאַלן. בײַ יונג און אַלט מאכן זיך נישט צו די מײַלער. יעדער איינער האָט נאָך אַלץ וואָס צו דערציילן סײַ פֿונעם פֿראָנט און סײַ פֿון זײַן איצ־טיקער אַרבעט אין זאַוואָד אָדער אין אַנשטאַלט. דאָ קען מען הערן וועגן נײַע נאַפּטקוואַלן, וועגן בוי־מאַטעריאַלן, וועגן נײַע מינים פּראָדוקציע, וועגן נײַע טעקסטיל־און לעדער־פֿאַבריקן, און בײַנאַנד מיט דעם — וועגן נײַ־אָפּגעזוכטע קרובֿים.

---

[6] פּאָלעטן, אָפּצייכענונגען פֿון מיליטערישן גראַד, סטאַזש.

— אָ־אָ! — צעשמייכלט זיך, אַרויסקומענדיק מיט פֿאַרשפּעטי־קונג אויף דער וועראַנדע, דער פּאָלקאָווניק מאָטיע־מאַטוויי — קיין בייז אויג!

פֿון אונטער די ברילן ווינקט ער דערבײַ צו ניוטען בלויז מיט איינעם פֿון זײַנע שוואַרצע אויגן, ווײַל דאָס צווייטע אויג — אויך אַ שוואַרצס, נאָר נישט קיין שמייכלדיקס — איז בײַ אים אַ גלעזערנס. דאָס צווייטע אויג האָט ער פֿאַרלוירן אין שלאַכט בײַם אָפּנעמען אָריאָל, ווו ער האָט קאָמאַנדעוועט מיט אַ באַזונדער אַר־טילעריע־טייל. ווען נישט אָט דאָס גלעזערנע אויג, וואָלט ער, דער ברייט־בייניקער, גאַנץ ווּוקסיקער, גאַנץ קרעפּטיקער און זעלטן אויסגעפּראַוועטער מיליטער־מאַן, געווען איצט נישט קיין אינספּעק־טאָר פֿון מיליטער־שולן, נאָר ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ גענעראַל.

— איך זע — זאָגט ער צו ניוטען — דו האָסט בײַ זיך אויף דער וועראַנדע די גאַנצע נײַע „פּיאַטיליעטקע“ [7]. אַזוי פֿיל קרובֿים, געדענק איך נישט, דײַן טאַטע זאָל בײַ זיך האָבן אַפֿילו פּורים צו דער סעודה.

ניוטע ענטפֿערט דערויף גאָר נישט און קוקט נישט צו אים. די פֿויסטלעך פֿון אירע רוּיקע הענט שטופּן זיך וואָס טיפֿער אין די טאַשן פֿון איר געשטריקטן קאָראַלן־רויטן קאָפֿטל און איר נאָכגע־האָנגען גוידערל בלאָזט זיך אַ ביסל איבערנעמעריש, און דאָס פֿאַרשפּאָרט איר צו ענטפֿערן דעם פּאָלקאָווניק:

— וואָס זשע מיינסטו?... טאַקע אַזוי.

די טעמע פֿון די שמועסן אויף דער וועראַנדע האַלט זיך כּסדר אין איין בײַטן.

ניוטע, אַז זי רעדט, האַלט זי, מעשׂה מאַנסביל, די פֿויסטלעך אין די טאַשן פֿון איר קאָפֿטל; זי דערציילט וועגן איר אַמאָליק רע־וואָלוציאָנעריש לעבן, וועגן אירן אַ דעמאָלטיקן נאָענטן חבֿר. זי דערציילט אָן שום אינטאָנאַציעס, אָן יעדער מינדסטער גרימאַסע

[7] (פּאָפּולערע סאָוויעטישע לאָזונג) פֿינפֿיאָרפּלאַן.

אויף די ראָזלעכע באַקן, וואָס גייען זיך פֿונאַנדער נעבן מויל, ווי גלײַך זי וואָלט אונטער זיי האַלטן צוויי האָזענע ניסלעך. אירע רוזיקע גרוילעכע אויגן שמעלערן זיך, און אַלע אַרומיקע, בעת זיי הערן צו, דאַכט זיך זיי, אַז אָט די אויגן אירע ווערן פֿון רגע צו רגע אַלץ מער שלעפֿעריק. אַלע ווייסן, אַז דער „נאָענטסטער חבֿר“, וועגן וועלכן זי רעדט, איז געווען איר מאַן און איז אומגעקומען בײַם אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרשיקונג. במילא באַקומט זיך בײַ אַלע, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן נאָך איינעם אַ קרובֿ, און במילא פֿאַר־שפּרייטן זיך בײַ אַלע די קרובֿישע געפֿילן פֿאַראיינוועגס שוין אויך אויף קאַליניִנען [8].

— אַך־אַך־אַך! — דערמאָנט זיך דער פֿאָלקאָוניק מאָטיע־מאַטוויי — אַ מתּנה האָב איך דאָך פֿאַר דיר, ניוטע... אַלץ הייסט אַ מתּנה!... פֿראַדלען געדענקסטו?

פֿראַדל איז געווען זייער אַ ווײַטע קרובֿה. זי האָט געוווינט אין דאָרף קיסלין און פֿלעגט קומען אין שטאָט נאָר אויף ימים־נוראים מיט צוויי זין — בערע און יוסף. היטן דאָרט די שטוב פֿלעגט בלײַבן אין דאָרף איר מיידל, גרוניע, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט טאַקע דאָרט אין דאָרף פֿאַרן קאָוואַלס זון.

איז אָט. דורך אַ צופֿאַל האָט מאָטיע־מאַטוויי זיך דערוווּסט, אַז גרוניעס מיזינקע האָט זיך אָפּגעזוכט ערגעץ נעבן קאַמענעץ. אָט איז איר אַדרעס. און גרוניע האַלט, אַז זי איז אומגעקומען.

— וואַרט נאָר... גרוניע?

ניוטען דאַכט זיך, אַז זי האָט גרוניעס אַדרעס. זי לאָזט זיך צו איר קאַרטאָטעק.

יאָ, גרוניע איז אין טשאַקאַלאָוו. די מלחמה האָט זי געטראָפֿן בײַ איר זון בערען אין וואָראָניעזש. איר מיזינקע ביילקע לעבט, געפֿינט זיך ערגעץ נעבן קאַמענעץ. און ביידע, די מוטער און די טאָכטער, ווייסן נישט איינע וועגן דער אַנדערער.

---

[8] פּרעזידענט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד.

איצט בלײַבט שוין נאָר צו פֿאַרשרײַבן אויף אַ נײַעם קאַר־טאָטעק־קאַרטל ביילקעס געגויעם אַדרעס.

אַלע אויף דער ווערענדע רינגלען־אַרום ניוטען און קוקן־צו, ווי זי פֿאַרגרעסערט די משפּחה מיט נאָך איין קרובֿ — גראָד זי, נאָך וועמען דער פֿאָטער איז אַמאָל אָפּגעזעסן אַ שעה שבֿעה און זיך דערבײַ געלאָזט רײַסן קריעה.

# פרינץ ראובני

## דראַמע אין 4 אַקטן און 6 בילדער

# 4טער אַקט

אַ ווינקל אין אויפגעבונטעוועטן פּליטים־לאַגער פון ליסאַבאָנער האַפן. ביים ברעג שטייט אַ שלאַכטשיף. גרייט צו שיסן וואַרט די מאַנשאַפט ביי צוויי האַרמאַטן אויף דער שיפדעק. דורך אַ שפּאַקטיוו קוקט פון דאָרט דער אינוואַליד צו די פּאָרטוגאַלער שיפן, וואָס געפינען זיך טיפער אין ים. פון לינקס — מצד דער יבשה — הערט מען אַ שלאַכטטומל. מען ברענגט פון דאָרט פאַרווונדעטע און מען טראָגט זיי אַריין אין טריום פון שיף. אין פאַרביקע פרינץ־קליידער באַווייזט זיך ראובני אין איינעם מיט שבתין. מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט באַגלייט ער אַ נייע באַוואָפנטע גרופּע, וואָס לויפט־אַוועק מיט מלחמה־אויסגעשרייען לינקס צום אָרט, ווו די שלאַכט גייט.

**ר א ו ב נ י** — אַרויפציִען די פאָן!

מען ציט־אַרויף אויפן מאַסטבוים די פאָן מיט די איינגעהעפטע ווערטער דגל מחנה יהודה. ראובני הייבט זיך אויף אויפן העכסטן קאַפּיטאַן־בריקל. פון אונטער אַ הויפן שטריק רוקן־אַרויס די קעפּ ר׳ עמנואל און ר׳ יחיאל.

**ר׳ ע מ נ ו א ל** — עס איז די פאָן,
וואָס אים געשענקט האָט זי...

**ר׳ י ח י א ל** — זיין בענווענידאַ?

פון אונטער דעם הויפן שטריק רוקן־אַרויס די קעפּ אייניקע פון יענע, וואָס באַגלייטן אויף דער שיף ר׳ אמנונען — דעם קדוש.

**ר׳ ע מ נ ו א ל** — געהערט האָב איך
נאָר וואָס די ים־לייט ריידן:

מען האָט בײַ נאַכט געקענט גאַנץ שטיל אַנטלויפֿן
אויף אָט דער שיף.

ר׳ י ח י א ל — און לכתחילה גאָר
אַהער אין אומגליקלעכן פּליטים־לאַגער
שוין נישט אַרײַנשמעקן אַפֿילו.

א יי נ ע ר פֿון די צוהערערס — אמת
דערויף דאָך מיט דעם קדוש האָבן מיר
אויף אָט דער שיף זיך אויפֿגעזעצט.

ר׳ י ח י א ל — נו, יאָ,
מיר אויך... געמיינט, אַז קומען וועלן מיר
צו ייִדן ערגעץ אין אַ לאַנד אַ פֿרײַען...

ר׳ ע מ נ ו א ל — ווײַזט אויף ראובֿנין.
האָט ער די ים־לײַט שטרענג פֿאַרזאָגט? אַהער,
אין ליסאַבאָנער האַפֿן, מיט דער שיף אָנקומען...

ר׳ י ח י א ל — נו, ווער? נו, ווער? ראובֿני?
צו וואָס?

א יי נ ע ר פֿון די אַרומיקע — איך ווייס:
כּדי דעם אויפֿשטאַנד אויפֿצוהייבן
און רופֿן אַלע שפּאַניער פּליטים דאָ
צו קידוש־השם. נישט אונטערגעבן זיך.

ר׳ ע מ נ ו א ל — אַזוי — צו קידוש־השם... אַ פֿרעמדנס פֿרוי,
אַן אשת־איש פֿירט ער דערצו אַרום
מיט זיך... צו וואָס?... צו וואָס?...
צו קידוש־השם?

צום קופּערשמיד און דינהן, וואָס טראָגן־פֿאַרבײַ אַ נײַ־
געבראַכטן פֿאַרוווּנדעטן.

איר, מקורבֿים זײַנע, זאָגט אונדז, ווו
באַהאַלט ער אויף דער שיף זײַן בענוועניִדאַ?

קופערשמיד — אַרונטער אַלע אין דער טיף פֿון שיף!
מ׳האָט אײַך באַפֿוילן נישט באַווײַזן זיך
פֿון אויבן אויף דער דעק!
אַלע ווערן פֿאַרשוווּנדן.

ראובֿני — אויפֿן קאַפּיטאַן־בריקל. די לעצטע מחנה גרייט, שבתי, צו שלאַכט.
מיט איר צום טויט עס וועלן איצט שוין גיין
אויך איך און דו. די קליינער העלף, שבתי,
פֿאַרבײַטן מיר — איך ווער אויס פּרינץ. אַ קלייד
זוך־אויס פֿאַר מיר — אַ קלייד מיט וואָס מער לאַטעס.
אין שמאַטעס וויל איך שטאַרבן, ווי עס שטאַרבט
אַ ייִד.

שבתי — דערלאַנגט אים אַ קלייד פֿון שמאַטעס.
דערלויב צו זאָגן דיר: אין שלאַכט
עס זײַנען אַלע שוין — די לעצטע
געזונטע מענער.

ראובֿני — און נישטאָ מער קיינער?

שבתי — דײַן לץ איז גרייט מיט דיר דעם ייִדנטאַנץ
ביז סוף אויסטאַנצן איצט, מײַן האַר און פּרינץ!

ראובֿני — און זיי דאָ אַלע אויף דער שיף?

שבתי — בלויז פֿרומע
אַרום דעם קדוש. זייער הויפּטבאַרוף
איז הייליקן גאָטס נאָמען, אויסקוילען
זיך לאָזן, שולדיק מאַכן דיך און מיך
אין זייער טויט. זיי זאָגן: בענוועגידאָן
באַהאַלטסטו אויף דער שיף דאָ... אָט זיי קומען!...

פֿון טריום — אַ געזאַנג פֿון מענער, קינדער, פֿרויען און אַלטע לײַט. זיי טראָגן־אַרויף ר׳ אמנונען אויף זײַן מיטה און זינגען דערבײַ פֿון זײַן „ונתנה תוקף״:

ותפתח את ספר הזכרונות
ומאליו יקרא. וחותם יד כל אדם בו...
ומלאכים יחפזון
ויאמרו: הנה יום־הדין
לפקוד על צבא מרום בדין.
וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרום.
...כבקרת רועה עדרו
מעביר צאנו תחת שבטו,
כן תעביר ותספור ותמנה ותפקוד נפש כל חי
ותחתוך קצבה לכל בריותיך
ותכתוב את גזר דינם.

א י נ ו ו אַ ל י ד — קוקנדיק אין שפּאַקטיוו.
צו אָנפֿאַלן אויף אונדז עס גרייטן זיך
פֿון רעכטס די פּאָרטוגאַלער אויף די שיפֿן!

ר א ו בֿ נ י — איז גיט זיי פֿײַער אַהין רעכטס!

א י נ ו ו אַ ל י ד — באַפֿעלט דער האַרמאַטן־מאַנשאַפֿט. איז פֿײַער!
איז פֿײַער! איינס און צוויי און דרײַ!

די האַרמאַטן שיסן. די פּאָרטוגאַלער שיפֿן ענטפֿערן מיט גע־
שאָס. אַ בהלה צווישן עולם, וואָס פֿאַלט־צו צו דער שיפֿדעק.
קרעכצן פֿון פֿאַרוווּנדעטע. דערנאָך — אַ טויטשטילקייט.

ר׳ אַ מ נ ו ן — ספינה זו מי קברניטה?

ר׳ י ח י א ל — דער קדוש פֿרעגט, ווער איז פֿון אָט דער שיף
דער פֿירער...

ר׳ ע מ נ ו א ל — זאָל ער זיך פֿאַר אונדז באַווײַזן
און זאָל ער זאָגן קלאָר וווּהין און ווען
עס גייט די שיף.

אַ ל ע אַ ר ו ם ר׳ אַ מ נ ו נ ע ן — דאָס דאַרפֿן מיר
דאָך וויסן!

ר א ו בֿ נ י — טרעט־אַראָפּ פֿונעם קאַפּיטאַן־בריקל,

דעם קדוש זאָגט: דערווײַל איז נאָך נישטאָ
פֿאַר אָט דער שיף קיין האָפֿן — אַלץ נישטאָ...

ר׳ אַ מ נ ו ן — עניה מערה לא נחמה?

ר׳ י ח י א ל — דער קדוש פֿרעגט: די אָרעמע אין שטורעם
גאָר אָן אַ טרייסט?

ר א ו בֿ נ י — אַ טרייסט?... פֿאַראַן אַ טרייסט:
והיה באַחרית הימים.

ש ב ת י — ס׳וועט זײַן אין סוף פֿון טעג.

ר א ו בֿ נ י — ולא ישא גוי על גוי חרב.

ש ב ת י — און פֿאָלק אויף פֿאָלק וועט מער קיין שווערד
נישט הייבן.

ר א ו בֿ נ י — עס האָבן אָבֿות אונדזערע אַמאָל
דער וועלט אַרויסגעגעבן דאָס — אַ וועקסל...
צו זייער חתימה עס האָבן פֿאַרן טויט
בײַ אַלע פֿעלקער הייליקע מאַרטירערס
זיך צוגערירט מיט די פֿאַרשמאַכטע ליפּן.
און איר? — איר חתמעט איצט באַנײַס דאָס וועקסל?
צי אפֿשר גרייט זײַט איר דאָ פֿאַרן טויט
צו אײַערע אָבֿות שרײַען: ניין! אין פּנים
מיר וואַרפֿן אײַך דעם משכּון איצט צוריק — —
איר זײַט באַנקראָט!?

ר׳ ע מ נ ו א ל — איז וואָס איז דאָ דער מער?
צו גלייבן, אַז די אויסלייזונג וועט קומען
גערופֿן האָט אונדז דאָך דער הייליקער
ר׳ שלמה מולכו דורך געבעט און פֿאַסטן.

ר׳ י ח י א ל — ר׳ שלמה דער בן־תּורה, שלמה מולכו!!

ר א ו בֿ נ י — דער בן־תּורה?... נאָר ס׳האָט תּורה בלויז
אָן וואָפֿן קיין מאָל נישט געזיגט. פֿאַרזאָגט
עס האָבן אײַך אַמאָל די אָבֿות: טראָגט
דעם צוזאָג אונדזערן דער וועלט נישט נאָר

מיט גלויבן — שיצן מוזט איר אים מיט קאַמף,
ווי עס באַשיצט אַ פֿאָלק זײַן לאַנד.

ר׳ אַ מ נ ו ן — כּי זה חיך וארך ימיך.

ר א ו בֿ נ י — דערפֿאַר בלויז לעבט איר אַלץ נאָך ווי אַ פֿאָלק.
דערויף האָב איך דאָך שווערד־און־ביקס אין האַנט
געגעבן אײַך. פֿיל נײַע לענדער מען האָט
אַנטדעקט אַצינד, נאָר נישט אַנטדעקט מען האָט
דעם נײַעם מענטשן נאָך — איז קומט... איז קומט
מיט מיר אין שלאַכט פֿאַר אונדזער גלויבן אין —
דעם מענטשן פֿון די קומענדיקע טעג.
ווער גייט מיט מיר?

ר׳ י ח י א ל — עס זאָגט עפּעס דער קדוש!
בייגט־צו זײַן אויער צו ר׳ אַמנונען.

ש ב ת י — שטויסט־אָפּ ר׳ יחיאלן, בייגט זיך אָן צו ר׳ אַמנונען.
ער זאָגט: עס איז גערעכט דער העלד, אַליין
דער קדוש וואָלט געדריקט דעם העלד די האַנט,
ווען הייליקייט זאָל האָבן הענט.

שטיל. אייניקע פון ר׳ אמנונס באַגלייטערס באַוואָפּענען זיך
און שטעלן זיך אויס אין שפּיץ מיטן קופּערשמיד, שבתין,
אינוואַליד און דינהן.

ר א ו בֿ נ י — צו די באַוואָפֿנטע. איר זײַט מײַן פֿאָלק! און אײַער אַלטן ווונטש
האָב איך אין האַרצן בײַ זיך געטראָגן, ווען
פֿאַר לענדער פֿאָרגעשטעלט איך האָב זיך דאָ
ווי אַ פּרינץ פֿון אײַער לאַנד. נישט אויסגעטראַכט
איז דאָס געווען — באַנײַט האָב איך דעם טרוים
פֿון דורות: אייגענע פֿיר איילן קומט
נישט נאָך זײַן טויט בלויז, נאָר אין לעבן!
און איצט די קליידער פֿון אַ פּרינץ איך וואַרף
פֿון זיך אַראָפּ — ווי שאָלעכץ פֿונעם יאָדער — —

**אַ ייִד!... צו שמאַטעס צוגעווינט איז ער,**
**און שמאַטעס בלײַבט די קליידונג פֿון מײַן פֿאָלק**
**ביז קומען וועט דער נײַער מענטש און וועט**
**פֿאַר אַלץ באַצאָלן. נישט קיין פּרינץ!... איך בין**
**צו גלײַך מיט אײַך, אַ ייִד אַ פּשוטער,**
**אין שמאַטעס... נו? — אין שלאַכט!**

מיט בלויזער שווערד לאָזט ער זיך בראש פֿון די באַוואָפֿנטע אין שלאַכט.

**דו קעמפֿסט מײַן פֿאָלק — דאָס הייסט: דו לעבסט,**
**מײַן פֿאָלק!**

פֿאַרשטיינערט קוקט דער עולם אַרום דעם קדוש, ווי זיי ווערן פֿאַרשווונדן לינקס, פֿון וואַנען מען הערט, ווי די שלאַכט פֿאַרשטאַרקט זיך.

א יי נ ע ר — קוקט אין שפּאַקטיוו בײַ די האַרמאַטן.
**אַ שיפֿל פֿול מיט פּאָרטוגאַלער שווימט**
**אַהערצו פֿון די פּאָרטוגאַלער שיפֿן!**

דער עולם לאָזט זיך נענטער צום באָרט.

אַ צ וו יי ט ע ר — קוקנדיק אין שפּאַקטיוו.
**אַ פֿרוי, איך זע, דאָרט שטייט אין שיפֿל! אַ פֿרוי!**

ע ל ט ס ט ע ר בײַ די האַרמאַטן — **נישט צולאָזן אַהער דאָס שיפֿל! נישט צולאָזן!**

מען צילט־אָן אַהער די האַרמאַטן.

א יי נ ע ר פֿונעם עולם — **און אפֿשר איז דאָס די ישועה גאָר?**
אַ ל ע — צו דער מאַנשאַפֿט. **ניט שיסן!... ניט שיסן!...**

מען הערט, ווי עס פּליעסקען רודערס און ווי אַ שיפל שטויס זיך אָן אין באָרט.

אַ ק ו ל פֿון שיפֿל — **אַ לייטער לאָזט־אַראָפּ!**

מיטן אַראָפּגעלאָזטן לייטער הייבן זיך אויף אויף דער שיפדעק צוויי באַוואָפנטע פּאָרטוגאַלער און אַ פרוי פאַרהילט אין איר שלייער. דער עולם טרעט־אָפּ צוריק.

ר׳ אַ מ נ ו ן — צו ר׳ יחיאלן.
אַן אישה! טרעט־אַרויס פֿאָרויס צו דער פֿרוי.
ווער זײַט איר?... זאָגט!...
ד י פֿ ר ו י — אַ פֿרוי אַ ייִדישע.

גערמורמל צווישן עולם.

ר׳ י ח י א ל — צו ר׳ אַמנונען אין אויער.
אַ בת־ישׂראל! בייגט־צו זײַן אויער צו ר׳ אַמנונען.
דער קדוש פֿרעגט: מקדש שם זײַן דאָ
מיט אונדז איז זי אַהער געקומען:
ר׳ ע מ נ ו א ל — צו דער פֿרוי. נו זאָג...
ד י פֿ ר ו י — צו שטאַרבן דאָ מיט אײַך אין איינעם,
אויב נישט מיט אײַך אין איינעם לעבן בלײַבן.

רײַסט־אַראָפּ פון זיך דעם שלייער.

ר׳ ע מ נ ו א ל — עס איז די פֿרוי פֿון ברבנאל ר׳ שמואל!
ר׳ י ח י א ל — ר׳ אַמנונען אין אויער. אַן אשת־איש!
ב ע נ וו ע נ י ד אַ — אַרומקוקנדיק זיך. דער פּרינץ...
ווּ איז דער פּרינץ?
ר׳ ע מ נ ו א ל — זי פֿרעגט זיך נאָך אויף איר עבֿירה גאָר!
איר גלוסטעניש איז ער... איר גלוסטעניש!
ר׳ י ח י א ל — און אין אַ צײַט אַזאַ גרויזאַמער!
ר׳ ע מ נ ו א ל — און אפֿשר איז זי גאָר די זינד, וואָס מיר
פֿאַר איר דאָ קומען־אָפּ?... אין ים אַרײַן זי וואַרפֿן!

אַלע טוען זיך אַ לאָז צו בענוועני‌דאַן. מען בינדט זי. מען הייבט זי אויף איבער די קעפּ פונעם עולם אויף אַרײַנצוואַרפן זי אין ים און מען הערט ניט, ווי עס פאַרשטאַרקן זיך לינקס

די שלאַכט־געשרייען. אויף אַ טראַגבעטל ברענגט מען פון
דאָרט ראובנין אַ שווער־פאַרוואונדעטן און מען לייגט אים אַוועק
אין איין ריי מיט ר׳ אמנונען. שבתי שטעלט־אָפּ די עקזעקו־
ציע אויף בענוועניִדאַן. בײַם שווערן שווײַגן פון אַלע אַרו־
מיקע גייט־צו בענוועניִדאַ צו ראובנין. זי לייגט־אַרויף איר
האַנט אויף זײַן שטערן.

ב ע נ וו ע נ י ד אַ — ווער לאָזט דען אָפּהאַקן דעם קאָפּ זיך, ווען
די פּיס נאָך זײַנען גאַנץ?
דעם גרעסטן מענטש — צום עולם —
געלאָזט אין שלאַכט, אַליין געבליבן דאָ?

ש ב ת י — נישט רייד אַזוי צו ייִדן! וואַרט!... דעם לץ,
דעם לץ הער־אויס: צו וואָס דען דאַרפֿן ייִדן
נאָך גרויסע מענטשן האָבן גאָר? צו וואָס?...
צום טויט?... אַזוינעם שעצן איז פֿאַר זיי
צו גוט... גענוג פֿאַר זיי אויך איך — דער לץ!
דערפֿאַר, אפֿשר, דערפֿאַר, אין אַפּשפּעטן,
בײַ לצים ייִדישע פֿאַרבאָרגן ליגט
פֿון תּמיד אָן דער גרעסטער גלויבן... אָט, זע:
די פּירונג נעמט דער לץ אויף זיך איצט איבער.
נעמט־איבער די שווערד פֿון ראובֿנים האַנט.
נו, זאָג אין אויער אים, צו וואָס ביסטו
אַהער געקומען.

ר א ו בֿ נ י — זאָג נישט מיר, נאָר דעם קדוש.

ב ע נ וו ע נ י ד אַ — עס האָט מײַן מאַן, דאָן שמואל, אויסגעפּועלט
דעם צוזאָג בײַ די פּאָרטוגאַלער: אײַך
מיט חסד וועט מען משפּטן, אויב נאָר
איר וועט זיך אונטערגעבן אַלע.

ר׳ י ח י א ל — חסד!...

געמורמל צווישן עולם.

ר א ו בֿ נ י — וואָס זאָגט דערויף דער הייליקער ר׳ אַמנון?

ש ב ת י — צובייגנדיק זיך צו ר׳ אַמנונען.
**דאָס איז שוין די צוואה פֿונעם קדוש.**
**ר׳ אַ מ נ ו ן — איך זאָג: אין שכנות זאָל מײַן קבֿר זײַן,**
**אין שכנות מיטן קבֿר פֿונעם העלד.**

שטאַרבט, מען וויקלט אים אײַן אין אַ טלית.

**ר א ו בֿ נ י — איז קער זיך אום אַהין איצט, בענוועניִדאַ,**
**און זאָג די פּאָרטוגאַלער דאָרט: עס שטאַרבט**
**דאָס פֿאָלק, נאָר אונטערגעבן זיך עס וויל ניִשט —**
**עס איז אַזאַ מין פֿאָלק...**
**ב ע נ וו ע נ י ד אַ — דער לעצטער ענטפֿער?**
**ש ב ת י — דער ענטפֿער פֿונעם קדוש, פֿונעם העלד**
**און אויך אַפֿילו פֿונעם לץ בײַ ייִדן.**
**ד י נ ה — דער ענטפֿער פֿון אונדז אַלע, אַלע דאָ.**
**ר א ו בֿ נ י** — צו בענוועניִדאַ. **און דו צום מאַן, צו דײַנעם,**
**קער זיך אום און מוטער ווער בײַ ייִדן. איך באַפֿעל**
**דאָס דיר — דאָס פֿאָלק וויל ווײַטער לעבן... גיי!**
**ב ע נ וו ע נ י ד אַ — בײַ ייִדן ווערן איצט**
**אַ מוטער?... און קראַפֿט**
**דערויף פֿון וואַנען זאָל איך שעפּן?**
**ר א ו בֿ נ י — פֿון אונדז,**
**פֿון אונדזער אומקומען דאָ מיט שטאָלץ**
**פֿאַר אײַער ווײַטערדיקן לעבן... גיי!...**
**ב ע נ וו ע נ י ד אַ** — אָפּ מיט די צוויי פּאָרטוגאַלער.
**ר א ו בֿ נ י — שבתי!... די שלאַכט פֿיר ווײַטער...**

**מײַן צוואה**
**דורך דיר איך לאָז, איך שטאַרב: „דו קעמפֿסט, מײַן פֿאָלק,**
**דאָס הייסט — דו לעבסט, מײַן פֿאָלק״.**

מען וויקלט אים אײַן אין דער פֿאָן, וואָס מען לאָזט־אַראָפּ פֿו־
נעם מאַסטבוים. אַ טייל עולם שטייט מיט געבויגענע קעפּ

אַרום ראובנין און אַ טייל — מיט געבויגענע קעפּ אַרום ר׳ אַמנונען. די פּאָרטוגאַלער הייבן־אָן באַשיסן די שיף מצד דעם ים. די שיף הייבט־אָן זינקען. דער טייל פון עולם, וואָס אַרום ר׳ אמנונען, זינגט: „מי יחיה, ומי ימות״ אאַז״וו. יענע, וואָס אַרום ר׳ ראובנין, לויפן־אַראָפּ פון דער שיף אין שפּיץ מיט שבתין.

**ש ב ת י — אין שלאַכט! דו קעמפּסט, מײַן פֿאָלק,**
**דאָס הייסט — דו לעבסט, מײַן פֿאָלק!**

לויפּט־אַוועק מיט די באַוואָפנטע לינקס צום שלאַכטפעלד.

**סוף**

# צו דער כאראקטעריסטיק

## פון דוד בערגעלסאנס לעבן און שאפן

●

בלעטער פֿון געשיכטע, שפּראַכפֿאָרשונג, קריטיק און זכרונות

**א. ווייטער**

# דער ערשטער אָפּרוף

## דוד בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל״ *

אויסערלעך איז דאָ אַלץ אומגינסטיק פֿאַרן אויטאָר. אומבאַקאַנט און אָרדענער דער נאָמען: גיכער האָט ער זיך אין ערגעץ נישט געדרוקט אָדער געדרוקט זיך און נישט באַמערקט געבליבן. שלעכט אַרויסגעגעבן: אַ געלע הילע מיט געשמאַקלאָזע צייכענונגען און אַן אונטערטיטל „דערציילונג פֿון ייִדישן לעבן״, ווי אויף די קאָפּיקענע מעשיות פֿון די אַמאָליקע פּעקל־טרעגערס. און אַפֿילו אין בוך גופֿא איז די אײַנלייטונג און איבער הויפּט אין אָנהייב געשריבן שווער און אַזוי ווי צו לאַנג.

נאָר (נאָך דעם אַלעמען — רעד׳) ווערט נאָך אייגנטלעך גרעסער די אומגעריכטע פֿרייד, וואָס דאָס בוך פֿאַרשאַפֿט.

ד. בערגעלסאָן איז געקומען אין דער ליטעראַטור אַרײַן מיט אַ גרויסן „שטעטל״.

דער „אַרום וואָקזאַל״ איז לויטן אינהאַלט אויך ענלעך אויף דעם „שטעטל״. אייגנס. בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל״ שטעלט זיך אין איין ריי מיט אַש ווייניקער פּאָעמע, מער ראָמאַן. די האַנדלונג איז אַפֿילו דאָ אויך אַ קליינע, נאָר אַ סך אַ גרעסערע, אַ ברייטערע און פֿעסטער צונויפֿגעבונדן, מער קאָנצענטרירט ווי אין „שטעטל״. נישט קיין אידיליע, אָבער אויך אַ „שטעטל״. אַ נײַ שטעטל, אַנדערע ייִדן; אויך סוחרים, נאָר אַנדערע — פֿאַרבונדן מיטן וואָקזאַל — און דאָך איזאָלירט, אָפּגעזונדערט. דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן אײַנגעפּאַסט אין דעם דאָזיקן ראַם.

אַש שרײַבט ווייך, זאַפֿטיק, מיט אידילישע ראָזבלויע פֿאַרבן. בערגעלסאָן האָט אַן אייגענעם סטיל, נישט קיין „ייִדישלעכן״, נאָר אַ ייִדישן, און דאָך אַ פּינקטלעכן, אַ געשפּאַנטן, קיין שום „מליצה״ און קיין פּוסט וואָרט. דײַטלעך און פֿאַרביק.

---

* דאָס אַרטיקל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוועזן אין דער פֿרײַנד דעם 19טן יולי 1909 און עס איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען פֿון דעם מחבר, א. ווײַטער. ס׳איז די ערשטע קריטיק וועגן דוד בערגעלסאָן.

אָפּגעשטאַמט פון מענדעלע מוכר־ספרים און שלום אַש, גובר געווען זיי ביידע, זייער נאָענט צו האַמסונען (דאָס בוי פון „אַרום וואָקזאַל" איז אין האַמסונס גײַסט, אַן אַרט האַמסון־ראָמאַן), האָט בערגעלסאָן דורכויס אייגענע פאַרבן — פרישע, זאַפטיקע, און זעט אַלץ מיט אייגענע אויגן, זעט אייגנאַרטיק, ווו אַנדערע זעען נישט. ער האָט אומגעווייגלעך דײַטלעך די גאַנצע באַהאַלטענע נעץ, אין וועלכער דער איינפאַכער אַלטעגלעכער פּרט איז פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם כלל, מיטן מקור, מיטן לעצטן שורש פון אַלץ. אַ געבענטשטער מיט אַלע נייטיקע קונסטמיטלען, בלײַבט נישט דאָס זען אין אים, נאָר ער שאַפט עס איבער. נישט דעם שרײַבער, וואָס האָט געזען דעם וואָקזאַל און דאָס אייגנאַרטיקע ייִדישע לעבן אַרום אים, פילט מען אין בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל", נאָר דאָס גופא, וואָס ער האָט געזען און ווי ער האָט געזען. אין דעם פּרט שטייט דוד בערגעלסאָן אויף איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין אונדזער ליטעראַטור.

אַפילו אין דער — לאָמיר עס אַזוי אָנרופן — אײַנלייטונג פון דעם „אַרום וואָקזאַל", וועלכע מען דאַרף אייגנטלעך לייענען ערשט שפּעטער נאָך דעם לעצטן קאַפּיטל — אַפילו אין דער אײַנלייטונג, וועלכע איז געשריבן, ווי געזאָגט, שווער און ערטערווײַז אַזוי ווי לאַנג, וואַקסט שוין אויף דער „רויטער וואָקזאַל", דער טויטער חומר פון וואָקזאַל, ווי אַ לעבעדיקער כוח, ווי אַן אומפאַרשטענדלעך, אומגעהײַער באַשעפעניש, וואָס האָט איר אויף אַן אייגנאַרטיקן לעבן און אַלץ, ווו דער עולם ייִדן גייען־אום, ליגן, קריגן זיך און מסחרן, ווי עס גייען־אום קליינטשיקע באַשעפענישן אויף אַ רוקן פון אַ גרויסער חיה. דער וואָקזאַל ווערט מיסטיש אומבאַגרײַפלעך אָדער: עס ווערט באַגרײַפלעך זײַן מיסטישער כאַראַקטער.

די אײַנלייטונג האָט דיסאָנאַנצן (נאָר זי איז אומגעווייגלעך מוזיקאַליש), איבערגעריסענע פאַרבן, אָבער די פאַרבן זײַנען בולטע, איבערצײַגנדיקע, אמת־קינסטלערישע. און נאָך פאַרביקער זײַנען די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך. ערטערווײַז פאַרמאָגט בערגעלסאָנס בוך אַזוינע שטעלן (איבער הויפּט אין זײַן פאַרהאַלטן זיך צו דער נאַטור און צײַטנווײַז צו דער אַלטעגלעכקייט פון מענטשן), וועלכע וועלן בלײַבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אייגענע ווערטן.

בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל" פאַרדינט אַן אויספירלעכן קריטישן אַרטיקל. די דאָזיקע ביבליאָגראַפישע נאָטיץ פאַרצייכנט נאָר, מען זאָל פאַרבײַ דאָס בוך מיט זײַן אָרדינערן אויסזען נישט פאַרבײַגיין. דאָס בוך איז נישט קיין געוויינלעך ביכל; דאָס בוך איז אַ יום־טוב־בוך, אַ געשעעניש, אַ זייער באַדײַטנדיק געשעעניש.

גאָר אַ חשובער גאַסט איז געקומען צו אונדז אין דער ליטעראַטור, און מען דאַרף אים אויפנעמען ווי געהעריק.

נחמן מייזיל

# דוד בערגעלסאָן — פון „וואָקזאַל" ביז „אָפּגאַנג" [1]

דוד בערגעלסאָן איז פון זײַן ערשטן אַרויסטריט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ באַזונדערער, אייגנאַרטיקער, מיט זײַן אייגענעם טאָן און סטיל, מיט זײַן אייגענעם כאַראַקטער און קאָלאָריט.

...בערגעלסאָן איז דער סאַמע סוביעקטיווסטער צווישן אַלע ייִדישע שרײַבערס. זײַנע ווערק, אַפילו די רעאַליסטישע און רעאַלע, זײַנען טיף עלעגיש און שטאַמען מער פון אינערלעכן קינסטלערישן שויס, ווי פון אויסערלעכער ווירקלעכקייט. דער אָנהייבוועג פון זײַן שאַפן מעג זײַן ערגעץ ווו אין דער ברייטער וועלט, אין אַ רעאַלער סביבה, אָבער ער קרייצט זיך איבער אין די אינטימע, סוביעקטיוו־פּאַרטיפּטע שטימונגען־מאָטיוון פון בערגעלסאָנס דיכטערישער נשמה, פֿאַרלירט שוין פיל פון זײַן הילכיקייט און געטומל און וואַקסט אַרײַן און ווערט צונויפגעפלאָכטן מיט זײַן אינערלעכער, אינטים־נאָגנדיקער וועלט. און די ברייטע וועלט מיט איר אויסערלעכער רחבות און צעגאָסנקייט ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער און ווערט שוין אַ שטיק איך פונעם קינסטלער, באַקומט שוין אַ בערגעלסאָנישן קאָלאָריט און סטיל. און די סביבה, די נאַטור, די טיפן. די פּאַרהעלטענישן צווישן אײנעם און דעם צווייטן וואַקסן נישט פון אויסן, קומען נישט פון דער פּעריפעריע אין אַ צענטער, נאָר פאַרקערט, פון אינעווייניק, פון צענטער, פונעם קינסטלערישן צענטער צו דער פּעריפעריע. און דאָס לעבן און ווערק אין ווען פאַרלירט די מעכאַנישע געזעצן פון אויסן און ווערט געטריבן פון אינערלעכן דראַנג פונעם קינסטלער. לעבט דעריבער אין אַזעלכע סוביעקטיווע ווערק מער דער אויטאָר איידער דאָס לעבן גופא, און די טיפן זײַנען ווי פאַרבלעפט פון דעם אויטאָרס אינטויטיווער קראַפט.

בערגעלסאָנס אַלע טיפן — ביינוש רובינשטיין אין „אַרום וואָקזאַל", מירעלע הורוויץ פון „נאָך אַלעמען", חיים־משה פון „אָפּגאַנג" און אַלע איבעריקע, סײַ מענער, סײַ פרויען, — טראָגן אין זיך אַחוץ אייגענע כאַראַקטערשטריכן, אַחוץ אייגענעם ווילן און דראַנג, אויך אַ שטיק בערגעלסאָנישע נשמה, וואָס באַגלייט זיי אויף יעדער טריט און שריט, באַפאַרבט זייער יעדע גרעסערע אָדער קלענערע געשעעניש און פאַריום־טובט זיי דאָס נודנע־וואָכעדי־

[1] פון בוך נאָטעטנטע און וויטע, ב' 1, ווילנע 1927, זז' 107—114.

קייט פון דעם אָרום און אַרום. און אויף וויפל יעדער פון זײַנע טיפּן, סײַ וויכטיקע און סײַ נישט־וויכטיקע, קומט אין די ווערק נישט אַ פאַרענדיקטער, פאַרהאַרטעוועטער פון לעבן גופא, נאָר האַלט ערשט אין אויסשיילן זיך, פּיקט זיך ערשט אויס אין דעם אויפוואַכעדיקן און צום לעבן געקומענעם אינטויִציון שאַפן פון בערגעלסאָנען, אויף אַזוי פיל איז יעדער טיפּ בײַ בערגעלסאָנען אַ שאַפנדיקער, איז פול מיט אינטויִציע, מיט עמאָציעס. און וויפל דער טיפּ זאָל נישט וועלן זיך באַפרײַען פונעם פאַרכּישופטן קרײַז פונעם אויטאָר, געלינגט עס אים נישט. בערגעלסאָן לאָזט קיין מאָל נישט אַרויס זײַן העלד אויף פרײַער ברייטער וועלט, אויף הפקר, אויף ווײַטע וועגן־שטעגן. מיט אָן אַ שיעור געהיימע און נישט געהיימע פאָדעם זײַנען אַלע זײַנע טיפּן פאַרבונדן מיט אים און זיי זײַנען אין אַלע זייערע מעשים און מחשבות נכנע און משועבד צו אים. און אויף איין ווײַלע הערט נישט אויף אין אַלע זײַנע ווערק צו לעבן בערגעלסאָן. און זײַן געמיט און גײַסט טוט רוען אויף אַלע קנייטשן, העוויות, ווינקעלעך פון זײַנע מענטשן און סביבה. און אפשר איז פאַראַן אַ באַגרענעצונג אין זײַנע ווערק, מען קערט־אָפּ פון ברייטן דרך־המלך און מ׳לאָזט זיך אויף שמאָלע שטעגעלעך, ווו איינצלנע גייען־אַדורך זייער לעבנוועג. בערגעלסאָנס ווערק זײַנען ווי פאַרהילט אין דעם געדיכטן שאָטן פון זײַן פּערזענלעך דיכטערישן „איך‟. ווײַל בערגעלסאָן איז אפשר מער דיכטער ווי פּראָזאַיִקער, מער עלעגיע־שרײַבער ווי אַן עפּישער שילדערער. און אַלץ: די האַנדלונג, די אַרומיקע אַטמאָספער, די ווירקלעכע ווירקלעכקייט איז בײַ אים באַפאַרבט, באַשײַנט מיט זײַן אינערלעכן שײַן און זיי קומען־אַרויס אין זײַנע ווערק אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי פאַרגאַנצן זײַן שטימונג, זײַנע אַלגעמיינע מאָטיוון, וועלכע עס וועקט אין אים די אויסערע וועלט. די האַנדלונג, די ווירקלעכקייט איז נאָר דער פאָן, אויף וועלכע זײַנע סילועטן־טיפּן, — מער פאַרהילט אין שאָטן, ווי העלע, אויפגעשײַנטע, — דרייען זיך אום און שאַפן זייער לעבן־לעגענדע.

*

אין אַ צײַט פון געזעלשאַפטלעכער אַפּאַטיע און אַלגעמיינער נידערשלאָגנקייט איז בערגעלסאָן גײַסטיק אויסגעוואָקסן, אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905—1906, ווען דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן איז כמעט ווי אַנטשוויגן געוואָרן. די ברייטע האָריזאָנטן זײַנען פאַרשוווּנדן און ס׳איז אָנגעקומען אַ צײַט פון קליינע מעשים און נישטיקע השגות. אַלע האָבן זיך פאַררוקט אין די אייגענע ענגע ווינקעלעך און גענומען ציִען אַ פאָדעם פון אייגענעם לעבן, פון אייגענע חשבונות. דאָס קאָלעקטיווע האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דעם פּערזענלעכן, און געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן — די סוביעקטיוו־פּסיכישע גריבלענישן. פריִער האָט דער קוואַל גערוישט, געקוועלט

מיט אימפעט, דערנאָך זײַנען די וואַסערן פאַרגאַנגען אין אַ פלאַכן שטח און צווישן ביימער און גראָזן שטיין געבליבן. און בערגעלסאָן האָט געטרונקען פון די שטייענדיקע וואַסערן. נישטאָ קיין געזעלשאַפטלעכער פּאַטאָס, נישטאָ קיין שטורעמדיקע הילכיקע קלאַנגען, נישטאָ קיין קרעפטיקע, סטיכישע שטראָמען.

„אין פאַרטונקלטע צײַטן" — אַזוי האָט בערגעלסאָן אָנגערופן דעם ערשטן טייל פון זײַן גרויסן ראָמאַן, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דעם ערשטן זאַמלבוך „אייגנס" (קיִעוו 1917) און פון פאַרטונקלטע צײַטן זײַנען זײַנע אַלע איבעריקע ווערק. אומעטום גייען־אַרום טיפן געוועזענע מיט אַ רײַכער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט, מענטשן וועלכע האָבן געשטורעמט, געווירקט, געהאַט השפעה, באַגײַסטערט און אַנטציקט, און איצט שפּאַנען זיי אַרום מיט אַן אויסגעלאָשן פײַער אין האַרצן, מיט אַן אינערלעכן ריס אין דער נשמה, — און זיי אַלע טראָגן־אַרום מיט זיך און מיט זייער גאַנץ וועזן די טיף־נאָגנדיקע בענקשאַפט פון בין השמשות און געפינען זיך קיין אָרט נישט אין אַרומיקן אָפּגעשטאַנענעם און אויסגעלאָשענעם לעבן. ווי נאָך אַ גרויסער שריפה: אומעטום חורבות, האָלאָוועשקעס, אָבער דאָך טליִען נאָך פונקען ערגעץ ווו, און אַ ליאַדע ווינטל קאָן עס אין אַ פלאַם פײַער אויפבלאָזן. און בערגעלסאָנס אַלע ווערק, פון „אַרום וואָקזאַל" ביז „אָפּגאַנג" — זײַנען ווי איין לעבן־מעלאָדיע, איין דיכטונגס־געשיכטע פון אַ גאַנצער תקופה וואָס האָט געזוכט דעם תיקון און דעם וועג צום אויסלייזן, געגאַרט שאַפן דעם יום־טוב אין דער וואָכעדיקער וואָך. אַלע גייען־אַרום, זוכן עפּעס איינער בײַם צווייטן און פאַרבלײַבן דאָך איינזאַם. אַלע זײַנען זיי אין אַן אויפגערעגטן פּסיכישן צושטאַנד, רוען נישט און מאַכן פאַרשיידענע פרוּוון צו דערנענטערן זיך צו אַנדערע, אָנצוּוואַרעמען די נשמה בײַם צווייטן, אָבער אַנטוישט און אומצופרידן און נישט־באַפרידיקט קערן זיי זיך אום צוריק צו זיך, און יעדער קאַפּיטל בײַ בערגעלסאָנען איז אַ באַזונדער געשיכטע אויף דער זעלביקער טעמע, און אומעטום פלאַטערט די נשמה און פאַרגייט אַזוי אין שטילע אָבער שווערע ליידן.

בערגעלסאָן איז ווײַט פון נידערשלאָגנעם פּעסימיזם, ער איז דורכויס אַקטיוו, פול מיט ווילן און פול מיט דראַנג צו שאַפן. דאָס לאָזט זיך פילן אין די שורות פון אַלע זײַנע ווערק.

אַקטיוו־שעפעריש איז ער אַליין און אַקטיוו־שעפעריש זײַנען אויך זײַנע מענטשן. דער וואָס קרענקט פון זײַן נודנעקייט און לאַנגווײַליקייט, דער וואָס רײַסט זיך פון דער אַפּאַטיע, דער וואָס קוקט שטענדיק אויס אויף אַן אויסגאַנג, דער פאַרבלײַבט נישט אין אַ מאַכטלאָזער און הילפלאָזער לאַגע. אומצופרידנקייט איז ווײַט נישט אַנטוישונג, נישט־באַפרידיקטקייט איז נישט קיין

פאַרצווייפלונג. בערגעלסאָנס מענטשן לאָזן זיך נישט אָפּ אין גאַנצן, ווי אָנכיס, למשל. ביי אָנכין פאַלן די טיפן אין גאַנצן אונטערן שווערן עול און ווערן אין גאַנצן צוגעדריקט ביז אָן אַן אָטעם. בערגעלסאָנס געוועזענער איז נאָך אַקטיוו, רוקט זיך אין לעבן און וויל נאָך עפּעס פון לעבן, און וועט סוף־כל־סוף אַרויף אויפן וועג. און צוזאַמען מיט זיינע מענטשן איז אויך בערגעלסאָן נישט אונטערגעפאַלן אונטערן שווערן יאָך און ער האָט זיך געריסן דורך פאַרשיידענע זייטן און אַרויף אויף דעם לעבעדיקן וועג פון דעם באַנייטן און נייעם לעבן.

„אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען", „אין פאַרטונקלטע צייטן", „אָפּגאַנג" — דאָס זיינען שטופעס און וויכטיקע דאַטעס נישט נאָר פון בערגעלסאָנס קינסטלערישע פעיִקייטן, נאָר אויך פון זיין פּערזענלעכן אַלץ־שטייגנדיקן פאַרנעם, פון זיין פאַרברייטערטן אויפפאַסן דאָס לעבן און פון זיין אינטעלעקטועלן וווּקס.

אין זיינע ערשטע ווערק האָט בערגעלסאָן געגעבן באַשטימט, באַגרענעצטע אידעעס און שטימונג־אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָט געלעבט, געזוכט און געטרוימט די יידישע באַלעבאַטישע און נגידישע יוגנט פון מיטלען גראַד. די איינצלנע ראַפינירטע אינטעליגענטן, וועלכע ווערן אַרויסגעפירט אין „נאָך אַלעמען", „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט" און אין „פאַרטונקלטע צייטן", גייען דורך אין אַ זייט, פאַרבייגייענדיק. און בערגעלסאָן רירט זיי אָן און לאָזט זיי אָפּ, ווי ער האָט מורא, אַז ער וועט זיי קינסטלעריש נישט גובר זיין. און אפשר דערפאַר האָט ער דעמאָלט אינסטינקטיוו זיך ליבער גענומען צו פּרויען־טיפּן. גרינגער איז געווען צו שילדערן דעם פּרויענטיפּ, וואָס זיינע הויפּט־עלעמענטן זיינען פון יידישן לעבן מער אָפּגעשטאַנענע, פאַרקילטע און געהערן צו די קאַנאָניזירטע שאַצן אין יידישערווירקלעכקייט. און אין מירעלע הורוויץ פון „נאָך אַלעמען" ציִען זיך די פעדעם דער עיקר פון איר ירושה־שטוב, פון דעם אַרומיקן שטעטל, פון דער בענקשאַפט און נישט־באַפרידיקטקייט מיט דעם אַרומיקן לעבן־שטייגער. נאָך באַגרענעצטער און פלאַכער איז די אינטעלעקטועלע הייך ביי די טיפּן פון „אַרום וואָקזאַל", זיי לעבן כמעט דורכויס מיט זייערע קליינשטעטלדיקע אינטערעסן און אויך די געשעענישן פון דער גרויסער שטאָט זיינען דאָ פאַרקליינשטעטלדיקט דורך דער אַרומיקער באַגרענעצטער אַטמאָספער.

גאָר אויף אַן אַנדערן אופן ווערט אויפגעפאַסט דאָס לעבן אין דעם ראָמאַן „אָפּגאַנג". פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז דער „אָפּגאַנג" גאָר אַ נייס: עס איז דאָס ערשטע באַדייטנדיקע ווערק פונעם לעבן פון דער יידישער אינטעליגענץ גופא.

ערגעץ ווו אין זיינע ערשטע ווערק — אין „נאָך אַלעמען" — דערציילט

בערגעלסאָן, ווי זײַנער אַן ערדישער, רעאַלער טיף זעט זיך אַ מאָל אין אַ שעה פון דערהויבונג אויף אַ באַרג, און אָט דער צווייטער קומט־אויס אי ווײַט, אי נאָענט, יאָ ער און נישט ער, און דער ווירקלעכער, צו ערד גע־בונדענער ציט זיך צו זײַן „איך" אין די ווײַטע הייכן. אין זײַנע פריערדיקע ווערק פון דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט האָט בערגעלסאָן שטענדיק געזען אין זײַן קינסטלער־פאַנטאַזיע די צווייטע וועלט, די נשמה־יתירה־שטימונג, און זיך אין זײַנע הויפּטטיפּן שטענדיק געצויגן אַהין.

דער „אָפּגאַנג", אָבער, פונעם אָנהייב ביזן סוף איז אין גאַנצן אַן אויס־געחלומטע, אויסגעטרוימטע סיפּור־המעשה. מער אָפּקלאַנג ווי קלאַנג. מער אָפּשײַן ווי שײַן, מער אָפּבילד ווי בילד. די מיסטיש־פולע פיגור פון דעם תמיד שמייכלענדיקן, תמיד שעמעוודיקן מלך, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ שטיל יום־טובדיק לעבן מיט אַ גוט שמייכל און מיט דעם זעלביקן גוטמוטיקן שמייכל נעמט ער זיך דאָס לעבן; דער פּאַרטיפּטסטער אין זיך, דער אומרויקער, מיטן שטומען פּראָטעסט אין האַרץ, דער אומצופרידענער חיים־משה; דער אַלטער לייקענער יצחק־בער, וואָס האָט זיך גאָר אַ באַזונדער דרך אין לעבן און וואָס נאָך גאָר יונגערהייט האָט ער זיך צעקריגט מיט גאָט; דער דאָקטער גראַביי, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער רעוואָלוציע און וואָס פאַרגיסט מיט פּעטקייט און פּוסטקייט זײַן אַמאָליקן „איך"; חווה פּויזנער, וואָס האָט אַן אויסזען „גלייך זי האָט גאַנצע יאָרן געוואַרט אויף איי־נעם אַ מאָדנע־אָנגעלייגטן גאַסט", און די אַלע איבעריקע טיפּן אין דעם דיכ־טערישן און שטימונגפולן ראָמאַן „אָפּגאַנג" — זיי אַלע לעבן עפּעס איבער אַ משונה־מאָדנע שקיעה צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל, וואָס אָטעמט־אויס זײַן לעבן. אַלץ גייט־אויס אין טרויער, אין טרויער פון אייגענעם אויסגעלעבטן און אויסגעהויכטן וועזן.

און אויף דעם שקיעה־פאָן, אויף די פאַרשאָטנטע קהלת־מאָטיוון פון דעם גוססדיקן שטעטל באַוועגט זיך די שאַרפע, אויסגעבויגענע פיגור פון חיים־משהן. ערשט נישט לאַנג האָט דאָ אַרומגעשפּאַנט דער ווייכער מלך. אָבער ער — חיים־משה — איז געקומען אַהער נישט מיט דעם שמייכל. „צוליב וואָס ניצן די ווייכקייט בנוגע צו אַ וועלט, וואָס מען אָנערקענט זי נישט! צוליב וואָס שמייכלען, מלך?", „דער עיקר איז אומרו, מלך", „דער שטומער פּראָטעסט, דער אייביקער שטומער פּראָטעסט". און ער שפּאַנט אַזוי אַרום מיט זײַן אומרו און מיט זײַן שטומען פּראָטעסט אַ באַגײַסטערטער אין אָט דער אומווערדיקער וועלט, ווו קלאָגן זיך איז ניט שײַך, מישן זיך — אויך נישט, איז גאָר נישט. לעבט מען אַזוי מיט דער משונהדיקער אָנגעשטרענגטקייט און פּלוצלינג טוט עפּעס „אַ בליץ אין געדאַנק". „דער מוח ווערט גלײַך שיכור

און אין די אייגענע אויגן ווערט מיט אַ מאָל פאַרגרעסערט דער ווערט פון דעם, וואָס מען טראַכט״...

דער „אָפּגאַנג״ איז דער סיפּור־המעשה פונעם ייִדישן אינטעליגענט אין זײַן צווייטער נישט־ערדישער וועלט. עס איז „אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע, אַן אייביק אומעטיקע מעלאָדיע, וואָס באַגלייט דעם שטומען אומגליק פון גאָר דער וועלט״.

און וווּנדערלעך זײַנען צונויפגעפלאָכטן די צוויי עלעמענטן — דאָס רעאַלע,ווירקלעכע לעבן, דאָס ערדישע און ממשותדיקע, מיט דעם אויסגעטרוימטן, פאַנטאַסטישן און איבערערדישן.

שיעור — אַ געזאַנג פון אַ מעשה שהיה, אַ געזאַנג פון אמתע קאָנקרעטע לעבן־פאַקטן.

טיף־עלעגישע מאָטיוון און שטיל־ציטערדיקע טענער איבער איינפאַכע לעבן־פּאַסירונגען און וואָר־ווירקלעכע געשעענישן.

דיכטערישע פּראָזע, צו וועלכער גאָר ווייניקע בײַ אונדז האָבן דערגרייכט.

1922

ש. ניגער

# די רעוואָלוציע אין מיניאַטור

דאָס קליינשטעטל איז די סביבה, די קאַמף־אַרענע, פון דעם גרעסטן טייל סאָוויעטיש־ייִדישע דערציילונגען און ראָמאַנען. אין זיי אַלע איז די טעמע — די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע — פּראָווינציאַליזירט. אייגנטלעך — נישט זי אַליין, נישט אירע מעכטיקע שטימען, נאָר אירע שוואַכע אָפּגעריסענע עכאָס. און אַנדערש קאָן עס נישט זײַן, ווען מען בלײַבט שטעקן אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען, וועלכע „שפּיגלען זיך אָפּ״ אין די דאָזיקע ראָמאַנען אָדער דערציילונגען. צו אָט די קליינשטעטלעך האָבן מער ווי ווײַטע עכאָס פון דער רעוואָלוציע נישט געקאָנט דערגיין. די ווינטן האָבן פאַרטראָגן אַהין רויך און פונקען פון די „וועלט־שריפות״.

די עצם „שריפות״ האָבן געפלאַקערט אין די גרויסע צענטערס. דאָרט זײַנען געווען און געבליבן די פירערס. דאָרט האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גראַנדיעזע אַרויסטרעטונגען פון די מאַסן. דאָרט — נישט אין קאַסרילעווקע.

די שרײַבערס, וואָס האָבן זיך גענומען מאָלן די רעוואָלוציע אין די

קליינע שטעטלעך, האָבן געמוזט אויסמאָלן אַ קליינשטעטלדיקע רעוואָלוציע. אָבער אין אַ קליינשטעטלדיקער רעוואָלוציע איז אין דער אמתן דאָ מער קליינשטעטלדיקייט ווי רעוואָלוציע.

איז פאַר דוד בערגעלסאָנען געשטאַנען אַ שווערע פּראָבלעם. ער האָט אונדז געוואָלט ווײַזן דעם מידת־הדין פון די שטורעמטעג, אָבער ווי דאָס רוב אַנדערע סאָוויעטיש־ייִדישע שרײַבערס האָט ער אויך זײַן מאַטעריאַל גענומען פון דער פּראָווינץ. ער האָט געהאַט פאַר זיך די שווערע אויפגאַבע צו מאָלן אַ שטורעם אין אַ גלאָז וואַסער, וואָס זאָל דאָך זײַן שטורעם. ווי האָט ער די אויפגאַבע אויסגעפירט? ער האָט געלאָזט אויפשײַנען אין דעם פּראָווינציעלן „גלאָז וואַסער" יענעם ווונדערלעכן טראָפּן, אין וועלכן די זון שפּיגלט זיך אָפּ אַזוי ווי אין ים. ער האָט, מיט אַנדערע ווערטער, געזוכט אונדז צו געבן אַ רעוואָלוציע אין מיניאַטור.

האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אונדז ווײַזן די דרויסנדיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. זיי קאָן מען נישט געבן אין אַ פאַרקלענערטן מאָסשטאַב, נישט אַזאַ זאַך ווי אַ רעוואָלוציע. אָבער די אינעווייניקסטע וועלט פון דער רעוואָלוציע, איר מאָראַל, קאָן מען זען אַפילו נאָר אין איין שטיק פלאַם און רויך, וואָס דער ווינט רײַסט־אָפּ פון די „וועלט־שריפות" און פאַרטראָגט ערגעץ אין אַ העק. אָט דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון דער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש האָט בערגעלסאָן אויף זײַן שטייגער, מיט זײַן קליינעם און איידעלן יווועליר־געצײַג, געזוכט פאַר אונדז בולט צו מאַכן אין „מידת־הדין".

דאָס פּלאַץ פון די מיניאַטור־געשעענישן: אַ פּאָר שטעטלעך און דערפלעך בײַ איינער פון די אוקראַיִנישע גרענעצן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע. די געגנט וואָלט אין גאַנצן געבליבן אין אַ זײַט פון די שטורעמדיקע געשעענישן, ווען נישט איר נאָענטקייט צו דער גרענעץ. די גרענעץ מאַכט, אַז דאָ זאָלן זײַן שמוגלערס און קאָנטראַבאַנדיסטן און עס זאָלן ממילא זיך אַרומדרייען דאָ פּערזאָנען, וואָס ווילן אַנטלויפן פון דער רעוואָלוציע אָדער זי שעדיקן. אַ דאַנק דעם קריגט גאָר אַ באַזונדער באַדײַטונג די קליינע רויט־אַרמייִשע אָפּטיילונג, וועלכע איז ספּעציעל אַהער געשיקט געוואָרן פון צענטער. עס קומט־פאָר אַ שטילע, אָבער אײַנגעשפּאַרטע מלחמה צווישן איר און אַלע פאַרשיידענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אַ קריג — און, ווי אין יעדן קריג, זײַנען אויך דאָ, אַחוץ די צוויי קעמפנדיקע צדדים, אויך נייטראַלע עלעמענטן און אַזוינע וואָס וואַקלען זיך. עס זײַנען דאָ העלדן און קרבנות — שולדיקע און אומשולדיקע. הכלל, עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו ווײַזן אונדז די פּסיכאָלאָגיע און די מאָראַל פון אַ גרויסן קאַמף אין מיניאַטור.

די מעגלעכקייט איז אפשר דאָ נאָך גרעסער ווי דאָרטן, ווו עס שפּילט זיך אָפּ די גרויסע דראַמע אין גרויסן סטיל. דאָרטן ווערט מען פאַרכאַפּט פון די עצם־געשעענישן. דאָרטן זײַנען די פּאַסירונגען אַליין אַזוי גראַנדיעז, אַז מען באַנוגנט זיך מיט זיי. צו וואָס זיך שטעלן פּסיכאָלאָגישע אָדער עטישע אויפגאַבעס? מען דרייט זיך אין דעם ראָד פון דער שפּאַנענדיקער, שווינדלענדיקער געשיכטע. מען זעט, אַחוץ דעם, נאָר דעם אימפּעטדיקן שטראָם פון מאַסן־לעבן, ווען עס שטורעמען די אמתע רעוואָלוציאָנערע שטורעמס. צוליב דעם וואַלד זעט מען נישט דיביימער — די יחידים.

אין די שטילערע ווינקלען פון דעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט, אין די ווינקלען, וועלכע עס מאָלט פאַר אונדז בערגעלסאָן, קאָן מען זיך בעסער צוקוקן צו דעם איינצלנעם מענטשן און מען קאָן אויך זען, וואָס עס טוט זיך אין אים אינעווייניק, נישט נאָר דאָס אַרומיקע און דאָס דרויסנדיקע.

די דאָזיקע מעגלעכקייט האָט בערגעלסאָן אויף אַ קונציקן אופן אויסגענוצט און ער ווײַזט אונדז אין „מידת־הדין״ אַ קליינעם, אָבער פײַן־געשניצטן מוסטער פון אַ גרויסער עפּאָכע. ער שילדערט נישט די מאַסן (זיי לאָזן זיך נישט פאַרקלענערן: זייער קראַפט איז זייער צאָל), אָבער ער גיט אונדז פײַנע מיניאַטור־געשטאַלטן פון זייערע פירערס, עקזעמפּליאַרן. ער גיט צו עטלעכע טיפּן פון יעדן צד, פון יעדער גרופּע.

אַפילו די שטעטלדיקע ייִדן, וואָס האָבן נישט קיין אַנדער מיטל צום לעבן, אַחוץ דעם שמוגל און ענלעכע טריפענע געשעפטלעך, זײַנען נישט אַלע גלײַך. זיי זײַנען פאַרשיידן נאָך זייערע פּערזענלעכע כאַראַקטערס, און עס זײַנען אויך דאָ סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן זיי. עס זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס געהערן צו די רײַכערע, באמת קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קלאַסן, און אַזויגע וואָס העלפן זיי נאָר על־פּי נויט און אין האַרצן זײַנען זיי מיט דער רעוואָלוציע.

פאַרשיידן זײַנען די עטלעכע „עס־ערן״, וועלכע קאָנספּירירן קעגן די באָלשעוויקעס: דעם גלחס טאָכטער סאָפיאַ פּאָקראָווסקאַיאַ, דער דענטיסט גאַלאַגאַנער, די ברידער פּאָקראַס, יוזי ספּיוואַק, איידער ער ווערט אַ באָלשעוויק — יעדערער און יעדערע פון זיי איז פאַר זיך אַ וועלטל. און אַזוי איז עס אויך מיט די פאַרשיידענע פאָרשטייערס פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט, מיט די פאַרשטעלטע אַגענטן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און מיט אַזעלכע „זײַטיקע״, ווי ד״ר באַביצקי, — יעדערער פון זיי האָט זײַן אייגן פּנים, כאָטש יעדערער רעפּרעזענטירט מיט זיך אַן אַנדערן סאָציאַלן שיכט.

עס וואָלט זיך געפאָדערט צו פיל פּלאַץ, ווען איך זאָל זיך אָפּשטעלן אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון יעדן איינעם פון די אינדיווידועלע און סאָציאַלע טיפּן, וועלכע ווערן אַרויסגעבראַכט אין „מידת־הדין״. איך וויל דער־

מאָנען אַ פּאָר פון זיי. און פריִער פון אַלץ — פּיליפּאָוו, דעם נאַטשאַלניק פון דער „באַזונדער אָפּטיילונג". איך וויל נאָך באַזונדערס אויפמערקזאַם מאַכן אויף אים די לייענערס נישט דערפאַר, ווײַל זײַן פּאָרטרעט איז גאָר באַזונדערס גוט פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט — פאַרקערט, ער איז ווינציקער געלונגען ווי אַנדערע פאַרשוינען. אין די האַרטע ליניעס, מיט וועלכע ער ווערט געצייכנט, איז דאָ עפּעס שטײַפקייט, אַן אָנגעצויגנקייט. דער קינסטלער וויל, אייגנטלעך, אַז מיר זאָלן קוקן אויף אים פון ווײַטן — ווי אויף אַ סימבאָל; ער וויל נישט, אַז מיר זאָלן צוגיין צו אים צו נאָענט, און ער גייט אַליין אויך נישט צו צו אים אַזוי נאָענט, אַזוי אינטים, ווי צו אַנדערע פאַרשוינען. עס בלײַבט עפּעס נישט דערזאָגטס. עפּעס רויעס. נײַן, פּיליפּאָוו איז נישט דער העכסטער קינסטלערישער פּונקט אינעם ווערק, אָבער ער איז דער הויפּטפּאַרשוין. ער פאַרקערפּערט מיט זיך די מאָראַל פון בוך — די מאָראַל פון דער רעוואָלוציע, די מאָראַל, וועלכע בערגעלסאָן האָט ריכטיק אָנגערופן מידת־הדין.

די רעוואָלוציע ווייסט נישט פון רחמנות, פון מידת־הרחמים. זי טאָר דערפון נישט וויסן, אויב זי וויל זײַן דאָס, וואָס זי איז. זי טאָר זיך נישט רעכענען דערמיט, וואָס „יעדערער", מיט וועמען עס קומט־אויס צו האָבן צו טאָן, „האָט זיך זײַן אייגן, ווערעמדיק שטיקל „גערעכט" בײַם אָנטאָן צרות, בײַם „אונטערשטעלן אַ פיסל". זי דאַרף נישט מורא האָבן צו „צעטרעטן און פאַרברענען אין אומברחמנותדיקע פײַערן אָט די קליינע ווערעמדיקע ,גערעכטלעך'" (ז' 232). דאָס פאָדערט דער „קאַלטער אײַזערנער טראָפּן יושר" פון דעם רעוואָלוציאָנערן מידת־הדין — און פּיליפּאָוו איז די פאַרקערפּערונג פון אָט דעם אומברחמנותדיקן יושר.

פּיליפּאָוו איז נישט קיין שלעכטער מענטש בטבע. ווען ער כאַפּט אויף דער גרענעץ די „בלאָנדע" מיט איר קינד (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט געפירט וויכטיקע דאָקומענטן פאַר די פירערס פון דער קאָנטער־רעווייאָלוציע), און זי איז זייער מיד, נעמט ער בײַ איר דאָס קינד און טראָגט עס דעם גאַנצן וועג אויף די הענט. ער האָט טיף אין האַרצן רחמנות אויף אַנדערע און — אויף זיך אַליין (ער איז אַ קראַנקער מענטש און על־פּי יושר וואָלט ער גאָר געדאַרפט זײַן אין אַ סאַנאַטאָריע, נישט אויפן פראָנט), אָבער ער אַליין, מיט זײַנע פערזענלעכע געפילן, מיט זײַן אייגענעם נאָמען (זײַן אמתער נאָמען איז גאָר אַנאַסטאַסיעוו, נישט פּיליפּאָוו), איז דאָ אַ זײַטיקער; ער, מיט זײַן פּריוואַטן איך, שפּילט דאָ קיין שום ראָלע נישט. דאָ איז דער פירער און דער הערשער (איבער אים אַליין) פּיליפּאָוו. און אָט דער פּיליפּאָוו זאָגט זײַן חברטע סאַשאַ, וועלכע האָט אײַנגעלאַדן אַ דאָקטער צו אים און וועלכע פאַרגעסט זיך אָפּט אַזוי, אַז עס איז רעכט פאַר איר צו פּראַ־

ווען אירע אימעניניעס[1] — „דיט, טײַערינקע", האָט ער געזאָגט, „איז צײַט חתונה צו האָבן, אָט וואָס; מיט קינדערלעך זיך אַ ניאַנטשע געבן. בײַ אונדז איז אַ רעוואָלוציע, אין ליאַלקעס שפּילט מען זיך דאָ נישט" (ז' 107). בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט, ווען אַ ייִדענע האָט זיך געווענדט צו אים מיט עפּעס אַ בקשה און האָט גערעדט צו אים מיט אַ ציטערדיקן קול, אַז עס האָט אים אָנגענומען אַ רחמנות, האָט ער (כּדי זיך אַליין צו באַרויִקן) „זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרן אַרײַנגאַנג און האָט דאָרט איר אָנגעוויזן אויף דער רויטער הענגענדי־קער פֿאָן. ער האָט געטײַטלט אויף דער פֿאָן מיטן פֿינגער. דער ייִדענע האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט: „אָט ווער עס איז באַלעבאָס!" (ז' 110). און ער האָט עס געזאָגט זיך אַליין, נישט נאָר איר. אויף אים אַליין איז דער באַלעבאָס — די רויטע פֿאָן. אין איר זכות לעבט ער, און ווען זי פֿאַרלאַנגט עס (ווי אים האָט זיך שפּעטער אויסגעדאַכט) — גייט ער אויף אַ זיכערן טויט. די „קאַלטע פֿײַערלעך" פֿון מידת־הדין צינדט ער פֿאַר זיך אַליין, נישט פֿאַר אַנדערע.

דאָס איז פֿיליפּאָוו. דאָס איז די מאָראַל פֿון דער רעוואָלוציע.

אַזאַ מאָראַל — און אַזאַ פֿיליפּאָוון — וואָלט דער קינסטלער געדאַרפֿט, אָדער טראָגן אין זיך אַליין, אָדער האָבן באַגעגנט אין לעבן. דעמאָלט וואָלט דאָס אפשר אַרויסגעקומען בײַ אים וואַרעמער, ווייכער, מענטשלעכער. ווי די לאַגע איז איצט, פֿעלט אַ ביסל הייס (קינסטלעריש) מענטשלעך בלוט אין פֿי־ליפּאָוון אַליין, נישט נאָר אין זײַן מאָראַל. עס דאַכט זיך אַן אַנדערש מאָל, אַז זײַן „טראָפּן יושר" איז אַ פֿאַרגליווערטער — אַן אײַזיקער, נישט קיין אײַזערנער.

פֿיל מער לעבן איז דאָ אין יענע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זײַנען נישט מקפּיד אויפֿן מידת־הדין. דער לעבעדיקסטער פֿון זיי אַלע איז דער יונגער פּינקע, ווײַל ער איז נאָך גאָר אַ ייִנגל. און עס איז דאָ עפּעס אַ קינדישקייט, אַ פֿרישקייט אין זײַן מוסר־נפש זײַן זיך פֿאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט זי ליב, ווי דאָס אַרבעטער־מיידל, וואָס ער באַגעגנט צופֿעליק. ער ווייס נישט פֿון קיין חכמה. ער איז די יוגנטלעכע נאַיִוויטעט פֿון דער גרויסער איבער־קערעניש, ניט איר העכערע מאָראַל, ווי פֿיליפּאָוו, און דער אײַנדרוק איז, אַז ער, מיט זײַן ווייכער קינדערשער טרײַקייט, קאָן אפשר מער אויפֿטאָן פֿאַר דער רעוואָלוציע ווי די פֿיליפּאָווס מיט זייער האַרטן און קאַלטן מידת־הדין.

פּינקע ווײַל איז נישט קיין „פּרינציפּ", ווי פֿיליפּאָוו, נאָר אַ מענטש, און בערגעלסאָנען, ווי יעדן קינסטלער, איז מענטשן לײַכטער צו מאָלן ווי פּרינ־ציפּן.

---

[1] געבורטסטאָג.

מענטשן, נישט קיין אַבסטראַקציעס, זײַנען אויך פיל פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און די „זײַטיקע" — זײַנען אויך פריש און איבערצײַגנדיק. דאָס איז דער הויפּט שײַך צו דער „בלאָנדער" קריסטין, וועלכע איז געקומען מיט אַ קינד אויף די הענט און מיט געהיימע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע דאָקומענטן און געוואָלט גנבענען די גרענעץ. זי סימבאָליזירט מיט זיך די רוסישע רעאַקציע, אָבער דער לייענער אינטערעסירט זיך מער מיט איר אַליין ווי מיט די סאָציאַלע גרופּעס, וועלכע זי רעפּרעזענטירט. זי איז פול מיט זיך אַליין. ווו זי גייט, גייט נאָך איר איר נאַיווע תאווהדיקע זיכערקייט, אַז די וועלט געהערט נאָך אַלץ איר — איר ווייבלעכקייט און אירע חנען. די קליפּה — פון דער אַלטער וועלט. זי איז אויסגעמאָלן אין איר נאַטירלעכער גרייס. פון דעם רוב אַנדערע פּאַרשוינען זײַנען געגעבן געוואָרן אײַליקע, אָפט גראָטעסקע צייכענונגען.

דער קינסטלער האָט זיי אַלעמען באַטראַכט, אַזוי ווי ד״ר באַביצקי האָט באַטראַכט די אַלע רעוואָלוציאָנערע נײַסן — ווי אַ זײַטיקער. אָן געוויין און אָן געלעכטער. אָן לויב־געזאַנגען און אָן מוסר. טאָמער האָט ער זײַנע אייגענע געדאַנקען און כוונות, דריקט ער זיי אויס אין די באַמערקונגען און אין די פּירושים, וועלכע ער מאַכט. דער טעקסט — די צייכענונג פון די פיגורן, די ריין־קינסטלערישע כאַראַקטעריזירונג — איז פרײַ פון טענדענץ און איז, אייגנטלעך, נישט אַזוי די רעוואָלוציע און די קאָנטער־רעוואָלוציע, ווי די רעוואָלוציאָנערן און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, ווי — מענטשן און מענטשעלעך.

די רעוואָלוציע, איר מידת־הדין און אַלע אירע אומשטענדן זײַנען פאַר בערגעלסאָנען סוף־כל־סוף נאָר אַן אויסרייד צו מאָלן מענטשלעכע כאַראַקטערס. אָבער די אַלע — לײדער, נישט גענוג באַדײַטנדיקע — כאַראַקטערס, האָט ער אונדז געוויזן אין די אומשטענדן פון דעם רעוואָלוציאָנערן מידת־הדין. ער איז נישט געוואָרן קיין רעוואָלוציאָנערער שרײַבער, אָבער ער איז נאָך אַלץ דער קינסטלערישסטער צווישן די ייִדישע פּראָזע־שרײַבערס, וועלכע נעמען פאַר זייער שטאָף די רעוואָלוציע.

1929

## ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

# פון „דאָס פּוילישע ייִנגל" ביז „פּענעק"

ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס „פּענעק" האָט זיך באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור. ער איז שוין פריִער געווען בײַ אונדז אין פאַרשיידענע

פּאַרוואַנדלונגען. פּענעק — דאָס ייִדישע ייִנגל וואָס איז פאַרשטויסן, וואָס לײַדט, וואָס קריגט קעגן טאַטע־מאַמע, וואָס קריגט קעגן דער סביבה, וואָס זוכט זיך אַליין אַ נײַעם וועג — פון שטעטל אַרויס! פּענעק, דאָס ייִנגל וואָס זעט, וואָס טראַכט, וואָס וויל איבערמאַכן די וועלט, וואָס חלומט חלומות, וואָס פאַרמעסט זיך אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך, פון זײַנע פּלייצקעס, אַרויפגעצוווּנגענע יאָכן, צוימען — — פּענעק, דאָס ייִנגל וואָס איז שוין באַהעפט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, ווען ער ליגט נאָך אין דער מוטערס בויך — — —

עטלעכע מאָל שוין האָבן מיר אים, פּענעקן, געטראָפן אויף די וועגן פון אונדזער ליטעראַטור, געטראָפן ווי אַ פּאָרויסגייער, ווי אַ הויפּטגעשטאַלט, צי ווי אַ בײַ־געשטאַלט. פאַרשיידענע פאַרוואַנדלונגען — אָבער דאָס זעלביקע ייִנגל. פּענעק — אין דער טראַדיציע פון אונדזער ליטעראַטור.

אָבער צום ליבסטן איז ער איצט, אין זײַן נײַער היים, אין זײַן נײַער געשטאַלטונג, אין זײַן נײַער סביבה, אין די בערגעלסאָנישע הינטערגעסלעך, בײַ דער פּוסט־ווערנדיקער גוראַלניע, בײַ די באַלמעלאָכעס, ערגעץ דאָרט צוזאַמען מיט די אָרעמע קינדער: נאַכקע, צאַלעק, יאָסל, ברוך.

*

... געדענקט איר איציקלען?

דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען דער זעלביקער „פּענעק“, נאָר אין זײַן ערשטער געשטאַלטונג, אין זײַן ערשטן גילגול... דאָס „ייִנגל“ — פון די גאָר ערשטע געשטאַלטן אין אונדזער ליטעראַטור. לינעצקי, מיט זײַן שאַרפער פּעדער, מיט זײַן פעליעטאָניסטיש־בעלעטריסטישן אויג, האָט אים דערזען צום ערשטן, בײַ דער האַנט גענומען און אַרײַנגעפירט צו אונדז דורך אַ פּאַראַדנער טיר — דורך דער טיר פון זײַן מערקווערדיק ווערק: „דאָס פּוילישע ייִנגל“.

איציקל, דאָס „פּוילישע ייִנגל“, אַזוי ווי „פּענעק“ — אַ געשטאַלט, וואָס גייט־דורך דורך דעם גאַנצן שטעטל, דורכן גאַנצן לעבן אונדזערן — אַ ייִנגל מיט אַ חוזק־שײַן אין די אייגעלעך; אַ ייִנגל, וואָס אַרום אים ווימלען אַלערליי געשטאַלטן, פּאַסירונגען, טעג און נעכט... אַ ייִנגל אין געוועב פון אַלעמען! אַ ייִנגל, וואָס איז צום טייל — לויט דעם גאַנג פון ווערק — אי אַ תּירוץ צום עיקר — צו די אַרומיקע געשטאַלטן, אי דער עיקר אַליין.

לינעצקי האָט אונדז געהייסן קוקן „אויף דעם ייִנגלס שאָטן“. דאָס „פּוילישע ייִנגל“ גייט און זײַן שאָטן לויפט אים נאָך: — „אָט בין איך!“... אַ שאָטן — אַ בילד.

... אָבער בײַם „זיידן“ (בײַ מענדעלע מוכר־ספרים) אין הויז האָט מען אים אַנדערש גערופן: „הערשעלע“ האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן. הערשעלע מיט אַ „ווינטשפּינגערל“, הערשעלע וואָס חלומט פון אַ ווינטשפּינגערל (אפשר

ווּעט עס ברענגען אליהו הנביא?...) — אַ פינגערל, וואָס אַז מען וועט עס אַ דריי געבן וועט מען קענען באַקומען וואָס נאָר מען וועט אַליין וועלן. וואָס ער וויל, „הערשעלע", איז אים נאָך נישט קלאָר, נאָר: „לאָמיר אַקאָרשט פריִער דאָס ווינטשפינגערל קריגן".

הערשעלע, ווי „איציקל". אויך הערשעלע איז באַהעפט מיטן אַרום, מיטן גאַנצן ייִדישן לעבן. אַ ייִנגל, פאַרבײַ וועמען דער „זיידע" פירט־אַדורך אַ סך געשטאַלטן, אַ סך פאַסירונגען, אַ סך מענטשן. דער זעלביקער געבוי.

הערשעלע — אַ פאָדעם, וואָס לויפט איבערן גאַנצן בגד, איבערן גאַנצן געוועב. הערשעלע, ווי דאָס „פוילישע ייִנגל". דאָס „ייִנגל", ווי „פּענעק".

דאָס „פוילישע ייִנגל" — אַ ייִנגל מיט אַ שאַרפן מוחל, מיט אָפענע אייגעלעך, וואָס זעט דאָס אומרעכט אַרום, די אָפגעלאָזנקייט, וואָס ווערט חוצפּהדיק... אויף די ליפּעלעך — אַ חוזק.

הערשעלע — אַ ייִנגל, וואָס מוז זיך האַלטן אין הויז זייער רויִק; אַ ייִנגל, וואָס איז געצוימט, מוז אַרומגיין מיט אַן אײַנגעהאַלטן אָטעם, פרום, פאָלגנ־דיק, גמראדיק.

... אויך — שלום אַש.

בײַ אים האָט זיך „איציקל", „הערשעלע", „פּענעק" — גאָר געהאַט פאַרוואַנדלט אין — מאָטקע גנב! מאָטקע מיטן דאַשיק אין אַ זײַט — „מאָטקע מיט די געגנבעטע עפּל אין די הענט".

געבוירן איז „מאָטקע" געוואָרן אַקוראַט ווי „פּענעק". אַש דערציילט:

„איידער דער בלינדער לייב — דער טאַטע — איז צוריקגעקומען פון דעם בית־המדרש־שמש מיט די קוויטלעך אויסצוקלעפּן אויף די ווענט קעגן שטן, האָט שוין אַ מוראדיקער שרײַער דעם גאַנצן קעלער אויפגערודערט: דאָס האָט מאָטקע צו וויסן געגעבן: ער איז דאָ!"

און בערגעלסאָן דערציילט וועגן פּענעקס געבורט:

„עס האָט באַוויזן דער וועלט אַ קוטשעראַווע קעפּל, פאַרזשמור־רעטע אייגלעך מיט די גראָבע אויסגעצויגענע ליפּלעך און האָט גלײַך אַ קוויטש געטאָן מיט אַ געזונט קול פון אַ לעבעדיקער און לעבנס־לוסטיקער עבירה, אין קול איז געווען אָן אַ שיעור עזות: — איך, פּע־נעק, בין דאָ!..."

— איך, „מאָטקע", בין דאָ!

— איך, „פּענעק", בין דאָ!

ביידע גלײַך בײַם געבוירן ווערן. אָבער דערנאָך — אַוועק אויף אַנדערע וועגן.

דוד בערגעלסאָן

# די מלחמה און די יידיש־סאָוויעטישע ליטעראַטור

ברייטע ראַמען אין לעבן פֿאָדערן ברייטע ראַמען אין קונסט.

דאָס אויסגעברייטערטע לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט די גאַנצע צײַט געשטויסן די סאָוויעטיש־יִדישע ליטעראַטור צו אַן אַלץ ברייטערן און ברייטערן דיאַפּאַזאָן.

די סאָוויעטישע יִדן זײַנען גיך אַרײַנגעדרונגען מיט זייער מי אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם מעכטיקן שעפֿערישן לאַנד. זייער ליטעראַטור האָט געמאַכט ווײַט נישט קיין קליינע אָנשטרענגונג סײַ אויף אָניאָגן זיי, סײַ אויף נישט פֿאַרלירן מיטן וועג אַלץ, וואָס זי האָט פֿריִער פֿאַרמאָגט.

פֿון דער גרויסער שפֿע נײַע סיטואַציעס אין יִדישן לעבן זײַנען בײַם יִדישן סאָוויעטישן שרײַבער זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן די אויגן. ווײַט נישט צו אַלע נײַע סיטואַציעס האָט דאָס פֿריִערדיקע יִדישע לעבן צוגעגרייט אַ בריק, דעמאָלט ווען דאָס לעבן פֿון אַנדערע סאָוויעטישע פֿעלקער האָט מיט אַזוינע בריקן מער־ווייניקער זיך פֿאַרזאָרגט פֿון פֿריִער.

אין קעגנזאַץ צו אַנדערע ליטעראַטורן איז אין דער יִדישער ליטעראַטור געווען אין גאַנצן אַ פּנים חדשות נית נאָר דאַניעלס רעוואָלוציאָנערער „יוליוס" און נישט נאָר גאָדונערס „דער מענטש מיט דער ביקס". דורכויס נײַ איז פֿאַר איר געווען דער בירעבידזשאַנער און דער קרימער אַגראָנאָם, דער אינזשעניר גאָרן, וועלכן אַרלאַנד האָט דערזען אין די פֿאָלעסיער בלאָטעס. שוין אָפּגערעדט פֿון די יִדישע בחורימלעך אין די שאַכטעס פֿון דאָנבאָס, וועגן וועלכע אַלבערטאָן האָט געדענקט פֿון דער היים, אַז זיי האָבן מורא געהאַט צו פֿאַרמאַכן די אויגן, ווען זייערע מאַמעס פֿלעגן זיי צוואָגן אויף שבת.

בײַם שילדערן מענטשן פֿון גאַנץ נײַע פּראָפֿעסיעס אין אַ גאַנץ

נײַער מיליע האָבן יונגע סאָוויעטישע ייִדישע שרײַבערס אויפֿגע־צויגן אויף די גרויסע קלאַסישע ווערק פֿון מענדעלען, פּרצן און שלום עליכמען, נישט ווייניק געשטרעבט צו שעפּן בײַ זיי אַלץ, וואָס מע קען, אויף צו שילדערן ייִדן אין דער סאָוויעטישער סבֿיבֿה. אונדזער קלאַסישע ליטעראַטור בײַ איר גאַנצער גרויסקייט און טיפֿ־קייט האָט זיך אָבער דאָך געטראָגן בלויז אויף די קורצע טראַקטן צווישן טונעיאַדעווקע און גלופּסק, צווישן בויבעריק און יעהופּעץ. איר אַסאָרטמענט פֿון בילדער און לעקסיק, ווי ליב, רײַך און פּרעכ־טיק ער איז נישט געווען און נישט געבליבן, האָט אין קיין פֿאַל נישט געקענט אָנפֿולן דעם אַרסענאַל פֿונעם סאָוויעטישן ייִדישן שרײַבער מיטן גרעסטן טייל פֿון יענע בילדערלעכע ניואַנסן, קאָ־לאָריטישער און אַפֿילו פּשוטער לעקסיק, וואָס זײַנען נייטיק אויף צו געבן דאָס אויסגעברייטערטע לעבן פֿונעם סאָוויעטישן ייִדן.

מהאַי טעמא וואָלט געווען זייער קורצזיכטיק צו שאַצן די דער־גרייכונגען פֿון דער ייִדישער סאָוויעטישער ליטעראַטור בלויז אויפֿן סמך פֿון יענע גרויסע ווערק, וואָס זי קען הײַנט צו טאָג אַוועקלייגן אויפֿן טיש. שאַצן דאַרף מען זי אויך און אפֿשר דער עיקר פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿונעם יסוד, וואָס האָט אַוועקגעלייגט פֿאַר דער ווײַ־טערדיקער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער ליטעראַטור. דאָ האָבן אויך אַ גאַנץ וואָגיקן באַטײַט די ווערק, וואָס די סאָוויעטיש־ייִדישע לי־טעראַטור האָט געשאַפֿן אויף דער טעמאַטיק פֿון פֿאַרגאַנגענע נענ־טערע און ווײַטערע עפּאָכעס — זיי האָבן געהאָלפֿן דער נײַער לי־טעראַטור זיך אָנקניפּן וואָס שטאַרקער אין איר ירושה אויף איר וועג צום נײַעם לעבן.

נאָך אַ פֿיל גרעסערע אָנשטרענגונג שטייט־פֿאַר צו מאַכן דער ייִדישער סאָוויעטישער ליטעראַטור איצט, נאָך צוויי יאָר פֿאָטער־לענדישע מלחמה.

די געשיכטע ווייס נישט פֿון נאָך אַזאַ פֿאַל, ווען ייִדן זאָלן זײַן אַזוי ברייט און אַלזײַטיק פֿאַרטראָטן אויף אַלע שטאַפּלען פֿונעם פּראָדוקטיוון שעפֿערישן לעבן, ווי זיי זײַנען פֿאַרטראָטן איצט בײַ

אונדז אין לאַנד. צום דריטן יאָר מלחמה געפֿינען מיר ייִדן בײַ אַלערלײ קאָלווירטישע סאָווירטישע אַרבעטן אין אַ צאָל, וואָס שטײַגט־אַריבער די געוועזענע צאָל פֿון ייִדן לאַנדווירטשאַפֿטלערס אין קרים, אין די ייִדישע ראַיאָנען און אין אַלע בײַשטעטלדיקע קאָלכאָזן.

די צאָל ייִדן אין דער שווערער אינדוסטריע איז איצט, אין דעם דאָזיקן וויכטיקן צווײַג, אָן אַ פֿאַרגלײַך גרעסער פֿון זייער צאָל אין דער צײַט פֿון דער העכסטער אינדוסטריאַליזאַציע פֿון ייִדן, וואָס איז בײַ אונדז ווען נישט איז דערגרייכט געוואָרן אין פֿאַרלויף פֿון די נאָך־אָקטאָבער־יאָרן.

פֿון ייִדן בוכהאַלטערס האָט דער סאָוויעטישער פּאַטריאָטיזם געשאַפֿן טאָקערס, שווייסערס און שטאָל־וואַלגערערס. ייִדן — פֿאַרקויפֿערס פֿון זעלצער־וואַסער האָט די ליבע צום לאַנד פֿאַרוואַנדלט אין שאַכטיאָרן. ייִדן, וואָס זײַנען געווען באַשעפֿטיקט אין דער האַנדלנעץ, האָבן זיך באַוויזן אין פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון סיביר, ווי פֿישערס און אַפֿילו ווי יעגערס — אַ פֿאַך, וואָס האָט בײַ ייִדן שוין אין גאַנצן אויסגעפֿעלט אין לעבן און אַוודאי שוין אין דער ליטעראַטור. זיי אַלע, אין די גרויסע צענדליגער און צענדליגער טויזנטער, ווערן באַקרוינט מיט ייִדישע אינזשענירן, באַרימטע קאָנסטרוקטאָרס, ראַציאָנאַליזאַטאָרס אין פֿאַרשיידענע פֿאַכן, העלדן פֿון סאָציאַליסטישער אַרבעט און — וואָס איז וויכטיקער ווי אַלץ — מיט העלדישע ייִדן: שלאַכטלײַט, רויטאַרמייערס, פֿאַרבינדלערס, טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, פֿליִערס, קאָמאַנדירן, קאַפּיטאַנען פֿון אונטערוואַסער־שיפֿן, גענעראַלן, פּאַרטיזאַנען, דאָקטוירים און סאַניטאַרן אויפֿן פֿראָנט.

אויף אײַנצוזאַפּן כאָטש טיילווײַז אָט די גרויסע און פֿילפֿאַריקע שפֿע מוז איצט די ייִדישע סאָוויעטישע ליטעראַטור מאַכן נײַע קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען, ווײַל אויב זי וועט זיך נישט אָוועקלאָזן מיט אָט דעם שווערן נאָר דאַנקבאַרן וועג, וועט איר פֿאָרשטייַן די גרויסע סכּנה צו בלײַבן אַ ליטעראַטור, וואָס האָט צו

טאָן בלויז מיטן ייִדישן עבֿר אָדער מיט דער פֿאַרבליבענער עקזאָטיק.

אַז ייִדיש־סאָוויעטישע שרײַבערס באַנעמען דאָס גאַנץ טיף, איז איצט, צום סוף פֿונעם צווייטן מלחמה־יאָר, שוין מער־ווייניקער קלאָר. מאַכן דעם סך־הכּל, וואָס די ייִדישע סאָוויעטישע ליטעראַטור האָט פֿאַר די צוויי יאָר מלחמה־יאָרן אויפֿגעטאָן, איז אין גאַנצן מאָמענט זייער שווער, כּמעט אוממעגלעך. אונדזערע שרײַבערס זײַנען איצט צעוואָרפֿן און מע קען נישט וויסן, וואָס עס געפֿינט זיך בײַ זיי אין די פּאָרטפֿעלן. פֿיל פֿון אונדזערע שרײַבערס געפֿינען זיך דירעקט אויף די שלאַכטפֿעלדער. פֿיל העלפֿן מיט זייער פּען שמידן דעם נצחון פֿון אונדזער לאַנד איבערן בלוטיקן שונא.

דאָך קען מען נישט פֿאַרמאַכן די אויגן אויף אונדזערע ליטעראַרישע דערגרייכונגען אין די לעצטע צוויי יאָר.

נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ איבערצודערציילן די פֿיל קלענערע און גרעסערע ליטעראַרישע ווערק, וואָס שילדערן דעם ייִדישן העלד אויפֿן פֿראָנט און בײַ דער אַרבעט אין הינטערלאַנד און וואָס דערגייען צו אונדז אין דער פֿאָרעם פֿון דיכטונג, פֿון פּראָזע און דראַמע. אין זיי אַלע פֿילט זיך שטאַרק די שטרעבונג אַרײַנצובריינגען דעם לייענער אין יענעם דערהויבענעם טראַנס פֿון גרויסן סאָוויעטישן פּאַטריאָטיזם און געטרײַשאַפֿט צום פֿאָלק, אין וועלכן דער געשילדערטער האָט זיך געפֿונען, בעת ער האָט אויסגעפֿולט דעם אָדער יענעם העלדישן טאַט. אין אייניקע פֿון אָט די ווערק ווערט אָט די שטרעבונג דערגרייכט.

נישט פֿאַרמאַכט די אויגן אויף די דאָזיקע דערגרייכונגען, מוז מען אָבער קאָנסטאַטירן, אַז דער ייִדיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור שטייט־פֿאָר צום דריטן מלחמה־יאָר זייער אַ גרויסער און שווערער וועג. אין איר מוזן פֿיגורירן סײַ אונדזערע גאָרעליקס, פֿיזאַנאָוויטשעס, גענעראַל קרײַזער, סײַ דער ייִדישער האָרעפּאַשניק שעפּסל טייטלבוים, וועלכער האָט מיט זײַן סאָוויעטישן פּאַטריאָ־

טיזם זיך אַראָפּגעלאָזט אין די שאַכטעס פֿון נאָוואָסיבירסקער געגנט און האָט דאָרט באַוויזן מוסטערן פֿון אַרבעט, סײַ דער ווונדערלעכער אינזשעניר אופּלאַנד, וואָס האָט אין סטאַלינגראַד אונטער דער שווערסטער און שרעקלעכסטער באָמבאַרדירונג באַוויזן ווונדער און האָט פֿאַרוואַנדלט זײַן פֿאַבריק אין אַן אוניווערסאַלן ווונדער־אַנשטאַלט, וואָס פּראָדוצירט פֿאַר די נאָענטע מיליטערישע טיילן אַלץ, אין וואָס זיי נייטיקן זיך.

פֿון אָט דעם וועג טאָר די יִדישע ליטעראַטור זיך נישט אַראָפּשלאָגן. איר גאַנג איז געווען און איז צום מעכטיקן סאָוויעטישן לעבן בכלל און צום מעכטיקן לעבן פֿון סאָוויעטישע יִדן בפֿרט.

1944

## יצחק באַשעוויס

# דוד בערגעלסאָנס אָנהייב און סוף*

דוד בערגעלסאָן איז לאַנגע יאָרן געווען דער מוסטער פון אַ מאָדערנעם שרײַבער. מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ האָבן געהערט, אַזוי צו זאָגן, צו דער פאַרגאַנגענהייט. זיי זײַנען געווען די קלאַסיקערס. שלום אַש איז אונדז קיין מאָל נישט געפעלן. זײַן שלעכטער יִדיש, זײַן צעשוווּמענער סטיל, זײַן איבערגעטריבענע התפּעלות, — האָט אין אַ סך פון אונדז דערוועקט אַ ווידערווילן פון אָנהייב אָן. מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַש קען זיך באַגײַסטערן פון אַלץ. ער קען זיך צעגיסן ווען ער וויל. ער קען בײַ זיך אַליין באַשטעלן פּאַטאָס. דוד בערגעלסאָן האָט געהאַט אַ גוטן יִדיש, אַ געצוימטן סטיל און ער האָט זעלטן זיך צעיאַכמערט. עס איז געווען אין זײַן שרײַבן אַ מעטאָד און פאָרעם. מען האָט געהאַט אַ געפיל, אַז איידער בערגעלסאָן האָט זיך גענומען צו שריפטשטעלערײַ, האָט ער גענוי דורכגעטראַכט, אין וואָס עס

---

* פון אַרטיקל געדרוקט אין פאָרווערטס, נ״י, דעם 27סטן אויגוסט 1950, אונטער יצחק באַשעוויסעס פּסעוודאָנים — יצחק וואַרשאַווסקי.

באַשטייען די פונקציעס פון אַ שרײַבער. ער האָט באַשלאָסן, ווי פיל פראָזע־מײַסטערס פאַר אים, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון אַ בעלעטריסט איז שילדערן און איבערלאָזן די פירושים צו דעם לייענער. עס איז געווען אין בערגעלסאָנס ווערק אַ געוויסער ליריזם, אָבער ער איז קיין מאָל נישט אַרויס פון דער גרענעץ. דער ליריזם זײַנער איז געווען אין אַ געוויסן זין דער צעמענט, וואָס האָט צונויפגעהאַלטן דעם מאַטעריאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון שילדערונגען, בילדער.

וואָס שײַך בערגעלסאָנס ליריזם, איז ער טיילווײַז אַ געבאָרגטער. ווען בערגעלסאָן האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן, איז קנוט האַמסון געווען זייער שטאַרק אין דער מאָדע, ספּעציעל אין רוסלאַנד, וווּ די אינטעליגענץ האָט אים ממש פאַרגעטערט. אַ ריי שרײַבערס זײַנען געווען אונטער קנוט האַמסונס אײַנפלוס. אַנדערע זײַנען ממש געוואָרן פאַרהיפּנאָטיזירט פון האַמסונען, ווי צום בײַשפּיל דער דײַטשישער שרײַבער קעלערמאַן. זײַן „אינגעבאָרג” איז אַן אומבאַוווסטזיניקער פּלאַגיאַט פון האַמסונס „וויקטאָריע” און „פּאַן”. בערגעלסאָן איז געווען אין די ערשטע יאָרן שטאַרק באַאײַנפלוסט פון קנוט האַמסון און מען פילט אָט דעם אײַנפלוס אין „אַרום וואָקזאַל” און אין „נאָך אַלעמען”. דער אינהאַלט איז געווען אַ ייִדישער, אָבער די פאָרעם האָט געשמעקט מיט סקאַנדינאַוויע, מיט קנוט האַמסונס נאָרוועגישע שטעטלעך און דערפלעך. אין זײַנע דערציילונגען האָט בערגעלסאָן זיך באַפרײַט פון אָט דעם אײַנפלוס. עס האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן דער בלאָנדער ליריזם, די נישט־ייִדישע סענטימענטאַליטעט, און בערגעלסאָן איז אַרויסגעקומען ווי אַ ניכטערער און זאַכלעכער דערציילער, שטאַרק אין זײַן מאָלערײַ, טרעפלעך אין כאַראַקטעריזירן מענטשן. ווען דער ליריזם איז אַוועק, איז במילא דער אינהאַלט געוואָרן געדיכטער. די שפּראַך איז געוואָרן געשליפענער. פאַר דער אינטעליגענץ איז בערגעלסאָן געווען דער פּראָזע־שרײַבער.

עס האָט בערגעלסאָנען באַלד פון אָנהייב געפעלט דער ברייטער פאַרנעם פון אַ שלום עליכם און דער שווונג פון אַ פּרץ. ווי ח. נ. ביאַליק איז אין גרונט געווען אַ „באַלעבאַטישער” פּאָעט, אַזוי איז בערגעלסאָן געווען אַ „באַלעבאַטישער” פּראָזע־שרײַבער. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן אין זײַן שרײַבן קיין איבעריקע באַגײַסטערונג פאַר ייִדן און ייִדנטום. ער האָט זיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין קיין נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע טעמעס. עס האָט געפעלט יענער פילאָסאָפישער פונק, וואָס עס איז פאַראַן אין די מײַסטערס. ער איז נישט געקומען צום לייענער מיט קיין שליחותן, נישט קיין אָפענע און נישט קיין באַהאַלטענע. דער לייענער האָט געפילט, אַז בערגעלסאָן איז באַשיידן. ער פּרוּווט נישט איבערשטײַגן זיך אַליין. ער האָט געהאַט די זעלטענע מעלה אַלע מאָל צו שרײַבן וועגן זאַכן, וואָס ער אַליין האָט געזען און

וואָס ער האָט גרינטלעך געקאָנט. בערגעלסאָן איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אוקראַיִנע און ער האָט באַשריבן דעם אוקראַיִנער ייִד פֿון דער קליינער שטאָט, דעם נגידיש־באַלעבאַטישן ייִד, דעם סוחר, דעם נגיד און דעם יורד. ווי אַזוי בערגעלסאָן איז געווען אין לעבן, האָבן מיר, די לייענערס, נישט געוווסט. אין זײַן שרײַבן האָט ער זיך זיכער אויסגעצייכנט מיט גרינטלעכער ערלעכקייט. דער פֿאַקט, וואָס ער האָט געהאַט דעם פֿאַרשטאַנד פֿון זיך אָפּצושאָקלען די יוגנטלעכע אײַנפֿלוסן, האָט געוויזן, אַז דער שריפֿטשטעלער ווערט גײַסטיק רײַף. ווי ווענן ביאַליקן צווישן די העברעיִסטן, אַזוי איז ווענן בערגעלסאָנען צווישן די ייִדישיסטן נישט געווען קיין שום מיינונג־פֿאַרשיידנקייט. אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז בערגעלסאָן איז אַ גרויסער און ריינער טאַלאַנט.

גלײַך ווי ביאַליק, האָט בערגעלסאָן פֿאַרבראַכט די ערשטע רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין רוסלאַנד. ביאַליק האָט, ווי מיר ווייסן, באַלד פֿון אָנהייב נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימפּאַטיע צו די אַלע איבערקערענישן און פּראָצעס. ער האָט באַלד פֿון אָנהייב געהאַט איין פֿאַרלאַנג: וואָס גיכער אַרויסצוקומען פֿון דאָרט און זיך אומקערן צו זײַנע געטרײַע לייענערס, די געוועזענע ישיבֿה־בחורים, די הייסע ציוניסטן און העברעיִסטן. עס איז נישטאָ, דאַכט זיך, אין ביאַליקס שאַפֿן קיין שום שפּור, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ גרויסע רעוואָלוציע. עס איז נישט געווען פֿאַר ביאַליקן און זײַנס גלײַכן קיין שום האָפֿענונג אונטער יענעם רעזשים.

גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע מיט בערגעלסאָנען. בערגעלסאָנען האָט די רוסישע רעוואָלוציע אַוועקגעשטעלט פֿאַר גרויסע נסיונות. די רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך די ערשטע יאָרן אַן אויפֿלעבונג פֿון ייִדיש, אַ גרויסן פֿונאַנדערוווקס פֿון ייִדישער ליטעראַטור, גוטע אָדער שלעכטע. ייִדיש איז געוואָרן אָנערקענט פֿאַר אַן אָפֿיציעלע שפּראַך. עס זײַנען אַנטשטאַנען ייִדישע שולן, אַקאַדעמיעס, מלוכה־פֿאַרלאַגן. וואָס ארץ־ישראל איז געווען פֿאַר העברעיִש, האָט רוסלאַנד אויסגעזען צו זײַן פֿאַר ייִדיש. בערגעלסאָן, ווי פֿיל אַנדערע ייִדישע שרײַבערס, האָט געפֿילט, אַז אויב ייִדיש קאָן געהאָלפֿן ווערן, איז עס דאָרט, אין רוסלאַנד.

די רעוואָלוציע האָט געפֿאָדערט אַ פּרײַז. זי האָט געשטעלט פֿאָדערונגען דעם ייִדישן שרײַבער. זי האָט באַלד פֿון אָנהייב פֿאַרלאַנגט, אַז דער שרײַבער זאָל איר דינען — אַ זאַך, וואָס איז נישט געווען אין גײַסט פֿון בערגעלסאָן דעם שרײַבער. בערגעלסאָן האָט זיך באַלד נישט אונטערגעגעבן. ער האָט פֿאַרלאָזט רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין בערלין. די סאָוויעטישע קריטיקערס האָבן זיך אויף אים געבייזערט, אים געזידלט, אָבער גלײַכצײַטיק האָט מען געגעבן אָנצוהערן, אַז דער וועג צו תשובֿה איז אָפֿן. מען האָט אַרונטער־

געריסן זײַן אידעאָלאָגיע, אָבער מען האָט געלויבט זײַן שרײַבן. עס זײַנען געקומען צו אים קײן דײַטשלאַנד אַלערלײ שליחים, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. יאָ, בערגעלסאָן איז יאָרן לאַנג געשטאַנען פאַר אַ נסיון. פון אײן זײַט האָט ער געזען גלײַכגילטיקײט צו ייִדיש, שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, דלות, האָפענונגסלאָזיקײט. פון דער אַנדערער זײַט האָט געשײַנט אַ ליכט פון האָפענונג.

ווען עס האָט אָנגעהויבן אין בערלין צו דערשײַנען דער זשורנאַל „אין שפּאַן", איז קלאָר געוואָרן, אַ בערגעלסאָן האָט זיך אַנטשלאָסן. דער נאָמען אַלײן האָט שוין אַלץ געזאָגט. בערגעלסאָן האָט זיך געשטעלט אין שפּאַן פון דער רעוואָלוציע. אָבער עס איז נאָך אַלץ געווען מער טעאָרעטיש ווי פּראַקטיש. בערגעלסאָן האָט געפּרײדיקט רעוואָלוציע, אָבער די דערצײלונגען, וואָס ער האָט געדרוקט, האָבן נאָך אַלץ געהאַט דעם אַלטן בערגעלסאָנישן נוסח. עס איז לײַכטער אָנצונעמען אַ פּראָגראַם ווי צו ענדערן אַ סטיל.

ווען בערגעלסאָן האָט זיך געשטעלט אין שפּאַן פון דער רעוואָלוציע, איז ער, אָן שום ספק, באַגאַנגען אַן אַקט פון זעלבסט־פאַרגוואַלדיקונג. רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס איז קײן מאָל נישט געווען אין זײַן כאַראַקטער. ווי פיל מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַרײַן אין שקר, האָט בערגעלסאָן געמײנט, אַז ער וועט קענען מאַכן אַ צווישנשײד צווישן דעם שקר פון זײַן פּראָגראַם און דעם אמת פון זײַן שאַפן. ער האָט געמײנט, אַז מען קען מאַכן אַ פּשרה צווישן דעם עכטן און דעם פאַלשן. אין קעגנזאַץ צו ביאַליקן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט תורה און ייִדישקײט, איז בערגעלסאָן קײן מאָל נישט געווען איבעריק צוגעבונדן צו אונדזערע גײַסטיקע אוצרות. ער איז אין תוך געווען אַ ייִד אַ משכיל. עס האָט אים געפעלט דער גײַסטיקער כוח, וואָס זאָל אים באַשיצן אין דער צײַט פון נסיונות.

די אַנטוישונגען האָבן זיך אָנגעהויבן גיך. בערגעלסאָן האָט טאַקע געפּרײדיקט רעוואָלוציע, אָבער ליטוואַקאָוו, חיים גילדין און די אַנדערע זײַנען ווײַט נישט געווען צופרידן. עס איז נישט גענוג צו דרשענען, האָבן זײ געטענהט, מען דאַרף מקיים זײַן, ד"ה, מען דאַרף שרײַבן ווי אַ רעוואָלוציאָנער; מען דאַרף זיך פּראָלעטאַריזירן גײַסטיק, מען דאַרף זיך „איבערבויען". אויסער דעם דאַרף אַ פּראָלעטאַרישער שרײַבער וווינען אין פּראָלעטאַרישן לאַנד, נישט אין דעם קאָסמאָפּאָליטישן בערלין, ווו דער שטן פון קאַפּיטאַליזם האָט אַ שליטה. בערך די זעלביקע טענות האָט מען געהאַט צו דעם פּאָעט פּרץ מאַרקיש, כאָטש מאַרקיש האָט יאָ געשריבן אָדער געשריגן אויף די רעוואָלוציאָנערע טענער. דער שרײַבער פון די שורות איז געווען גוט באַקאַנט מיט מאַרקישן און ער האָט אויך געהאַט אַ געלעגנהײט צו פאַרברענגען אַ פּאָר מינוט מיט בערגעלסאָנען. אויב מיר האָבן נישט קײן טעות, האָבן בײדע

בערך אין דער זעלביקער צײַט געמאַכט דעם שריט, וואָס האָט באַשטימט זייער שיקזאַל.ביידע האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און זיך אײַנגעשפּאַנט אויף אַן אמת, גענומען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון רעוואָלוציע.

מאַרקיש האָט אין רוסלאַנד ליטעראַריש ווייניק פאַרלוירן. ער האָט נישט געהאַט פיל וואָס צו פאַרלירן. יאָר־אײַן יאָר־אויס זײַנען דערשינען בענדער מיט רעוואָלוציאָנערע מליצות, דאָ און דאָרט באַשמאָלצן מיט קינסטלערישע בילדער. בערגעלסאָן האָט גאָר אין גיכן גענומען ווײַזן ס׳פּנים פון קינסטלע־רישן באַרג־אַראָפּ. די סימפּטאָמען זײַנען געוואָרן קלאָר אין זײַן ראָמאַן „פּע־נעק״. דאָס בוך איז פול מיט בערגעלסאָנישע בילדער, אָבער גלײַכצײַטיק פול מיט ליגנס און צוטראַכטענישן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ שוידער בײַם לייע־נער.

י. גיל

# דוד בערגעלסאָן אין זיין סאָוויעטישן פּעריאָד*

...בערגעלסאָן האָט אין זײַנע לעצטע דערציילונגען צוגעטראַכט זײַנע יידישע העלדן, ער האָט זיי אויסגעטאָן פון יעדן סימן יידישקייט. ער האָט זײַן טאַלאַנט געשטעלט אין דינסט פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וואָס פאַר־לאַנגט פאַרלייקענונג פון די מינדסטע נאַציאָנאַלע געפילן בײַ זײַנע יידישע מענטשן. אָבער וועגן זיך אַליין, זיך אַליין אויסטאָן פון יעדן יידישן געפיל, פענעקן פירן ווײַטער און מאַכן אים פאַר אַן אַנטבלויזטן, נשמהלאָזן ייד — דאָס האָט בערגעלסאָן, משמעות, נישט געוואָלט, נישט געקענט טאָן. איז בײַם דניעפּער געבליבן נישט פאַרענדיקט.

בערגעלסאָן האָט אַוועקגעגעבן אַלץ פון זיך דער סאָוויעטישער מאַכט. געגעבן אַלץ מער קרבנות אין צופּאַסן זיך, אין שרײַבן נאָכן סאָוויעטישן סי־דור, אָבער אַפילו דאָס האָט אים נישט געהאָלפן.

* פון זאַמל׳ביכער ב׳ 8, רעד׳ י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק, נ״י 1952, זז׳ 120—129.

## חיים שאַשקעס

# ביי דוד בערגעלסאָנס אַלמנה אין מאָסקווע

נאָך די באַשרײַבונגען אין פּראָזע און לידער, איז די דירה פון די בערגעלסאָנס אויף דעם לאַוורושינסקי־געסל אין מאָסקווע אַריבער אין דער געשיכטע און ליטעראַטור, אַזוי ווי די דירה פון י. ל. פּרץ אויף דער צעגלאַנאַגאַס אין וואַרשע אָדער אפשר נאָך העכער: דאָ, אין מאָסקווע זײַנען געווען ביידע די מכניסי־אורחים — דוד בערגעלסאָן און זײַן ווײַב ציפּע אָדער ציפּעלע, ווי אונדזערע פּאָעטן, פּול מיט דאַנק, באַזינגען זי נאָך איצט, יאָרן שפּעטער, אין די לענדער, וווּ מע מעג נאָך באַניצן דעם יידישן אַלף־בית.

עפנט פאַר מיר די טיר די אַלמנה פון דוד בערגעלסאָן, ציפּע אָדער צילאַ לוואָוונאַ, ווי מע רופט זי אויף רוסיש. דערזע איך פאַר זיך אַ האַרציקע יידישע מאַמע, פול מיט טראַגישן טרויער אין אירע אויגן.

און די ביכער אין די שאַפעס שטייען דאָ, אָט אַזוי ווי זיי זײַנען געשטאַנען אין יענער נאַכט, אין 1948, ווען איינער נאָכן אַנדערן האָט מען די יידישע דיכטערס און די שרײַבערס פון זייערע נעסטן אַרויסגעשלעפט, און פיר יאָר שפּעטער דערשאָסן מיט אַ קויל אין קאָפּ אין די קעלערן אויף לוביאַנקע, אויפן באַפעל פון געשטופלטן סטאַלין...

און ציפּע האָט נישט קיין שלעכט וואָרט נישט פאַר קיינעם פון די, וואָס האָבן בעת איר מאַנס לעבן אַזוי ביטער קעגן אים געקעמפט.

מאַרקיש? ער איז געווען גרויס אין זײַן דיכטונג, אָבער זײַן טעמפּעראַמענט האָט אים פאַרפירט... פעפער? יאָ, אויך צו איר זײַנען דערגאַנגען די אַלע דערציילונגען, ווי פעפער האָט זיך פאַרהאַלטן בעתן אַזוי גערופענעם „פראָצעס". צי קאָן מען אָבער און צי דאַרף מען דאָס אַלץ גלייבן? און צי האָבן מיר, די אַלע לעבן־געבליבענע, דאָס רעכט צו משפטן אַ מענטשן, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דורך בעריאַס אינקוויזיציע־קאַזעמאַטן און אפשר דערבראַכט געוואָרן ביז משוגעת? אָט דערציילט מען דאָך, אַז דער בעסטער אַמאָליקער פרײַנד פון פעפערן, דער מעכטיקער וויצע־אויסערן־מיניסטער סאָלאָמאָן לאָזאָווסקי, האָט נישט אויפגעהערט צו באַצייכענען פעפערן אַלס „עדות פון דער באַשולדיקונג"; און זײַנען זיי נישט ביידע געשאָסן געוואָרן אין דער זעלבער נאַכט פון אויגוסט 1952? קאָנען מיר דען פון יעדן פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זיך האַלטן אַזוי העלדיש אויג־אויף־אויג מיט די תלינים, ווי עס האָבן זיך געהאַלטן מאַרקיש און בערגעלסאָן?

אָבער נישט אמת איז, וואָס איז באַשריבן געוואָרן, און זי האָט עס געלייקנט, אַז איינער אַ שרײַבער האָט זיך געטראָפן מיט איר מאַן, און מיט

איציק פעפערן, אין אַ ווײַטן קאַטאָרגע־לאַגער; ניין! מע האָט זיי די גאַנצע צײַט געהאַלטן אין דער מאָסקווער תפיסה און אין ערגעץ נישט אַרויסגעפירט.

און איך דערצייל איר, אַז ערב מײַן אַרויספאָרן קיין מאָסקווע, איז אַרויס אַ בוך לידער פון יוסף רובינשטיין, מגילת רוסלאַנד, אַ װוּנדערלעך פּאָעטיש ווערק, נאָך מײַן מיינונג, און דאָרטן איז פאַראַן אַ גאַנץ קאַפּיטל פון פערציק זײַטן אונטערן נאָמען „אין בערגעלסאָנס שטוב". איך האָב בײַ זיך אין נאָטיץ־ביכל פאַרשריבן דעם אָנפאַנג פון דער פּאָעמע: „און ציפּע האָט צו מיר געזאָגט: „איר דאַרפט זיך נישט קרעמפּירן, איר האָט דאָ פּלאַץ; ס'איז אונדזער זון אין מאָסקווע איצט נישטאָ; איר קאָנט דאָ זײַן די גאַנצע צײַט און ווי איר ווילט זיך פירן; און איצטער קומט צום טיש מיט אונדז, ס'איז אײַער פּלאַץ אָט־דאָ".

און ציפּע, גערירט פון אָט דער „בלום", וואָס איך ברענג איר פון ניו־יאָרק. און איך דערצייל איר, ווי אַ צווייטער „קוואַרטיראַנט" אירער, חיים גראַדע, האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּאָעמע, אין וועלכער ער באַוויינט די ייִדיש־שרײַבערס און דערמאָנט איר שטוב: ...איך האָב בײַ אײַך אין שטוב גענעכטיקט אויף מײַן נע־ונד, געדענק איך עס, ווי אײַער חסד פון הכנסת־אורחים...

— יאָ, איך געדענק אויך — זאָגט צו מיר ציפּע — ווי רובינשטיין, חיים גראַדע און דער טײַערער, שוין פאַרשטאָרבענער, מ. בורשטיין האָבן פאַרוואָגלטע, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, געקלאַפּט אין אָט דער טיר, געבעטן אַ געלעגער אויף אַ נאַכט, און מיר האָבן זיי פאַרהאַלטן אויף אַ יאָר... אָבער אין זייער דאַנק צו אונדז, אין זייער פאַרערונג פאַר דוד בערגעלסאָנען, האָבן זיי זיך דעררעדט צו דעם, אַז אייגנטלעך איז ער געווען אַ מאַראַן, אַזוי ווי די אַמאָליקע „אַנוסים"... און דאָס איז דאָך נישט ריכטיק! מײַן מאַן האָט געגלייבט באמונה שלימה אין דער גערעכטיקייט פון קאָמוניסטישן רעזשים! ער איז געווען טרײַ צו אים ביזן לעצטן אָטעם... און ווען מע רופט אים „מאַראַן", מיינט דאָך דאָס, אַז ער האָט נאָר געשפּילט די ראָל פון אַן איבערגעגעבענעם און איבערגעצײַגטן סאָוויעטישן מענטשן; אַז ער איז נישט געווען אויפריכטיק... באַרעכטיקט דאָך, אין אַ געוויסער מאָס, אַזאַ אינטערפּרעטאַציע די האַנדלונג פון די, וואָס האָבן אים און זײַנע קאָלעגן דערמאָרדעט... האַלט איך דאָס פאַר אַן עוולה.

דערצייל איך אָבער, אַז חיים גראַדע האָט בפירוש אין זײַן הערמאָנטער פּאָעמע אונטערגעשטראָכן, אַז די דערמאָרדעטע דיכטערס האָבן אים שטאַרק אָפּגערעדט פון פאַרלאָזן רוסלאַנד: „באַרעדט נישט רוסלאַנד", האָט לייב קוויטקאָ אים נאָכגעשריגן. און וועגן בערגעלסאָנען זאָגט זיך אין דער זעלביקער פּאָעמע: נאָר בערגעלסאָן האָט בייז געברומט: איר וועט נאָך אַ דריט אויג אויסוויינען, וואָס איר אַנטלויפט! איר וועט נאָך, חיים, וויינען...

**Joseph Lifshitz Fund**

**ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק**

# מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור

אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**
**2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)**

2) מאַרק וואַרשאַווסקי — **יִדִ' פֿאָלקסלידער**, 2טע אויפֿלאַגע (216 זײַטן)

3) ה. ד. נאָמבערג — אויסגעקליבענע שריפֿטן
**2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)**

4) מענדעלע מוכר־ספֿרים — **מסעות בנימין השלישי**
**2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)**

5) לייב נײַדוס — אויסגעקליבענע שריפֿטן **(208 זײַטן)**

6) יעקבֿ דינעזאָן — יאָסעלע, קריזיס, 3טע אויפֿלאַגע **(256 זײַטן)**

7) משה בראָדערזאָן — אויסגעקליבענע שריפֿטן **(272 זײַטן)**

8) אליהו בחור — **בבֿא־בוך** 2טע **אויפֿלאַגע** (256 זײַטן)

9) דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (352 זײַטן)**

10) שמעון פֿרוג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן (216 זײַטן)**

11) י. ל. פרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט**, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)

12) י. ל. פרץ — **אין 20סטן יאָרהונדערט, 2טע אויפֿלאַגע** (272 זײַטן)

13) מאָריס ראָזענפֿעלד — **אויסגעקליבענע שריפֿטן. 2טע אויפֿלאַגע (240 זײַטן)**

14) דוד האָפשטיין, איזי כאַריק, איציק פֿעפֿער — **שריפֿטן (272 זײַטן)**

15) מרדכי ספעקטאָר — **דער יידישער מוזשיק**, ראָמאַן (272 זײַטן)

16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן (352 זײַטן)**

17) **שלום עליכם — מנחם־מענדל, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)**

18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)**

19) י. י. שוואַרץ — **קענטאָקי**, א. ראַבאָי — **הער גאָלדענבאַרג** (פּיאָנערן אין אַמעריקע), **2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)**

20) **חיים־נחמן ביאַליק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (384 זײַטן)**

21) ש. אַנ־סקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (296 זײַטן)

22) מענדעלע מוכר־ספֿרים — **פֿישקע דער קרומער** (256 זײַטן)

23) יוסף אָפּאַטאָשו — **אין פּוילישע וועלדער** (416 זײַטן)

24) זלמן רייזען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (304 זײַטן)

25) יהואָש — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

26) גליקל האַמיל — **זכרונות** (352 זײַטן)

27) שלום עליכם — טבֿיה דער מילכיקער **2טע אויפֿלאַגע** (288 זײַטן)

28) אַבֿרהם רייזען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע** (320 זײַטן)

29) אַנטאָלאָגיע — **די פֿרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע** (416 זײַטן)

30) ר׳ נחמן בראַצלעווער — **סיפּורי־מעשׂיות** (224 זײַטן)

31) מרדכי אַלפּערסאָן — **אין אַרגענטינע** 320 זײַטן)

32) פּרץ הירשבײן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (336 זײַטן)

33) אַנטאָלאָגיע — **ייִדיש אין ליד** (264 זײַטן)

34) מנחם באָרײשאָ — **דער פֿרעמדער, זאַוול רימער** (320 זײַטן)

35) אַנטאָלאָגיע — **ווען אַ פֿאָלק דערוואַכט** (464 זײַטן)

36) אַנטאָלאָגיע — **נוסח השׂכּלה** (272 זײַטן)

37) ז. סעגאַלאָוויטש — **לידער, דערציילונגען, זכרונות** (352 זײַטן)

38) **מעשׂה־בוך, פֿון 1602** (368 זײַטן)

39) אונטער אָקופּאַציע: **עוזר וואַרשאַווסקי** / שמוגלערס. (328 זײַטן)

40) ערבֿן חורבן: **מיכאל בורשטין** / ביַי די טײַכן פֿון מאַזאָוויע און **לידער פֿון 14 ייִדישע פּאָעטן** (256 זײַטן)

41) חורבן: אַנטאָלאָגיע / **פּאָעזיע, פּראָזע און דראַמע** (432 זײַטן)

42) ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד: **אַנטאָלאָגיע / פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע** (336 זײַטן)

43) איציק מאַנגער / **לידער, פּראָזע, עסייען** (384 זײַטן)

44) דוד בערגעלסאָן / **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (320 זײַטן)

בקרוב דערשײַנען אָט די 2 ביכער:

45) משה נאַדיר / **הומאָר, קריטיק, ליריק**

46) אַנטאָלאָגיע / **דאָס קינד אין דער ייִדישער פּאָעזיע און פּראָזע**

47) ישׂראל אַקסנפֿעלד / **דאָס שטערן־טיכל, דער ערשטער ייִדישער רעקרוט.**

DAVID BERGELSON

# NOVELAS Y DRAMA

Y
Estudios Literarios
sobre su aporte a la Literatura Idish

•

Director: SAMUEL ROLLANSKY

1 9 7 1

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO
Pasteur 633-3º Buenos Aires

PARA USO PERSONAL
SIN FINES COMERCIALES